STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09410

VEGN ALTSDING

J. Fala

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. פאַלאַ

ווענעזועלא

פעליעטאָנען, הומאָרעסקעס, סאַטירעס, מאָנאָלאָגן,
אַקטואַליען און מעשהלעך פון מושבה און שול

45 (8)

בוענאָס-איירעס
פארלאג
פועלי ציון-התאחדות
תשכ"ז — 1967

קלאַראַ — דער נשמהדיקער —
האַרציק געווידמעט.

שער־בלאַט און אַלע צייכענונגען :

לעאָן פּאַך

איבערדרוקן, איבערזעצן, סצעניזירן און יעדע אַנדערע
פאָרעם פון באַנוצן דאָס מאַטעריאַל פון דעם בוך —
נאָר מיט דער הסכמה פון מחבר.

אינהאַלט:

אַקדמות מילין...

נוסח אייערנעכטן אין אונדזערע קאַנטן

אין אַ קאָזאַקישן קאַפּע־הויז — 19
ערלעכקייט — 23
אַ וועטשערע מיט אַ צוועק — 26
טערמינאָלאָגיע פאַר באַנקעטן־שבחים — 29
„מע שפּילט אַ שאַך״ — 32
פאָטאָגראַפיעס — 35
פורים און ראש־השנה — 37
צייטונג־ראָמאַנען — 39
צעדערבוים צוריק אין בוענאָס־איירעס — 43
אַ בונדיסטל איז געבוירן געוואָרן — 45
„שאָלעם לעפּרו״... — 48
וועקסעלעך — 51
„יידיסקייט״ — 55
וואָס איז אַ ייד? — 58
וויכטיקע גויים צו באַשיינען יידישע שמחות — 61
אַ תיקון־טעות — 64
שפּאַניש פאַר העברעיסטן — 67
מתנות — 70
אינטעלעקטואַלן — 74
וואָס איז פּראָפעסאָר איינשטיין? — 78
פאַר דער נייער גענעראַציע — 82
פסיכאָאַנאַליז און... דער קורס פון דאָלער — 85
דער יידישער עולם — 88
אַ דעלעגאַטן־קאַרטל — 92
„קולטור״ אויף יידיש — 95

צו וועלכער פּאַרטיי האָט געהערט אָדם הראשון? — — — — — 98
ווייבערשע רבנים — — — — — — — — — — — — 101
אָט־איז אַ פּרוי! — — — — — — — — — — — — 104
אַ דיאַלאָג בײַ אַ דאָמינאָ — — — — — — — — — 108

דאַטשע און קאַסינאָ

(זומערדיקע פילאָסאָפיעס)

דער פּרוזדור — — — — — — — — — — — — — 117
„עטוואַס" קאַסינאָ־געשיכטע — — — — — — — — 121
די זוניקע מאַר־דעל־פּלאַטאַ — — — — — — — — 125
ניט פאַר יעדן שײַנט די זון — — — — — — — — 128
להתראות זומערלעב — ביז לשנה הבאָה — — — — — — 132

אַ ק ט ו אַ ל י ע ן

הוראַ! מען האָט אונדז באַפרײַט — — — — — — — — — 141
די שרײַענדיקע שווײַגעניש — — — — — — — — — 145
די ביבל און די „בײַבל" — — — — — — — — — — 150
„התקוה" און שאַמון פון לבנון — — — — — — — — — 155
דער נוקלעאַרער הסכם געפעלט מיר נישט — — — — — — 158
דזשאָנדזשאָרשדינבאָפאַול — — — — — — — — — — 161
די געלע צוקונפט — — — — — — — — — — — — 165
קאַמף פאַר דער לבנה — — — — — — — — — — — 169
פעדאָרענקיש — — — — — — — — — — — — — 171

ויהי בימי... און אַחרי מות... סטאַלין־בעריאַ

וועגן די פּראָצעסעלעך — — — — — — — — — — — 179
סדרה „משפטים" — — — — — — — — — — — — — 183
מען דאַרף דאָרט ניט קיין דאָקטוירים — — — — — — — — 187
די רוסן דאַרפן ניט קיין מעדיצין — צו וואָס? — — — — — 192
אַ בריוול פון פּראָגער אַרעסטאַנט — — — — — — — — — 197
קאָעקסיסטענציאַליסטישער געווער־פאַרקויף — — — — — 202
אַ נחמה־בריוול צו ווישינסקין — — — — — — — — — — 205
„די באַוועגלעכע בלעטלעך" אָדער „נעמט די שער" — — — 210

יורדים — 214
לעניק, סטאַליק, כרושטשעוו, נאַסער און יעקב־דוד — 217
ייִדן ראַטעווועט! צפון־קאָרעאַ איז אין געפאַר — 220
אַ „מיפּטגישער״ — 223
ווי צו ווערן אַ „רעוואָלוציאָנערער שרייבער״ — 226
כה, אָט־אַזוי, האָט גערעדט באָריס פּאָלעוואָי — 229
אַ לינקע דראָשע — 233

אַרצנו הקטנטונת

אַ רבנישע פוטבאָל־דרוזשינע — 239
אָפּטימיזם — 242
אַדון גולדמן עסט... — 245
אויף אַ דאָרפישער חתונה — 250
פּאָליציי — 254
די האַרטע ווירקלעכקייט — 257
אייער פון ישראל — 262
גרוסן — 266
אָריענט און אָקצידענט — 271

פּאַלאַטקעס און שולבענק

מושבה — 281
דער אַוואַנגאַרד — 283
דער קוכער — 285
חנא דער דאָקטער — 290
דער אינזשיניער — 298
דער פּילאָט — 308
דער „גאַוטשאָ״ שמעון־גרשון — 314
דער שטרייַק — 327
דער שניי איז שוואַרץ — 337
דאָס פּייַפל — 342

אקדמות מילין...

אויב מען דאַרף זיך פאַרענטפערן הלמאַי מען גיט אַרויס אַ בוך, האָב איך פאַר דעם בוך עטלעכע תירוצים. ערשטנס — וועמען קען עס שאַדטן אַז נאָך אַ בוך וועט גלייך אַריין אין דער פאַרגעסנקייט, ווי באַלד עס וועט נישט האָבן דעם נייטיקן ווערט? צווייטנס — איך האָב געהאַט דאָס וואַרעמע געפיל, אַז אַ סך לייענער די זאַכן וואָס איך האָב געשריבן במשך אַריבער צוויי צענדליק יאָר, בעיקר פלעג איך זיך דערוויסן וועגן דער „ריזיקער" מאַסע לייענערס בעת אַ לאַפּסוס אין שרייבן, אָדער בעת עס איז אַ צד נישט געפעלן געוואָרן (לויט זיין מיינונג) עפעס אַן אַריינזאָגעניש, וואָס איז דווקא דעם צווייטן צד יאָ געווען צום האַרצן.

נאָך אַ סיבה איז אָבער דאָס אויפריכטיקע צושטיין פון יוגנט־חברים און פריינד. מיר זענען צוזאַמען געגאַנגען אַ שטיק וועג ביי יוגנט־אַרבעט, ציוניסטישער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און יידישער קולטור־אַקטיוויטעט. אַ סך פון זיי — אין אַרגענטינע, אורוגוויי, בראַזיל, טשילע, באַזונדער אין ישראל און אין די קיבוצים — האָבן אַרויסגעוויזן אמתע חסידישע פאַרערשאַפט. צום מיינסטן האָט מיך איבערראַשט אַ בריוו, וואָס ליגט ביי מיר פון איינעם פון די נאָבלסטע און שלימותדיקסטע יידישע פערזענלעכקייטן וואָס איך האָב געקענט, ד"ר אריה ל. קובאָווי ז"ל. אין דעם בריוו זאָגט זיך: „גזלן, ווען גיט איר שוין אַרויס אייערע פעליעטאָנען?..."

האָב איך צונויפגענומען אַ ביסל פון אַלץ, צוגעשריבן עפעס פון דער אַקטואַליטעט און אָט איז עס.

אימיצער קען אַ פרעג טאָן: ווער איז עס דער פ אַ ל אַ און וואָס איז עס פאַר אַ נאָמען? דער ענטפער איז, עס איז פשוט אַ האַלבער פון גאַנצן נאָמען פ אַ ל אַ טיצקי, וואָס זיין אָפּשטאַם ציט זיך ביז אַן עלטער־עלטער־זיידן, אַ גוט־באַזיצער אין פּאַלאַטיטש, ביי לאָדזש. דאָס איז אַלץ. חוץ דעם מיינט פּאַלאַ אויף פּאָרטוגעזיש — ריידן. מיט דעם גאַנצן נאָמען רייד איך שרייבנדיק פּאָליטישע, אידעאָלאָגישע אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען וועגן ביכער, טעאַטער, מענטשן און געשעענישן; מיטן האַלבן נאָמען האָב איך געשריבן און שרייב ריידנדיק אָט־די אַלע מעשהס, שטיקלעך און שטיפערייען וואָס גייען אַריין אין דעם בוך.

צווישן די אַנדערע נעמען און צונעמענישן (פּסעוודאָנימען, בלע״ז) מיינע, בין איך באַזונדער שטאָלץ אויף איינעם: פּלטי. מיט דעם נאָמען האָט מיר געקרוינט דער פּרעזידענט פון מדינת־ישראל, ר׳ זלמן שזר, בעת איינעם פון זיינע לענגערע באַזוכן אין אַרגענטינע. איך האָב אים געדינט ווי זיין מזכיר פּרטי.

איך האָב נישט בדעה דאָ קיינעם צו דאַנקען. די וואָס זענען עס ווערט, פילן עס אַליין און פאַר זיי איז צו ווייניק גלאַט אַזוי אַ דאַנק. אָבער מיין חבר, דעם סובטעלן און טאַלאַנטירטן מאָלער און צייכענער יהודה (לעאָן) פּאָך, זאָג איך דעם אמתן יישר־כּוח פאַר זיין קינסלערישער מיטאַרבעט, וואָס מאַכט אים פאַר אַ שותף צו דעם בוך. די אויסרעכענונג מיינע איז געווען, אַז ווער עס וועט נישט לייענען, וועט אפשר אַ בליק טאָן אין די פּאָר אילוסטראַציעס, אַ מאָל צוליב דער אילוסטראַציע קען ווער אויך אַ לייענען טאָן. עס קען דאָך אויך טרעפן, אַז מען זאָל אי לייענען אי אָפּשאַצן די קינסטלערישע צייכענונגען? וואָס קען מען וויסן?

צום סוף פון בוך האָב איך אַריינגענומען צוויי קינדער־דערציילונגען, געשריבן אין דער פריסטער יוגנט, ווידער צוליב עטלע-

כע טעמים: א) זיי זענען געווען געדרוקט אין אַ צייטונג אין אַר־ גענטינע וואָס איז אונטערגעגאַנגען; ב) איך האָב געטראַכט צו שרייבן אַ סך קינדער־דערציילונגען אין סטיל פון דערפאַרונג און פאַנטאַזיע. זענען די צוויי, צוזאַמען מיט די מעשהס וועגן דער „מושבה" (געדרוקט אייניקע יאָר שפּעטער) געווען אַ פּרווו אַנ־ דערש צו דערציילן אין יידיש וועגן קינדער, תלמידים און יוגנט. די לעצטע סיבה פאַרן אַריינגעמען די קינדער־דערציילונגען ביים סוף פון בוך קען מען געפינען אין משלי, י"ד:

„בשחק יכאב־לב ואחריתה שמחה תוגה" — אַפילו ביים לאַכן טוט וויי דאָס האַרץ און דער סוף פון פרייד איז טרויער...

י. פ.

דאָ האָט געזאָלט קומען

אַ

פ אָ ר ר ע ד ע

פון

אַ ב אַ ר י מ ט ן י י ד ן

נוסח אייערנעכטן

אין אונדזערע קאַנטן

PƎTЯUSHKA
LOS
AUTE
COSAC
del DO
HO

אין אַ קאַזאַקישן קאַפע־הויז

איך ווייס נישט ווי איר, נאָר מיר ווערט אַ מאָל נודנע אויף דער נשמה און איך נעם אָן אַ דראַסטישן באַשלוס:

אויס רעפעראַטן, אויס פאַרזאַמלונגען, אויס זיצונגען, גענוג מסיבות, אין דער ערד אַריין די פּאָליטיק, זאָל נעמען אַן עק צו די דיסקוסיעס! — אַוועק, אַוועק. וואָס ווייטער פון די יידישע קאַפע־טעריעס, וואָס ווייטער פון די יידישע רעסטאָראַנען. וואָס ווייניקער פון יידן בכלל, פון קהלן זיך און טומלען, פון אַמפּערן און אַריינזאָגן זיך, גענוג!

אין אַזאַ אָוונט קענט איר מיר אָפּגילטן ווען איך נישט אַריינ־גיין אין קיין יידישן רעסטאָראַן. נישט פאַרזוכן קיין יויך בעבלעך מיט פאַרפל. נישט קיין „איין מאָל קישקע מיט מילץ", ראָסעלע מיט עוף, וואַרעניקעס מיט קאַשע; פיש געפילטע, פיש געפּרעגל־טע, פיש געבראָטענע; לעבער געהאַקטע אָן ציבעלעס, מיט ציבע־לעס — אַלץ זאַכן וואָס אין אַן אַנדער טאָג, ווי זאָגט מיין לאַנדס־מאַן, לוינט איך בעסער מיך צו באַקליידן איידער אויסצוהאַלטן מיטן עסן.

אָבער נישט אין דעם אָוונט. וואָס דאַרפט איר מער? איך ווער אַזוי „אַנטי־יידיש" געשטימט, אַז אַפילו קיין גלאָז טיי וויל איך נישט טרינקען, ווייל עס שמעקט מיט יידישקייט. און אויב שוין יאָ טיי, איז פון אַ טעלער מיט אַ לעפל, עלעהיי זופּ, אַבי אַרויס־קריכן אויף איין אָוונט פון דער יידישער פעל.

האָט זיך געמאַכט אַזאַ אָוונט. נעם איך און גיי מיר אַוועק ערגעץ אין אַ פאַררוקט געסל, אין סאַמע גוייִשן צענטער, ווו עס געפינט זיך אַ קאַזאַקישער קאַפע־הויז, וואָס רופט זיך מיט אַן עכט רוסישן נאָמען „פּיעטרושקאַ", אָדער „וואָלגאַ". דאָס איז אַן ענין. דאָס איז דיר נישט עפּעס אַ טייכל דאָרט, אַ יעזיאָרע, אַ בלאָטע; דער נאָמען רופט, ער דערציילט דיר פון ברייטקייט, פון סלאַווישער נשמה, פון אַ פאַרבענקטער רחבות, פון שלעפּשיפן,

באַרקעס און ווייסע שניי-נעכט — ס׳איז עפּעס אַנדערש. ס׳איז פּסיכאָלאָגיע, פּאָעזיע, סלאַווישע רעמיניסצענצן, אַטאַוויזם, כ׳ווייס וואָס? אָבער נישט קיין געוויינלעכע זאַך.

דער ערשטער אַריינקום מאַכט אַפילו נישט קיין איינדרוק פון ברייטקייט, צו ליכטיק איז אויך נישט (ראָמאַנטיק, פאַרשטייט איר מיך, האָט מורא פאַר אַן עין-הרע), אָבער דערפאַר זעט איר אַן אָרקעסטער און אַ כאָר פון די אמתע, געבראָטענע קאָזאַקן פון דאָן (פון וואַנען דען זענען קאָזאַקן?). זייער געשטעל, זייער הילוך, די פרייע אויסדרוקן אויף זייערע פּנימער, זייער זינגען און שפּילן — אַלץ דערמאָנט אייך אין די ביכער פון טאָלסטאָי, גאָגאָל, גאָרקי און שאָלאָכאָוו.

היינט, דער עולם? וועמען זעט איר דען נישט? פרייסן, מאַדיאַרן, יאַפּאָנעזער, פּאָליאַקן, אוקראַינער, טאָטערן, כינעזער און קאַלמיקן. אַ געמיש פון לשונות (מען פלישטערט טאַקע אין די ווינקעלעך, אָבער מען קען הערן אַז מען וויל).

און אָט זינגט אַ רוסישער באַס. גיט ער זיך אַזוי אַ צעזינג: „סערצע בודטאָ פראַסנולאָש טאָסקליוואָ” און די באַלאַלייקע כאַפּט אים אונטער. פליט אַריין דער וויאָלענטשעל, ער וויל נישט און גייט זיך אַוועק אויף אַן אייגענעם וועג. קומט צוגיין דער פידל און איז יאָ מסכים. דערלאַנגט אַריין דער פויק צוזאַמען מיטן באַס אַ „סלישו דזוואָן”, כאַפּט עס אונטער דער גאַנצער עולם און פאַרקייכט זיך אין סכנות-נפשותדיקער ראָמאַנטיק, אַזש טרערן רינען פון די אויגן.

באַלד לויפט אַרויס אַ קאָזאַקישע שיקסע און גיט זיך אַ זינג־אויף „אָטשי טשאָרניאַ”. פאַלט איר אַריין אין די רייד דער גאַנצער כאָר מיט אַ טומל עד לב השמים. זעט איר, ביי „קאַק באַיום יאַוואַס” לאָזן זיי אַ ביסל אַראָפּ פון מקח. זי שרייט „קאַק ליובליו יאַ וואַס” און זיי — „קאַק באַיום יאַ וואַס”, אָבער צום סוף קומען זיי דורך, דערלאַנגען אַ פינאַל, דער אָרקעסטער צעשרייט זיך אויף זיי און ס׳ווערט ליכטיק.

איך הייב אָן באַטראַכטן די קאָזאַקן פון אָרקעסטער און פון כאָר און אַ סך פון זיי זעען מיר אויס אַ ביסל קענטלעך. איך וואָלט געשווירן, אַז דער, מיט דער גרויסער טשופרינע, וואָס זי וואַרפט

זיך ביי אים בעת ער זינגט, איז מיין באַקאַנטער יצחק־לייב פון טאָמאַשאָוו, אַ שטעטל לעבן גאַליציע; דער וואָס שפּילט אויף דער באַלאַלייקע, איז דאָך ייִדל דער פֿאַבריקמאַכער, וואָס שערט קעפּ בייטאָג. און דער סאַמאַראַדנער קאָזאַק, דער באַס, איז אַ מיטגליד אין חזנים־פֿאַרבאַנד.

אַ שיינע מעשה, טראַכט איך. נאַ דיר שפּאָגל־נייע גאַליציאַנער קאָזאַקן! און דער וואָס האַלט אונטער דעם באַס, גיב איך מיין קאָפּ, אַז איך האָב אים געזען אונטערהאַלטן דעם בעל־תפילה אין שילכל פון וויזשאַ־קרעספּאַ, וואָס רופט זיך „בית הכנסת אנשי פּוילן ד׳לעכער־שלייפער ביים פֿאַראיין פון שניידער היים־אַרבעטער אַלבערט איינשטיין״...

דערווייל ווערט ווידער פינצטער און עס גייט אַ מאַדיאַרישער פּראָגראַם. דער אָרקעסטער גיט זיך אַ שפּיל־אויף לעבעדיק און פריילעך און דער כאָר כאַפּט באַלד אויף „סיפּ אַסאַניאַ קורי זאַלום״ און דער עולם זינגט מיט „קורי זאַלום, קורי זאַלום״.

דערנאָך גייט „ווענגערקאַ״, „טשאַרדאַש״ און דער עולם זינגט. קומט באַלד אַ פּוילישער פּראָגראַם און אַ ווינער פּראָגראַם, און דער עולם — אַלץ קען ער.

אָט זינגט ער נאָך „אַ פּוקי מלאָדע לאַטאַ״ אויף פּויליש און באַלד „נינאָן, לאָך מיר איינמאָל צו קיינע אַנדרע פּראַו קיסט זאָ זוס (ווו נעמט מען אַן אומלאַוט אויף ייִדיש?) ווי דו״. ס׳איז אַ לעבעדיקע וועלט. דער עולם קען אַלע לידער פון אַלע פעלקער.

נאָך פּלוצלינג, פון דער העלער הויט, גיט נישט דאָס קאָזאַקישע אָרקעסטערל אַ שפּיל אויף „אַ בריוועלע דער מאַמען״?

וואָס טוט זיך דאָ?! — וויל איך אויסשרייען — און איך מיין, אַז אַלע דאָ וועלן דעמאָנסטראַטיוו פאַרלאָזן די „וואָלגאַ״ און גיין. ערשט, אַ נעכטיקער טאָג! דאָס גאַנצע קאַפע־הויז — פון די ראָמאַנטישע ווינקעלעך, פון די האַלב־ראָמאַנטישע, פון די טישלעך וווּ עס זיצן טאַקע מאַן און ווייב (וואָס אַרט אייך, מען דערקענט שוין), מיט איין וואָרט — אַלע יאַפּאַנעזער, אַלע טאַטערן, אַלע מאַדיאַרן, אַלע אוקראַינער, פּאָליאַקן, טשאַרנאָגורער, קאַלמיקן, קירגיזער, רומענער, ווייסרוסן — אַלע זינגען מיט גרויס כוונה „אַז

די מאַמע — זאָגן זיי, וועט דאָס בריוועלע לעזן, וועט זי — טענהן זיי, — ווערן געזעגנט...״.

***

זיי זענען געוואָרן „געזעגנט״ און מיר איז געוואָרן פינצטער פאַר די אויגן. איך גיב אַ קוק — אַוודאי! לויטער אַחינו בני ישראל. ווו איז געוועזן מיין פיזאָנאָמישער, מיין אינטויִטיווער, אַזוי צו זאָגן, פאַרשטאַנד? איך בין דאָך אַ גאַנצער פיזאָנאָמיסט, בין איך דאָך.

הערט אייך איין! ס׳איז מיר געוואָרן אוים רוסישע ברייטקייט, אוים סלאַווישע ראָמאַנטיק, אוים רחבותדיקע סטעפּעס, אומענדלעכער וואַסער־שפּיגל, שיפלעך, באַרזשעס, באַרקעס, געזאַנג אויפן וואַסער, ווייסע שניי־פעלדער, רויטער קאַוויאַר, שטאַרקע וואָדקאַ, אוים מיט אַלץ.

כ׳האָב געכאַפּט אַ טראַמוויי און היידאַ! גלייך אין זאַל פון דער יידישער קהילה. דאָרט האָבן גערעדט צוויי רעדנער (כ׳האָב איינעם פאַרכאַפּט ביים עק און דעם צווייטן ביים אָנהויב). זיי האָבן גערעדט ביידע אויף איין טעמע, אָדער בעסער געזאָגט — איינער האָט דערגאַנצט דעם צווייטן. די טעמעס זענען געווען: „יידישע מאכלים און יידישע נגינה חמישה עשר בשבט אין יידישן לעבן״.

איך ווייס נישט וואָס פריִער און וואָס שפּעטער. איר קענט עס אַליין צעהאַקן ווי איר ווילט. וויכטיק איז, אַז איך בין אַהיים געגאַנגען אַ באַרויִקטער — צוריק אַ גאַנצער, אַזוי צו זאָגן, ייִד.

ערלעכקייט

מען קען נישט זאָגן, אַז אַ באַנקעט איז טאַקע אַן אויסדרוק פון אָנערקענונג, פון סימפּאַטיע, פון ליבשאַפט אָדער אָפּשאַצונג פאַר אַ מענטש.

איר זענט שוין אַ מאָל געזעסן ביי אַ באַנקעט? מסתמא יאָ. האָט איר דאָך געהאַט אַ גוטע געלעגנהייט צו הערן וואָס מען רעדט וועגן באַנקעטירטן צווישן עולם. עס קומט פאַר אַזוי:

דער פאָרזיצער עפנט אויף דעם באַנקעט און ער צערעדט זיך וועגן דעם באַנקעטירטן. דאָ ווענדט זיך אויך וואָס פאַר אַ סאָרט באַנקעטירטער דער בעל־דבר איז. פאַראַן אַ באַנקעט פאַר איינעם וואָס האָט פאַרענדיקט זיין אַמט אין אַ פאַראיין; וואָס האָט אי־בערגענומען אַן אַמט; וואָס האָט נישט פאַרענדיקט און נישט אָנ־געהויבן; פאַר איינעם וואָס מאַכט אַ לוסט־רייזע, וואָס קומט צו־ריק פון אַ לוסטרייזע. איצט איז פאַראַן פאַר אַ בן־ארבעים, פאַר אַ בן־חמישים, שישים, שבעים און פאַר אַ פענסיאָנירטן.

יעדער באַנקעט, לויט דער סיבה, אורזאַך און מאָטיוו, האָט זיך זיין כאַראַקטעריסטיק, זיין עולם, זיין וועטשערע, זיינע רכילות. עס זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס פּראָוואָצירן מען זאָל זיי מאַכן אַ באַנקעט; פאַראַן אַזעלכע, וואָס „לאָזן זיך מאַכן" אַ באַנקעט. מען דערציילט פון איינעם אַ שרייבער אויף דעם קאָנטינענט, האָט ער זיך געלאָזט מאַכן אָט־די וויטערדיקע צאָל באַנקעטן:

1) דערפאַר וואָס ער איז מיט אַ צאָל יאָרן צוריק געקומען אין די לענדער; 2) 10 יאָר ליטעראַרישע טעטיקייט; 3) 20 יאָר ליטע־ראַרישע טעטיקייט; 4) 30 יאָר ליטעראַרישע אַרבעט; 5) 40 יאָר אין דער ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק. דערנאָך, פאַרן ווערן אַ בן־ארבעים, פאַר ווערן אַ בן־חמישים, פאַר ווערן אַ בן־שישים, פאַר קראַנק ווערן, פאַר געזונט ווערן, פאַר ווערן מיט יאָרן צוריק בר־מצווה וכו'.

אויף איינעם פון די באַנקעטן האָט אַ ליץ, אין מיטן פון די

פּאַטעטישע רעדעס געזאָגט, אַז מען וועט אים נאָך מאַכן אַ באַנ־קעט, ווייל מיט קנאַפּע 85 יאָר צוריק האָט ער אויפגעהערט צו זייגן...

יאָ, האַלטן מיר, הייסט עס, ביי דעם, ווי אַזוי דער פּאָרזיצער גיט אַן עפן־אויף דעם באַנקעט און ער גיט אַ זאָג, קודם־כל:

„זאָל זיין אַ ביסעלע ריאינג (רויק), **סילענסיאָ** זאָל זיין”.

גלייך ווי ער זאָגט די ווערטער, ווערט אַ טומל, ווייל די קעל־נער האָבן נאָר־וואָס אריינגעמאַרשירט מיט די טאַצן געפילטע פיש. איז ווער עס האָט שוין זיין פּאָרציע פיש אויפן טעלער, איז באַ־שעפטיקט „פול טיים” מיט די פיש און דער פּאָרזיצער קען שוין ריידן צום דאַשעק. דער פּאָרזיצער טוט נעבעך זיינס: ער האַלט אין איין פאַרשטעלן און אין איין לויבן דעם באַנקעטירטן פאַר זיין „לאַנגיאָריקער” און לאַנגיעריקער און איבערגעגעבענער און ער־לעכער (דאָס וואָרט „ערלעכער” איז אַן עפּיטעט וואָס מוז געזאָגט ווערן) „אַקטואַציע”* אויף אַלע געביטן”...

אויב דער עולם האָט שוין פאַרענדיקט די פיש און האָט זיך אַ ביסל איינגעשטילט, קענט איר הערן ווי ביים וואָרט „ערלעכער” גייט אַדורך אַ מין שטילער שטורעם־ווינט. די קעפּ דרייען זיך אויס איינער צום אַנדערן, איין בליק כאַפּט אויף דעם צווייטנס און עס הערן זיך פיל־ווייניקער אַזעלכע אָפּגעהאַקטע שמועסן:

— וועגן וועמען רעדט ער?

— וואָס טראַכט ער אוים וועגן אים בילבולים?

— אויב ער איז ערלעך, בין איך שיין.

— ער איז נישט קיין שלעכטער ווינצלער.

איינער, ווידער, וואָס האָט מורא עפּעס צו זאָגן, אָבער מען זעט אַז עס קאָכט אין אים די יוכע, גיסט אָן אַ גלאָז וויין זיך און זיין שכן, און ער גיט זיך אַזוי אַ זאָג מיט ביטערניש:

— ווייסטו וואָס? לאָמיר שוין זיין געזונט און אַן עק זאָל עס נעמען!

אין דעם אַריינגיסן מיט איין מאָל די כוסות וויין ליגט דער גאַנצער כעס צום פּאָרזיצער.

---

* פאַריידישט פון שפּאַנישן „אַקטואַסיאָן” — אַקטיוויטעט.

פון דעסטוועגן איז שווער אויסצומיידן דאָס וואָרט **ערלעכ־קייט**, הגם דער פּאָרזיצער ווייסט לכתחילה דעם שטורעם וואָס ער ברענגט מיט דעם. אַ געניטער פּאָרזיצער וועט אייך זאָגן צען אַנ־דערע אַדיעקטיוון, אַבי אויסמיידן דאָס דאָזיקע פּראָוואָצירנדיקע וואָרט.

עס זענען אָבער פֿאַראַן אויך אַנדערע סאָרטן באַנקעטן, — באַנקעטן מיט אַ צוועק. זיי זענען טאַקע פֿאַר אַ באַשטימטע פּער־זאָן, אָבער ער איז, הייסט עס, דער קרבן פֿאַר אַ כלל־צוועק. דאָס איז אַן אַנדער סאָרט באַנקעט. אַ מין צוועקמעסיקער באַנקעט; אַ צילבאַוווּסטע וועטשערע; אַ באַנקעט מיט אַ זין.

אַ וועטשערע מיט אַ צוועק

אַנומלט האָבן מיר זיך באַצויגן צו אינדיווידועלע באַנקעטן, דאָס הייסט, באַנקעטן וואָס מען מאַכט פאַר איינעם כלומרשט, אָבער זיי זענען אינסצעניזירט געוואָרן פון בעל־דבר אַליין. זייער זעלטן אַז אַ באַנקעט זאָל געמאַכט ווערן מיטן גוטן ווילן — אַלץ איז אַרויפגעצוווּנגען, אָדער מען גייט ווייל עס פּאַסט נישט. וועגן די קאָמענטאַרן ביי די טישן בנוגע דעם באַערטן האָבן מיר גע־פּרוּווט עפּעס זאָגן.

וואָס איז דאָ צו ריידן? אַ מענטש וואָס מען האָט אים געמאַכט אַ באַנקעט מיינט, אַז מען האָט אים **באַערט**, לאָזט זיך אויס אַז מ׳האָט אים גאָר **באַערדט**. עס זענען, פאַרשטייט זיך, פאַראַן אויפ־ריכטיקע באַערונגען, וואָס פאַר אַ פראַגע! מען קען זיי אָבער ציילן אויף די פינגער און מען דאַרף זיך שטאַרק היטן, זיי זאָלן נישט אַריינגיין אין דער אַלגעמיינער קאַטעגאָריע.

אָבער עס זענען פאַראַנען באַנקעטן און וועטשערעס, וואָס ווערן טאַקע געמאַכט פאַר אַ וויכטיקן געזעלשאַפטלעכן צוועק. איך בין בייגעווען אַזאַ וועטשערע, אָבער אַנשטאָט ריידן וועגן דעם צוועק. האָט איין רעדנער געלויבט דעם צווייטן און אין גאַנצן פאַרגעסן דעם צוועק.

עס איז פאַרגעקומען אַזוי:

די מיקראָפאָנען האָבן געהילכט מיט די פּלאַטן „אַ יידישע מאַמע״, „געוואַלד, אַ יידיש מיידעלע״, „אַ רומעניש דוינעלע״, אַ קאַזאַטשאָק און ענלעכע לידער און מאַרשן, וואָס האָבן, הייסט עס, געדאַרפט צוגעבן אַ נאַציאָנאַל־קולטורעל־פּאָליטיש־קינסטלערישן כאַראַקטער דער דאָזיקער וועטשערע.

פּלוצלינג האָט דער אָרקעסטער געגעבן אַ קלאַפּ־אויף אַ מי־ליטערישן מאַרש און אַן אַרמיי פון אַ 40־50 קעלנערס מיט אַ 40־50 פּולמיסקעס, — צו 20־30 שטיקלעך פיש אין איטלעכן פּולמי־

פעק — האָבן זיך געגעבן אַ לאָז אַריין ווי די הײשעריקן. און באַלד נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבן דאָס דרשהטום.

דער טאָסטמייסטער האָט געזאָגט אַזוי:

„דער הײנטיקער באַנקעט איז געווידמעט אַ זייער וויכטיקן צוועק. דאָ זיצט לעבן מיר דער פּרעזידענט, וועלכער האָט אַוועקגעגעבן אַ שטיק פון זיין לעבן, פון זיינע געשעפטן, פון זיין אַלץ פאַר אָט־דער וויכטיקער זאַך". (אַפּלאָדיסמענטן).

דערנאָך איז געקומען דער טעלער עוף מיט די חשדפולע פאַרפעלעך, אַרבעסלעך, מייערלעך און אַנדערע שאַר־ירקות. איז מען געזעסן אין געהאַקטע ווענדן, ווייל קיינער האָט זיך נישט געקענט רירן מחמת ענגשאַפט. דאָס עוף איז געווען האַרט, מיט די הענט האָט נישט געפּאַסט צו נעמען — האָט מען געגעסן די פאַרפעלעך.

ביי דער דאָזיקער ביטערער סיטואַציע האָט זיך אויפגעשטעלט דער פּרעזידענט און ער האָט געזאָגט:

„איך דאַנק דעם פאָרזיצער, וואָס איז מיינער אַן אַלטער חבר, אַן איבערגעגעבענער אומדערמידלעכער געזעלשאַפטלעכער עסקן אין קק"ל, אין קרן־היסוד, אין קאַמפּיין, אין די באָנאָס, אין דעם קאָאָפּעראַטיוו און ווו נישט? דער הײנטיקער באַנקעט איז נישט פאַר מיין כבוד־וועגן, נאָר וועגן דער זייער וויכטיקער זאַך, וואָס מען האָט אייך גערופן צו דער זאַך. דאַנק איך אַלעמען און באַזונדער דעם קאַסיר, וואָס איז אַ באַשיידענער מענטש און ער האָט אַזוי געמאַכט אַז אַלץ זאָל קלאַפּן און דער צוועק זאָל אַרויסקומען ווי עס געהער צו זיין".

שפּעטער, אַז מען האָט געטיילט דעם קאָמפּאָט — אַ מישמאַש פון פּרוכטן, — האָט זיך ערשט אויפגעשטעלט דער באַשיידענער קאַסיר און ער האָט זיך געגעבן אַ זאָג אַזוי:

„איך האָב פיינט וועגן זיך צו ריידן. איך בין אַ באַשיידענער מענטש. נאָר דאָס אַלץ וואָס איר זעט, האָב איך געמאַכט. דעם הײנטיקן באַנקעט נעם איך אין גאַנצן אויף מיר, ווייל איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער צוועק איז אַזאַ וויכטיקער אַז עס לוינט זיך צו מאַכן אַ באַנקעט. דאָ הײנט האָבן אַלע זיך אַרויסגעזאָגט וועגן פּרעזידענט, אָבער מען האָט פאַרגעסן צו דערמאָנען דעם סעקרעטאַר. ווער קען אים נישט, דעם סעקרעטאַר? זיין דינאַמישקייט,

זיין אַקטיוויטעט, זיין זאָרגן פֿאַר אַלץ? און נאָר אַ דאַנק אים איז איינגעפֿאַלן צו מאַכן היינט דעם באַנקעט פֿאַר דעם וויכטיקן צוועק, וואָס מיר האָבן אַנאָנסירט".

פּונקט צו דער קאָווע איז אויפֿגעשטאַנען דער סעקרעטאַר און ער האָט געזאָגט אַ פּאָר ווערטער. קורץ, אָפּגעהאַקט, ווי עס איז די טבֿע פֿון אַ סעקרעטאַר:

„איך האָב נישט ליב קיין שבֿחים. נישט נאָר איך בין אַ וויכטיקער מענטש, נאָר די גאַנצע פֿאַרוואַלטונג — דער פּראָ־סעקרעטאַר*, דער פּראָ־קאַסיר, די וואָקאַלן**, די רעכענונג־איבערזעער, אַלע צוזאַמען האָבן געהאָלפֿן אָרגאַניזירן די היינטיקע וועטשערע פֿאַר דעם וויכטיקן צוועק".

**
*

ווען מען האָט שוין געזונגען די „התקווה", מיט די קאָוועלעך אין די הענט, אָנגעטאָן אויף דער העלפֿט אין די פֿאַלטאָס און קאַפּעליושן, איז אַרויס איינער אַ ספּיקער און האָט געמאָלדן, אַז מען האָט פֿאַרגעסן דאָ איבערצוגעבן דעם „צוועק" פֿון דעם באַנקעט. דעריבער בעט ער דער עולם זאָל האָבן געדולד אַ פּאָר מינוט און מען וועט מעלדן דעם צוועק.

אָבער קיינער האָט אים שוין נישט געהערט און דער ספּיקער איז געבליבן אַליין מיטן „וויכטיקן צוועק". און עד היום הזה האָב איך זיך נישט געקענט דערוויסן פֿאַר וועלכן צוועק מיר האָבן געגעסן פֿיש, מיט עוף, מיט פֿרוכט־מישמאַש און געדאַרפֿט אויסהערן „באַשיידענע" רעדעס איינער וועגן אַנדערן, איינער וועגן אַנדערן.

* מיט־סעקרעטאַר; ** מיטגלידער.

טערמינאָלאָגיע פאַר באַנקעטן־שבחים

אַנומלט זענען מיר געזעסן מיט די פריינד י. י., י. ב. — באַקאַנטע שרייבערס — און י. מ. — אַ באַקאַנטער מאָלער — און מיר האָבן פּרובירט צונויפשטעלן, אַזוי פאַרביי־גייענדיק, אַ טערמינאָלאָגיע פאַר שבחים אויף באַנקעטן.

היות יעדער פון אונדז האָט צוגעגעבן אַ וואָרט, איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אַזאַ מין „וואָרט־אוצר", כמעט אַן אויסשעפּנדיקע טערמינאָלאָגיע.

איך האָב גענומען אויף זיך דעם „שווערן עול" צוזאַמענצושטעלן די טערמינען אין גרופּעס און פון דעם איז אַרויסגעקומען אָט־וואָס:

1) **סובסטאַנטיוון:** עסקן, מענטש, ייִד, נדבן, טוער, ציוני, אומפּאַרטייאישער, פּרעזידענט, סעקרעטאַר, טעסאַרעראָ (קאַסיר), וואָקאַל*, סינדיקאָ (חשבון־רעווידירער) און אַלע אַנדערע אַמטן פון אַ פאַרוואַלטונג. רעטער, באַשיצער, מנהיג, אינטעלעקטואַל (דאָס לעצטע קען נאָר באַנוצט ווערן אין אויסנאַם־פאַלן. למשל: ווען מען דאַרף אַ מאָל באַערן דעם לערער פון דער תלמוד־תורה; אַ פּראָפעסאָר־מלמד פאַר קדיש און בר־מצווה; אַ דעקאָראַטאָר וואָס האָט געהאָלפן אויסמעבלירן דעם לאָקאַל פון דער אינסטיטוציע; אַן עסקן וואָס האָט אַ זון אַ ציין־דאָקטער; אַ מענטש וואָס קען ריידן שפּאַניש וכדומה).

2) **דיפטאָנגן:** כלל־טוער, בעל־מנדב, בעל־צדקה, בעל־שמחה, ערן־פּרעזידענט, וויצע־פּרעזידענט, עקס־פּרעזידענט, מכניס־אורח, בעז־פּאַרטיינער, נוח־לבריות, אַקטן־סעקרעטאַר, חשבון־רעווידירער, דאַמען־קאָמיסיע, מתן־בסתר (דאָס וואָרט שטעלן מיר אַריין סימבאָליש, ווייל עס עקסיסטירט נישט אַזאַ איינער), תלמוד־תורה,

---

* וואָקאַל — אַ געוויינלעכער מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג.

שול-בויער, שול-טוער, גרינדונג-קאמיסיע, פונדאמענט-לייגער, לײ־קאסע, מגבית-קאמפיין (פאר די וואס ווילן ארײנוואַרפן אַ העב־רעיש וואָרט) א״א.

3) **צייט־װערטער** (ווערבן): געבויט, געטאָן, געלאָפן, גע־בראַכט (קרבנות), געגעבן (עצות), אויפגעטאָן, אויפגעבויט, זיך אַרײנגעוואָרפן, זיך אַרײנגעלייגט, זיך געאָפּפערט, זיך מוסר־נפש געווען, זיך נישט אָפּגעהיט, זיך געזאָרגט, זיך געדאגהט, זיך גע־לאָזט קאָסטן, געבאָרגט, געשטוקעוועט, געקעמפט, באַקעמפט, פאַרשפּילט, נישט פאַרשפּילט, געזיגט, מנצח געווען, געליטן, גע־פאָלגט, פאַרפאָלגט, נאָכגעפאָלגט, גערעדט, גערופן, געבאָרגט, גע־זעסן, געשטאַנען, געהאָלפן, געראַטעוועט, גערעטעט, אאז״וו.

4) **אַדיעקטיוון:** חשובער (אָן דעם קען מען בכלל נישט אויס־קומען, ווייל אַלע זענען חשוב), גרויסער, גראַנדיעזער, קאָלאָסאַלער, אומדערמידלעכער, לאַנג־יאָריקער, לאַנג־יעריקער, געטרייער, טריי־ער, איבערגעגעבענער, אַקטיווער, ערלעכער (נאַיווע נוצן אויך דעם אַדיעקטיוו), הארציקער, עמאָציאָנעלער, אינטערעסאַנטער, ברייט־הארציקער וכדומה.

5) **סופּערלאַטיוון:** דער גרעסטער, דער בעסטער, אַ שטיק גביר! דער אַקטיוועסטער, דער חשובסטער, דער פאַראַנטוואָרט־לעכסטער, דער איבערגעגעבנסטער, אַ טאַטע! און ענלעכע.

פון דעם קען מען שוין צוזאַמענשטעלן די בעסטע באַנקעט־דר־שה. לאָמיר דאָ מאַכן אַ קליינעם פּרווו.

געניטונג: איך האָב דעם גרויסן כבוד צו באַגריסן דעם טייערן הארציקן און חשובן אַקטיוון און איבערגעגעבענעם לאַנג־יאָריקן און לאַנגיעריקן עקס וויצע־פּרעזידענט, וועלכעם (דער „וועלכעם״ ווערט גענוצט פון אַ סך בעל־דרשנס און באַגריסערס, וואָס דינט זיי פאַר אַ פאַרבינד־וואָרט און עס איז זיי אַלץ איינס, צי עס איז אַ מאַן, אַ פרוי, אַ חיה, אַ זאַך, — זיי זאָגן „וועלכעם״) האָט גע־גרינדעט און אויפגעשטעלט געלייגט דעם גרונטשטיין און דעם פונדאַמענט פאַר אונדזער גרעסטער תלמוד־תורה וועלכעם מען האָט אַ נאָמען געגעבן „מאַקסים גאָרקי״, וועלכעם אַ דאַנק דעם סעניאָר עקס וויצע־פּרעזידענט, מען האָט שפּעטער איבערגעאַנדערשט דעם

באַמען אויפן נאָמען פון אונדזער פאַראיין „קנעפּלעך־נייער און לע־כער־שלייפער „אַטשים ראַטשמאָנים" (אחים רחמנים) בני ברק פון דער געגנט פּאַטערנאַל פאַראייניקט מיט קאַבאַזשיטאַ" און מיט זיין חשובער סעניאָראַ, עקס־פּרעזידענטין פון דער קאָלאָסאַלער דאַמען־קאָמיסיע, וועלכעם זי האָט געגרינדעט און וועלכעם זי האָט געלאָפן און געמאַכט און אויפגעטאָן פאַר אונדזער תלמוד־תורה, וועלכעם מיר אַלע שטאָלצירן מיט דעם. באַגרים איך און ווינטשע־ווע די חשובע כלל־טוער הארציק זיי זאָלן פאָרן און פאַרברענגען אויף דער לוסט־רייזע וועלכעם זיי פאָרן מאַכן אין ניו־יאָרק, אין אַמעריקע, אין לימאַ, אין פּערו און וועלן זיך אפשר אויך אַריינכאַפּן אין דער מדינה און אין אַנדערע קאָנטינענטן פון יעוראָפּע און זאָלן זיי האָבן דערפאָלג און מצליח זיין און קומען בשלום איבער־געמען צוריק זייערע פּלעצער אַלעם לאַנגיאָריקער און לאַנגיעריקער עקס וויצע־פּרעזידענט און די פּאַרדינסטפולע (נישט יעדער גע־דענקט צו זאָגן אַזאַ פיין ווערטל) עקס ערן־פּרעזידענטין און זאָלן זיי זען מעדינאַם ישראל און מען זאָל פאַרשטאַרקן דעם מגבית־קאַמפּיין...

מיר מוזן באַמערקן, אַז דאָס איז אַ ביסל אַ צו־שווער רעדעלע און נישט יעדער קען זיך עס אונטערנעמען צו האַלטן. עס דאַרף שוין זיין אַ געוואַגט מענטשל, כמעט אַ שטיקל „אינטעלעקטואַל". איין זאַך מוז אָבער זיין קלאָר, אַז מען איז נישט קיין יאַלד און מען ווייסט צו פאַרענדיקן מיט „פאַרשטאַרקן דעם קאַמפּיין", בפרט נאָך „מגבית־קאַמפּיין" און מען וואַרפט אַריין דאָס וואָרט „מדינת ישראל", קען מען אַריינכאַפּן עטלעכע גאַר גוטע אַפּלאָדיסמענטן.

אָט דאָס איז עס. פאַרשטייט זיך, אַז עס זענען אויך דאָ אַנ־דערע וואַריאַציעס. פאַר וואָס זאָלן מיר עס נישט איבערלאָזן אויף אַ צווייטן מאָל?

„מע ספּילט אַ שאַך"

מען הערט שוין היינט וויניק וועגן די „שלאַכטן", וואָס פלעגן זיך אָפּשפּילן אַמאָליקע צייטן צווישן די פאַרשיידענע שבטים פון יידישן פאָלק: גאַליציאַנער, פּוילישע, ליטוואַקעס, בעסאַראַבער.

דאַכט זיך איין פאָלק, אָבער פאַרשיידענע כאַראַקטערן. אַנדער שטייגער, אַנדער גאַסטראָנאָמיק, אַפילו אַנדער קליידונג, שוין אָפּ־געריעדט פון ריידנסאַרט.

אַ ליטוואַק וועט לאַכן פון פּוילישע פיש מיט קליסקעלעך. אַ פּוילישער וועט נישט נעמען צום מויל ליטווישע קאַרטאָפל מיט פלוימען. אַ גאַליציאַנער, זאָגט מען, עסט אַלץ, נאָר עס איז אַ פראַגע צי ער וועט עסן לעקעך מיט הערינג, אָדער מאַמעליגע מיט האָניק.

וואָס שייך שפּראַך, איז עס אַן אמתער דור ההפלגה. מיינער אַ יונגער חבר האָט מיר אַ מאָל געפרעגט, ווי איז מעגלעך צו זיין רעליגיעז, אַז יעדער ייִד זאָגט אַנדערש די תפילות. איין מלמד, טענהט ער, האָט אים געלערנט צו זאָגן „שעלוי אוסוני אישו"; אַ צווייטער — שעלוי אָסאַני אישאַ". אַ דריטער — „סעלוי אָסאַני איסאַ", און זאָגן דאַרף מען „שלא עשני אשה" ,שוין אָפּגערעדט וואָס אויפן מאָדערנעם העברעיש זאָגט מען „שעלאָ אָסאַני אישאַ" (מיט אַ קוועטש אויפן סוף פון „אישאַ"). אָבער צום ערגסטן, זאָגט ער, איז געווען מיט זיין לעצן מלמד, אַ געבראָטענער ליטוואַק, וואָס האָט געזאָגט „סעלוי אָסאַני איסאַ".

אַ נאַיִווער בחור! גיי דערצייל אים אַ מעשה, אַז אַ ליטוואַק פרעגט: „ווי אַזוי סרייבט מען שימכע (שמחה), מיט אַ סין צי מיט אַ שאַמעך". שאַמעך קען ער זאָגן, נאָר שין — דאָס נישט.

אָט האָט געטראָפן אַ פאַל אין אַ שטעטל, דאָ נישט ווייט, צי אין אורוגוויי, קען זיין אין בראַזיל.

אַן עסקן פון ישראל-קאַמפּיין, אַ גוטער פריינד מיינער, וואָס שרייבט אַליין אין די גאַזעטן האָט עס דערציילט.

קומט ער אַראָפּ, דערציילט ער, אין דעם דאָזיקן שטעטל מיט נאָך אַן עסקן. מען גיט אַ קוק, עס איז קיינער נישט געקומען, נישט צום באַן, נישט צום אָמניבוס און נישט אויף דער זיצונג. נאָר איין ייִד איז געקומען, נישט דער ריכטיקער ייִד, דאָס הייסט, נישט דער געלט-ייִד, דער דעה-זאָגער, נאָר סתם אַ ייִד, וואָס דער קאַמפּיין פאַר ישראל איז אים טייער, ווייל ישראל איז אים טייער און... ווייל ער דאַרף נישט געבן קיין סך געלט, פשוט, — ער האָט נישט.

פרעגט מען אים: היתכן? ווו זענען די ייִדן?

ענטפערט ער: „עס איזש ביטער דאָ מיט די ייִדן, מע ספּילט אַ שאַך".

— מען שפּילט אַ שאַך? אַלע ייִדן שפּילן דאָ אַ שאַך? איז עס דאָך זייער אַ קולטורעלער עולם.

— ניין, — מאַכט דער ייִד, — זיי ספּילן נישט קיין סאַך, זיי ספּילן אַ שאַך אין געלט.

— אַזוי גאָר? — האָבן זיך די עסקנים נישט געקענט אָפּוווּנדערן, — שאַך שפּילט מען ביי אייך אין געלט?

— ניין, מען ספּילט אַ שאַך אין קאָרטן מיט אַ שאַך געלט.

— לאָמיר דאָ קלאָר ווערן, — איז מיין פריינד אַרויס מיט לשון, — מען שפּילט שאַך, צי מען שפּילט אין קאָרטן?

ערשט ווען דער ייִד האָט געגעבן זיין לעצטן ענטפער, האָבן זיי זיך געכאַפּט, אַז ער איז אַ ליטוואַק.

אונדזערס אַ ייִד וואָלט זיך גלייך געכאַפּט, נאָר זיי זענען אונגאַרישע ייִדן, קענען זיי נישט אונטערשיידן פון אַ ליטוואַק ביז אַ גאַליציאַנער, מחמת די אונגאַרישע ייִדן זענען אי ליטוואַקעס אי גאַליציאַנער. אי פרומאַקעס, אי אַסימילאַטאָרן — עקסטרעם.

איז טאַקע דער ייִד-ליטוואַק אַרויס אַ ביסל פון די כלים און זיי מסביר געווען אויף אַ העכערן טאָן:

— וואָש האָט איר זשיך אָנגעזשעצט מיט סאַך? ווער ספּילט

דאָ סאַך? סאַך ספּילט מען גאָר ניט. איך האָב געזשאָגט, אַז מען ספּילט אַ שאַך ניט קיין סאַך. מע ספּילט אַ שאַך אין קאָרטן, אין פּאָקער, אין רומי, אין קאַנאַסטאַ, אין לאָבאָ, אין איין־און־צוואַנציק, אין ברידזש. איצט פאַרסטייט איר סוין? די ייִדן קומען ניט, ווייל מען ספּילט אַ שאַך.

ערשט איצט איז פאַר זיי קלאָר געוואָרן, אַז „אַ שאַך” (אַ סך) שפּילט מען אין קאָרטן, און אַז „אַ סאַך” (אַ שאַך) שפּילט מען אין גאַנצן נישט.

פאָטאָגראַפיעס

דאָס איז, אַפּנים, אַ ספּעציעלע אַמעריקאַנער אָנשיקעניש, — פּיקטשעס און פאָטאָגראַפיעס. פאַראַן ספּעציעלע זשורנאַלן וואָס ברענגען בילדער. מילא, זענען עס פאָטאָגראַפיעס פון גרויסע מענטשן, פון שיינע מיידלעך אָדער פון געשעענישן. פון וואַנען אָבער, רבונו־של־עולם, האָבן יידן איבערגענומען דעם מנהג — דאָס ווייסט קיינער נישט. וויסן דאַרף מען, אַז אין הלכות פאָטאָגראַפיעס האָבן אונדזערע יידן ווייט אַריבערגעשטיגן די גוים.

אָט נעמט, למשל, אַ זונטיק־בלאַט. קענט איר דאָרט טרעפן אַזאַ ספּעקטאַקל: אַן אַנאָנס וועגן אַ מת, וואָס איז נאָר־וואָס געשטאָרבן און מאַן און ווייב, ברידער און שוועסטער, פּלימעניקעס, שוועסטערקינדער, אייניקלעך, פעטערס, איידעמס און גליד־שוועסטערקינדער דריקן אויס דעם טיפסטן צער און מיטגעפיל צום פאַרלוסט אאַז"וו. איר זעט ממש אַ בילד פאַר די אויגן פון אַ ווייַנענדיקער פאַרצווייגטער משפחה פון דאָ און פון אַנדערע לענדער ווו עס געפינען זיך אָפּגעריסענע צווייגן פון דער פאַמיליע (דער אַנאָנס דערציילט אַלץ). נאָר דער בר־מינן, וואָס ווערט אַזוי באַוויינט און באַדויערט, ער שטייט זיך רויק אין מיטן אַנאָנס, מיט זיין פאָטאָגראַפיע און ער לאַכט. ער קייכט פון געלעכטער, ווי איינער רעדט: „וואָס אַרט עס מיר? זאָלן זיי וויינען, זאָלן זיי".

אַ צווייט מאָל האָב איך אָנגעטראָפן אויף אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ בר־מינן, וואָס איז געווען ממש אַ האַרצרייסנדיקע טראַגעדיע, מחמת דער נפטר איז געווען אַ יונגער מענטש און ער איז געווען באַטיטלט יידישלעך „אברהם משה בר' שלום יצחק". נאָר אויפן בילד איז ער געשטאַנען אין דער גאַנצער לענג, אַן אויסגעפרעסטער, גלאַט־פאַרקעמטער, מיט שוואַרצע וואָנציקלעך און אין מויל אַ פאַפּיראָס, אַ ווילעריש יונגערמאַנטשיקל, כאָטש נעם און זוך אויס פאַר אים אַ שידוך!

איז ווי רופט איר עס אָן — געשמאַקלאָזיקייט? מילא.

נאָט זשע האָב איך אַ צווייטן מוסטער. אַנומלט זע איך אַ קליין מיידעלע מיט צעפּעלעך, מיט גרויסע שלייפן פאַרפלאָכטן, אַ קיי־לעכדיק פּנימל, אַ פיין ייִדיש מיידעלע. קוק איך אויפן בילד אין דער צייטונג. מיט אַ מאָל זע איך אַ גאַנצע באַשרייבונג אַרום דעם מיידעלע. ווער איך נייגעריק און לייען אַזאַ מין אַנאָנס, וואָס גיט צו פאַרשטיין, אַפּנים, ווער איז דאָס דאָזיקע סימפּאַטישע ייִדיש קינד פון ווייבלעכן געשלעכט. זאָגט זיך דאָרט אַזוי:

„די קינדער, די אייניקלעך און די אוראייניקלעך פון ביי־לע טויבע בת חיה פון קרעמעניץ באַגריסן זייער באָבען און עלטער-באָבען צו איר אַלט ווערן 80 יאָר...".

איר פאַרשטייט? אָט דאָס מיידעלע מיט די פאַרפלאָכטענע צעפּעלעך מיט די שלייפן, מיט די קיילעכדיקע בעקעלעך, איז עס די בת-שמונים, דיביילע-טויבע בת חיה פון קרעמעניץ.

אָט אַ מהלך דורכגעמאַכט.

דערנאָך דערשיינט אַ פּאָרל. זי — לאַכט, ער — שמייכלט. די מעלדונג וועגן זיי איז אַזאַ:

אם ירצה השם, קומענדיקן זונטיק, אויב עס וועט נישט רע־גענען, וועט אָפּגעדעקט ווערן די מצבה פון זיי אויפן בית-עולם דאָ און דאָ, און מען לאַדט איין די גאַנצע פאַמיליע, פריינד און באַקאַנטע.

וועגן די בר-מצווה-ייִנגלעך און חתן-כלה, וואָס דערשיינען מיט זייער גאַנצן רעקוויזיט, מיט די טליתימלעך, מיט די פּרעק און וועלאָס, מיט די אונטערפירער און מחותנים — דאָס איז אַן ענין פאַר זיך. הגם זיי זענען גענוג קאָמיש, זענען זיי אָבער חנעוודיק. איר זעט זיי לכל-הפחות אין זייער גאַנצער איצטיקייט.

פאָטאָגראַפיעס...

פורים און ראש־השנה

אפנים, טאקע, אז קיין שום טעמע איז נאך ווייט נישט אויס־געשעפט. פאראן טעמעס, וואס מען רעדט שוין פון זיי טויזנטער יארן און מען האט זיי נאך אלץ נישט פארענדיקט. מיר ריידן שוין נישט פון אזא מאטעריע ווי „ליבע”. געוואלד! וויפל יאר איז שוין אלט די טעמע? וויפל הונדערטער מיליאנען שורות זענען וועגן דעם געשריבן געווארן, און וויפל פען־האלטערס האבן וועגן דעם די פען געטונקען אין טינט?

מיין לאנדסמאן, דער שדכן משה־בער, האט וועגן דער פראגע א פריוואטע מיינונג. ער האלט, אז עס איז נישטא קיין בעסער ביסל ליבע ווי א פאר גראשן נדן.

ער זאגט, אז יידן האבן שטענדיק פריער חתונה געהאט און דערנאך זיך פארליבט. ער מאכט אן אויסנעם פאר אדם־הראשון. יע־נער, זאגט ער, האט נישט געזען מער ווי איין פרוי אויף דער וועלט, האט ער נישט געהאט קיין ברירה און זיך פארליבט אין איר אן נדן. שפעטער, אז מען האט צוגעוווינט די טאטעס צו נעמען געלט פאר זייערע טעכטער, איז געגאנגען יעקב אבינו און האט בעסער אפגעהארעוועט 7 יאר ביי לבן הארמי איידער שאפן א פרעצע־דענט, אז א חתן זאל געבן געלט דער כלהס טאטן.

דאס איז נאר איין טעמע און עס זענען פאראן א מיליאן טע־מעס.

אט נעמט, למשל, ראש־השנה. הונדערטער יארן ווערט גע־שריבן וועגן ראש־השנה אין פארשיידענע נוסחאות, פון פארשיי־דענע אספעקטן מיט אלערליי אויסטייטשונגען און וואריאציעס, אבער שטענדיק בלייבט נאך עפעס צוצוגעבן.

איך, למשל, האב זיך דערטראכט צו דעם, אז ראש־השנה איז ספעציעל געמאכט געווארן, כדי מען זאל וויסן, אז עס איז שוין אויס פורים. ווער איר דאך לאכן, האט איר נישט וואס צו לאכן.

כידוע, ווי אלעמען איז באקאנט און באוווסט, איז אין אונ־

דזערע לענדער איינגעפירט געוואָרן אַ פּורים-באַל. דער ערשטער מאַכט דעם באַל דער קרן-קימת, דערנאָך קומען די קאָמיטעטן, דערנאָך די לאַנדסמאַנשאַפטן און דערנאָך — סתם פאַרוואָרפענע פאַראיינדלעך, נעבעך. בקיצור, דער „פּורים" גייט אויף די בלע-טער (מען מוז דאָך געבן אַנאַנסן) העט נאָך פּסח, נאָך שבועות און ווען נישט ראש-השנה, וואָלט מען דעם „פּורים" געהאַלטן אַ גאַנץ יאָר.

אַנומלט באַקום איך אַ פאַרבעטונג צו אַזאַ פּורים יום-טוב. דאָס איז געשען אין סאַמע מיטן סליחות-צייט.

וואָס איז? דער יוגנט-פאַראיין וואָס גרופּירט זיך ביי דער „בית הכנסת ד'אנשי שומרי שבת און גמילות-חסדים-קאַסע ראָזאַ לוקסענבורג" האָט דורכגעפירט אַן אָוונט-ברויט מיט טאַנץ-פאַר-ווײַלונג, מיט אַ פּראָגראַם לכבוד דעם יידישן יום-טוב פּורים.

אויפן ערשטן מאָמענט האָב איך זיך דערפרייט, ווייל איך האָב געמיינט, אַז דאָ האַנדלט זיך שוין וועגן פּורים פון דעם קו-מענדיקן יאָר. האָבן מיר, הייסט עס, דורכגעמאַכט אַזאַ מין קפי-צת-הדרך און די אַלע וועקסלען וואָס איך און אַנדערע האָבן אויס-געשטעלט ביז איבעראיאָר פּורים זענען שוין געדעקט! איז עס נישט אַ חלום?

אַוודאי איז עס נאָר געווען אַ מיראַזש, אַ האַלוצינאַציע, אַ פאַרבלענדעניש. די דאַטע זאָגט קלאָר און יאָסנע: שבת דעם 30סטן אויגוסט 1958. און אין דעם בריוו זאָגט זיך אַזוי:

„חשובער פריינד,

אונדזער פאַראיין, וואָס פירט דורך אַלע יאָר אַ פּורים יום-טוב, האָט נישט געקענט הייַנטיקס יאָר נישט דורכפירן אַזאַ פייערונג. און אַזוי ווי מיר געפינען זיך אין אַ בית הכנסת און עס זענען פאַראַן עטלעכע פרומע יידן וואָס קומען ביינאַכט צו סליחות — האָבן מיר באַשלאָסן אַריינצוכאַפּן דעם פּורים-באַל, איידער עס קומט אָן דאָס נייע יידישע יאָר".

אָט האָט איר אַ נייעם ווענדפּונקט אין דער פאָרשונג וועגן ראש-השנה. היינט, ווער קען זאָגן, אַז טעמעס זענען אויסגעשעפּט?

צייטונג־ראָמאַנען

הערט זיך איין, ייִדן!

איר זאָלט נישט דערציילן קיין מעשיות וועגן „ייִדיש״, וועגן „ייִדישן גייסט״, וועגן „קיום פון דער פאָלקסשפּראַך״ און אַנדערע עלעקטראָנישע פּראָבלעמען.

מען וויינט און מען רעדט וועגן ייִדיש, ייִדישע לייענערס און ייִדישע צייטונגען.

איך בין נישט קיין אָנהענגער פון גריבלען זיך אין דעם אינגע־ווייד פון אַ וואַרעניק פון קאַשע, לאָמיר זאָגן. עס איז אַ ייִדישער מאכל און מען עסט אים מיט אַפּעטיט? — איז גענוג. גיין גריב־לען זיך: וויפל קאַשע און וויפל אַנדערע עלעמענטן עס אַנטהאַלט דער קניש און דערנאָך פירן אַ סטאַטיסטיק:

וויפל מענטשן באַקומען אַ מאָגן־פאַרשאַפּונג; וויפל ייִדן לעבן אויס נאָרמאַל זייערע יאָרן עסנדיק וואַרעניקעס; וויפל וואַרעני־קעס עס ווערן אויפגעפרעסן במשך אַ דורכשניטלעכן חודש אין רעסטאָראַן „תל־אביב״, אָדער ביי „משה־חיים און פּעפּע״; און וויפל ייִדן עס שטאַרבן אַוועק, שונאי־ציון, פאַר דער צייט — דאָס בין איך נישט מחויב.

די דיסקוסיעס אַרום ייִדיש —צי די שפּראַך גייט אונטער, צי זי לעבט אויף; צי איז זי אין די וויקעלעך, צי אַ נוטה למות — וואָלט אָנגענומען אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער, ווען מען קוקט גוט נאָך וועלכע פּאַטראַוועס אין ייִדיש ווערן צום מיינסטן פאַרצערט.

זאָלן מיר עס פאַרדינען אַלע טאָג מיט אייך צוזאַמען, וויפל מער פון 50 פּראָצענט צייטונג־לייענער אין אַמעריקע פון צפון און אַמעריקע פון דרום עס לייענען די באַרימטע צייטונג־ראָמאַנען, וואָס אין די אַמעריקאַנער ייִדישע צייטונגען פאַרנעמען זיי עטלעכע „פּיידזשעס״ און אין אונדזערע צייטונגען נאָר די לעצטע זייט.

איר מעגט רויק מאַכן מיט מיר דאָס געשעפֿט, וויפֿל איר וועט דערלייגן צו דעם, וועל איך אייך אומקערן.

פֿון וואַנען איך נעם עס? צוליב אַ פּשוטן טעם. ווען די דאָזיקע ראָמאַנען זאָלן נישט זיין די „בעסטע סחורה", טאָ צו וואָס וואָלטן ערנסטע צייטונגען געדרוקט אַזעלכע „מאָדערנע" שמ"ר־ראָמאַנען, נאָר אַ ביסל אַנדערש געשלייערט? עס לייגט זיך אויפֿן שכל, אַז עס דאַרף זיין פֿאַר דעם אַ גוטער און קאָנסעקווענטער קאָנסומענט. איך גלייב נישט, אַז דער פּשוטער מאַס (אַ סך — מאַסן, איין — מאַס) לייענט נאָר די ראָמאַנען. ער לייענט אויך אַנדערע זאַכן, אָבער איך אַליין בין געווען אַן עדות פֿון אַזאַ מין סצענקע, וואָס האָט אין מיר פֿאַרשטאַרקט מיין השערה, אַז די דאָזיקע ראָמאַנדעלעך זענען אַ פֿעסטונג פֿון צייטונג־וועזן.

אַנומלט האָט מען מיך איינגעלאַדן אַרויסצופֿאָרן אין די וועלדער פֿון „פּאַלערמאָ". די זון האָט געשיינט מחיהדיק. דיביימער, וואָס איך קען שוין אַ שיין שטיקל צייט זענען גאָר נישט עלטער געוואָרן; פֿאַרקערט, זיי האָבן זיך געוויגט מיט זייערע גרינע בלעטער־קרוינען (עס איז שוין דאַכט זיך באַלד אַ ראָמאַן־אינטראָדוקציע) אַנטקעגן די זון־שטראַלן און געשאַפֿן אַ קילווינטל, ווי אַ מעכאַנישער ווענטילאַטאָר. היינט דער שאָטן איז געווען נישט צו באַצאָלן.

געווען זענען דאָרט אַ פֿאַמיליעס צען, ייִדן מאחינו בני ישראל. באַלד זענען צעשטעלט געוואָרן טישן, די טשייניקעס האָבן זיך צעהודזשעט אויף די פֿייערלעך וואָס זענען צוגעגרייט געוואָרן. די „מאַטע" האָט גענומען גיין פֿון איין מויל צום אַנדערן און...

יעמוד הפֿעשל קאָרטן.

די מענטשן האָבן זיך פֿיין צעזעצט און מען האָט זיך אַ צעשפּיל געטאָן כדבעי.

וואָס זשע האָבן געטאָן די ווייבער, נאָך דעם ווי די מאַטע איז שוין געווען אָפּגעטרונקען, די פּאַפּירן צעוואָרפֿן גאַנץ פֿיין אין אַלע זייטן און די קינדער האָבן זיך אַוועקגעלאָזט שפּילן אין געיעגעלעך? — גאָרנישט נישט. איין ייִדענע האָט געגעבן אַ נעם אַרויס אַ פּאַק צייטונג־אויסשניטן און געפּאַכעט אין דער לופֿטן, ווי איינער זאָגט: „זי האָט אַן אוצר".

— וואָס רעדט איר, סעניאָרא — זענען אַלע אויף איר אַרויפ־געפאַלן, — איר האָט אַלע פאַרזעצונגען פון ראָמאַן „די פאַרפיר־טע פרוי דורך איר אייגענעם מאַן"?

— וואָס דען מיינט איר — האָט די סעניאָרא טריומפירנדיק צעלייגט די אויסשניטן אויף אַן אימפראָוויזירטן טיש, — איך וועל לייענען שטיקלעכווייז, מען זאָל מיך אין סאַמע בעסטן און רעכטן געדיכטן געבן אַ האַק איבער אין מיטן? ביי מיר זאַמל איך פריער אַן אַלע אויסשניטן, דערנאָך נעם איך מיר לייענען.

עס איז געוואָרן אַ גדולה, אַ פרייד. איינע האָט נישט גע־לייענט אַ קאַפיטל, וואָס זי מוז עס לייענען, ווייל זי ווייסט נישט, וואָס ס'איז געוואָרן מיט דעם שיינעם בערנאַרד, ווען די אינטרי־גאַנטקע, סאָפיאַ, האָט אים ברוטאַל אויסגעלאַכט זיין ליבע־דער־קלערונג.

אַ צווייטע האָט נישט געקראָגן די צייטונג פונקט ווען זי האָט געדאַרפט לייענען די פאַרזעצונג, וואָס איז געוואָרן מיט פריידעלען ווען דער הויכער, שלאַנקער, שוואַרצער, עלעגאַנטער, באַלאַקטער סיימאָן קאָרקנציִער האָט איר אַריינגענאַרט אין זיין קאַבינע, אַ־בערלאָזנדיק זיין ווייב, וואָס האָט געליטן פון ים־קראַנקייט, אַ פאַרדעקטע מיט קאָלדרעס און איבערבעטן אין אַ וויגשטול אויפן דעק.

אַ דריטע האָט סתם פאַרלוירן דעם פאַדעם און זי קען נישט אַרויסקריכן פון די צענדליקער פערסאָנאַזשן, מענער און פרויען, אַלטע לייט, קינדער, גויִים, יִידן, סוחרים, אַרבעטער און אַזוי מענטשן וואָס דער מחבר אָדער מחברטע האָט אַריינגעבראַקט אין דעם ראָמאַן.

וואָס זאָל איך אייך דערציילן? איר געדענקט דאָך ווי כשרע יִדענעס האָבן אַמאָל געלייענט דעם טייטש־חומש? פונקט אַזוי האָט איינע פון די ווייבער גענומען לייענען דעם האַרצרייסנדיקן ראָמאַן. איך האָב באַשלאָסן, אַז אויב עס זענען נאָך דאָ בעלי־מלאכהס פון אַזעלכע ראָמאַנען און כל־זמן עס זענען נאָך פאַראַן יִדענעס און מסתמא יִדן, וואָס לייענען זיי — דאַרף מען זיך נישט גריבלען צי יִדיש עקסיסטירט, וועט עקסיסטירן און ענלע־

כע גריבלעניש. די לייענער פון די ראָמאַנען זענען גאָר גוטע קליענטן אויף יידיש.

עס קען גרייַלעך זיין, אַז יידיש זאָל דאַרפן אָנהייבן פון דאָס ניי — פון זיין פרימיטיווער תקופה.

בלייבט נאָך אַ שאלה — צי האָט זיך געלוינט אַרייַנצולייגן אַזוי פיל האָרעוואַניע?

צעדערבוים צוריק אין בוענאָס־איירעס

אונדזער ישוב איז געראַטעוועט, מדינת ישראל איז גערעטעט און אַלע תפוצות ישראל וועלן שוין האָבן אַ ישועה ונחמה — עס וועט אונדז אַלעמען זיין גוט ווי די וועלט, מחמת דער ה׳ צעדער־בוים געפינט זיך שוין אין בוענאָס־איירעס.

צעדערבוים! אַ פיינער נאָמען, עס קלינגט שיין. וויפל צעדער־בוימס און צעדערביימער האָבן מיר בכלל געהאַט אין אונדזער גע־שיכטע? און דאָ געפינט זיך צעדערבוים אַליין אין פערזאָן. ער גע־פינט זיך צווישן אונדז. גייט מסתמא אַרום אויף דער גאַס קאָריענ־טעס (אָדער אויף אַן אַנדער גאַס). קומט אַריין אַוודאי אין „באַר קאָמערסיאַל״ (אָדער אַנדער קאַפעטעריע). עסט מיטיק אין אַ יידישן רעסטאָראַן (אָדער אין דער היים). לייענט „די אידישע צייטונג״, אָדער „די פרעסע״ (און אפשר ביידע נישט, אַ קשיה אויף אַ מעשה?), האָט אפשר אַ ווייב מיט קינדער, אָדער אַ ווייב אָן קינ־דער, אפשר קינדער אָן אַ ווייב. עס קען זיין אַז ער איז אַן אַלמן, אַ גרוש (אָדער חלילה אַ נישט־באַווייבטער), האָט אַ פאַבריק, אָדער אַ געשעפט, קען זיין אַז ער איז אַן אַרויפגעאַרבעטער גביר (קיין לערער, אָדער באַאַמטער, אָדער שרייבער איז ער זיכער נישט) — וואָס קען מען וויסן היינטיקע צייטן?

פון וואַנען ווייסן מיר, אַז ער איז נישט קיין שרייבער, נישט קיין טעאַטראַל, נישט קיין קינסטלער, נישט קיין פּראָפעסאָר, נישט קיין אַנטדעקער פון קיין וואַקצין, נישט קיין דערפינדער פון קיין שום מאַשין און אפילו נישט קיין פשוטער אַדוואָקאַט — גאָרנישט נישט?

פון וואַנען מיר ווייסן דאָס אַלץ? מיר האָבן געפטרט עטלעכע שעה אין מעת־לעת נאָכצוקוקן אַלע ענציקלאָפעדיעס, קודם דעם „לעקסיקאָן פון יידישע שרייבערס״. דערנאָך דעם „טעאַטער־לעקסי־קאָן״, שפעטער די אַלע אַנדערע ענציקלאָפעדיעס. מיר האָבן אַפילו אָנגעפרעגט ביי פראָפ׳ דוב סדן (כידוע, ווייסט ער אַלצדינג). מיר

האָבן אין ערגעץ נישט אָנגעטראָפן קיין היינטצייטיקן צעדערבוים. אַלע צעדערבוימס וואָס האָבן עפּעס אויפגעטאָן פאַר דער זשורנאַ־ליסטיק, פאַר דער ליטעראַטור און אַנדערע לייכטע פּרנסות, זענען שוין פון לאַנג אויסגעשטאָרבן.

היינט ווי נעמט זיך דאָ אין בוענאָס־איירעס אַ נייער צעדער־בוים? אָט־דאָס פרעגן מיר טאַקע גלייך מיט אייך.

איצט לאָמיר אייך מסביר זיין, רבותי, פון וואַנען נעמט זיך די גאַנצע מעשה־צעדערבוים.

אַנומלט האָבן מיר געלייענט אין אַ היגער יידישער צייטונג אַן אַנאָנס. מילא וועגן די אַלע אַנאָנסן, וואָס ווערן געשריבן אַז אַ טאַטע באַגריסט זיך אַליין, ווייל זיין זון האָט זיך גראַדוירט, אָדער אַ זון באַגריסט זיינע עלטערן, ווייל ער האָט באַקומען דעם טיטל דאָקטער, אָדער אַז מען באַגריסט דעם אָדער יענעם צו דער מצבה־שטעלונג פון אַ בן־עיר, — דאָס אַלץ זענען שוין אויסגעדראָשענע אַנאָנסן און זיי רופן מער נישט די אויפמערקזאַמקייט.

אָבער אַז אַ ייִד זאָל זיך פאַרגינען צו געבן אַן אַנאָנס אין די בלעטער, אַז ער, צעדערבוים (אפשר איז עס געווען אַן אַנדער נאָ־מען), געפינט זיך צוריק אין בוענאָס־איירעס, — אַזאַ מין אַנאָנסל האָט זיך געבעטן באַאַרבעט צו ווערן. האָבן מיר ניט מער ווי דער־פילט אַ שליחות און מיר גיבן עס איבער בפני כל עם ועדה, אַז דער דאָזיקער ייִד, צעדערבוים, וואָס געפינט זיך שוין אין בוענאָס־איי־רעס, איז שוין טאַקע דאָ. טאָ זאָלן קומען ישועות ונחמות אויף אַלע ייִדן פון אַרגענטינע און אויף כל ישראל ונאמר אָמן.

אַ בונדיסטל איז געבוירן געוואָרן!

ווער האָט עס געזאָגט אַז דער „בונד”, די גרויסע גלאָררייכע באַוועגונג פון דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט האָט אויפגעהערט צו עקסיסטירן מיטן אונטערגאַנג פון די ייִדן אין פוילן און מיטן אויפקום פון מדינת ישראל?

ווער האָט עס געזאָגט?

נישט נאָר גייסטיק און אין אַן אַנדער טראַנספאָרמאַציע לעבט, רעדט, שרייבט, קריגט זיך, אַטאַקירט און כאַפּט אַריין דער שארית ה„בונד” אין ניו־יאָרק, בוענאָס־איירעס, מעקסיקע, מאָנטעווידעאָ און אַפילו תל־אביב. נאָר פּשוט פיזיש לעבט ער.

נישט נאָר ער לעבט, ער ווערט געבוירן און פאַרנעמט זיך איצט צו לעבן.

צו וואָס, אָבער, זאָלט איר מיר גלייבן אויפן וואָרט. נאָט אייך און לייענט וויים אויף שוואַרץ אַן אַנאָנס, וואָס איז דערשינען אין אַ בונדישער אויסגאַבע, וואָס לייענט זיך כהאי לישנא:

„צום געבוירן ווערן פון אונדזער זונעלע, אַ בונדיסטל,
באַשטייערן מיר זיך מיט 5 דאָלאַר...”.

בסך־הכל 5 דאָלאַר האָבן די עלטערן זילבערשטיין פון דער שטאָט ר. פון לאַנד ב. אַריינגעבראַקט אין דעם עסק צו געבן דער ייִדישער, דער קריסטלעכער און דער מוסולמענישער וועלט אַ זונדעלע אַ בונדיסטל.

איר זעט? פּסיכאָלאָגן, דאָקטוירים, פּסיכיאַטערן, פּעדאַגאָגן, גינעקאָלאָגן און אַנדערע „אָגן” ברעכן זיך די קעפּ שוין הונדערטער יאָרן און קענען נישט געפינען פאַר דעם קיין באַשייד. דאָ קומט אַ פּשוטע ייִדישע טאַטע־מאַמע און פאַרענטפערט אין איין „שמע ישראל” דאָס דאָזיקע וויסנשאַפטלעכע פּראָבלעם, וואָס עס וועט ווערן פון זייער קינד.

הערט אַ מעשה! אין דער מאָדערנער פּעדאַגאָגיק שטעלט מען ערשט פעסט דעם כאַראַקטער און די נייגונגען פון קינד נישט פריִער ווי אין קינדער-גאָרטן. יאָוועט זיך אַ ייִד מיט אַ ייִדענע פון דער שטאָט „ריש", פון דער מדינה „בית" און פּראָקלאַמירן פאַר דער וועלט, אַז זייער זונדעלע וואָס האָט נאָר-וואָס דערזען די ליכטיקע שיין, וועט זיין אַ בונדיסט.

פּלאַי פּלאַים! דאָס קען דאָך מאַכן אַן איבערקערעניש אין דער וועלט פון פּעדאַגאָגיק, וווּ עס שיינען אַזעלכע נעמען ווי פרעבל, דיואַי, פּעסטאַלאָצי און מיין רבי ישראל-יצחק, אַ געוועזענער מלמד, וואָס נאָכן אויפקום פון מדינת ישראל האָט ער זיך גענומען רופן „פּראָפעסאָר", מחמת ער קען אַ ביסל „דיקדעק" און האָט אויף גיך געגעבן אַ בייט איבער די אַשכנזישע „האָוואָרע" אויף דער ספרדישער „האַוואַראַ".

מיר וועלן זיך נישט וווּנדערן, אויב אין דער נאָענטסטער צו-קונפט וועט אין דער מאָדערנער פּעדאַגאָגיק אויפקומען אַ נייער מעטאָד, וואָס וועט הייסן:

„דאָס פּראָקלאַמירן די צוקונפט פון דעם ניי-געבוירענעם קינד".

אויב אַזוי, איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז מען קען זיך שפּעטער אַ נעם טאָן אויך צו דער נייגונג פון עמבריאָן, און אַן אַקושאָר וועט אין גיכן קענען באַגריסן אַ געווינעריין, לאָמיר זאָגן, מיט אַזאַ פּזמון:

„סעניאָראַ, מיסעס, גברת, מומעשי, אָדער מאַדאַם: איר האָט געבוירן אַ גרויסן פוטבאָליסט"...

שאַ, איך גיי ווייטער. מען וועט קענען לכתחילה אָנזאָגן די עלטערן, אַז זייער ניי-געבוירן עופהלע וועט זיין אַ מיטגלידערין אין דער „וויצאָ", אַ דאַזאָר אין דער קהילה, אַ פּרעזידענט אָדער סעקרעטאַר פון אַ תלמוד-תורה, אַ פילם-מאַגנאַט, אַ מיטגליד אין מפא"י, — מאַלע וואָס עס וועט זיך טאָן.

למען האמת מוז מען זאָגן, אַז די זילבערשטיין-פאָרמולע (לאָמיר שוין פאַראייביקן דעם פאַמיליע-נאָמען פון דעם בונדיסטלס טאַטע-מאַמע) איז נישט קיין נייע. מען דערציילט, אַז אַ ייִדענע,

דאָ אין בוענאָס-איירעס, האָט פאַרבעטן אירע פריינד אויף אַ יום־טוב, האָט זי געשריבן אין די איינלאַדונגען אַזוי:

„איר ווערט פאַרבעטן מיט אייער משפּחה
צום געבוירנטאָג פון מיין זונדעלע, דעם דאָקטער".

אַז מען האָט איר שפּעטער געפרעגט, ווי קומט צו איר אַ דאָקטער, עס איז דאָך אַ קינד פון 2 יאָר, האָט זי געענטפערט:

— פאַר מיר איז עס נישט קיין קינד, פאַר מיר איז ער אַ דאָקטער. ביי מיר וועט ער אויסוואַקסן אַ דאָקטער!

מאַלע וואָס טאַטע-מאַמע ווילן אַז זייער קינד זאָל אויסוואַקסן!

איך ווייס נישט, צי דאָס נעמלעכע זונדעלע איז טאַקע אויסגעוואַקסן אַ דאָקטער. דעם „בונד" ווינטש איך מיטן גאַנצן האַרצן, אַז דאָס קליינע יאַטל, מסתמא אַ חנעוודיקער חברהמאַן, זאָל טאַקע אויסוואַקסן און אַריינוואַקסן אין די בונדישע רייען.

„שאָלעם לעפּרו..."

יידיש איז טאַקע באמת אַן אייגנאַרטיקע שפּראַך. זי לייענט זיך ווי מען וויל און וואָס מען וויל. העברעיש פּעלט אויך נישט קיין צרות צוליבן פעלן פון וואָקאַלן. צום ערגסטן אָבער איז מיט די פרעמדווערטער און נעמען.

דערציילט מיר אַ ייִד, וואָס קען דווקא יאָ העברעיש, אַז זייענדיק אין תל־אביב האָט ער געזען אַן אַפיש. האָט זיך אין דעם נעמלעכן אַפיש געזאָגט אַזוי:

ביום... (די דאַטע)
יתקיים (וועט, הייסט עס, פאַרקומען)
נשף (אַן אָוונט).

פיין און גוט.
איצט הייבט זיך עס אָן —
על מכם ברוד...

דערציילט מיר דער ייִד, אַז ער האָט גענומען דעשיפרירן דעם לעצטן זאַץ. זאָל עס זיין **„מכם"** (מעכעם — צאָלאַמט), טאָ ווי קומט צו דעם אַ „נשף" — אַן אָוונט? וועלכער משוגענער וועט עס גיין מאַכן אַ ספּעציעלן אָוונט וועגן צאָלאַמט?

שוין אָפּגערעדט וואָס ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין דאָס צווייטע וואָרט — ברוד, סיידן, האָט ער געטראַכט, אַז עס איז צום סוף אויך אַ „ר" און עס מאַכט „ברור" (באָרור — קלאָר). ווישע קומט ווייטער, קלאָרקייט צו צאָלאַמט? זאָלן זיי אַ פרעג טאָן אין אונדזערע קאַנטן, וועט מען זיי זאָגן, אַז „קלאָרקייט" און „צאָלאַמט" — דאָס זענען צוויי טערמינען וואָס זענען ווייט פון זיך כרחוק מזרח ממערב.

בקיצור, ער האָט זיך אַזוי לאַנג געבראָכן דעם קאָפּ, ביז אַ תלמיד פון אָנפאַנג־שול וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען מיט זיינע חברים

האָט אים אויפגעקלערט, אַז דאָס מאַכט נישט מער און נישט ווייניקער ווי „מכּם ברוד", גאַנץ פּשוט — עס איז דער נאָמען פון באַקאַנטן דייטש־ייִדישן שריפטשטעלער **מאַקס בראָד**...

אַזעלכע קוריאָזן זענען דאָ אין די צענדליקער. אָבער אויף ייִדיש לייענט אַ ייִד אַזוי ווי ער וויל, בפרט ווען עס האַנדלט זיך אין די ייִדן, וואָס געהערן צו דער באַרימטער „פּלעאַדע פון העלדן און מאַרטירערס און עסקנים", וואָס טוען און טוען און ריידן אויף אַלע פאַרזאַמלונגען און „זיצן" און זענען זיך ממש מקריב פאַר דער געזעלשאַפט.

וועגן זאָגן „עניען" אַנשטאָט „איניען", כ'ווייס „עסקן" מיט אַן „ע" אַנשטאָט „אַסקן" מיט אַן „א" איז שוין אָפּגערעדט. עס זענען נאָך דאָ אַזעלכע ווערטער, ווי:

פּאַטאָס מיט אַ מעם, **מאַפּאָס** מיט אַ סמך, **פּראָבלעם** און **פּלענום** (אויך מיט סמכן),**רעגיליעז** (רעליגיעז), **לעשן** (פּאַנעטיש אַנשטאָט „לעאַשען") וכדומה ווערטער און ווערטלעך, וואָס אַ קאַזאַק קען פון זיי רויט ווערן. אָבער עס גייט, ברוך השם, דורך.

נישט לאַנג האָב איך געהערט אַזאַ מין זאַץ:

„עס איז אָנגעקומען אַ קאָנטינענט שליחים אויפן אַמעריקאַנער קאָנטיגענט".

קאָנטינענט — קאָנטיגענט, אַ דאגה, מילא.

אָבער אָט וויל איך אייך דערציילן די מעשה מיט מיין לאַנדסמאַן, בערל שנאָבל. אין אַ שיינעם טאָג קומט ער צו מיר און ער פרעגט מיר בזה הלשון:

— זאָג מיר — זאָגט ער — גוטער ברודער, ווער איז עס דער שאָלעם לעפּרו, וואָס ער שרייבט זיך אונטער אַלע נעקראָלאָגן? ווי עס שטאַרבט אַ מענטש, שרייבט ער, דער שאָלעם ל־ע־פּ־רו, אַ קאָנדאָלענץ, אַ טרויער־נאָטיץ. וואָס טוט זיך דאָ? אַלע געשטאָרבענע קען ער, דער־אָ לעפּרו? איז ער אַ ייִד, אַ ליטוואַק, צי גאָר עפּעס אַ גאַליצישער? נאָך אַ זאַך: איך בין שוין דאָ 40 יאָר און ער, זאָגט מען, האָט שוין פריִער אויך געשריבן. איז וויפל יאָר לעבט ער שוין, אָט דער לעפּרו, אָט־דער?

בקיצור, בשעת ער האָט גערעדט האָב איך נאָכגעטראַכט וועמען ער מיינט, ביז איך האָב זיך געכאַפּט, אַז ער מיינט דעם „ערע זיין אָנדענק", אָדער „שלום לעפרו", וואָס מען זאָגט נאָך אַ טויטן. נו?...

טאָ לאָמיר שוין האָבן אַ גוטן שבת וגם אַ גוט יאָר.

וועקסלעך

„...אַ וועקסל איז אַ דאָקומענט, לויט וועלכן איין פּערזאָן איז זיך מתחייב צו צאָלן אַן אַנדערן אַ באַשטימטן סכום אין אַ באַשטימטער צייט״...

פּאַראַן נאָך דעפיניציעס, וואָס פאַרנעמען עטלעכע זייטלעך אין דער „אוניווערסאַלער איראָפּעיִש־אַמעריקאַנער אילוסטרירטער ענציקלאָפּעדיע״ עספּאַסאַ־קאַלפּע, וואָס איך האָב ליב אין איר מעיין צו זיין פון מאָל צו מאָל, בעיקר ווען עס האַנדלט זיך וועגן זאַכן וואָס זענען מיר באַקאַנט אָדער וועגן ענינים פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט...

אין דעם פאַל פון וועקסעלעך איז מיין תשוקה פולשטענדיק באַרעכטיקט, ווייל ווער ווייסט עס נישט וואָס עס איז אַזוינס אַ וועקסל? און ווידער, וועלכער „משוגענער״ געדענקט נאָך היינט דעם ריכטיקן טייטש און די ריכטיקע עטימאָלאָגיע און דעם אמתן ווערט פון אַ וועקסל?

דאָס וואָס איז פאַרצייכנט אין דער ענציקלאָפּעדיע איז אַ פּראָדוקט פון אַ בטלן, אַן עקאָנאָמיסט מיט גוטע ידיעות אין דער פינאַנציעל־מערקאַנטילער וויסנשאַפט. וואָס קומט אָבער אַרויס? אַז דער מענטש האָט אַלץ געוווּסט פון טעאָריע. איך צווייפל, צי ער האָט ווען עס איז אַנגעקוקט ווי עס זעט אויס אַ „קורץ־טערמיניק״ וועקסעלע אין אונדזערע קאַנטן, וואָס איז טאַקע „אַ דאָקומענט לויט וועלכן״... סעניאָר פערנאַנדאָ עסיק איז זיך מתחייב צו צאָלן דעם סעניאָר סעגיסמונדאָ מילץ דעם סכום פון... אין 60 טעג אַרום...

ווי ווייט עס איז די טעאָריע פון דער פּראַקטיק! אונדזערע חכמים זענען טאַקע געווען אמתע חכמים, זיי האָבן גלייך פונאַנדערגעטיילט ביידע זאַכן: אַגדה און הלכה. דאָס זענען צוויי גאַנץ באַזונדערע ענינים און זענען זיך נישט קיין מחותנים. אפנים אַז די חז״ל האָבן טאַקע געמיינט מיט דעם אַ „פּאַגאַרע״ (וועקסל). טעאָרעטיש איז ער געשטיצט און געזיכערט און באַשירעמט דורכן

געזעץ, נאָר אין דער אמתן איז די גאַנצע זאַך נישט מער ווי אַ לעגענדע, אַן אַגדתא, אַ נעכטיקער טאָג.

עס וואָלט געווען אַ שיינער ספּעקטאַקל ווען איך קען צוזאַמענפירן אויף אַ „קאָנגרעס" אָדער אויף אַ „כינוס" דעם דאָזיקן מחבר פון דער ענציקלאָפּעדיע מיט מיין בן־עיר זלמן קאַמאַש, וואָס איז דווקא להיפּוך צו זיין נאָמען, גאָר געווען אַמאָל אַ שניידער און ער נוצט טאַקע שניידערשע ווערטלעך אין זיינע גאַנץ „קלוגע" און „פילאָסאָפישע" געדאַנקען וועגן ענין וועקסל־פאַגאַרעדאָקומענט. אַט הערט זיינס אַ מאָנאָלאָג:

— שוטה, נאַרישער באַאַמטער, שקלאַף, אייביקער אונטערפּרעסער און אונטערנייער! דו טענהסט אַז דו האָסט נישט קיין פּאָדעם, נו און איך האָב יאָ געהאַט? וועסטו דאָך פרעגן, צי איצט האָב איך יאָ געלט? וועל איך דיר ענטפערן: יאָ. ווייל כל־זמן עס זענען פאַראַן וועקסלען, וואָס מען קען זיי איבערניצעווען (פּראָלאָנגירן, מיינט ער) און פּאַרסטריגעווען נייע, ווערט מען נישט פאַרפאַלן...

איך קען נישט די גאַנצע פּראָצעדור, נאָר מענטשן דערציילן, אַז ער האָט אויף זיין לעבן נישט געזען אַ פּרוטה. אָבער אַזוי, אָן „פּאָדעם", האָט ער זיך „פּאַרסטריגעוועט" אַ הויז אין דער צפון־געגנט פון שטאָט, וווּ עס וווינען אונדזערע אייערע „אַריסטאָקראַטישע" לאַנדסלייט: יאַנקל קישקע, מענדל נאַז, צאַלקע גאָרגל, בינעם קאָלבאַס, כאַצקל הערינג, וועלוול קוימען און אַנדערע „בלויבלוטיקע", וואָס זייערע נעמען אין טעלעפאָן־בוך איז שוין נישט צו דערקענען.

און אַזוי פאָרט ער אַרום, דער זלמן קאַמאַש, מיטן שענסטן אויטאָמאָביל און אַזוי פאָרט ער אין אַלע פּליאַזשע־שטעט און אפילו קיין „עראָפּע" און „איסרול", ווען ער וויל. דאָס אַלץ אַ דאַנק דעם, וואָס וועקסלען קען מען איבערניצעווען און פּאַרסטריגעווען און אַרומשיקן, זיי זאָלן זיך גיין פון האַנט צו האַנט; פון מענטש צו מענטש; פון ייִד צו גוי און פאַרקערט; פון באַנק, אָדער קאָאָפּעראַטיוו צום אַדוואָקאַט און צוריק. ביז זיי ווערן אויף ס'ניי „פּאַרייִנגערט" אויף אַ „קורצטערמינעלע" פון לעגאַלע 6 חדשים, וואָס פאַרוואַנדלען זיך ווידער אין... אַן אייביקייט. טאַקע ווי עס זינגט

זיך אין לידל: „מיטן וואַנדער־שטאָק אין האַנט, אָן אַ היים און אָן אַ לאַנד"...

וואָס איז דאָ צו ריידן? מען דאַרף קענען ס׳פאַך. עס איז אינ־טערעסאַנט, פון דעסטוועגן, צו מאַכן אַ קליינעם סך־הכל פון די מעטאַמאָרפאָזן, וואָס דאָס וועקסל האָט דורכגעמאַכט במשך די לעצטע יאָרן אין אונדזערע מקומות.

אַמאָל, נאָך גאָר אין די אַלטע צייטן, ווען עס האָט נאָך נישט עקסיסטירט דאָס וואָרט „מאָראַל", נאָר מען האָט סתם מורא געהאַט פאַר הקדוש־ברוך־הוא, אָן שום השפּעות פון דער היינטיקער „מאָראַלעטיק" און „עטיקמאָראַל". אין יענער צייט האָט מען אַ וועקסל אויסגעשטעלט אויף אַ חודש — כ"ט אָדער ל׳ לחודש. עס ווענדט זיך וויפל טעג דער נעמלעכער חודש האָט פאַרמאָגט. שפּע־טער האָט מען גענומען אויסשטעלן אויף בימעסטערס, טרימעס־טערס — אַ האַלב יאָר. נאָך שפּעטער האָט מען גענומען אויסשטעלן אַ וועקסל אויפן זמן — אויף זומער און ווינטער; אויף ראש־השנה און פּסח, און להבדיל, אויף באַזשע־נאַראָדזעניע. ווי מען גיט אי־בער, האָט איינער אַ ייִד, אַ קונדס, אויסגעשטעלט אַ וועקסל אויפן טאָג ווען מען וועט, אם ירצה השם, באַזוכן די לבנה.

אָבער, סיי־ווי האָבן די דאַטעס קיין שום באַדייט. עס פּירט זיך אַזוי: ווען איינער באַקומט אַ וועקסל, לייגט ער אים צו צום פּעקל וועקסלען, וואָס ער האָט אין זיין רשות און שיקט זיי אַלע איבער צום אַדוואָקאַט. דער אַדוואָקאַט, פון זיין זייט, זאָגט צו איינצומאָנען (אַליין אָן אַ דאַטע). אָבער דער בעל־דבר נעמט נישט אין אַכט די הבטחה פון אַדוואָקאַט. און כאָטש ער זעט קיין מאָל נישט קיין סענט פאַר די וועקסלען, נעמט ער אָן נייע און גיט אויך וועקסלען. יענע, פון זייער זייט, טוען דאָס נעמלעכע.

עס טרעפט אָבער אַ מאָל, אַז עס גיט זיך איין אַן אַדוואָקאַט, אָדער אַן איינמאָן־ביוראָ צוצודריקן איינעם צו דער וואַנט, דעמאָלט האָט דער נוגע־בדבר נישט קיין אַנדער ברירה ווי... פאַרסטריגע־ווען נייע וועקסלעך. ווען עס ווערט שוין גאָר ענג, טרעפט אַ מאָל אַז אַזאַ פּאַרשוין נעמט און ווערט גאָר אויס ציוניסט (לויט דער דעפיניציע פון בן־גוריון וועגן דעם, ווער עס איז אַ ציוני), ער

ווערט אַ „שרעקלעכער" פּאַטריאָט פון דער „מעדינאַט איסרול", ווייל... אָבער איך וויל זיך נישט אַריינמישן אין די עסקים.

לאָמיר בעסער, לכבוד שבת, פּאַראַפראַזירן אַ יִדיש טעאַטער־לידל. דאָרט זינגט זיך אַזוי:

געסעלעך, אוי געסעלעך
געסעלעך מיט מויערן.
אייביק וועל איך, געסעלעך,
שטענדיק נאָך אייך טרויערן.

אונדזער לידל דאַרף גיין אַזוי, הגם זינגען קען מען עס מיטן זעלביקן ניגון.

וועקסעלעך, אוי וועקסעלעך
אַלטע און ניי־געבוירענע.
כ'באַוויין די וואָכן, טעג און יאָרן
אייערע פאַרלוירענע.

און האָט, רבותי, למען השם, אַ גוטן שבת.

„יידיסקיי"

אָט וועלן מיר ווייטער כאַפּן אַ שמועס וועגן ייִדיש, ייִדיש־קייט, וואָס מיר האָבן געהאַט איבערגעריסן.

מיר האָבן אָנגעהויבן וועגן ייִדישע פּראָגראַמען אין ראַדיאָ. לאָמיר פאָרזעצן.

וויל איך אייך היינט דערציילן וועגן דער צוציִונג־קראַפט און אַטראַקציע פון ידיש־לשון צווישן גוים.

שטעלט אייך פאָר, אַז אַ גויישקער אַקטיאָר, אַ זינגער, האָט גענומען און געמאַכט פאַר זיין אויפגאַבע צו פּראָפּאַגאַנדירן ייִדיש דורך אַ היגער ייִדישער ראַדיאָ־שעה.

מילא, דער גוי יאַק דער גוי, נאָר ווען איר זעט ווי דער ייִדי־שער עולם לעקט פון דעם די פינגער, וואָלט איר זיך איבערצייגט אַז „שע נע מערלאַ אוקראַינאַ" און „יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגינע־לאַ". ייִדיש לעבט נישט נאָר אין מויל פון דער אַרגענטינער ייִדי־שער יוגנט, נאָר אַפילו אין מויל פון דער אַרגענטינער גויישקער יוגנט (דער זינגער איז נאָך אַ יונגטלעכער).

אַן אַנדער פראַגע איז, וואָס פאַר אַ לעבן ייִדיש מאַכט אין אַזאַ מויל. אָט איז אַ מוסטער:

יידיסקעי, אוי, אוי, אוי ייִדיסקעי
עס סעגיי נ'אַלע ביינע, ייִדיסקעי
דאַ וויל דאַ יעדע איינע, ייִדיסקעי
אוי געוואַל ייִדיסקעי.

אַזאַ מין לידל זינגט ער, דער יונגער זינגער — אַן אמתער עק־זעמפּלאַר פון די חסידי אומות העולם פון שפּאַנישן שניט.

פרעג איך מיין שיקסע (די דינסט איז אַ שיקסע) צי זי פאַר־שטייט עפּעס אין דעם, צי איז עס עפּעס אַ נייער טאַנגאַ, סאַמבאַ, באָלעראָ. כ'ווייס, זאָגט זי, אַז דאָס דאַרף זיין בראַזיליעניש.

הייב איך אָן צו קלינגען אין די צייטונגען, אין דער „דאַיאַ", אין ועד הקהילות — איך הייב אויף אַ האַלבע שטאָט און איך ווער געוווירר אַזאַ מעשה:

דער זינגער, אַ סימפּאַטישער גוי, האָט ווייזט אויס געוואָלט זיך סאָלידאַריזירן מיט דעם „פאַרפאַלגטן" יידישן לשון, האָט ער באַשלאָסן צו פּראָפּאַגאַנדירן יידיש און „יידיסקעי".

די מעשה איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן און איך האָב באַשלאָסן, אַז ווי באַלד גויים נעמען זיך אָן אונדזער קריוודע איז דאָך טאַקע לא אלמן ישראל. מיר איז נאָר קשה, הלמאי זאָגט מיין שיקסע, אַז ער זינגט בראַזיליעניש, דאָס הייסט פּאָרטוגעזיש.

וואָס האָט צו טאָן פּאָרטוגעזיש, אַפילו קולטור־היסטאָריש גענומען, מיט יידיש לשון?

האָב איך אָפּגעוואַרט נאָך אַ זונטיק, האָב געהערט דאָס זעל־ביקע לידל „יידיסקעי" און האָב עס גענומען אַנאַליזירן מיט דער הילף פון אַלע העפטן פון „ייוואָ" וועגן דער יידישער שפּראַך אונטער דער רעדאַקציע פון יודל מאַרק. איך האָב גענומען וויינרייכס „שוואַרצע פינטעלעך", די „תקנות פון יידישן אויסלייג", אַנגעלייגט אַ שטוים מיט ביכער, ווערטערביכער, סינאָנימען און האָב אויסגעפונען, אַז דער גויטשיק האָט געזונגען אַזאַ מין סאָרט לידל, וואָס איז טאַקע אויף יידיש. נאָר אַזוי ווי די אַרגענטינער „עסן אויף" דעם לעצטן אות און זיי קענען נישט אַרויסזאָגן דעם „צ" און דעם „ש", איז ביי אים נעבעך אַרויסגעקומען פּאָרטוגעזיש. אין דער אמתן אָבער איז עס, אַ ריין און כשר יידיש לידל, וואָס צו קיין ליטעראַטור קומט עס נישט, אָבער פּראָפּאַגאַנדע פאַר יידישקייט איז עס יאָ.

אַדרבה, לייענט עס איצט, נאָך דעם ווי ס'האָט צוריק באַקומען די יידישע מראה:

> יידישקייט, אוי אוי אוי יידישקייט.
> עס צעגייט אין אַלע ביינער, יידישקייט.
> דאָס וויל דאָך יעדער איינער, יידישקייט.
> אוי געוואַלד יידישקייט.

כ'מיין, אַז מען זאָל זיין אַפילו דער אַסימילירטסטער ייִד מוז אַזאַ לידל רירן. איך זאָג נישט, אַז נאָך אַזאַ לידל וועט מען באַלד לויפן אין טעמפל, אין דער סינאַגאָגע, אין „בית הכנסת דאנשי פּו־לין" אָדער גאָר כאַפּן איבערלייענען אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים, שלום־עליכם, פּרץ און דעם זאַמלבוך פון היגן ייִדישן שרייבער־פאַראיין. אַזאַ אָפּטימיזם גרענעצט זיך מיט טפשות. אָבער פּראָפּאַגאַנדע צו נעמען עסן ייִדישע געפילטע פיש איז עס שוין דווקא יאָ.

כל התחלות קשות...

וואָס איז אַ ייִד?

עס טוט זיך איצט אַ ביסל אין דער מדינה מיט אַ קשיא, וואָס איז אַזוינס אַ ייִד? בן־גוריון האָט געשריבן צו הרב מימון, הרב מימון האָט צוריקגעשריבן. עס איז בינתיים אויסגעבראָכן אַ רעגירונג־קריזיס, מזרחי איז אַנטלאָפן פון דער רעגירונג. אַ מאָדנע זאַך מיט דער מזרחי:

צווישן די רעליגיעזע שפּילט זי אַ וועלטלעכע ראָל פון פּאָליטיקער און צווישן די נישט־רעליגיעזע שפּילט זי אַ פּאָליטישע ראָל פון רעליגיעזע.

אַזוי גייט זיך די מזרחי גאַנץ געלאַסן, באַלעבאַטיש. זי אײַלט זיך נישט. אַפילו צו דער קאָאַליציע גייט זי לאַנגזאַם. אָבער ווי נאָר מען הייבט אָן צו ריידן וועגן וואַלן — הייבט זי אָן צו לויפן. זי לויפט פון דער קאָאַליציע, זי לויפט פון דער רעגירונג, זי לויפט פון די וועלטלעכע. זי לויפט צו דער „אַגודה", זי לויפט צו דער הלכה, צום חומש, צום שולחן־ערוך, בקיצור — זי לויפט צו... וואַלן.

אָבער מיר גייען דאָ, חלילה, נישט קריטיקירן די מזרחי. יעדע פּאַרטיי האָט איר רעכט צו זיין וואָס זי וויל זיין. חוץ דעם האָבן מיר שוין געזען ערגערע פּאַרטייען ווי „מזרחי".

דאָ גייט אין גאָר אַן אַנדער זאַך. מיין לאַנדסמאַן, אַדאַלבערטאָ סומרינג (ער האָט איבערגעדרייט זיין ייִדישן נאָמען אויף שפּאַניש. אַזוי, האַלט ער, איז שענער. ער הייסט אָשר צימרינג), האָט גאָר אַן אַנדער טענה און אַן אַנדער דעפיניציע וועגן דעם, וואָס ה'איז אַזוינס אַ ייִד.

— מען דאַרף — זאָגט ער — נישט זיין קיין פּאָליטיקער, קיין חקרן, קיין ריכטער, קיין אַדוואָקאַט, קיין רב, אַפילו נישט קיין פּרעזידענט פון אַן אינסטיטוציע. עס איז אַ פּשוטע זאַך, איז עס. וואָס איז אַ ייִד? אַ שיינע מעשה. אין פּוילן איז אַ ייִד געווען אַ קבצן, אַ ייִד איז געווען אַ שטעקלדרייער, אַ מנחם־מענדל, אַ

מטופל מיט קינדער. אַ ייִד איז געווען אָן פּרנסה. ער איז געווען אָדער אַ ציוניסט, אָדער אַ בונדיסט, אָדער אַן אגודהניק, אָדער אַ פֿאָלקיסט. צום מערסטן איז אַ ייִד געווען אַ נצרך.

אלא, וועט איר פֿרעגן, ווער איז אַ ייִד אין אַמעריקע? — אויך נישט אַזוי שווער צו ענטפֿערן.

אַ ייִד איז אַ קאָנפֿעקציאָניסט. אַ ייִד טראָגט נישט קיין באָרד און פּאות. אַ ייִד איז נישט קיין קוילן־גרעבער. אַ ייִד אַרבעט זיך אַרויף. ייִד איז אָדער נאַציאָנאַל אָדער לינק. איז ער לינק — האָט ער אַ שענערן אויטאָ, איז ער רעכט — האָט ער אַ ביליקערן אויטאָ. אַ ייִד עסט נישט קיין כשר, רעדט נישט קיין ייִדיש. אַ ייִד קהלט זיך, ווערט אויסגעוויילט, ווילט אַנדערע, ווערט פּרעזידענט מאַכט אַן אַנדערן פֿאַר אוים פּרעזידענט. ווערט אוים פּרעזידענט און מאַכט אַן אַנדערן פֿאַר פּרעזידענט. אַ ייִד גייט אויף באַנקעטן, גייט צוריק פֿון באַנקעטן, מאַכט יענעם אַ באַנקעט, זעט מען זאָל מאַכן פֿאַר אים אַ באַנקעט. אַ ייִד הערט אוים דרשות, וואָס אַנדערע האַלטן, ער האַלט אַליין דרשות וואָס אַנדערע האָבן אָנגעשריבן. אַ ייִד גייט נישט אין ייִדישן טעאַטער, לייענט נישט קיין ייִדישן און קיין העברעיִשן בוך. אַ ייִד קריטיקירט אַנדערע און לאָזט נישט מען זאָל אים קריטיקירן.

כּואַן, דזשאָן, הילאַרי, אַדאַלבערטאָ, כעסוס, פּאָול, דזשיימס, ראָבערטאָ, אַנאַ, מאַריאַ, כּואַניטאַ, מאַריאַנאַ, מאַגדאַלענאַ, גרעטאַ, גיזשערמינאַ, דאָראָטי, מאַרגאַרעט, ריטאַ.

די אַלע וואָס טראָגן די דאָזיקע נעמען זענען ייִדן און ייִדענעס.

חוץ דעם איז אַ ייִד שולדיק אַ וועקסל. אַ ייִד האָט אַקציעס אין עטלעכע בענק. אַ ייִד איז אַ מיטגליד אין עטלעכע קרעדיט־קאַסעס. אַ ייִד נעמט אַ הלוואה אין איין באַנק און צאָלט אָפּ אַ הלוואה אין אַ צווייטער, ווו ער האָט גענומען אַ הלוואה צו צאָלן מאַקע אין דער ערשטער. אַ ייִד גיט ווייניק פֿאַר קאַמפּיינען, גיט ווייניק צדקה און אַז ער גיט, דאַרף מען אים געבן אַן אַנאָנס אין צייטונג, אַ באַנקעט און גענוג כּבוד.

— דאָס איז אַ ייִד?

— יאָ, דאָס איז אַ ייִד. און איך ווייס נישט פֿאַר וואָס ס'איז אַזוי שווער צו באַשטימען וואָס און ווער ס'איז אַ ייִד.

אמת, דאָס זענען נישט אַלע יידן. עס זענען דאָ אויך אַנדערע יידן, אַ סך אַנדערע יידן. אָבער די וואָס זענען דאָ אויסגערעכנט געוואָרן — זאָגט מיין לאַנדסמאַן, — זענען אַ וויכטיקער טייל פון די יידן. זיי, לכל־הפּחות, קען מען מיט פאַרמאַכטע אויגן אָנרופן יידן.

— פאַר וואָס האָסטו אויך איבערגעדרייט דיין יידישן נאָמען, אָשר, אויף אַדאַלבערטאָ, — שטעל איך אים צו דער וואַנט.

— ווייל איך בין איינער פון זיי — אויך אַ ייד.

אָט אַ משוגענער לאַנדסמאַן.

וויכטיקע גויים צו באַשיינען יידישע שמחות

— שוין נישטאָ יענע גוטע צייטן — כאַפּט מיר אָן מיין קרוב, לייזער־עליע, אין מיטן גאַס און רייסט מיר גלייך אָפּ דעם ערשטן קנאָפּ.

אַמאָל, אַז מען האָט געוואָלט באַשיינען אַ שמחה, אַ חתונה, אַ ברית, אַ שלום־זכר, אַ פדיון־הבן, אַ שבע־ברכות, — האָט מען פאַרבעטן דעם רב, דעם דיין, דעם סופר אָדער סתם אַ שיינעם ייִד. היינט זוכט מען רק אַרום אַ וויכטיקן גוי. וואָס גרעסער און וויכטיקער דער גוי — אַלץ שענער, הייסט עס, איז די שמחה. וואָס זאָגסטו אויף דעם?

בכדי צו ראַטעווען די אַנדערע קנעפּ, האָב איך באַלד צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז כ'בין מיט אים מסכים. שפּעטער, ווען איך בין געבליבן אַליין, איז מיר איינגעפאַלן, אַז מיין קרוב איז טאַקע נישט אומגערעכט. עס איז געוואָרן אַן אויסכאַפּעניש אויף וויכטיקע גויִים.

זיץ איך מיר אַזוי אין מיין ביוראָ און בין אַזוי פאַרנומען, אַז איך האָב קיין צייט נישט עפּעס צו טאָן. דער טעלעפאָן רוט נישט. קלינגט מיר אַן עסקן און ער בעט ביי מיר רחמים:

— עפּסער האָט איר — מאַכט ער, — עפּעס אַ גוטסיקל (ער איז אַ ליטוואַק), מוז נישט זיין קיין גרייסע סיסקע, אָבער ער זאָל האָבן אַ גויִישן נאָמען. מיר לייגן — זאָגט ער — דעם גרונטשטיין פאַר אונדזער נייעם בייסמעדרעס (בית־מדרש), וואָס רופט זיך „בייסמעדרעס אַנשי סליימיינו פון אונטערפּרעסער און אונטערנייער און לעכער־סלייפער ד״ר הערצל״. סיין מירצאַסעם דעם זונטיק איז די סימכע און מיר האָבן נאָך ניסט קיין גויִישן רעדנער, עפּסער האָט איר?

— ניין, איך האָב נישט.

— עפּסער פאַרט?

— איך קען אייך געבן איינעם, אָבער ער איז שטאַרק פאַר־

נ׳מען, ווייל אין דער פרי שלאָפט ער, ביי טאָג האַנדלט ער, ביי נאַכט באָקסירט ער זיך און דערנאָך גייט ער קלעפּן פלאַקאַטן. אַ גאַנץ וויכטיקער גוי. ער קען אַלע פוטבאָל-קלובן און אַלע פוטבאָל-שפּילער ביי די נעמען און די גרויסע באָקסערס מאַכט ער אויסצו-דרייען. ער לעבט זיך גאַנץ גוט מיט זיינע י־דישע קונים.

באַלד קלינגט אַ צווייטער.

— האַלאָ, האַלאָ! עס וועט ענק גאָר נישט העלפן, עץ דאַרפט נאָר וועלן, וועט עץ אינדז קענען ראַטעווען. אינדז מיו׳מאָ הובן אַ רעגירונג-מענטש אויף זינטיק (אַלץ אויף זונטיק!), ווילע אינדז מאַכן מאָ׳ די זילבאַנע חתונה פון אונדזאָ פּרעזידענט אַלבערטאָ קישקע און עיער האָט אָנגעזוגט, אַז אויב אינדזאָ לאַנדסלאַט-פאַר-איין פון אַמבולאַנטן און קווענטעניקעס* „בעל שם־טוב הגדול" וועט נישט הובן צי דעיער „פּיעסטע" אַ וויכטיקן גוי, קימט עיע נ׳ט צי קאָ שמחה. גיט אַן עצה, וואָס טי׳ען מאָ אינדז?

— איך האָב פאַר אייך אַ גוי — מאַך איך — מיט אַן אוני-פאָרעם. ער האָט אַ פיינע מצבה. הויך, שלאַנק, מיט שוואַרצע וואָנסעלעך און אַ שוואַרצן קאָפּ האָר. ער פאַרקויפט קאַראַמעלקעס אין קינאָ, שרייבט קיניעלעס** ווי אויך פערדלעך.*** ער האָט אַ פּיסק צום ריידן און איבערצורייידן... מיידלעך.

יידן, אַ געלעכטער אין אַ זייט. עס איז געוואָרן אַן אויסריי-סעניש אויף וויכטיקע גויים. ווי אַן אינסטיטוציעלע, ווי אַ פאַר-איינדל, ווי עפּעס אַ שטיקל חנוכת־הבית, כ׳ווייס — מ׳האָט רע-מאָנטירט אַ געביידע, אויסגעקערט די צימערן, געוואַשן די פּאָד-לאָגעס — מוז מען היינט האָבן אַ גוי, ער זאָל באַשיינען די שמחה. דאָ רעדט זיך דאָך נישט ווען עס איז טאַקע נייטיק עס זאָל קומען אַ וויכטיקער פּאָליטיקער מיט אַ פּראָגראַמאַטישער רעדע, מיט אַ גוט לייטיש וואָרט. אָבער אַ סך מאָל טרעפט זיך, אַז אַ גוי קומט און דרייט איבער דאָס גאַנצע טעפּל.

מען דערציילט, אַז אַמאָל, ווען אַ היגע צייטונג האָט באַנייט איר בנין אויף דער קאָריענטעס־גאַס, זענען איינגעלאַדן געוואָרן

---

* פּעדלערס; ** פאַרבאָטענע לאָטעריע־שפּיל; *** געוועטן צו פערד־געיעגן.

זויכטיקע גויִים פון ציַיטונגען. אַזוי ווי קיין משקה האָט נישט גע־פעלט און גוטע משקה דווקא, זענען די „ברידערלעך פון סטעפּ" געוואָרן אַ ביסל בגילופין. ווען איינער האָט גענומען דאָס וואָרט צו באַגריסן (עס איז פּונקט געווען אין דער צייט פון דער נאָבילע־עקספּעדיציע, וואָס דער רוסישער אײַזברעכער „קראַסין" האָט זי געראַטעוועט). האָט ער אַוועקגעלייגט אַ לויבגעזאַנג פאַר די רוסן („רוסאָס") וואָס האָבן געראַטעוועט די עקספּעדיציע אויפן נאָרד־פּאָל; וואָס האָבן אַזאַ גוטע שיף מיט העלדישע מאַטראָסן און זיי האָבן איצט אויפגעבויט אַ נייע געביידע פאַר אַ יידישער ציַיטונג. ער באַגריסט דאָס רוסישע פאָלק וואָס האָט אַרויסגע־געבן אַ משה רבנו, אַ טאָלסטאָי, אַן אַלבערט איינשטיין און אַ מאַקסים גאָרקי...

מילא, דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען „רוסאָס" און „כור־דיאָס" (רוסן און יידן) זענען ביי זיי געווען היינו־הך. היינט ווייסן זיי שוין.

אַ צווייטער גוי, ווידער, איז פאַרבעטן געוואָרן אַמאָל דורך אַ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט דעמאָלט געזאַמלט חתי־מות צו שיקן אַ פּעטיציע צו דער ענגלישער מאַנדאַטן־מאַכט. דער גוי, נעבעך, האָט נישט געוווּסט וועך עס האָט אים געשלייערט און ער האָט אַוועקגעלייגט אַ דרשה קעגן פּעטיציעס, קעגן פּאַ־פּירן. „פּאַפּיר — האָט ער געטענהט, — איז ווייך און אַז מען צינדט עס אָן גייט עס אַוועק מיטן רויך, מעשים דאַרף מען, בויען, אַר־בעטן".

בקיצור, ער האָט גערעדט ווי אַ חלוץ ר"ל און האָט קאַ־ליע געמאַכט דעם גאַנצן אָוונט און די אונטערשריפטן און — אוים פּעטיציע.

איז אפשר האָט איר עפּעס אַ גוטשיק אין גלייכן געלט?

אַ תיקון טעות

איך ווינטש עס נישט קיין שונא, וואָס אַ דרוקפעלער קען אַ מאָל אָנמאַכן. גרויסע טראַגעדיעס זענען שוין פאָרגעקומען צוליב דרוקפעלערן. גאַנצע ביכער וואָלט מען געקענט באַשרייבן צוליב אָט-דער פאַטאַליטעט, וואָס איז אַ פּראָדוקט פון דעם זעצערס שטימונגען און פון דעם קאָרעקטאָרס נאָכלאָזיקייט.

עס האָט שוין אַמאָל געזאָגט דער גרויסער יידישער הומאָ־ריסט, יוסף טונקל, אַז ווער עס שטאַרבט פון אַ האַרצפעלער, ער האָט שטאַרבן פון אַ דרוק-פעלער.

מילא, אַז עס ווערן פאַרביטן די אותיות און אָנשטאָט אַ „נ" קומט אַרויס אַ „ג" איז עס נישט קיין נייעס. עס געשעט דעמאָלט, אַז אַ ייִד לייענט אָנשטאָט „פעדאַגאָגיק" פעדאַנאָגיק, אָדער גאָר פעדאַגאָניק.

איינער האָט אַ מאָל געזוכט חדשים-לאַנג דעם באַטייט פון דעם וואָרט „אַגאַלאָניע" און קיינער האָט עס נישט געוווּסט. ביז מען האָט זיך געכאַפּט, אַז מען דאַרף איבערשטעלן דעם גימל מיטן נון, וועט מען עס לייענען אַנאַלאָגיע.

איך בעט נאָר דעם גאָט וואָס באַשיצט די זעצערס פון פעלערן, ער זאָל פאַרהיטן, עס זאָל נישט געשען אַזאַ נס און דער זעצער זאָל, חלילה, די פעלערהאַפטע ווערטער נישט אויסזעצן ווי מען דאַרף זיי לייענען אין דער אמתן, ווייל דעמאָלט ווערט פאַרלוירן דער וויץ פון דער זאַך און עס ווערט אַ טרויעריקער עסק.

בקיצור, די פעלערן זענען אַן ערנסטער ענין, אָבער נאָך ער־גער זענען די תקוני-טעותן. קודם-כל איז אַך און ווײ, אַז מען דאַרף שוין מאַכן אַ תיקון-טעות. דאָס מיינט לייגן אַ לאַטע און ערשט די לאַטע קען עקסטרע זיין צעריסן. ווייל עס טרעפט אין ס'רוב פאַלן, אַז דער תיקון-טעות קומט ערשט אַרויס מיט די סאַמאַ־ראָדנע, ערשטראַנגיקע און אויסטערלישע גרייזן, וואָס אַזוינס קען מען זיך גאָר נישט פאָרשטעלן.

אַט, למשל, איז געשען אַ פאַל. עס איז אַרויס אין צייטונג אַזאַ מין אומשולדיקער נאָטיץ:

„...דער פּרעזידענט דאָן עוכעניאָ שרויפּנצ׳ער האָט געגעבן אַ הונדערטער פאַר פילאַנטראָפּישע צוועקן...".

האָט דער פּרעזידענט דאָן עוכעניאָ שרויפּנצ׳ער זיך אָנגע־צונדן צוליב צוויי מאָטיוון: 1) ער הייסט נישט, זאָגט ער, שרויפּנ־צ׳ער, נאָר סראָופענסיער, מיטן אַקצענט אויפן לעצטן טראָף, כדי עס זאָל קלינגען מער לאַטייניש, זאָל עס קלינגען; 2) מען דאַרף נישט, זאָגט ער, שרייבן „געגעבן אַ הונדערטער", נאָר „געגעבן די סומע פון 100 פּעזעס, וואָס זאָל פאַרווענדט ווערן אויף פילאַנטראָ־פּישע צוועקן". אַזוי האָט ער געהייסן טאַקע דעם טעכנישן סעקרע־טאַר מאַכן אַ תיקון־טעות אין אַלע צייטונגען. וואָס זאָל איך אייך דאָ דערציילן? אין דער צייטונג איז אַרויס אַזאַ מין תיקון־טעות:

„...דער סראָוף־פּרעזידענט צ׳ער עוכעניאָ האָט באַקומען אַ הונדערטער צוליב צוועקן פון פּילאַנטראָפּיע...".

וואָס דאָרט האָט זיך געטאָן דאַרף איך דאָ נישט שילדערן און נישט דערציילן. דער טעכנישער סעקרעטאַר איז געפלויגן, די צייטונג האָט ער אָפּגעשטעלט, ער האָט רעזיגנירט פון זיין אַמט און געבעטן צוריק דעם הונדערטער.

פון דעסטוועגן זענען פאַראַן אַ מאָל פאַלן, ווען אַ תיקון־טעות ווערט אָפּגעדרוקט אַזוי ווי אין אָריגינאַל. אָבער קאָמיש איז ער ביי־ווי. אָט אַנומלט איז דערשינען אין אַ היגער צייטונג, שוואַרץ אויף וויים (מיר קענען אָנווייזן גענוי די דאַטע און די צייטונג) אַזאַ מין תיקון־טעות (מיר בייטן נאָר דעם נאָמען).

„...אין דער צייטונג (דעם און דעם), איז אַרויס אַ נאָטיץ (פון דער און דער סאָסיעדאַד), אַז עס איז באַערט געוואָרן מיט אַ באַנ־קעט דער עקס־סעקרעטאַר דאָן אַנטאָניאָ קליסקע. ווילן מיר דאָ פעסטשטעלן אַז עס איז געשען אַ טעות און מיר ווילן אים פאַרריכטן. עס איז נישט געווען פאַרן עקס־סעקרעטאַר, נאָר עס דאַרף זיין — פאַרן חשובן עקס־קאַסיר. זאָל דערמיט פאַרריכט ווערן דער ביי־טערער טעות...".

דער דאָזיקער תיקון־טעות האָט חרוב געמאַכט דעם גאַנצן פֿאַראיין. אָבער דאָ איז סיי דער זעצער און סיי דער קאָרעקטאָר גאָט די נשמה שולדיק. די שולד פֿאַלט אין גאַנצן אויף דעם נאָטיצן־שרייבער פֿון פֿאַראיין, וואָס איז, במחילה, אַ שטיקל אונטערלעקער.

אַזוי ווי אין דעם ערשטן נאָטיץ האָט ער געשריבן נאָר „עקס־בעקרעטאַר, אַנטאָניאָ קליסקע”, האָט ער נאָר געוואָלט מאַכן אַ תיקון־טעות און צושרייבן דאָס אַזוי דאָ פּאָפּולערע וואָרט „חשובער עקס־סעקרעטאַר אַנטאָניאָ קליסקע”, פּונקט ווי דאָס וואָרט „חשו־בער” וועט בכוח זיין צו פֿאַרוואַנדלען די **קליסקע** אין **לאָקש.**

מעשה שטן, אַזוי שרייבנדיק האָט ער זיך פֿאַרהאַקט און אָנ־שטאָט עקס־סעקרעטאַר איז אים אַרויסגעקומען עקס־קאַסיר און דערצו נאָך „חשובער עקס־קאַסיר”, וואָס איז שווין פֿון לאַנג אַנט־לאָפֿן צוליב נישט קיין „חשובער” זאַך.

דער אָרעמער נאָטיצן־שרייבער האָט פֿאַרלוירן זיין שטעלע און האָט בכלל אויפֿגעהערט צו באַנוצן דאָס וואָרט **חשובער.** דער פֿאַראיין האָט זיך געשפּאָלטן אין צווייען און ביידע האַלטן ביים אונטערגיין, ווי אַ צעבראָכענע שיף אין צעברויזטע וואַסערן.

נו, וואָס איז נאָך דאָ צו ריידן? איך, פֿון מיין זייט, האָב באַ־שלאָסן, אַז איך פֿאַרריכט נישט קיין פֿעלערן. אַרויס שלעכט — פֿאַרפֿאַלן. נאָר נישט קיין תיקון־טעות.

האָט מיר אַ גוטן תמיד און זייט באַהיט פֿאַר דרוק־פֿעלערן און תיקון־טעותן.

שפּאַניש פאַר העברעיסטן

יאָ, מיינע ליבע פריינד און פריינדינעס. אַלץ האָט אַ גרענעץ, אַלץ. כבוד האָט אַ גרענעץ, דרשות האָבן אַ גרענעץ (דער גרעס־טער נודניק מוז אַמאָל ענדיקן), אַפילו ישראל, אונדזער לענדעלע, „ארצנו הקטנטונת", מיט אירע „אומענדלעכע" גרענעצן — האָט אויך אַ גרענעץ. אָבער מיר, יידן, ווייסן נישט פון קיין גרענעץ. אַלץ איז מיט דער פולער מאָס. מאַכט מען עמיצן אַ באַנקעט — איז אויב איר קומט אָפּ מיט אַ צוואַנציק רעדעס, האָט איר גע־כאַפּט אַ מציאה. באַגריסט מען אַ גאַסט — איז אויב איר האָט אָפּ־געציילט נישט מער ווי 60־70 מאָל דאָס טייערע און אַזוי „וויניק־געגנוצטע" וואָרט „דער חשובער גאַסט" — האָט איר זיכער פאַר־ציילט און דורכגעלאָזט אַ 10־20 מאָל. אַלע פּרעזידענטן, וואָקאַלן,* סעקרעטאַרן, פּראָ־סעקרעטאַרן,** סינדיקאָס,*** קאַסירן, פּראָ־קאַ־סירן אין אונדזערע אינסטיטוציעס זענען שטיקער ציצעראָס, האַל־בע זשאַן זשאָרעסעס, דיזראַעלים, לאַסאַלס. אדרבא, כאַפּט אַ קוק אין די באַריכטן פון די צייטונגען:

„דער פּרעזידענט פון „בני ישראל אַטשים ראַטשמאַנים"****‏ (אחים רחמנים) האָט עקספּאַנירט וועגן דער נייער וואָך פון אַלטן מיטגליד"...

„דער סינדיקאָ פון דער נאַציאָנאַלער קרעדיט־קאַסע „פּיאָדאָר שאַליאַפּין" האָט אָפּגעהאַלטן אַ צוויי־שעהדיקע רעדע וועגן דעם רעמאָנט פון דער נייער געביידע"...

„דער טריבון וועלוול ספּודניצע, פון פאַראיין שעלקע־מאַכערס „עמע עמע סעפאָרים*****‏ (מענדעלע מוכר ספרים) האָט געהאַלטן אַ פאָרטראַג וועגן כאָטאַ ענע ביאַליק"...******

---

* פאַרוואַלטונג־מיטגלידער. ** פּראָ מיינט סוב אָדער מיט.

*** חשבון־רעווידירערס.

**** דער קלאַנג ח, כ — לייענט זיך אויף שפּאַניש טש. ***** עם (מ) זאָגט מען אויף שפּאַניש עמע. ****** דעם איניציאַל פון חיים שרייבט מען אויף שפּאַניש מיט מי אַ יאָט, אויף שפּאַניש — כאָטאַ; ען (נ) איז ענע.

בקיצור — מען עקספּאַנירט, מען רעדט, מען האַלט פּאָר־טראַגן, מען דרשנט און קיינער פאַרהאַקט זיך נישט, ביי אַלעמען גייט עס גלאַטיק. מען איז אַ טריבון, אַ רעדנער, אַ בעל־דרשן, אַ לעקטאָר. אַלע ריידן אינטערעסאַנט, מיט פּאַטאָס, באַלערנדיק און אַ מאָדנע זאַך:

„אַלע זענען וואַרעם אַפּלאָדירט געוואָרן מיט הייסע אַפּלאָ־דיסמענטן"...

יאָ, מיינע ליבע פריינד און פריינדינעס, ווי עס קריסטלט זיך אַזוי ייִדלט זיך און ווי עס עלטערט זיך אַזוי ייִנגערט זיך.

חברה יוגנטלעכע האָבן זיך גענומען לערנען העברעיִש. זייער פיין און גוט. איז אויב העברעיִש, ווערט דער גאַנצער שפּאַניש זייערער העברעיִזירט. אַדרבה, נאַט אייך און לייענט אַ שפּאַנישן נאָטיץ. יעדער העברעער וואָס קען לייענען לאַטיינישע אותיות, וועט אים פאַרשטיין. ער דאַרף נאָר וויסן, אַז אַ „יאָט" J לייענט זיך ווי אַ „כאַ" און אַז די „האַ" H ליגט אין שפּאַניש אין קימפעט, עס איז נישט מער ווי אַ דעקאָראַציע און מען דאַרף זיך נישט אָנשטרענגען ווי, למשל, אין ענגליש, אין פּויליש און העברעיִש זי אַרויסצוזאָגן. דאָס איז אַלץ.

אָט־דאָ איז אַ מוסטער:

"El javer Moshé dió din vejeschbon de sus bikurim en los snifim de la Tenuah, de sus sijót para los tzofim, mitnadvim y bogrim. La mazkirut y la guizbarut de la Hanhaga Haraschit se reunieron en una aseifá iniciando el vikuaj acerca de los moschavót kaitz, del meschek en la hajschará y del nuevo garín aliá. Todas las schjavót beguil mevugar de casi todos los kinim hacen hajanót y preparan las kupot para ayudar con sus tmijót y trumót para las majanót...".

מיר דאַרפן נאָר צוגעבן, אַז „גוע" לייענט זיך אין שפּאַניש ווי „גע" און אַז מען דאַרף קוועטשן אויפן טראָף, ווו עס געפינט זיך

אַן אַקצענט און איטלעכער העברעיִש־לייענער, ווו ער זאָל זיך נישט געפינען, וועט עס לייענען ווי אַ וואַסער. די פראַגע איז נאָר, וואָס זאָלן טאָן די שפּאַניאָלן און די אַלע בירגער פון די צוויי צענדליק לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער און קובאַ? ווי אַזוי זאָלן זיי פאַרשטיין דעם שפּאַניש?

פון דעסטוועגן איז עס אינטערעסאַנט.

מתנות

אַט קומט איר און איר דערציילט אַ מעשה — מתנות.

איך האָב אַ לאַנדסמאַן, האָט ער שאַכטלען פון באָמבאָנעס. אַז ער דאַרף גיין אויף אַ באַזוך, ווו ער איז פאַרבעטן, גיט ער אַ פּילאָן אַ שאַכטל מיט אַ פּאָר באָמבאָנעס, און האָט שוין אַ מתנה.

איין מאָל, ווען מען האָט אויפגעגעסן די באָמבאָנעס, האָט איינער פון די געסט, אַזוי שפּילנדיק זיך מיטן שאַכטל, אויפגעהויבן דאָס לעצטע פּאַפּירל און האָט אָפגעדעקט דעם דנאָ, ווו עס איז געווען אַזאַ מין אויפשריפט אין שפּאַניש:

„באַסעפינאַ, ווען דו וועסט שוין האָבן אויפגעגעסן אַלע באָמבאָנעס און דיין גומען, דיין צונג, דיין האַלדז וועלן זיך צעגיין אין זיסקייט, וועל איך ליגן אַ טויטער פון דער קויל וואָס איך האָב מיך אַריינגעשאָסן אויס אייביקער ליבע צו דיין חברטע מאַריאַ, וואָס איך האָב זי נישט געקענט דערגרייכן. גיב עס איר איבער, פון מיר עדמונדאָ לאָפּעז".

וואָס עס האָט זיך דאָרטן געטאָן, דאַרף איך אייך נישט דערציילן. פון דעמאָלט אָן קויפט מיין לאַנדסמאַן באָמבאָנעס מיט אַ באָמבאָניערקע צוזאַמען, אויס איינשפּאָרעכצן!

אַ צווייטער ייִד, דווקא אַ כלל־טוער, איז אַמאָל געווען פאַרבעטן צו אַ הויכגעשטעלטער געזעלשאַפט, נישט מחמת זיין שיין פּנים אָדער זיין קענען לערנען (צו וואָס דאַרף עס אַ כלל־טוער?), נאָר פּשוט דערפאַר, ווייל ער האָט פאַרטראַטן אַן אינסטיטוציע (וואָס פאַר אַן אינסטיטוציע, אַזאַ פאַרשטייער!).

וואָס זשע מיינט איר האָט ער געטאָן?

הערט אַן איינפאַל. מען האָט אים אַמאָל געשענקט אַ פלעשל גוטן פראַנצויזישן וויין, איז אַט דעם וויין האָט מען אויסגעטרונקען ביי אַ פּאַסיקער געלעגנהייט און דאָס פלעשל איז פאַרבליבן אין אַ גוטן צושטאַנד. נעמט ער, דער ייִד, גייט אַריין אין שפּייזקראָם און קויפט אַ טשייניק וויין (אַ ביסל אַ בעסערן ווי דער

פראַסטער), גיסט אַן דאָס פראַנצויזישע פלעשל, פאַרמאַכט עס מיט אַ גוטן קאָרק, פאַרקלעפּט מיט אַ באַנדעראָל פון פּאַפּיראָסן און ברענגט עס צו טראָגן אויף דער שמחה.

ער האָט געהאַט אַ בעסער מזל ווי יענער, מחמת דאָ האָבן זיך צופעליק נישט געפונען קיין גרויסע מבינים און ווער עס האָט גענומען אַ ביסל ווײַן, האָט פריִער פאַרקרימט דאָס פּנים, דערנאָך אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער צונג און צום סוף אַ מאַך געטאָן מיט די אויגן, ווי אײנער זאָגט: „אַ גוט ביסל פראַנצויזישע סחורה".

האָט זיך דאָרט געפונען אַ שנײַדער, וואָס האָט געלעבט עטלעכע יאָר אין פראַנקרײַך. פאַרגלוסט אים זיך צו שפּילן מיטן פלעשל (אַ צײכן פון „גוטער דערציִונג") און ער לײענט איבער די עטיקעטע:

„ווין בלאַנש".

— אוי — מאַכט ער — דאָ שטײט אַז עס איז ווײַסער ווײַן און אינעווײניק געפינט זיך רויטער טיש-ווײַן!

עס איז געוואָרן אַ בהלה, מען האָט שוין גענומען לײענען דעם באַנדעראָל, ווו עס האָט זיך געפונען אַן אויפשריפט אויף שפּאַניש:

„10 פּאַפּיראָסן — שטײער 20 פּראָצענט".

פון דעמאָלט אָן קויפט שוין דער ייִד ווײַן צוזאַמען מיטן פלעשל, אָדער ער קויפט בכלל קיין ווײַן נישט.

אַנטקעגן וואָס מײנט איר, רבותי, האָב איך זיך גענומען צו דער טעמע? איך האָב זי שוין לאַנג געוואָלט באַהאַנדלען און געוואַרט אויף אַ שעת-הכושר, וואָס איז טאַקע איצט געקומען.

איך גײ ממש אַרום אויפגערעגט און ווען איך זאָל חלילה זײַן פאַרבעטן איצט צו האַלטן אַ רעפעראַט וועגן דערציִונג, וואָלט איך געזאָגט, אַז אונדזערע ייִדן (נישט אַלע ייִדן), די וואָס שטופּן זיך אומעטום און די וואָס שטופּן זיך זענען דווקא די אומדערצויגנסטע. אַזוי וואָלט איך געזאָגט ווען איך דאַרף רײדן וועגן דערציִונג אין אַן אויפגערעגטן מאָמענט.

אַדרבה, הערט אַ מעשה: איך האָב אַ באַקאַנטע גויה, האָט זי געהערט אַז עס קומט פאָר אַ מיטינג אין „לונאַ-פּאַרק", ווו עס קומען 30-20 טויזנט ייִדן (גויִים זאָגן — 60 טויזנט, ייִדישע לינקע זאָגן — 6.500) און אַז עס וועט זײַן די פּרוּו פון ערשטן פּרעזידענט

פון ישראל; אַ מיניסטער מיט זיין פרוי פון ישראל; דער מיניסטער פון ישראל אין אַרגענטינע מיט זיין פרוי; די אַנדערע דיפּלאָמאַטן מיט זייערע ווייבער. האָט זי באַשלאָסן, זי וויל גיין. האָב איך זי מיטגענומען.

שפּעטער האָט זי מיר געגעבן אַ גוייִשקע לעקציע, אַז דאָס פּנים האָט מיר געפלאַמט פון בושה, נישט אַזוי וועגן דעם וואָס זי האָט מיר געזאָגט, נאָר הלמאי גיט זי מיר לעקציעס! און דער עיקר בין איך געווען אין כעס, וואָס זי איז געווען גערעכט. די גאַנצע מעשה האָט זיך גענומען פון די בלומען.

— וואָס הייסט — פאַלט זי אָן אויף מיר, פּונקט ווי איך זאָל זיין דער שולדיקער אין דעם, — מען ברענגט איין בוקעטל בלומען נאָר פאַר דער סעניאָראַ דאָקטאָראַ ווייצמאַן און מען ברענגט נישט — זאָגט זי — נאָך צוויי בוקעטן פאַר דער סעניאָראַ פון ישראל־מיניסטער און פאַר דער סעניאָראַ פון אייער מיניסטער, וואָס וווינט מיט אייך אין אַרגענטינע?

איר הערט אַ לשון? וואַרט אויף, איר זענט נאָך נישט פאַר־טיק. אַז זי האָט געזען אַז מען ברענגט אַרויף אויף דער בינע עפּעס אַ פּושקע (איך ווייס נישט, צי פון צוקער, צי פון טאַ־באַק, נאָר עס האָט עפּעס אַ מגן־דוד — אָן דעם גייט עס נישט) און מען הייסט עס איבערגעבן דעם פּרעזידענט פון כנסת אין יש־ראל. איז זי געוואָרן מלא רציחה, די גויעשקע יוכע האָט זיך אין איר צעקאָכט:

— עס איז אַ חרפּה מען זאָל איין גאַסט הייסן איבערגעבן אַ צווייטן אַ מתנה. וואָס איז ער אַ שיק־ייִנגל, אַ פּאָרט־טרעגער? מען זאָגט אַז איר זענט אַן אינטעליגענט פאָלק, ווי זשע קומט עס איר זאָלט מאַכן אַזעלכע „באַרבאַרידאַדעס"?

עס האָט זיך מיר פאַרגלוסט מיטצונעמען אַ גוי, האָב איך גע־האַט דעם ריכטיקן אָפּשניט. דערפאַר בין איך אַזוי אויפגערעגט, הוויל פון מיר רעדט אַרויס די גויקע מיט אירע נאַרישע מאַנירן. מער ליגט איר נישט אין קאָפּ ווי אַזעלכע מעשיות. דאָ גייט אָן אַ קאַמפּיין. ייִדן קומען, ייִדן לויפן, ייִדן אַפּלאַדירן, שטעלן זיך אויף, זעצן זיך אַנידער. ייִדן פייערן יום־העצמאות, ייִדן זענען פאַרנומען,

גיט זי מיר דערציילן אַ מעשה מיט בלומען, מיט אַ מתנה פון אַ פּושקע. אָט אַ נאַרישע גויקע!

שפּעטער האָב איך געפּרוּווט אויספאָרשן דעם ענין און קיי־נער האָט נישט געוווּסט ווער עס זענען די בעלי־דבר פון דער פּושקע מיטן מגן־דוד.

בלית ברירה האָב איך פאַרעפנטלעכט דעם ווייטערדיקן אַנאָנס:

„די אַלע וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער מתנה פון דער פּושקע מיטן מגן־דוד ווערן געבעטן צו באַשטימען זייער פאָרשטייער, וואָס קען זיך מעלדן אין דער רעדאַקציע, ווו מען וועט אים געבן אַ פּרייז פאַר עטיק, עסטעטיק און פאַר דערפינדערישקייט".

קיינער האָט זיך נישט געיאָווועט אָפּצונעמען די פּרעמיע.

אינטעלעקטואַלן

— געהערט פון אַזאַ וואָרט?

— געהערט, וואָסי?

— וואָס הייסט ביי אייך אַן אינטעלעקטואַל?

— וואָס הייסט, וואָס הייסט? אַן אינטעלעקטואַל איז אַ מענטש מיט אַ סך וויסן, מיט ערודיציע, אַ וויסנשאַפטמאַן, אַ היסטאָריקער, אַ ליטעראַטור-קענער, אַ סאָציאָלאָג, אַ פאָרשער. וואָס איז דאָ צו ריידן? — אַן אינטעלעקטואַל איז אַן אינטעלעקטועלער.

— אַזוי? אַזוי זאָגסטו? נו, און אַ ציין-דאָקטער איז נישט קיין אינטעלעקטואַל? אַן „עסקריבאַנאָ”, אָדער ווי מען האָט עס ביי אונדז גערופן — אַ נאָטאַריוס, וואָס איז? פון אַן אַדוואָקאַט איז דאָך שוין אָפּגערעדט. אַ פאַרמאַצעווט, אַ כעמיקער, אַן אַרכיטעקט, אַ זשורנאַליסט — זיי אַלע הייסן דאָך אינטעלעקטואַלן. שאַ, וואָס דאַרפסטו מער? אַז איינער האַלט אַ רעדע אויף שפּאַניש, שרייבט מען וועגן אים, אַז דער און דער אינטעלעקטואַל האָט געהאַלטן אַ רעדע.

אָט-דער שמועס איז פאָרגעקומען צווישן מיר און מיין יוגנט-חבר, אַ געוועזענער געבראָטענער קאָמוניסט, וואָס איז געזעסן אין אַלע פּוילישע טורמעס, אַן אויסגערוויכערטע ליולקע, וואָס קיינער מאַכט נישט אויף אים קיין איינדרוק. היינט איז ער אַ רייכער סוחר, האָט אין קעשענע אַ ביכל טשעקן, וואָס ער פּאָכעט מיט דעם ביי יעדער געלעגנהייט און וועגן קאָמוניסטן וויל ער אַפילו נישט הערן. אָבער ער זאָגט פון מאָל צו מאָל גרויסע אמתן. איך האָב אים ליב צו לאָזן ריידן און איך הער. זיצן מיר ביי אַ קאַווע און ער שיט איינס נאָכן אַנדערן.

— פאַרשטייסט, אַ לענדעלע דאָ ביי אייך (אין דעם לענדעלע איז ער געוואָרן אַ גביר און איך בין געבליבן אַ פּענטאַק, אָבער ביי נעגאַטיווע זאַכן איז דאָס לענדעלע מיינס, נישט זיינס): די

ייִדן זענען דאָך פּראָווינצער; לעקן די פינגער פון יעדן איינעם וועד עס קומט נאָר אַראָפּ פון אויסלאַנד, אָדער ער האָט נאָך עפּעס אַ שטיקל דאָקטער־טיטל און ער רעדט שפּאַניש. מילא, ס׳איז נישט מיין דאגה צי ער קען יאָ מעדיצין, צי נישט; צי ער רייסט גוט אַ צאָן אָדער שלעכט; צי בויט ער גוט אַ הויז אָדער נישט אַזוי גוט; צי קען ער צוגרייטן אַ רפואה, צי קען ער נישט; צי האָט ער רעכט צו פאַרקויפן רעצעפּטן צי האָט ער נישט קיין רעכט; צי שרייבט ער אָן אַ נאָטיץ אין צייטונג, אָדער שרייבט אַמאָל אָן אַרטיקעלע; צי איז ער אַ רעדנער, צי ער פּלאַפּלט. אָבער איך בעט דיר, זאָג מיר, וואָס האָט עס צו טאָן מיט אינטעלעקטואַליזם? אַדרבה, זאָג מיר.

— איך ווייס טאַקע נישט — וואַרף איך אַריין אַ וואָרט.

— דו ווייסט נישט, אָבער איך ווייס. אָט, נעם אַ דאָקטער. ער האָט געלערנט ווי אַזוי צו היילן אַ מענטש — גוט. אַ צייןדאָקטער האָט זיך אויסגעלערנט רייסן ציין, רייסט ער; אַן אויגן־דאָקטער פאַרשרייבט ברילן, פאַרשרייבט ער; אַן אַדוואָקאַט קען דיר מאַכן אַ פּאַספּאָרט, מאַכט ער; אַן אינזשעניער שטעלט אויף הייזער, שטעלט ער; אַ כעמיקער מישט פּראָשקעס, מישט ער. איז וואָס איז די גדולה? לאָמיר עס ביידע מאַכן אויף אַ צעטעלע, וויפל דאָקטוירים זענען מער פאַבריקאַנטן ווי דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן מער סוחרים ווי אַדוואָקאַטן און אינזשעניערן מער הענדלער פון הייזער ווי אינזשעניערן. אָבער דאָס איז נישט מיין עסק. איך פרעג נאָר, הלמאי ווערט אַ ליאַדע פאַרמאַצעווטל טיטולירט ווי אַן אינטעלעקטואַל, בשעת ער האָט אויף זיין לעבן נישט איבערגעלייענט אַ בוך; קען נישט אַ וואָרט ליטעראַטור, אַפילו קיין שפּאַנישע; פייפט אויף וועלט־געשיכטע, אויף סאָציאָלאָגיע, אויף וועלט־פּראָבלעמען. זיי ליגן אים אַפילו נישט אין דער לינקער פּאה; ער איז אַ גוטער בעל־מלאכה ביי זיין פאַך.

— נו, יאָ — מאַך איך, זיי זענען דאָך אָבער אוניווערסיטאַריער.

— און אַז אוניווערסיטאַריער, איז וואָס? האָסט נישט געזען קיין אוניווערסיטאַריער וואָס זענען גרויסע גויִים אין גאַנץ פּשוטע זאַכן, וואָס אַ סך נישט־אוניווערסיטאַריער ווייסן יאָ?

— שוין געזען אַזעלכע אויך, דעריבער?

— דעריבער וויל איך דיר זאָגן, אַז מען דאַרף נישט צופיל איבערטרייבן. גוט, פאַרנעמען זיי זיך מיט דער מענטשלעכער מאַשין: היילן, לייגן לאַטעס אויפן געזונט. עס איז שוין אַך און ווי, אַז מען דאַרף אָנקומען צום דאָקטער. חוץ דעם — מיט וואָס איז אַ מענטש וויכטיקער פון אַ מאַשין? האַלסטו טאַקע, אַז אַרויס־צורייסן אַ צאָן מוז מען זיין אַן אינטעלעקטואַל? און אומגיין, לאָמיר זאָגן, מיט אַזאַ קאָמפּליצירטע מאַשין ווי אַ ראָטאַטיווע, וואָס מען לייגט אַהין אַריין אַ ראָל פּאַפּיר און עס קומט אַרויס אַ געקנייטשטע צייטונג, פאַרטיק צום לייענען, איז מען נישט מער ווי אַ פּשוטער אַרבעטער, אַ פּראָלעטאַריער, אַ מאַשיניסט? דו האָסט שוין געהערט זאָגן אויף דעם בעסטן מאַשיניסט, אַז ער איז אַן אינטעלעקטואַל? וואָס? נאָך נישט, האַ? איך אויך נישט.

— דאָס איז פיזישע אַרבעט — שטעל איך איין דאָס לעבן אַריינצווואַרפן אַ וואָרט — און יענע האָבן צו טאָן מיט מענטש־לעכע לעבנס.

— איך גלייב דיר נישט אַ וואָרט — ווערט ער אין כעס — דו זאָגסט אויך נאָך די זעלביקע נאַרישקייטן? מענטש, שמענטש, אַ גרויסע מציאה! 700 מיליאָן כינעזער, 400 מיליאָן אינדוער, 200 מיליאָן רוסן, אַ מיליאָן שקלאַפן אין די רוסישע לאַגערן. אין איין מלחמה גיט מען אַ לייג אַוועק מיליאָנען און דערנאָך קומט אַ דאָק־טער און גיט אַ מענטש אַ ביסל רפואות, ער זאָל זיך מאַטערן אַ פּאָר יאָר. לאָז מיך געמאַך — מענטשן! דו געדענקסט ביי אונדז אין שטעטל דעם בעל־עגלה, יאָס? אַ פּראָסטער חי־וקים געווען. נישט קיין כינעזער, נישט קיין אינדוער — אַ ייִד. פלעגט ער זאָגן, אַז „עס שטאַרבט אַ פערד איז ערגער ווי עס פגרט אַ טאַטע"...

איך האָב איבערגעריסן מיט אים דעם שמועס. שפּעטער האָב איך גענומען נאָכטראַכטן און בין געקומען צום באַשלוס, אַז ער איז גאָר נישט אומגערעכט. פאַר וואָס טאַקע מוז איינער, וואָס ער שטעלט צוזאַמען פאַרשיידענע מישעכצן אויף צו הרגענען וואַנצן און פליגן, אָנגערופן ווערן אינטעלעקטואַל? אַ צווייטער, וואָס קען, כ'ווייס, די גאַנצע רוסישע ליטעראַטור, די גאַנצע דייטשע ליטע־

ראַטור, די שפּאַנישע, די פּוילישע, די העברעיִשע און די יִדישע, נאָר ער איז נישט מער ווי אַ מעכאַניקער — איז ער נישט זוכה אַפילו צו אַ קלענערן טיטל?

אפשר וואָלט מען טאַקע געמאַכט אַ ביסעלע אָרדענונג און זיך וויניקער געוואָרפן מיטן וואָרט „אינטעלעקטואַל”?

האַ, ווי מיינט איר?

וואָס איז פּראָפעסאָר איינשטיין?

(מאָנאָלאָג אלא שלום עליכם פון אַ ייִד פון גאַליציע)

רבונו של עולם, וואָס טוט זיך דאָ, וואָס?

צו וואָס איר רירט זיך צו איז אַלץ פאַרקערט. פאַרקערט און פאַרדרייט.

איר ווייסט זייער גוט, ווייסט איר, אַז איך בין אַ ייִד, בין איך, וואָס מישט זיך נישט, ברוך השם, נישט אין פּאָליטיק, נישט אין קולטור, נישט אין פינאַנצן, נישט אין פילאַנטראָפּיע, נישט כ׳ווייס... אַפילו נישט צו מיין ווייב און קינדער. נו, און אַז איך וועל זיך מישן, ווי זאָגט איר, וועט עס מיר עפּעס העלפן? גאָר נישט. איז מיש איך זיך נישט, און שוין.

אָבער וויפל, ווי זאָגט איר, איז דער שיעור זיך נישט צו מישן? מען קען דאָך אויסגיין אונטערן מעסער, קען מען דאָך.

איך רייד שוין נישט פון די, וואָס האַנדלען מיט כשרות, מיט שולן, בתי־מדרשים. שטעט אויף יום־טוב, שוחטים, מוהלים, חזנים וואָס גיבן חופה וקדושין מיט שפּאַנישע רעדעס; פון די פונדיקלעך, וואָס ווערן אַלט 13 יאָר און מען מאַכט אַ „באַרמיסוווע" מיט אַן אויסגעלערנטער דרשה, וואָס דער מלמד זייערער שרייבט זיי אָן, שרייבט ער; פון די בריתן וואָס פאַלן אויס פונקט מוצאי־זונטיק, און אַלערליי שמחהלעך, וואָס אַחינו בני ישראל האָבן זיך אויס־געטראַכט, האָבן זיי זיך, וואָס ווערן באַגלייט מיט אַ כפול־שמונה־דיקן פּאָקערל, ווערן זיי; פון די תקיפימלעך, וואָס מאַכן וואָס זיי ווילן מאַכן זיי. ווילן זיי מאַכן פאַר אַ פּרעזידענט אין באַנק חיים טרייטלען — מאַכן זיי אים; ווילן זיי מאַכן חיים טרייטלען פאַר וויצע־פּרעזידענט — מאַכן זיי אים פאַר וויצע־פּרעזידענט; ווילן זיי ווידער, אַז חיים טרייטל זאָל דווקא זיין סעקרעטאַר און ברוך שמואל קאַסיר — פירן זיי, ברוך השם, אויס ווי זיי ווילן.

בקיצור, עס איז ווי אין פּסוק שטייט: „וירא אלוהים כי טוב", מאַכט רש"י, אַז זיי זאָגן „עסטאַ ביען" (עס איז גוט), איז „ויהי ערב ויהי בוקר יום ששי". יעדן טאָג מיט אַ ניי המצאהלע, מיט אַ נייעם פּלאַן.

דאָס אַלץ, ווי זאָגט איר, וואָלט מיר שוין נישט געאַרט. עס רעדט זיך אַזוי „נישט געאַרט". נו, אַז עס אַרט מיך, קען איך עפּעס העלפן, קען איך? נו, און איר קענט יאָ העלפן, קענט איר? אַז מען שמועסט פּאַרדרייט, איז דאָך נישט שייך צו זאָגן. אָבער צו וואָס איז עס געקומען צו רייד, מיינט איר? אַנטקעגן דעם וואָס איר זאָגט אינטעלעקטואַלן.

אַבי איינער האָט נאָר עפּעס אַ שטיקל טיטל, באַקרוינט מען אים גלייך מיטן נאָמען „אינטעלעקטואַל".

אַדרבא, יידן, זייט זיך מטריח אַזוי ווי איך טו עס אַ מאָל און לייענט איבער די נאָטיצן און די אַנאָנסן און גייט אַ מאָל אויף פֿאַרזאַמלונגען און „אַקטעלעך", ווו די פּרעזידענטלעך שטעלן פֿאָר די רעדנער. קיין אַנדער וואָרט ווי „אינטעלעקטואַל" האָט ער נישט פֿאַר אים.

ווער גייט אַריין, גייט ער, אין דער מדרגה פֿון „אינטעלעק-טואַלן"? ווער נישט? — אַ ציין-דאָקטער, אַן אינזשעניער, אַן אַד-וואָקאַט, אַן אַרכיטעקט, אַ קאָנסטרוקטאָר, אַ ציין-טעכניקער, אַ בוכהאַלטער, אַ פידלער ביז אַ בחור אָדער מיידל, וואָס האָבן גע-ענדיקט אַן אַקאַדעמיע אויף... שרייבמאַשינקע.

מילא, ווי זאָגט איר, עס זענען טאַקע פֿאַראַן ציין-דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן, וואָס אַ חוץ זייער פּראָפֿעסיע זענען זיי טאַקע אינטעליגענטע מענטשן אויך, זענען זיי. עס טרעפֿט אַזאַ זאַך. עס איז אָבער נישט קיין כלל, אַז אַ דאָקטער, וואָס רייסט נאָר ציין אַ גאַנץ לעבן, אָדער אַן אַדוואָקאַט אין די מקומות, וואָס האָט אויף זיין לעבן נישט אָנגעזען קיין פּראָצעס, האָט נישט געדאַרפֿט שאַרפֿן זיין מוח ווי אַמאָליקע יאָרן, נאָר שרייבט אַן אַ פּראָשעניע, גייט אין די טריבונאַלן, טרעפֿט זיך מיט זיין באַקאַנטן, גיט עס אים איבער, פֿרעגט ווען ער דאַרף עס אָפּנעמען און שרייבט נייע פּראָשעניעס, אַז דווקא ער מוז זיין אַן אינטעלעקטואַל.

און אַז איינער שרייבט אַ גאַנץ לעבן ציפֿערן, איז אַ בוכהאַל-

מער אין אַ געשעפט פון זאַקן, פון העמדער, פון שקאַרפּעטקעס, איך ווייס, פון פרויען־אונטערוועש — איז דעריבער ווערט ער דער־מיט אַן אינטעלעקטואַל, ווערט ער?

אפשר איז עס ביי אייך אַזאַ מנהג, אפשר, אָבער מיר לייגט עס זיך זיך פּאַרט נישט אויפן שכל, לייגט זיך עס מיר נישט.

ביי אונז אין גאַליציע, לאָמיר זאָגן אין, וואָס איז די נפקא־מינה ווו? עס קען זיין אין זלאָטשעוו, אין לאַנאָוויץ, אין סטרי; עס קען זיין ווו איר ווילט. דאָרט האָט אַן אינטעליגענט געהייסן אַ מענטש, וואָס האָט עטלעכע פּאָר שיך... טאָמער האָט ער אָנגע־טאָן אַ פּאָר ברילן מיט גרויסע האָלאָבליעס, האָט קיינער נישט געקענט דיסקוטירן מער וועגן דעם, אַז ער איז אַן אינטעליגענטער מענטש, אַ גרעסערער צי אַ קלענערער, אָבער אַן אינטעליגענט. ווער שמועסט נאָך, אַז איינער האָט זיך אויסגעלערנט טראָגן ברילן־פּענסנע און זיי זאָלן אים נישט אַראָפּפאַלן פון דער נאָז, דער איז געווען אַן אינטעליגענט לית מאן דפליג.

זאָג איך אייך, אַז כאָטש מיט די ברילן מיט האָלאָבליעס און כאָטש מיט פּענסנע, האָט אַזאַ אינטעליגענט, פון דעסטוועגן גע־קענט תנ״ך, געהאַט אַן אָנונג אין ליטעראַטור און געשלונגען בי־כער וויפל עס איז אין אים אַריין.

אָט, נעמט, למשל, אַ ייִד ווי איך, נעמט. איך גיי דאַנקען גאָט נישט קיין ברילן צוליב אינטעליגענץ, נאָר ווייל ביי מיר איז קאַליע די ראיה, איז ביי מיר קאַליע. איז, אַז איר ווילט אַ קאַפּיטל תנ״ך, באַקומט איר דאָס זאַפּאַרט. טאָמער ווילט איר שילער, געטע, היי־נע, טאָלסטוי, דאָסטאָיעווסקי און אונדזערע אייגענע: ביאַליק, פּרץ און אַפילו די מאָדערנע — איז נישט שייך, איר קריגט עס ביי מיר. הלוואי זאָלט איר עס אַזוי באַקומען ביי אייערע אינטעלעק־טואַלן ווי איר קריגט עס ביי מיר.

יאָ, וואָס מיינט איר, אַז עס דאַרט מיר טאַקע אוים דער קאָפּ טאָמער איז ביי אייך אַ הייזער־בויער, פּראָשעניע־שרייבער, אַ חשבון־פירער, אַ מאַשינקע־קאָפּירער נישט מער און נישט ווייני־קער ווי אַן אינטעלעקטואַל? ווּעמען אַרט עס? זאָל ער זיין, זאָל ער. דערפאַר זענען מיר דאָך ייִדן, דערפאַר. און מיר האָבן ליב צו געבן אַ צי אַרויף, נישט ווי אַנדערע פעלקער.

אָט נעמט מיין שכן, דאָן פּעפּע מוסקיעטאָ. אַ פיינער נאָמען, איאָ אַ פיינער? פאַרגעסט נישט, אַז שרייבן שרייבט ער זיך „מוס־משיעטאָ", מיט אַ „צע" און מיט אַ „האַ", אָדער ווי מען זאָגט דאָ — מיט אַ „האַטשע". אָבער איטאַליעניש האָט שוין אַזאַ טבע, אַז מען לייענט עס ווי אַ „ק". איך דערצייל עס אייך נישט, כדי צו באַווייזן מיין בקיאות אין איטאַליעניש, כאָטש אויב איר ווילט עס דווקא וויסן, וועל איך אייך דערציילן, אַז איך אינטערעסיר זיך מיט שפּאַניש, מיט איטאַליעניש און בכלל האָב איך זיך ליב צו גריבלען.

דאָס האָב איך אייך נאָר געוואָלט דערציילן צוליב אויסמאָלן אייך, ווער עס איז פּעפּע מוסקיעטאָ.

וואָס מיינט איר איז דער דאָן פּעפּע? — אַ שוסטער איז ער, אַ גוטער שוסטער. ער מאַכט זיך זיין שטיקל אַרבעט בשלימות און ערלעך. וואָס איז דען דאָ צו ריידן? — ער קען ס'פאַך. נו, איז אים אַ מאָל איינגעפאַלן אָנצורופן זיך „אינטעלעקטואַל"? ער האָט זיך אויסגעלערנט אַ פאַך און מאַכט פון דעם אַ לעבן, און שוין. קען זיין, ווען ער טרעט אַ מאָל אַרויס אויף אַ יידישער פאַרזאַמלונג, אַקט, מיטינג, באַנקעט, וועטשערע, וואָלט מסתמא דער פאָרזיצער אויך נישט געהאַט פאַר אים קיין קלענערן טיטל ווי „אינטעלעק־טואַל", ווער קען וויסן? בלויז פאַרן נאָמען אַליין און פאַר זיין ריידן איטאַליעניש וואָלט זיך דער פאָרזיצער דערשראָקן.

נו, זאָל זיין גענוג. אויב איר ווילט, קומט מיט מיר אַריין טרינ־קען אַ קאַווועלע. איר זענט ווערט אַ קאַווועלע, אויב איר האָט מיך אויסגעהערט די גאַנצע צייט, בנאמנות, איר זענט ווערט. איך האָב אַ מיאוסע טבע, אַז איך צערעד זיך וועגן עפּעס אַ זאַך, גיי איך אַרום און אַרום ביז איך קום צום תוך.

יאָ, איין עיקר שכחתי. איך האָב אייך צום סוף געוואָלט פרעגן אַ קשיא: אויב אַ ציין־טעכניקער איז אַן אינטעלעקטואַל, אַ פלאַך־מאַכער איז אַן אינטעלעקטואַל, אַ בריוו־קאָפּירער, איך ווייס, אַ... לינאָטיפּיסט איז אַן אינטעלעקטואַל (אייך, חבר לינאָטיפּיסט, וואָס זעצט דאָס אַרטיקל, מיינט מען נישט, מען מיינט אַן אַנדערן), איז זאָגט מיר, כ'בעט אייך, איך וועל שרייען געוואַלד אין אַלע גאַסן, איר זאָלט מיר ענטפערן, זאָלט איר מיר —

וואָס איז פּראָפ' איינשטיין, וואָס?

פאַר דער נייער גענעראַציע

איר געדענקט אפשר טונקעלערם „דאַטשע־געסט”? עס גייט אַזוי:

געסט, געסט — גייען געסט
צפון, דרום — אָסט און וועסט
פון סאַמאַרע און פון ברעסט
קאָוונע, ניצע און טריעסט
גייען געסט, גייען געסט.

לאָמיר עס פּרווון פּאַראַפראַזירן וועגן מאַטעריאַלן, וואָס האַלטן אין איין אָנקומען. זעק, פּודן, טאָנען מאַטעריאַלן. יעדע אָרגאַני־זאַציע — איר מאַטעריאַל. יעדער אָפּטייל — זיין מאַטעריאַל. חוץ אַלגעמיינע מאַטעריאַלן און סתם מאַטעריאַל. לאָמיר עס פּרובירן מאַכן:

מאַטעריאַל, מאַטעריאַל — ס׳קומט מאַטעריאַל
פון חיפה, ירושלים — פון איבעראַל.
תל־אביב, באַר־שבע און נהלל
פון למטה און למעל,
מיט רכבת און גמל,
עס גייט מאַטעריאַל, עס קומט מאַטעריאַל.

זינט עטלעכע חדשים קויפן מיר ברויט ביי אַ נייעם בעקער, וויקלט ער אַלע מאָל איין דאָס ברויט אין אַן אַנדער אויסגאַבע. איך האָב שוין אָנגעזאַמלט אַ וואָרן אַרכיוו פון פאַרשיידענעם הומר אויף עטלעכע שפּראַכן. ווען איך האָב דערזען, אַז דער שטוים פון מאַטעריאַל וואַקסט און האַלט שוין דאָרט ווו עס ענדיקט זיך די בלויע פאַרב פון דער וואַנט און עס הייבט זיך אָן די ווייסע, וואָס איז שוין פאַקטיש דער געביט פון סופיט, האָב איך באַשלאָסן צו מאַכן די נייטיקע אויספאָרשונג, דהיינו: ווי קומט צו מיין בע־קער אַזאַ שלל פון מאַטעריאַל און ווער איז עס זיין ליפעראַנט?

עס איז נישט געווען שווער צו דערגרונטעווען זיך. דער בעקער האָט מיר אָנגעוויזן אויף אונדזערם אַ שכנה, וואָס זי ברענגט אים אַלע מאָל אַ ביסל פּאַפּירן. האָב איך אָפּגעטשאַטעוועט די שכנה ווען זי האָט פּונקט געהאַלטן ביים איבערגעבן דעם בעקער אַ טראַנספּאָרט מאַטעריאַל, צווישן וועלכע איך האָב געפונען אַזוי:

נומערן פון „עקאָנאָמיק רעווי" אויף פראַנצויזיש; אַ פּאָר נומערן „לייבער אָף איזראַעל", אין ענגליש; „אַמעריקאַ לאַטינאַ", אויף שפּאַניש; אויסגאַבעס אויף אונגאַריש, לאַדינאָ, בולגאַריש, און היינט העברעיש? — „חוברת לאדוקים", „אגרת לשליחים", וועגן „כלכלה", וועגן „משק", וועגן „נפט" און אויך „אומנות".*

— מומעשי — פרעג איך איר גלייך, אָן צוגרייטונגען, — ווו נעמט איר אַזאַ גאָלדן מאַטעריאַל?

— איך נעם? — ענטפערט זי מיר גלייך מיט אַ קשיא — מיין זון נעמט, מיין בערנאַרדאָ. אַליין איז ער אַ שטיקל אינזשעניער, ער וועט שוין באַלד ווערן אַ גאַנצער אינזשעניער; ער קויפט שוין און פאַרקויפט הייזער, בויט לאָקאַלן, צענעמט געביידעס — אַ גאַנצער אינזשעניער. נאָר ער האָט איין חסרון — ער גייט אין אַן אָרגאַניזאַציע און האַלט אין איין ברענגען פּאַפּירן. ער ברענגט און איך פאַרקויף עס אויפן קילאָ.

— עס האָט אַ גרויסן חיסרון דאָס פּאַפּיר — מישט זיך אַריין דער בעקער — אַלץ קומט פאַרמאַכט מיט דרעטלעך און איך האָב אַן אַרבעט צו עפענען.

בקיצור, איך האָב זיך באַקענט מיט בערנאַרדאָן. ער איז געקומען צו מיר, דער בערנאַרדאָ, אַ פאָרשטייער פון דער נייער גענעראַציע, וואָס פאַר אים ווערט אַרויסגעגעבן אַזוי פיל מאַטעריאַל. הומר למען פּעולה והסברה** — מאַטעריאַל פאַר טעטיקייט און אויפקלערונג.

ער איז געקומען צו מיר אַ פאַרסאָפּעטער, אַן אַקטיווער, אַ דינאַמישער, מיט אַ פעסטן — שלום!

---

* כאַוועריעט לעאַדוקים (העפט פאַר רעליגיעזע); איגערעט לעשליכים (בריוו צו שליחים); קאַלקאַלאַ (עקאָנאָמיק); מעשעק (ווירטשאַפט); נעפט (נאַפט); אָמאַנוט (קונסט).

** כאָמער לעמאַאַן פּעולאַ וועהאַסבאַראַ (פּעולה והסברה — אַקצענטירן דעם לעצטן טראָף).

— מיט וואָס קען איך אייך דינען? — האָב איך אים געפרעגט אויף העברעיִש, ווי באַלד ער זאָגט „שלום" און איז אַזאַ אָפּנעמער פון העברעיִשן מאַטעריאַל.

— איך פאַרשטיי נישט קיין העברעיִש — מאַכט ער אויף שפּאַניש — איך האָב געהערט, אַז איר באַקומט מאַטעריאַלן פון ישראל, וואָלט איך אייך געוואָלט בעטן, צי איר קענט מיר געבן פון מאָל צו מאָל אַ פּעקל חומר, וואָס מיר דאַרפן האָבן פאַר די שי־הות,* פאַר דער ספּיריטועלער אַרבעט פון אונדזער קלוב. עס איז אַן אומפּאַרטייאישער קלוב און מיר דאַרפן האָבן וואָס מער מאַטעריאַל, וואָס מער מאַטעריאַל.

— עס מוז זיין פון ישראל — פרעג איך — צי עס קען אויך זיין היגער מאַטעריאַל וועגן ישראל? ווייל איך באַקום דאָ שפּאַנישע אויסגאַבעס:

„אַמעינו" (עמנו), „אַרציינו" (ארצנו), „געאולאַטיינו" (גאולתנו), „ספּאַטיינו" (שפתנו), „אָלאַמיינו" (עולמנו), „ביניאַניינו" (בנינגו), „דיגליינו" (דגלנו), אבינו מלכנו, ומפני חטאינו און נאָך אַ ביסל נעמען וואָס ענדיקן זיך מיט „איינוס".

— בבקשה — מאַכט ער שוין ווידער אין העברעיִש — איך דאַרף אַלץ האָבן, אַלץ. מאַטעריאַל „אי מאַס מאַטעריאַל"** — האָט ער פאַרעדיקט זייער ענערגיש.

איידער ער האָט פאַרמאַכט די טיר האָב איך נאָך באַוויזן נאָכצושרייען, ווייל איך האָב אים געוואָלט שטעלן אַ פראַגע, איין פראַגע:

— יונגערמאַן, פאַרשטייער פון דער נייער גענעראַציע, פון די אויפקומענדיקע דורות — דאָס מאַטעריאַל זאָל איך שיקן צו אייער מאַמען אין שטוב אַריין, צי איך זאָל עס אייך שיקן דירעקט צום בעקער?...

---

* סיכאָט (שמועסן).

** און נאָך מאַטעריאַל (שפּאַניש).

פּסיכאָאַנאַליז און... דער קורס פון דאָלאַר

ייִדן און סעניאָרעס! איר קענט אייך זאָגן וואָס איר ווילט, נאָר דער דאָזיקער פּסיכאָאַנאַליז הייבט שוין אָן אַ ביסל צו דערגיין די יאָרן. הימל און ערד און פּסיכאָאַנאַליז.

נעמט אַזאַ אוטיליטאַר לאַנד ווי אַמעריקע, ווו אַלץ איז דאָרט אַן ענין פון פּראַקטישקייט, אַפילו רעליגיע. כל עוף למינהו, יעדער בירגער דאַרף זיך האָבן זיין קירך, זיין רעווערענד. און להבדיל, זיין סינאַגאָגע און זיין ראַביי. עס זענען פאַראַן ספּעציעלע קוואַליפיצירטע אַרבעטער: קדיש־זאָגערס, תהילים־זאָגערס, יאָרצייט־בעלי מנין. איך וואָלט געשוווירן, אַז זיי זענען אָרגאַניזירט אין אַ יוניע.

אַ לאַנד וואָס שיקט אַרויס קאָנסערווירטע געפילטע פיש, גלאַט־כשרן שבתדיקן קוגל, עכט ליטווישן פלוימען־צימעס. דאָס אַלץ גייט אויף עקספּאָרט צוזאַמען מיט טעלעוויזאָרן, אויטאָס און עקיפּן פאַר דער עקספּלאָאַטאַציע פון פּעטראָל; אַפילו אין דעם דאָזיקן לאַנד האָט מען אָנגעהויבן באַקן פילמען מיט פּסיכאָאַנאַליטישן אונטערשלאַק.

מעשיות נישט געשטויגן, נישט געפלויגן. מיין לאַנדסמאַן, זימל בריטווע, האָט זיך זיין פילאָסאָפיע פאַר די זאַכן. ער איז אַ פּוילישער, איז ער. זאָגט ער אַזוי:

— אָדער גאַי אָדער פּאַיגער. כל־זמן, זאָגט ער, די פּרימוס־מאַשינקע אין דעם מענטשלעכן גוף אַרבעט ווי געהעריק און מען האָט כוח זיך צו באַטייליקן אין די אַלע מיטיקן און באַנקעטן וואָס די געזעלשאַפט באַט אייך אָן, איז מה טוב; אלא נישט, איז אַרויסגעוואָרפן אַלע לאַמעס וואָס דאָקטוירים לייגן אויפן מענטשלעכן געזונט.

דער דאָזיקער זימל בריטווע איז בכלל אַ טשיקאַווער מענטש. ער איז — זאָגט ער — נישט קיין שונא פון קיין דאָקטוירים, אָבער גיין צו זיי — דאָס נישט. איין מאָל האָט אים זיין ווייב

פאַרשיקט צו אַ דאָקטער — אים אַריינגענאַרט. האָט אים דער דאָקטער געזאָגט... וואָס זאָגט אַ דאָקטער, וואָס רייכערט אַליין, טרינקט אַליין, פרעסט אַליין? — ער האָט אים אַזוי געזאָגט:

— נישט רייכערן. קיין טראָפּן ווייַן. קיין הערינג. קיין לע־בערלעך. קיין אוגערקעס. קיין ברויט. קיין פלייש. בקיצור — גאָר נישט.

האָט אים זימל אויסגעהערט, זיך געזעגנט, געזאָגט זיין ווייב אַז ער גייט אויף אַ זיץ און איז אַריין אין אַ רעסטאָראַן. אויס־געטרונקען אַ פלאַש ביר, אויפגעגעסן אַ פּאָרציע אוליק, אַ פּאָר־ציע געמאַרינירטע הערינג, גערויכערטע הערינג און אַלע אַנדערע זאַכן וואָס דער דאָקטער האָט אים פאַרבאָטן. פאַררייכערט אַ ציגאַר און פון דעמאָלט אָן, זאָגט ער, ליידט ער מער נישט אויף דעם אולסער און איז געזונט־אייזן.

אויב די שורות וועלן דערגיין צו די ייִדישע דאָקטוירים, וועל־כע שרייבן אַזוי פיין און פּשוט אויף מעדיצינישע טעמעס, זאָלן זיי עס נישט נעמען ווי אַ קאָנקורענץ צו זייערע אַרויסגעזאָגטע מיינונגען איבער מעדיצינישע ענינים. דאָ ווערט נאָר פעסטגע־שטעלט אַ פאַקט.

וועגן פּסיכאָאַנאַליז האָט מיין לאַנדסמאַן אַ ממש צעשמע־טערנדיקע מיינונג. צו וואָס — טענהט ער — זאָל מען גיין צו אַ פּסיכאָאַנאַליסט, אַז מען קען גלייך גיין אין משוגעים־הויז?! ער רעדט פון דערפאַרונג, שוין דאָס אויך געפּרוווט. אַנומלט איז ער אַוועק צו אַזאַ מין פּסיכאָאַנאַליסט. דערציילט ער, אַז קודם האָט ער געהערט אַ געשפּרעך צווישן זיין דאָקטער און אַ צווייטן דאָק־טער, וואָס האָט צו אים גערעדט טעלעפאָניש. אָט איז דער טע־לעפאָן־געשפּרעך:

זיין דאָקטער: האַלאָ, ד״ר שנוראָוואַדלע, ווי גייט עס מיר?

יענער: דיר גייט גוט, וואָס מאַך איך?

זיינער: דו ביסט אַלרייט, דו פילסט זיך אַ ביסל מיד, אָבער עס וועט איבערגיין.

יענער: דו ביסט היינט אַ ביסל טרויעריק, סורמענאַזש, נאַ־פלעוואַט. ביסט געענגט אין גאַלט.

זיינער: ביסט שטאַרק אויפגעלייגט, דו ביסט ערנסט קראַנק,

דיין אונטערבאַוווּסטזיין איז פאַרקאַטערט, ער געפעלט מיר נישט.

מיין לאַנדסמאַן האָט געכאַפּט די פּיס און שוין געוואָלט אַנטלויפן. פּשוטע משוגעים זענען זיי דאָך. הער אַ מעשה: מיין דאָקטער ווייסט נישט וואָס ער אַליין מאַכט, נאָר וואָס יענער פילט ווייסט ער יאָ. עס איז דאָס זעלביקע — זאָגט ער מיר — ווי איך וואָלט דיר, למשל, געזאָגט, כ׳וויים:

— יאַנעק, (מיין לאַנדסמאַן רופט מיך יאַנעק) דו וואָלסט איצט געגעסן אַ קאַלטן באָרשט, וואָס וואָלט איך איצט געגעסן? דיר איז אָנגעזאָליעט אויף דער נשמה, וואָס טוט מיר וויי? דו טראַכסט ווו נעמט מען אַ פּאָר גראָשן, וואָס טראַכט איך?...

ער האָט שוין געוואָלט אַנטלויפן צו אַ „זיי-געזונט”, אָבער דער פּסיכיאַטער-דאָקטער האָט עס באַמערקט, האָט ער אַוועקגעלייגט דאָס טעלעפאָן-טרייבל און אים פאַרהאַלטן.

— איר ווילט זיך פּסיכאָאַנאַליזירן? — האָט ער אים געפרעגט.

— ניין — האָט מיין לאַנדסמאַן אים געזאָגט — און איר?

— איר מוזט מיר ענטפערן אויף איין פראַגע — האָט אים דער דאָקטער נישט אָפּגעלאָזט — מיין קאָלעגע, ד״ר שנוראָוואַדלע, וויל וויסן ווי האַלט דער דאָלער.

— געשטיגן.

פאַרן פאַרלאָזן דעם קאַבינעט האָט ער נאָך געהערט, ווי דער דאָקטער האָט אַריינגעשריגן אין טרייבל:

— ד״ר שנוראָוואַדלע, דער דאָלער איז געשטיגן. וועסט הערן דיין האָנאָראַר ביי די פּאַציענטן, וואָס וועל איך טאָן? אַ דאַנק. איך דאַנק דיר פאַר מיין אינפאָרמאַציע און דו דאַנקסט מיר פאַר דיין עצה. דו זאָגסט מיר — אַדיע!

פּ—ס—י—כ—אָ—אַ—נ—אַ—ל—י—ז.

דער יידישער עולם

מיר האָבן זיך נישט וואָס צו קלאָגן, חלילה. מיר האָבן אַ גאָל־דענעם יידישן עולם, אַ קולטור־עולם. פאַרשטייט זיך אַז עס זענען פאַראַן פאַרשיידענע כאַראַקטערן, קאַפּאַציטעטן און גייסטיקע עסערס. זיי עסן קולטור, פּאָליטיק, וויסנשאַפט — אַלץ, אָדער ווי זאָגן די בעסאַראַבער — אָלץ — זיי עסן אָלץ.

איך בין אַ מענטש, וואָס האָב ליב צו אָבסערווירן. נישטאָ קיין בעסערע זאַך ווי אָבסערווירן. מען רופט עס „שטודירן", דאָס הייסט, מען שטודירט מענטשן און זייער באַציִונג צו זאַכן און גע־שעענישן.

זאָל זיין שטודירן. אָט נעמט, למשל, דעם עולם וואָס קומט אין זאַל פון דער קהילה אין די זונטיק־פרימאָרגנס און אויך אין די מאָנטיק־פאַרנאַכטן אָדער אין אַנדערע טעג, ווען עס ווערט אַנאָנ־סירט אַ רעדנער. קודם־כל האָבן מיר אַלע פעסטגעשטעלט (אַ גרופּע „פאָרשערס פון דער מענטשלעכער און יידישער פּסיכאָלאָ־גיע"), אַז אויב דער רעפעראַט אָדער די פאַראַנשטאַלטונג קאָסט גאָר נישט, קומט אַ גרויסער עולם און בעיקר דער עולם, וועגן וועלכן מיר ווילן דאָ ריידן עפּעס. אויב אָבער עס קאָסט, לאָמיר זאָגן, עטלעכע פעזעס, אַ מינימום, האָ? — איז שוין נישט פאַראַן קיין צענט־חלק פון דעם אומזיסטיקן עולם. אַן עולם וואָס באַצאָלט איז דערפאַר אַ באַוווּסטזיניקער, דאָס הייסט, ער ווייסט לכתחילה צו וואָס ער גייט. אָבער וועגן אַ נאָרמאַלן עולם ריידן מיר דאָ נישט.

ווער קומט אומזיסט צו אַלע רעפעראַטן, אַקטן, לעקציעס, פאַראַנשטאַלטונגען און פאָרטראָגן?

1) אַלע שכנים, וואָס וווינען אַרום דער קהילה; 2) עס זענען פאַראַן עטלעכע צענדליק פענסיאָנירטע עלטערע יידן און יידע־נעס; 3) אַ גרופּע אלמנות און גרושות, וואָס קריגן שטיצע פון דער סאָציאַלער הילף פון דער קהילה און זיי מיינען, אַז זיי דאַרפן

דערמיט אָפּדינען די אינסטיטוציע און באַערן אַלע רעדנער מיט זייער פערזענלעכער אַנוועזנקייט;) 4 חוץ דעם איז פאַראַן אַ רעזערוו־פּובליקום, וואָס האָט ליב צו שלאָפן נאָר בעת אַ פאָרטראַג.

צווישן דעם עולם זענען אויך פאַראַן קאַטעגאָריעס. איך ווייס בישט צי די מעדיצין האָט שוין אויסגעפאָרשט די פאַלן. ווי מיר איז באַקאַנט, האָט די מעדיצין נאָר פילן קעגן שלאָפלאָזיקייט. מיר וואָלטן זיי געקענט פאָרשלאָגן אַריינצולייגן אין אַזאַ פיל אַן אַרטיקעלע פון דעם אָדער יענעם שרייבער, אָדער טאַקע נעמען און אויסקוועטשן דעם תמצית פון אַ רעפעראַט אָדער לעקציע, וואָס מאַכט איינשלאָפן אַ געוויסן סאָרט מענטש. דאָס וואָלט געהאַט אַ סך אַ בעסערע פעולה ווי די אַלע פילן.

ווען מען אָבסערווירט לאַנג, קען מען אויסטיילן אַ גרופּע, לאָמיר זי אָנרופן „גרופּע א״, וואָס קען נאָר איינשלאָפן ביי אַ רעפעראַט וועגן קולטור; אַ צווייטע גרופּע, „גרופּע ב״ — פאַלט אַריין אין אַ זאַנפטן שלאָף נאָר בעת מען האַלט אַ וויסנשאַפטלעכן פאָרטראַג. דאַקעגן קען די „גרופּע צ״ כאַפּן אַ טיפן הײלנדיקן דרימל נאָר בעת מען רעדט וועגן ישראל און ציוניזם.

אַ גאַנץ אַנדערער עולם, ווידער, איז דער וואָס קומט אין יידישן טעאַטער. די מענטשן צאָלן יאָ און האָבן דווקא ליב די ערשטע בענקלעך. דאָס איז באמת אַ הערצישער, ראָמאַנטישער, קינדיש־נאַיווער און ערלעכער עולם, וואָס לעבט אויף אַן אַלט בלעטל פון אייזיק מאיר דיק, יעקב גאָרדין, יעקב דינעזאָן, מרדכי ספּעקטאָר און שלום־עליכם. ער לאַכט מיט אַ פולן פרימיטיוון געלעכטער און וויינט מיט ביטערע טרערן. ער אַפּלאָדירט ביי אַן אָפענער סצענע און זינגט מיט, ווען דער אַקטיאָר הייסט אים זינגען. ער איז אַזוי עקזאַלטירט און באַגייסטערט, אַז ער שטורקעט כסדר זיין ווייב און איז גרייט דורס צו זיין, טאָמער האָט אַ קינד זיך פלוצלינג צעוויינט. (כידוע, נעמט מען מיט קינדער שפּעט ביינאַכט, זיי זאָלן „הנאה האָבן״ פון אַ ספּעקטאַקל).

אויך **דעם** עולם האָב איך באַשלאָסן צו פאָרשן. אַנומלט בין איך געווען אויף אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג, וואָס האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן און אַריינגעפירט אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָר־

הונדערט, הן וואָס שייך דער פּיעסע, הן וואָס שייך דעם סטאַר און הן וואָס שייך דעם עולם. ביי אַזאַ פֿאַל האָב איך נאָר ליב צו קוקן אויפֿן עולם, מחמת אויף דער בינע איז נישטאָ וואָס צו זען און נאָך ווייניקער — צו הערן.

זינגט נעבעך דער סטאַר וועגן דער דאַליע פֿון דער מאַמען, וואָס מען שרייבט זי נישט קיין בריוו פֿון אַמעריקע (אַ שפּאָגל־נייע טעמע) און דער עולם גיסט מיט טרערן.

איך האָב זיך אָפּגעקליבן עטלעכע יידן מיט זייערע ווייבער, גאַנץ פֿיין באַהאָנגענע מיט כלערליי רייפֿלעך און האַלדזבענדער און זייגערס פֿון גאָלד און אַנדערע מעטאַלן. זיי האָבן ממש פֿאַרפֿלייצט דעם טעאַטער מיט זייערע טרערן. זיי האָבן זיך געווישט די אויגן מיט ליילעכער, הלמאי מען העלפֿט נישט די קרבנות פֿון דער מלחמה (דאָס איז די איינציקע אַקטואַליזאַציע וואָס מען ברענגט אַריין אין דער פּיעסע: נאַצי־קרבנות). די זעלביקע האָבן שפּעטער געלאַכט פֿון דעם קאָמישן פּאָרל. אָבער לאַכן צו לאַכן איז נישט גלייך! ווי האָט געזאָגט דער כעלמער רב ביי פּרצן:

— ווי קומט צו אַ יידן אַזעלכע געזונטע ציינער?

— ווי קומט צו יידן אַזאַ ווילדער, פּרימיטיווער געלעכטער?

בקיצור — אַ גאָלדענער עולם. איר קענט אים פֿאַרקויפֿן וואָס איר ווילט. האָט איר אים איינגעבראַכן און אים געמאַכט לאַכן און וויינען, איז ער אייערער. טוט מיט אים וואָס איר ווילט. און די אַקטיאָרן, בעיקר די סטאַרן, טוען טאַקע וואָס זיי ווילן.

ביים אַרויסגאַנג האָב איך פֿאַרטשעפּעט די עטלעכע גרעסטע וויינערס און האָב זיי געלויבט, ווייל זיי האָבן אַ גאָלדן האַרץ און קענען נישט צוזען די ליידן פֿון אַ מענטש. איך האָב געוואָלט האָבן זייערע נעמען און האָב זיי אָן שוועריקייטן באַלד באַקומען.

שפּעטער בין איך געגאַנגען (אַז מען רעדט וועגן פֿאַרשן, איז דאָך נישט שייך) און האָב געזוכט זייערע נעמען אין רעגיסטער פֿון ישראל־קאַמפּיין (יאָ, אַז די יידן האָבן געהערט דאָס וואָרט „ישראל" אויף דער בינע, האָבן זיי צעזעצט דאָס טעאַטער פֿאַר פֿרייד), אין קרן קימת, אין די באָנאָס — אַ נעכטיקער טאָג! זיי זע־

נען בכלל דאָרט נישט בנמצא. האָב איך געזוכט אין מושב־זקנים, בית־יתומות, הכנסת־אורחים, ביקור־חולים, יידישער שפּיטאָל — ניין און ניין. נישטאָ אַזעלכע נעמען אויף דער מאַפּע.

איז קענט איר מיר אפשר זאָגן, רבותי, וואָס פאַר אַ פאָלק זענען מיר?

שווער צו דעפינירן, וואָס?

זייער שווער. אָבער דאָס זענען מיר און אַזאַ עולם האָבן מיר.

אַ דעלעגאַטן־קאַרטל

די דערעפענונג איז פאָרגעקומען אין זאַל פון דער קהילה. ביי אַ טישל אין פאָיע האָבן מיר אויסגעטיילט דעלעגאַטן־קאַרטן. ייִדן זעען אַז מען טיילט, מסתמא איז עס אַ נייטיקע זאַך. דאָס טישל אַרום וועלכן מיר זיצן ווערט באַלד באַלאַגערט.

— איז וואָס זשע, זאָגט איר, טיילט איר דאָרט? — מאַכט זיך אַ ייִדל תמעוואַטע, דרייט אויס אויף לינקס דאָס קעפּל און שמייכלט אַריין מיט ביטול אין די אויגן אַריין — דעלעגאַטן־קאַרטן? און, למשל, אַז איינער איז נישט קיין דעלעגאַט, וועט איר אים אפשר זאָגן, אַז ער קען נישט באַקומען קיין קאַרטל, וועט איר אַפשר זאָגן, וואָס?

— נישט אַפשר, זיכער. די דעלעגאַטן־קאַרטן זענען באַשטימט נאָר פאַר דעלעגאַטן און זייערע נעמען זענען שוין פאַרשריבן פון פריִער.

— אַ גרויסע מציאה — נעמען! האָסט געהערט אַ מעשה — נעמען; אויך מיר אַ זאַך. מען נעמט די נעמען — מאַכט רויִק דאָס ייִדל — מען מעקט זיי אויס און פטור, אויס נעמען; האָט איר ווייסע קאַרטלעך און איר שרייבט וואָס איר ווילט. איר קענט שוין טאַקע פאַרן זעלביקן געלט אָנשרייבן מיין נאָמען: אַמעריקאַ כּוֹאַן כּאַלאָדעץ פון טאַטנס צד, פון דער מאַמעס זייט איז אייך נישט וויכטיק. נעמט זשע און גיט נאָך צו, אַז איך ווין דאָ נישט ווייט, בין שוין 30 יאָר סאָסיאָ (מיטגליד) פון דער ציוניסטישער פּאַרטיי און אַז מיין אייניקל גייט אין „העבראַיקאַ", מאַכט דאָרט גימ־נאַסטיקע, שווימט — גענוג פאַר אייך?

— וואָס שייך צו זאָגן, גענוג. כ'מיין אַז עס איז שוין אַ ביסל צופיל. נעמט זשע, זייט מוחל, און שטעלט זיך אַוועק אין שאָטן און לאָזט אַריינגיין מענטשן. אַ קאַרטל וועט איר באַקומען, מער־צעשעם, אַז איר וועט אַמאָל ווערן אַ דעלעגאַט פון אייער ציוניסטישער פּאַרטיי. דערווייל, ה' אַמעריקאַ כּוֹאַן כּאַלאָדעץ —

האָט אַ גוטן שליטוועגס. אויפן וועג פּרובירט זיך דערמאָנען אייער יידישן נאָמען אַווראָם־יידל — ס'וועט אייך בעסער קליידן צום פּנים און צום כּאַלאַדעץ.

מיינער אַ לאַנדסמאַן האָט זיך אַ מאָל צען אַרומגעדרייט אַרום מישל, ווי מיט הקפות. דאָס ערשטע מאָל איז פאָרגעקומען אַזאַ שמועסל:

— האָלאַ, יאַנעק! „יאַק שען מאַש?" (פּויליש). „קאָמאָ טע וואַ?" (שפּאַניש) און ערשט צום סוף — וואָס מאַכסטו? (אויף יידיש).

— האָלאַ, בערל, אַ דאַנק, מוי ביען.

דאָס צווייטע מאָל איז ער צוגעקומען מיט די ווערטער:

— וואָס הערט זיך? שוין לאַנג נישט געזען. חתונה געהאַט? האָסט אַ ווייב?

— אַזוי זיך, טאַקע לאַנג נישט געזען. חתונה געהאַט, האָב אַן אייגן ווייב.

צום דריטן און פערטן און פינפטן און זעקסטן מאָל איז ער שוין צוגעקומען זייטיק: אַ מאָל פון דער — אַ מאָל פון דער צווייטער זייט. גענומען ריידן וועגן „מיין שטייגן" און וועגן דעם וואָס עס זאָגן אויף דעם די לינקע און רעכטע לאַנדסלייט. אָבער צום סוף האָט ער נישט אויסגעהאַלטן און נישט־דרייסט אַ זאָג געטאָן:

— טשע, יאַנקל (שוין נישט יאַנעק און מיט דער אינטימער ריידנסאַרטיקער שפּאַנישער ווענדונג „טשע"), גיב אַהער אַזאַ פּאַפּירל, לאָמיר עס האָבן ביים אַריינגאַנג, פּאַרט לאַנדסלייט.

אַ יידענע איז געשטאַנען די גאַנצע צייט און האָט אָבסערווירט. צום סוף איז זי צוגעקומען און אַרוים מיט אַ מענה־לשון:

— זאָל איך שוין אַזוי אויסדערלעבן היינטיקע נאַכט מיט מיינע קינדער, די יתומים, וואָס האָבן ניט־דאַ־געדאַכט קיין טאַטן — הלוואי זאָלן זיי אים שוין טאַקע נישט האָבן דעם פּאַסקודניאַק, וואָס לעבט ערגעץ אַ גוטן טאָג מיט אַ שלעכטער גויה — זאָלן מיר שוין אַזויביידע לעבן (נעמט שוין די יידענע מיך אַריין אין קאָן) ווי איר וועט מיר געבן אַזאַ „טראַכטעל" (פאַריידישט און פאַרהיימישט דאָס שפּאַנישע וואָרט „טאַרכעטאַ" — קאַרטל). איר וועט מיר נישט אָפּזאָגן — רעדט זי זיך אירס — פאַר וואָס זאָלט

איר מיר אָפּזאָגן? און וואָס קאָסט עס אייך און פאַר וואָס זאָל איך נישט האָבן אַזאַ קאַרטל? איך בין אַזאַ שיינער מענטש ווי די אַלע און מיינט נישט, אַז מיין מאַן, דער זשוליק, איז אַבי ווער. זאָל ער טאַקע ליגן אין דער אדמה און זאָל פאַרברענט ווערן נאָך היינט ווו ער געפינט זיך מיט זיין נפקה, אָבער אייך האָט ער גאָר נישט געטאָן און איר האָט נישט פאַר וואָס איינעם יאָ צו געבן און אַ צווייטן נישט צו געבן אַ פּאַפּירל אַריינצוגיין.

דערווייל האָט מען געהערט די טענער פון „התקווה”. עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן. דאָס טישל איז אַוועקגענומען געוואָרן. עס האָבן אונדז נאָכגעפאָלגט די פיינדלעכע בליקן פון די באַוואָלטע, וואָס מען האָט זיי נישט געגעבן קיין דעלעגאַטן־קאַרטן. די ייִדענע איז אונדז נאָכגעגאַנגען און אַריינגעשריגן אין זאַל:

— מלוכות ווילן זיי האָבן! לערנט זיך אויס צו זיין מענטשן! אַ וויסטע לעבעדיקע אלמנה מיט פיצלעך קינדער בעט אַ קאַרטל, דאַרף מען געבן, דאַרף מען! דעלעגאַטן! — דערציילן זיי אַ מעשה. מיין מאַן איז אויך אַ דעלעגאַט, ער זאָל נישט דערלעבן צוריקצוקומען ווו ער איז דאָרט!

אַפּנים אַז צווישן אונדז און איר מאַן — איז איר שנאה געווען שטאַרקער צום מאַן, און ער האָט געכאַפּט די לעצטע קללה.

„קולטור" אויף יידיש

עס איז איצט אַ מאָדע צו ריידן וועגן יידיש. הלוואי, רבונו של עולם, וואָלט מען אַזוי פיל געטאָן פאַר יידיש, ווי מען רעדט וועגן יידיש, וואָלט מען, קען זיין, נישט געדאַרפט אַזוי פיל ריידן וועגן יידיש.

אַ טיפע פילאָסאָפיע, האַ? ווי האָט אַמאָל געזאָגט דער טונקעלער: „עס איז לייכט צו עסן הייסע קאַרטאָפל, ווען מען פאַרטרינקט מיט קאַלטער זויערמילך". און דאָרט גיט ער באַלד צו, אַז ווען דאָס וואָלט געזאָגט ניצשע, וואָלטן אַלע געטענהט, אַז עס איז אַ טיפער געדאַנק...

איך פּרעטענדיר נישט, חלילה, אַז דער אַרויסגעזאָגטער געדאַנק אויבן, זאָל ערגעץ־ווו פאַרצייכנט ווערן, כאָטש ער קען אַריינגענומען ווערן אין דער דיסקוסיע צווישן אַלע אַנדערע געדאַנקען, למשל, צווישן די „נייע" געדאַנקען וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אויפן ספּעציעלן, וואָלטן מיר געזאָגט, „יידיש־פאַרטיידעווודיקן אָוונט" (זיי האָבן געזאָגט „אַקט", מיר געפעלט עס נישט) אין זאַל פון דער קהילה, פאַרגאַנגענע וואָך. פון דעסטוועגן לוינט זיך צו פאַרצייכענען אַ שיינעם געדאַנק, וואָס עס האָט גאָר נישט אַזוי לאַנג אַרויסגעזאָגט די באַרימטע יידישע דיכטערין קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, אויך בנוגע יידיש. זי האָט אָנגעהויבן אַן אַרטיקל וועגן דער פראַגע פון יידיש מיט אָט־די גאָלדענע ווערטער:

„איך געפין זיך — שרייבט זי — אין תל־אביב, כדי צו טאָן עפּעס פאַר יידיש אין ניו־יאָרק".

אַזאַ וואָרט איז נישט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט. אָבער אין אַלגעמיין וויל איך זיך דאָ נישט פאַרנעמען מיט דער דיסקוסיע וועגן יידיש, איך וויל זיך בכלל אין דעם נישט מישן, ווייל איך האַלט, אַז די דיסקוסיע וואָלט מען געקענט אַריינגעמען אין דער קאַטעגאָריע פון „רייסן זיך אין אָפענע טויערן", אָדער „האַלט מיך צו דאָס רעקל, איך האָב חשק זיך צו שלאָגן", אָדער „פינף אַ ווייַ-

גער פינקטלעך וועל איך ווערן אין כעס" וכדומה. איך ווייס נישט צי פונקט אזוי ווערן געזאָגט די פאָלקס־ווערטלעך, דער אינהאַלט איז אָבער דער זעלביקער. מען קען אַזעלכע ווערטלעך געפינען אין סטוטשקאָווס „אוצר פון דער יידישער שפּראַך". דערביי וואָלט נישט געווען אומאינטערעסאַנט צו מאַכן אַן אַנקעטע און זיך דער־וויסן, וויפל פון די פּראַקטעסטאַנטן קעגן העברעיִש האָבן געקויפט דעם באמת ווערטפולן דערמאָנטן אוצר פון יידיש לשון.

ווי וואָלט געזאָגט דער זיידע מענדעלע: נישט דאָס בין איך אויסן. איך וויל דאָ איבערגעבן אַ „צושטייער" צו יידיש־קולטור, וואָס איך האָב געהערט אין דער יידישער ראַדיאָ פון בוענאָס־איי־רעס. די יידישע ראַדיאָ־שעה, וואָס איז בלי־ספק אַ יידישע קול־טור־פּאָזיציע, האָט אונדז איין מאָל געלאָזט הערן אַזאַ מין סאָרט פּלאַטע. הערט מיט קאָפּ:

מיידעלע, דו קריכסט צו מיר אין האַרץ אַריין,
מיידעלע, כ'וויל דו זאָלסט מיינע זיין.
מיידעלע, דו ביסט מיין זונענשיין,
מיידעלע, דו ביסט שיין, דו ביסט קליין.

האָט איר איין מאָל אַוועק, געזונגען פון דעם און דעם, אַקאָמ־פּאַנירט מיט אָרקעסטער, מיט ווייס איך וואָס.

איין מאָל זיין איך און עס מיטאָג, הער איך אַזאַ לידל:

איך בענק נאָך דיר,
איך קרענק נאָך דיר,
איך דענק אין דיר,
איך סטענק נאָך דיר,
איך הענג נאָך דיר.

(אַנטשולדיקט, קען זיין, אַז 1-2 גראַמען האָב איך אַליין צו־געגעבן, ווייל איך געדענק נישט גענוי, אָבער פאַר די ערשטע דריי בין איך ערוב).

דערנאָך האָב איך געהערט עפּעס אַ ווונדערקינד, אַ חזן, אַן אָבער־קאַנטאָר, ווייס איך וואָס נאָך, שוין אַן אַרגענטינער פּראָ־דוקט, זינגט ער מיט „זעעלע אונד הערץ" און פאַרגייט זיך מיט

אַ פּאַלצעט און מיט אַ טיפער שטימע אַט אַזאַ מין פּאָעזי (איר ווערט געבעטן צו לייגן דעם אַקצענט אויף דער לעצטער זילבע: זי — פּאָעזי):

עס וועט זיין פאַר אונדז ביידן
אַ גן־עדן (ער זאָגט: געניידן)
אין לייד, אין פריידן,
לאָמיר גיין צום זיידן...

אָט אַזאַ לידל אָדער עפּעס ענלעכס, מחמת די לעצטע ווערטער צעגייען זיך אין „פּאַלצעט" און איר הערט שוין גאָר נישט. גאַראַנטיר איך דעריבער נישט פאַר דער לעצטער שורה, אָבער עס מאַכט נישט אויס, אויב ער זאָגט נישט „זיידן", זאָגט ער „שיידן", נו, ווירקט עס בעסער?

עפּעס האָבן מיר נישט געהערט, אַז ווער פון די יידיש־קעמפער, וואָס מיינט אויך יידישע קולטור־קעמפער זאָלן ווען עס איז האָבן געזאָגט אַ וואָרט בנוגע די „פּראָגראַמען". קיינער פון זיי וועט דאָך נישט גיין פאָדערן, אַז די יוגנט זאָל „אומבאַדינגט" הערן די דאַזיקע יידישע ליבע־לידלעך. אויף שפּאַניש (פאַרלאָזט זיך אויף דער שפּאַנישער שפּראַך) זענען דאָ אַ סך שענערע לידלעך און טאַנגאָס וועגן מיידלעך און אַפילו וועגן „געניידן"...

דערווייל, נישט מער.

צי וועלכער פּאַרטיי האָט געהערט אָדם הראשון ?

איר פאַרשטייט? צרות פעלן נישט. אין מיטל-מזרח איז די לאַגע געשפּאַנט. אַמעריטשקע מיט ענגלאַנד גייען שוין מאַכן שאַכער-מאַכער אויף ישראלס חשבון. סיריע האָט שוין נישט וווּ צו לייגן דאָס געווער. מען האָט שוין אַרויסגעטראָגן די בעטן מיטן בעטגעוואַנט און אַלץ אָנגעפּילט מיט געווער. אין די יידישע אינסטיטוציעס גייט אַ פינאַנץ-אַקציע, ווייל עס פעלן 90 פּעזעס צום הונדערטער. אין מיטן דערינען האָט ניקיטאַ, אויסנוצנדיק וואָס מאַרשאַל זשוקאָוו איז נישט געווען אין דער היים, אים אַ ביסעלע באַזייטיקט פון אַלע זיינע געזעלשאַפטלעכע פּאָסטנס. און דאָ דרייט זיך אַרום אין רוים אַ „ספּוטניק" פּוסט-און-פּאַסט — דרייט זיך.

נו, ווי קען מען ביי אַזאַ מצב שרייבן הומאָריסטיש?

אָבער דער גאָט פון הומאָר פאַרלאָזט נישט. עס טרעפט שטענדיק עפּעס אַ טרעפעניש, וואָס גיט אייך אַ כאַפּ אָן און איידער איר דרייט זיך איבער איז פאַראַן אַ טעמע פאַר מיין רובריק „אין פּינטל".

נעם איך און לייען אַ צייטונג וועגן אַן עונג-שבת ביי די אַלגעמיינע ציונים. מען דאַרף אַלץ וויסן. מען דאַרף וויסן וואָס עס טוט זיך ביי אייך און וואָס עס טוט זיך ביי יענעם.

— אַז דו ווילסט אָפּאָנירן אַ קעגנער — פלעגט זאָגן מיין לאַנדסמאַן — אַ לינקער, — מוזטו קענען יענעמס פּראָגראַם. ריכטיק.

האָב איך געלייענט. לייען איך ווי דער הויפּט-רעדנער, אַ ישראלדיקער גאַסט, האָט גענומען נישט קיין אַנדערן ווי אברהם אָבינו און אים אָנגעשלאָסן אין דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

לאָמיר אייך איבערגעבן, ווי ער האָט עס אויסגעטייטשט, כדי איר זאָלט זען, אַז איר קענט אייך זיין דער גרעסטער געלערנטער און למדן און פון דעסטוועגן נישט וויסן אַזאַ קליינינקייט, אַז אברהם

אָבינו איז געווען אַן אַלגעמיינער ציוניסט. הערט וואָס פאַר אַ באַ־ווייזן ער האָט פאַר דעם:

א) ער איז געווען אַן איינגעפונדעוועטער באַלעבאָס;

ב) ער איז געווען אַ סוחר און ווען ער האָט פאַרהאַנדלט מיטן חבר אפרון החיתי מכוח דער מערת המכפלה, צו באַערדיקן זיינע פאַמיליאַרן, האָט ער עס געטאָן בכסף עובר לסוחר, נישט אַזוי ווי מען דינגט זיך היינט אין דער קהילה ביים קויפן אַ שטיקל קרקע;

ג) ער האָט ליב געהאַט צו טאָן טובות. פאַרטיידיקן געקריווּ־דעטע. שאַפן אַרבעט-מעגלעכקייטן און דערצו איז ער געווען אַ גרויסער מכנים-אורח.

דאָס איז — זאָגט ער — דאָס פּאָזיטיווע. דאָס נעגאַטיווע ביים חבר אַברהם אָבינו, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן, איז דאָס מוותר זיין אויף פּאָזיציעס, נאָכגעבן יענעם, נישט אָנהאַלטן די דעראָבערטע פּלאַצדוקעס. בקיצור — אַ ייִד אַ בטלן, אַ לעמעשקע, אין גאַנצן געראָטן אין די כלל-ציונים.

וואָס דאַרפט איר מער? עס האָט זיך אַנומלט געטראָפן אַ קאָנפליקט צווישן זיינע און זיין פּלימעניק, לוטס פּאַסטעכער. נעמט ער, דער אברהם אָבינו, איז מוותר אויף זיינע פּאָזיציעס און גיט אַוועק לוטן די ברירה צו פאַרנעמען די פעלדער.

ער שאַפט, ער בויט, ער גרינדעט און אַנדערע פאַרכאַפּן.

בקיצור, אַט די שלימזלדיקע מעלות און חיסרונות באַגלייטן דעם אַלגעמיינעם ציוניזם אויף זיין לעבנס-וועג.

זיי האָבן געבויט שטעט און אַנדערע וווינען דאָרט. ס'איז ממש ווי אין פסוק שטייט:

„בנים גדלתי ורוממתי והם...” — ס'איז עק-וועלט.

אַט דער תוכן פון דער טשיקאַווער דרשה, ווי עס האָט עס איבערגעגעבן דער רעפּאָרטער פון דער צייטונג ווו עס איז געווען געדרוקט דער באַריכט, האָט אונדז אַ ביסעלע אַרויסגעפירט פון ביטערן מצב-רוח.

אָסור, רבותי, צי מיר זוכן דאָ, חלילה, צו טרעפן פּאָליטיש דעם כלל-ציוניזם. מיר ברענגען עס נאָר צוליב קוריאָז און כדי

אַרויסצונעמען פון דעם אַ מוסר־השכל, אַז מען טאָר קיין מאָל נישט פאַרצווייפלען און מען קען שטענדיק זיך אָפּפרישן און באַנייען דעם גייסט מיט פריילעכע איינפאַלן.

אָט, למשל, צו דעם איינפאַל, אַז די אַלגעמיינע ציונים האָבן געבויט תל־אביב, ניי־ירושלים און חיפה. פעלט איצט נאָר אויסצופאָרשן ווער האָט געבויט ניו־יאָרק, וואַשינגטאָן, טשיקאַגאָ — די רעפּובליקאַנער, צי די דעמאָקראַטן?

ווער האָט געבויט לאָנדאָן — די טאָרים, צי די לאַבאָריסטן?

ווער האָט געבויט פּאַריז, רוים, קאָלאָמיי? ווער האָט געבויט בוענאָס־איירעס, טוקומאַן, ראָזאַריאָ, קאָרדאָבאַ — די ראַדיקאַלן, די דעמאָקראַטן־פּראָגרעסיסטן, צי גאָר די קאָנסערוואַטאָרן?

דאָס איז אַ פראַגע פון פאָרשונג.

וואָס אונדז אינטערעסירט אין דעם מאָמענט איז נאָר, אויב אַברהם אָבינו איז טאַקע געווען אַן אַלגעמיינער ציוני, וואָס זשע איז געווען יצחק אָבינו? יעקב אָבינו? און צו וועלכער פּאַרטיי האָט געהערט אדם הראשון?

לויט זיינע אייגנשאַפטן קען זיין, אַז ער איז גאָר געווען אַ קאָמוניסט, ווייל ער האָט פיינט געהאַט צו אַרבעטן. און אפשר איז ער גאָר געווען אַ מזרחי אָדער אַן אַגודהניק, ווייל ער האָט געטאָן דאָס פאַרקערטע וואָס גאָט האָט אים געהייסן?

הכלל, רבותי, ווער עס האָט אַ ביסל פרייע צייט, כאָטש אַ ביסל, זאָל אויסגעפינען צו וועלכער פּאַרטיי האָט געהערט אדם הראשון.

זייבערשע רבנים

און איך זאָג אייך נאָך אַ מאָל, אַז קיין בעסערער הומאָריסט ווי דאָס לעבן אַליין איז נישטאָ. עס איז בכלל נישטאָ קיין בעסערע קונסט, קיין גרעסערע פילאָסאָפיע, קיין שענערע ליטעראַטור, קיין שטאַרקערע דראַמע ווי דאָס לעבן גופא.

עס איז דאָך אַ פשוטער חשבון: שרייבערס שרייבן, פילאָסאָפן פילאָסאָפירן, מאָלערס מאָלעווען, פּאָעטן דיכטן, דראַמאַטורגן דראַמאַטיזירן, הומאָריסטן קריכן אויף די גלייכע ווענט. אַלע ווילן נאָכקאָפּירן דאָס לעבן און קיינעם געלינגט עס נישט. און אַז עס געלינגט שוין, איז עס ערשט מעלאָדראַמע, שונד, פאָטאָגראַפיע — קאַבאַק.

קומט זיך אָבער צוגיין דאָס לעבן אַליין, אָט־דאָס וואָס יעדער וויל עס אויסבעסערן, פאַרשענערן, סאַנירן, און יעדער וואָס רירט זיך צו מאַכט עס ערגער, מיאוסער און קראַנקער. אָט־דאָס לעבן אַזוי ווי עס גייט און שטייט, אָן פאָפּראַווקעס, נעמט אין מיטן טומלעניש, אין מיטן דער מהומה, גיט עס אייך אַ ליפער אַ מאַטעריאַל, וואָס אַפילו אַ מענטש מיט טויזנט קעפּ וועט עס נישט באַוויזן אויסצוטראַכטן. דאָס איז דאָס לעבן, אַזאַ קינסטלער, אַזאַ שטיפער איז עס.

לייענט איר זיך די צייטונגען — די שפּראַך, יענע שפּראַך — ס'איז גאָר נישט מיט נישט. דאָס וואָס מען קען זאָגן אין איין וואָרט און אין איין מאָל, למשל — ס'איז ביטער — ווערט עס געשריבן יעדן טאָג אין גאַנצע זאַצן, שורות, קאָלומס, זייטן — פּלאַכטעס.

„...מאָלאָטאָוו האָט געזאָגט, אַז רוסלאַנד איז שטאַרק און אַז זי פאַרמאָגט כך וכך קאָבאַלט־באָמבעס און אַז זי איז גרייט מען זאָל זיך דורכשמועסן...".

אויף דערויף האָט אייזענהאַוער געענטפערט, אַז עס איז נישטאָ קיין מלחמה־געפאַר אַזוי גיך און אַז די אַמעריקאַנער ביר-

גער דאַרפֿן זיך צוגעוווינען צו פּאַרטיידיקן קעגן אַטאָם־באָמבעס. קומט צוגיין אידען און בעט זיך ביי די ייִדן פון ישראל נישט צו מאַכן קיין טומל, טאָמער זענען דאָרט געווען עטלעכע אַריינדרינג־לער פון מצרים און טאָמער האָט עבר־הירדן געשאָסן. דער עיקר איז דאָך דער שלום און דעטס אַל.

אָט אַזוי גייט עס יעדן טאָג דער זעלביקער פּזמון. פאַר אַ מענטש וואָס לייענט נישט קיין צייטונגען, ווען ער זאָל פּלוצלינג אָנהייבן לייענען, וואָלט ער געמיינט, אַז בוכשטאַבלעך אַלע פּאָ־ליטיקער, אַריינגערעכנט אַלע אָפּאָזיציעס פון דער וועלט, לעכצן נאָר און אויסשליסלעך נאָך שלום. גייט דערציילט זיי אַ מעשה, אַז וואָס מער מען רעדט וועגן שלום אַלץ ערגער ווערט אויף דער נשמה.

איז טאַקע געווען אַן אָפּפרישונג צו לייענען אַזאַ הומאָריס־טישע ידיעה, אַז אין צפון־אַמעריקע (אַלץ ביי די אַמעריקאַנטשי־קעס) איז פאַראַן אַ פּלאַן אַרויסצולאָזן אַ סעריע פּרוויען־ראַבינערס. אַ ווייבערשער רבי איז דאָך שוין אַמאָל געווען ביי ייִדן, וואָס האָט געטראָגן אַ טלית, גענומען פּדיון און געגעבן קוויטלעך. וועלן מיר איצט האָבן פּרויען־ראַבינערס, וואָס וועלן האַלטן פּרעדיקטן אין די שילן, וועלן זיך לאָזן פאָטאָגראַפירן אין די צייטונגען און וועלן אָנהויבן פראַווען אייגענע פּאָליטישע טישן. אָבער דאָס איז אַלץ גאָר נישט. פאַר וואָס מען דאַרף מורא האָבן, איז דער איינפאַל וואָס זיי קענען אויסאיבן אויף די ייִדישע מענער אין אַמעריקע. ווער שמועסט נאָך טאָמער גיט זיך איין די ערשטע סעריע ראַבי־נערינס צו זיין טאַקע יפת־תוארס, אָדער סתם וואַזשנע פאַרשוויג־טעס.

טאָמער וועלן זיי זיין אָרטאָדאָקסישע ראַביִטעס, וועט די ייִדישע רעליגיע אָפּלעקן אַזאַ פּעט ביינדל, וואָס די אגודת־ישראל מיט דער נטורי־קרתא גם יחד האָט זיך נישט געחלומט. אַמעריקאַ־נער „בויעס” וועלן זיך פאַרליבן אין די רביצינס. וועלן זיך לאָזן וואַקסן פּיאות. וועלן אָנטאָן שטריימלעך און וועלן אין דער־אַ הלבשה טאַנצן אַ „בוגי” אָדער אַ „סאַמבאַ”.

טאָמער וועלן זיין רעפאָרמירטע ראַבינערינס, וועלן זיי צו דער ראַבינסקער נעאָ־ייִדישקייט פון חצי־קלויסטער און חצי־שיל

און צו די תּפילות אויף ענגליש „אָואַן איס אַוער גאָד", וואָס אויף ייִדיש מאַכט עס אויס אַזוי גוט ווי: „אַי גאָט איז דאָך אײנער און וואָטער קאָינער", נאָך צוגעבן מסתּמא די אַלט-נײַ ייִדישקייט — קיך-ייִדישקייט.

מיר קענען אויך דערוואַרטן, אַז באַלד נאָך דעם אַרויסלאָז פֿון דער ערשטער ראָטע ראַבינערינס, וועלן דערשײַנען ספּעציעלע ווײַבערשע ראַבינער-קאָסמעטיקס, וואָס וועלן זיך נעמען באַווײַזן אויפֿן מאַרק. למשל, לאַק פֿאַר מאַניקור געמאַכט פֿון חרוסת. פּאָמאַדע פֿאַר הויט-פֿרישקייט צוזאַמענגעשטעלט פֿון יויך פֿון געפֿילטע פֿיש מיט אַן עקסטראַקט פֿון זונטיקדיקער קטורת. כ'ווײס, אַ שטייגער, שמינקע און רוזש זאָל זײַן אַ מין סינטעטישער צוזאַמענשטעל פֿון מייערן-צימעס און אויסטערן-זאַפֿט.

וואָס איז דאָ צו ריידן? — עס וועט זײַן לעבעדיק אין שטעטל. נײַע אינדוסטריעס וועלן אויפֿקומען און זיי קענען אַרײַן אין דער מאָדע. אַ סידורל פֿון אַזאַ ראַבינערין וועט נישט אויסזען ווי אַ קאַטעכיזם מיט ייִדישע תּפילות אויף ענגליש, ווי די היינטיקע ראַבאַנישע „פּרעיער-בוקס". אָ, ניין! עס וועט זײַן אַזאַ מין עלעגאַנטער „מעגעזין" מיט אַ „פּיקטשע" פֿון דער שענסטער ראַבינערין, אָדער גאָר פֿון אַ ייִדישן פֿילם-אַקטיאָר.

וואָס עס וועט זיך טאָן אינעווייניק, אין אָט דעם מאַגאַזין, לאָמיר דערווײַל וועגן דעם נישט טראַכטן.

אַ גאָר באַזונדער קאַפּיטל וועט זײַן דער „קאָאָק-בוק". אַזעלכע מאכלים און אַזאַ צונויפֿלעב פֿון אַלע רעליגיעס האָט זיך אַפֿילו שלום אַש נישט געחלומט. לאָמיר זאָגן, אַ ייִדישער קוגל פֿון מצה-מעל, ראָזשינקעס מיט חזיר-פֿעטס אויף שבת-זונטיק; אַ ראָסעלע פֿון אַ כשרן עוף מיט שינקע מיט צוגעברוינטן מאַכמעדאַנישן פּיטאַ צו פֿאַרפֿאַסטן ערב יום-כּיפּור; געפֿילטע ייִדישע פֿיש מיט עכטע טשילענער לאַנגאָסטאַס און אַ רוסישן באָרשטש לכבוד צום-גדליהו; געפּרעגלטע לעבערלעך מיט יונגע זשאַבעס...

רבותי, שטעלט צוזאַמען אַליין די ווײַטערדיקע מאכלים. לאָזט אַן אַרבעט טאָן אײַער פֿאַנטאַזיע.

אַט איז אַ פרוי!...

(געווידמעט בבה אידלסון)

הכל תלוי במזל. מען גרייט זיך און מען גרייט זיך אויפצונע־מען אַזאַ גרויסאַרטיקן גאַסט, הערן אַ וואָרט, בייזיין די קבלות־פּנימער, די אויפנאַמעס, און דאָ נעמט דער וואָס לעבט אייביק און לייגט דיר אַוועק אויף אַ גריפּע. ליגסטו.

קענסטו אָבער ליגן, אַז ס'טראָגט דיך אונטער? די צייטונגען זענען פול מיט באַשרייבונגען. פונעם אַראָפּשטייג פון עראָפּלאַן און, אם ירצה השם, ביזן פּאַרלאָזן אַרגענטינע, וועט אַלץ אָפּגעשפּיגלט ווערן אין די גאַזעטן. טריט ביי טריט, שעה נאָך שעה — אַן אָפּן בלאַט פאַר די אַלע וואָס לייענען צייטונגען.

אַזוי האָב איך געטראַכט. און ווי שטענדיק, ווען מען מיינט אַז מען איז אַ שטיקל פּסיכאָלאָג, האָב איך ווי אַלע וואָס מיינען אַז זיי ווייסן שוין, געזען, אַז איך און זיי און מיר אַלע ווייסן גאָר נישט. אָבער לחלוטין גאָר נישט.

די אויגן האָט מיר געעפנט מיין שוועגערינס גליד־שוועסטער־קינדס מחותנתטעס חברטע, וואָס אירע מעלות וגם חיסרונות זע־נען די ווייטער־אויסגערעכנטע:

זי איז אַ שרעקלעך־פּאַרנומענע כלל־טוערין אין בית־יתומות, מושב־זקנים, מלביש־ערומים, קינדערהיים. אַ דאַמע פון אַלע דאַ־מען־קאָמיסיעס פון אַלע באַדייטנדיקע מענער־אינסטיטוציעס. חוץ דעם געהערט זי צום „פרויען־ראַט פון דער ליגע פאַר מענער־רעכט", צום „מענער־ראַט פאַר פרויען־רעכט". זי איז נאָך נישט פּאַרטיק מיטן געדאַנק, צי פּאַסט איר צו ווערן אַ מיטגלידערין אין דער „וויצאָ". וועגן פיאָנערן פרויען־אָרגאַניזאַציע האָט מען איר גע־זאָגט, אַז עס איז אַ סאָציאַל־פּאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז קעגן רוסלאַנד און קובאַ און נעמט אַריין אין אירע רייען „נישט־

מאָדערנע" פרויען. מען שפּילט דאָרט נישט קיין ברידזש און מען קען יאָ אָדער נישט זיין קיין אָנהענגערין פון רויט־כינע.

דערפאַר טאַקע האָט זי צו מיר אָנגעקלונגען טעלעפאָניש און אויסגענוצט מיין געדולד צו דערוויסן זיך מער איינצלהייטן וועגן דעם גאַסט, די דאָזיקע באַרימטע פרוי אידלסון, וואָס אויב טאַקע זי איז אַזאַ באַרימטע פרוי, הלמאי איז זי געקומען צו דער פּיאָנערן פרויען־אָרגאַניזאַציע, זי האָט דאָך געקענט קומען...

בקיצור, איך וועל אייך איבערגעבן דעם טעלעפאָן־געשפּרעך ווי ער האָט זיך אַנטוויקלט. דערביי וויל איך נאָך צוגעבן, אַז אָט די „פינפטע ראָד צום וואָגן" וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין מיין משפחה איז „שרעקלעך פאַרנומען". זי לויפט פון איין ברידזש־פּאַרטי צו דער אַנדערער און זי איז אַזוי טעטיק, אַז זי האָט נישט קיין צייט צו טאָן עפּעס.

צו מיר האָט זי באַוויליקט אָנצוהייבן ריידן זינט עטלעכע חדשים, ווען צוזאַמען מיט אַנדערע „העלדן און מאַרטירער" איז מיין נאָמען דערשינען אין די צייטונגען ווי אַ פּריש־געבאַקענער „טשלען" און „מעמבער" פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג — „קאָמוניסטישע איזראַעליטאַ" — און צו דעם האָט זי מיר געזען שטיין אויף אַ בינע צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר שטייערס, ווען אַ רעדנער האָט גערעדט.

דאָס אַלץ האָט ווייכער געמאַכט איר האַרטן שטאָלץ פון אַ קאָלאָסאַלער געזעלשאַפטלעכער דאַמע, וואָס איז אויך גענוג ראַדיקאַל געשטימט נישט צו באַטייליקן זיך אין פּאַלעסטינער פרויען־פאַראיינען, בעת איר אַמביציע, ווי אַ פרוי־מענטש און מענטש־פרוי, נעמט אַרום די גאַנצע וועלט, חוץ רויט־כינע און אַלבאַניע, ווייל זיי קריטיקירן די סאָוויעטן.

האָט מיר געדאַרפט טרעפן אַ גריפּע, וואָס שטענדיק „גיי איך זי אויס", נאָר דאָס מאָל האָב איך זי געמוזט אַ טאָג־צוויי אויסליגן און דעריבער דער טעלעפאָן־דיאַלאָג:

— האַלאָ! וואָס מאַכט איר? איר ליגט אין בעט? וווּנדערבאַר. איר מוזט מיר געבן אויסקונפטן וועגן דער סעניאָראַ בעבאַ אידלסאָן, ווייל איך דאַרף אָפּגעבן אַ באַריכט וועגן איר און טאָר זי נישט לויבן, — אַזוי האָט מען מיר אָנגעזאָגט. וויל איך, איר זאָלט

מיר געבן וואָס מער שטאָף, איך זאָל זי נישט דאַרפן לויבן — פאַרקערט: איך זאָל זי קענען קריטיקירן. ווייסט איר גאָר וואָס? איר לויבט זי. וואָס דען, איר וועט זי נישט לויבן? און אַלע אייערע ליבגעזאָגנגען וועלן זיין פאַר מיר מאַטעריאַל פאַר קריטיק. וואָס זאָגט איר?

— האַ-אַ-אַ-פּ-טש-י-ק!...

— איר זענט גוט פאַרקילט.

— וואָס איז די גוטסקייט?

— נו, איר פרייט זיך גאָר נישט מיט אייער גאַסט?

— איך בין טרויעריק.

— ווי קומט עס?

— ווייל איך האָב איצט געקענט ריידן מיט איר און מוז ריידן מיט אייך.

— אָבער איר רעדט דאָך נישט. ביי אייך איז אַ רענדל אַ וואָרט. זאָגט גאָר, אָבער דעם אמת: פאַר וואָס איז אַזאַ וויכטיקע פרוי ווי בעבאַ אידלסאָן נישט קיין פאַרשטייערין פון די „פריי־הייט־ און שאָלעם-ליבנדיקע אַלפעלקערלעכע פרויען-אָרגאַניזאַ־ציעס", נאָר פון אַ באַגרענעצטער אָרגאַניזאַציע פון איין פאָלק?

— ווייל זי האָט ליב פרייהייט. קעמפט פאַר שלום. האָט גערן אַלע פעלקער. דערפאַר איז זי אַ גאַנץ לעבן דורכגעדרונגען מיטן קאַמף פאַרן אייגענעם יידישן פאָלק — גיי איך אַריין אין מיין אַגיטאַציע-ראָל.

— אַזוי? איר ווילט מיר איבערצייגן? אויב אַזוי, פאַר וואָס זשע איז זי אַזוי קעגן קאָמוניזם?

— ווייל זי איז אַן אמתע סאָציאַליסטישע קעמפערין, איז זי פאַרן אמתן סאָציאַליזם.

— פאַר וואָס איז זי נישט געבליבן אין ראַטן-פאַרבאַנד?

— ווייל זי האָט געוואָלט בלייבן אַ סאָציאַליסטקע איר גאַנץ לעבן.

— איך פאַרשטיי אייך נישט. איר שרייט, אַז זי איז אַ סאָ־ציאַליסטקע, וואָס זשע האָט זי צו טאָן מיט ציוניזם? און צו וואָס דאַרף מען נאָך פּיאָנערן פרויען-אָרגאַניזאַציע? „וויצאָ" איז ווי־ניק?

— איך שריי נישט, אַז זי איז אַ סאָציאַליסטקע און בעבאַ אידלסאָן שרייט אויך נישט. זי האָט באַוויזן מיט מעשים איר סאָציאַליזם, נישט מיט רייד. זי שרייט אויך נישט, אַז זי איז אַ ציוניסטקע. זי טוט גרויסע היסטאָרישע נאַציאָנאַל־יידישע אַרבעט, הייסט עס ביי אייך אַ „ציוניסטקע"? און אַזוי ווי זי שרעקט זיך נישט פאַר ציוניזם און נישט פאַר סאָציאַליזם, שטייט זי אין שפּיץ פון „ראַט פון אַרבעטערינס" (מועצת הפועלות) פון דער הסתדרות, וואָס פאַרבינדט אַלע פּיאָנערן פרויען־אָרגאַניזאַציעס אויף דער וועלט. און די „וויצאָ" איז „וויצאָ" און „הדסה" איז אין אַמעריקע און האָט מיר אַ גוטן, „שלום"!

— נאָך איין פראַגע: מען זאָגט, אַז זי איז וויצע־פּאָרזיצערין פון פאַרלאַמענט און דאָמינירט אַלע מענער. וויפל זענען זיי דאָרט?

— כ׳וויים נישט צי אַלע 120 זענען מענער. דעפּוטאַטן זענען זיי אַלע. וואָס נאָך?

— כ׳האָב געהערט, אַז זי רעדט יידיש, שפּילט נישט אין ברידזש און רייכערט נישט. איז עס אמת?

— יאָ, ווייל זי איז אַן אמתע אַריסטאָקראַטקע. נישט פון אייער שניט.

— אַ מאָדנע פרוי. געהערט, אַז אויף דער פרעסע־קאָנפערענץ מיט גויים האָט זי גערעדט העברעיש. וואָס זאָגט איר אויף דעם?

— זי רעדט מיט גויים העברעיש, ווייל זי קען ענגליש, פראַנ־צויזיש און רוסיש און... נאָך עפּעס?

— זייט נישט אויפגערעגט. איך זע, אַז איר זענט אַ טרוקע־נער מענטש. ווען איך בין אויף אייער אָרט, וואָלט איך אַזאַ פרוי ווי בעבאַ אידלסאָן געליבט אין הימל אַריין, נישט געקאַרגט קיין ווערטער, ווי איר טוט עס לאַקאָניש. עס איז דאָך אַן אויסנאַם פון אַ פרוי. אַ מערקווירדיקע קעמפערין. עס איז דאָך נישט צו גע־פינען ביי קיין פאָלק אַזאַ ערשטקלאַסיקן פירנדיקן עלעמענט מיט אַזוי פיל פּשוטקייט, האַרמאָניע, דיסציפּלין און שוווּנג. אָט דאָס איז אַ פרוי!...

דער טעלעפאָן־געשפּרעך האָט זיך פאַרענדיקט און מיין קאַ־טאַר האָט אַ ביסל נאָכגעלאָזט.

אַ דיאַלאָג בײַ אַ דאָמינאָ

— נו, װעסט מיר זאָגן, אַז ער איז נישט גערעכט, דער כאַװער קאַמזױלקע, װען ער זידלט די „אידישע צײַטונג" פֿאַר איר פֿאַרשװיַכן דעם נאָמען פֿון סטאַלין?

— פֿאַר װאָס איז ער גערעכט?

— דו פֿרעגסט נאָך פֿאַר װאָס? מאַכסט זיך טיטאָװאַטע? װאָס ביסטו, אַ ייִנגעלע פֿון השומר הצעיר, װאָס דו דרייסט זיך אַהין און אַהער? ער איז גערעכט מיט זײַן אַרויסטרעט צי נישט?

— האַ?

— כאַװער קאַמזױלקע זאָגט, אַז מען קען זײַן אַ קעגנער (ער זאָגט אַנדערש), אָבער אַז עס שטאַרבט אײן מאָל אין אַזױ פֿיל יאָרן אַ סטאַלין, דאַרף מען האָבן „דעכערעך" פֿאַר אַ טויטן. נישט אַזױ?

— ניין.

— װאָס ניין? מען דאַרף האָבן דעכערעך, צי מען דאַרף נישט האָבן? װעסט מיר זאָגן, אַז ס'איז אַזױ שײן צו שרײַבן אַ באַגרײַבונג צו סטאַלינס טויט און דערמאָנען, אַז זײַן טאַטע איז געװען אַ לאַטוטניק און אַ שיכור?

— װאָסי, ס'איז אַ בושה? אַ לאַטוטניק איז דאָך אַ פּראָלעטאַריער און אַ ביסל בראָנפֿן איז אַן אינטערנאַציאָנאַלע רפֿואה, אַלע טרינקען עס — בורזשויען װי פּראָלעטאַריער. איי, אַ גוט ביסעלע װאָדקאַ! זעסטו, דאָס האָבן די רוסן! אַלע אַנדערע מעשׂות זענען שװינדל, לאָזעך אָפּ פֿון דעם!

— אָבער אין „רױטװעלט" שטײט, אַז אַלע גױים מיט אַלע זײערע צײַטונגען האָבן געשריבן גרױסע לױב-אַרטיקלען פֿאַרן טויט פֿון סטאַלינען. זײ האָבן נאָך דערמאָנט, אַז ער איז געװען אַ גלח.

— שוטה, מיט װאָס איז אַ גלח בעסער פֿון אַ לאַטוטניק?

— ס'איז נישט בעסער?

— װאָס דען, ס'איז בעסער? אַ לאַטוטניק ליגט אַ לאַטע אויף

אַ בגד און אַ גלח לייגט לאַטעס אויף דער נשמה. און הער מיר אויף צו דרייען אַ קאָפּ, לאָז שפּילן אַ דאָמינע.

— קענסט דען שפּילן?

— און דו קענסט ריידן פון פּאָליטיק? וואָס מישטו זיך אין זאַכן וואָס דו ווייסט נישט?

— יאָ, אָבער זיי שרייבן דאָך אין דער „רויטוועלט", איך בין זייערס אַ לייענער. אדרבה, קלער מיר אויף, עפן מיר דעם קאָפּ.

— קודם־כל, ווער בעט דיר זאָלסט לייענען דאָס וואָס דו דאַרפסט נישט. אַז מען קען נישט קיין אַנדער שפּראַך ווי יידיש, לייענט מען אַ יידישע צייטונג, וועסטו אַלצדינג פאַרשטיין און וועסט פאַרשפּאָרן שטעלן קלאָץ־קשיות. קיין גרויסער חכם וועסטו שוין סיי־ווי נישט ווערן. גרעסערע פון דיר זענען נישט געוואָרן קיין חכמים פון לייענען צייטונגען.

— איך זע, טאַקע, ביסט גערעכט. אַ האַלבע בלאַט איז געשריבן אויף שפּאַניש. צו וואָס שרייבן זיי איבער אַלע יידישע אַרטיקלען אויף שפּאַניש?

— גולם, פאַר די יידן! אפשר וועסטו גיין אַ שטיין און אויפּ־הערן צו טשאַדען?

— פאַר וועלכע יידן? איך האָב שוין געלייגט אַ שטיין.

— פאַר די גוים. איצט ווייסטו שוין? שרייב מיר אַריין 65 פונקטן, קאַליקע!

— שוין פאַרשריבן. אָבער איך רעשע, אַז מען האָט נישט געדאַרפט באַליידיקן סטאַלינען און דערציילן זיין יחוס. סיי־ווי איז ער שוין טויט, וואָס דאַרף מען זיך טשעפּען צו אים?

— נו, און אַז ער האָט זיך צוגעטשעפּעט צו לענינען, מעג ער? מיש אַ שטיין!

— לענין, זאָגט מען, האָט אים אַריינגענומען צו זיך. איך האָב אַן איבעריקן שטיין.

— וואַרף אים אַרויס.

— כ'וועל דיר באַלד געבן אַרויסוואַרפן. לענין האָט שטאַרק געהאַלטן פון אים.

— פון שטיין?

— כ׳האָב שוין אַרויסגעוואָרפן דעם איבעריקן שטיין. — פון סטאַלינען.

— ער האָט אים גערופן בעקער־יונג. און דו שפּילסט ווי אַ גאַנץ פיינער דראַנג.

— וועסט אַזוי באַליידיקן סטאַלינען, שפּיל איך נישט מיט דיר.

— איך באַליידיק נישט. איך זאָג דאָס וואָס לענין האָט געזאָגט.

— דאַרפסט נישט נאָכזאָגן. די „רויטוועלט״ שרייבט, אַז ווען ניט ער וואָלט קיין לענין נישט געווען. דער אמתער לענין איז ער געווען. נאָר ער האָט זיך גערופן סטאַלין, כדי מען זאָל אים קענען פאַרגלייכן מיט לענינען, וואָס איז געווען אַ סך קלענער פון סטאַלינען, אָבער מען פאַרגלייכט זיי ביידן גלייך אויף גלייך.

— קענסט די מעשה מיטן ייִד, וואָס האָט געמאַכט אַ פּאַבריק פון ווערשט? ער האָט גענומען האַלב קאַטשקע, האַלב פערד און געמאַכט ווערשט גלייך אויף גלייך.

— קערסט זיך שעמען אַזוי צו ריידן פון אַזאַ גרויסן מענטש!

— אַז דו ווילסט נישט שפּילן קיין דאַמינע און דו האַלסט אין איין פריידיקן. ווילסט כ׳זאָל זיך שמדן?

— אָנערקענסט, אַז סטאַלין איז געווען דער גרעסטער מענטש פאַר די לעצטע עטלעכע טויזנט יאָרן, שפּיל איך מיט דיר.

— ניין.

— ווילסט נישט שפּילן?

— יאָ.

— וואָס זשע זאָגסטו ניין?

— שפּילן וויל איך, נאָר אָנערקענען וויל איך נישט.

— פאַר וואָס אָנערקענט די „רויטוועלט״, „מאָרגן־פרייהייט״ און אַנדערע?

— לייען זיי נישט, וועסטו אויך נישט אָנערקענען.

— אַזוי? דו לייענסט זיי נישט?

— ניין.

— פון וואַנען זשע ווייסטו אַלצדינג?

— ווייל איך לייען זיי נישט. אַ חוץ דעם — וואָס ווילסטו פון מיר?

שאַ, הער זיך איין! קענסט אפשר אונדזער בן־עיר יונה־וואָלף דעם דרוקער? ער מאַכט די דרוק־אַרבעט פֿאַר אַלע ייִדישע אינס־טיטוציעס אין בוענאָס־איירעס. אים קענסטו נישט, האַ? אָבער סטאַלינען קענסטו יאָ?

הער זשע זיך איין. דער דאָזיקער בן־עיר דערציילט, אַז ביים צאַר פֿלעגט מען עקזאַמינירן די סאָלדאַטן, מען האָט געוואָלט וויסן צי זיי זענען אָנגעשטעקט מיט סאָציאַליזם. גיט מען אַ פֿרעג אַ סאָלדאַט ביי אַזאַ עקזאַמען

„שטאָ טאַקאָי סאָציאַליסט?" — וואָס איז אַזוינס, הייסט עס, אַ סאָציאַליסט?

קלערט ער נישט לאַנג, דער פּאַניע, און גיט אַזאַ מין ענטפֿער:

„נאַפּרימער — מאַכט ער, — צאַר (לאָמיר, הייסט עס, נע־מען דעם צאַר). פּאָ נאַשעמו, טאָ יעוואָ וויעליטשעסטוואָ צאַר באַטיושקאַ, אַ פּאָ איכניעמו טאָ זשוליק, סוואָלאָטש, סוקעני סין"...

— פֿאַרשטייסטו? פֿאַר אונדז איז דער צאַר אַ גאַנצער שישקע און פֿאַר זיי, די סאָציאַליסטן, איז ער אַזוינער און אַזוינער.

— פֿיין, פֿיין, אַ פֿיינער וויץ. איך לויף אים שוין דערציילן מיין שווער. ער קען רײַשיש.

— עס געפֿעלט דיר, יאָ? וואָס זשע האָסטו טענות — יאָ אָנערקענען, נישט אָנערקענען? די וועלט, גוטער ברודער, איז גע־גליכן צו אַן אויבערהעמד, איינער טראָגט אַזאַ נומער און אַ צווייַ־טער טראָגט אַן אַנדער נומער. מיש אַ שטיין, לאָמיר שפּילן אַ פֿאַר־טיע דאָמינע.

— פֿיין, פֿיין. עס געפֿעלט מיר. איך שפּיל מיט דיר אַ דאָמינע. הע, הע, הע, פּאָ נאַשעמו, פּאָ איכניעמו, אַ פֿיינע מעשה, גאַר פֿיין. האָסט דעם דובל זעקס?

דאַטשע און קאַסינאַ

(זומערדיקע פילאָסאָפיעס)



דער פּרוזדור

אַ טראָפּן וואַסער שפּיגלט אָפּ דעם גאַנצן ים. קלוגע מענטשן האָבן געשאַפֿן פֿיינע ווערטלעך, וואָס טייל מאָל דריקן זיי אויס אַ גאַנצע תּורה. מען קען לויט דער תּורה אָן שום פּחד פֿאַר גוזמא באַהויפּטן, אַז די וועלט פֿון קאַסינאָ שפּיגלט אָפּ די גאַנצע וועלט און איר אומגעגנט און די גאַנצע מענטשהייט מיט איר פּסיכאָלאָגיע און אידעאָסינקראַציע.

מ׳קען אַרויסרוקן אַ טענה, אַז די איצטיקע וועלט איז נישט גלייך צו דער אַמאָליקער וועלט און די היינטיקע מענטשהייט צו דער אַמאָליקער. קען מען אויך די גערעכטע טענה מיט אַ ביסל גוטן ווילן און „סמעקאַלקע״, ווי עס האָט זיך ליב אויסצודריקן מיין פֿריינד סעגיסמונדאָ שקאַרפּעטקע, גאַנץ פֿיין פֿאַרענטפֿערן.

— אייגנטלעך — זאָגט ער — איז דער הבדל פֿון אַמאָליקער וועלט ביז דער היינטיקער אַ דיאַלעקטישער (יונה, אָדער סעגיסמונדאָ שקאַרפּעטקע פֿאַרשטייט זיך אין די קליינע אותיהלעך). די וועלט פֿון אַמאָל איז באַשטאַנען פֿון רוסלאַנד און אַמעריקע. די וואָס האָבן געלייענט די צייטונגען האָבן שוין אויך געהערט וועגן טערקיי און יאַפּאַן. מילא, דאָרט, לאָנדאָן, האָט מען געקענט פֿון שלום־עליכמס „לאָנדאָן, פֿאַר וואָס ברענסטו נישט?״. וועגן פּאַריז האָט מען געוווּסט, אַז דאָרט האָט מען נעבעך פֿאַרמשפּט דעם קאַפּיטאַן דרייפֿוס. דאָס רעשט איז געווען נאַרישקייטן, די הרי־חושך.

מען האָט געוווּסט, אַז דער כדור־הארץ איז ריזיק גרויס, אָבער וועמען גייט ער אָן?

היינט שטאָפּט מען אָן דעם קאָפּ פֿון פּשוטע בירגער מיט טויזנטער נעמען פֿון דער הפטורה: קאָנגאָ, אינדאָנעזיע, מאַלאַזיע, וויעטנאַם, לאַאָס, גהאַנאַ, טאַילאַנד, ניגעריע, קווייט, ליביע און אַנדערע שוואַרציאַרן. און זיי האָבן ערשט אַ צפֿון און אַ דרום, אַ מזרח און אַ מערב.

די וועלט איז דאָכט זיך גרעסער געוואָרן. לאָזט זיך אוים גאָר פּאַרקערט, זי איז קלענער געוואָרן. אָט עסט אַ פּאָליטיקער פרישטיק אין קאַפּע-הויז „גאַרדען" אין ניו-יאָרק, לעבן דעם „פּאָר־ווערטס", מיטיק האָט ער אַריין אין האָנג-קאָנג, כאַפּט אַ שלאָף אויף אַ סעסיע פון די נייטראַליסטן אין ניו-דעלהי, אינדיע; אויף פייף אָ'קלאָק גפינט ער זיך שוין אין יוגאָסלאַוויע און באַווייזט נאָך צו עסן וועטשערע אין דעם יידישן רעסטאָראַן אין ווייזשאַ־קרעספּאַ, בוענאָס-איירעס...

דאָס נעמלעכע — פירט ער ווייטער דעם געדאַנק — געשעט מיט דער מענטשהייט. אַמאָל זענען געווען קיסרים, פריצים, מיעש־טשאַנעס, אַרבעטער און פויערים. האָבן די ערשטע און די צווייטע געמאַכט אַ צעזעצט לעבן. די דריטע האָט אויך געפעלט אַ מכה. געליטן האָבן נעבעך די פערטע און די פינפטע.

האָט גאָט געהאָלפן, מען האָט אַראָפּגעוואָרפן די צאַרן און די קיסרים און מען האָט צוגענומען ביי די פריצים זייער האָב און גוטס. וואָס זשע לאָזט זיך אוים? אַז דאָרט ווו מען האָט זיי אַראָפּ־געוואָרפן, נאָפרימער, אין רוסלאַנד לעבן די אַרבעטאָרערס און די פויערים ערגער ווי, למשל, אין ענגלאַנד און אין שוועדן, ווו מען האָט די מלכים נישט אַראָפּגעוואָרפן. וואָס זשע איז עס? דיאַלעק־טיק.

בלייבט בלויז די גרויסע איינטיילונג: מזרח-בלאָק און מערב־בלאָק. וועגן די נייטראַליסטן איז נישטאָ וואָס צו ריידן — דאָס זענען פשוטע אָנלייגערס. זיי נעמען פון רעכטס און פון לינקס.

דאָ איז געבראַכט געוואָרן שקאַרפּעטקעס תורה לשם אַ ביסל הסברה און כדי צו באַשטעטיקן, אַז די קאַסינאָ-וועלט איז נישט מזרח, נישט מערב, נישט נייטראַל — עס איז אַ פערטע דימענסיע, איבער די שרייבערס פון שווערע ווערטער דערלויבן אויסצובאָרגן ביי זיי אַ וואָרט.

פון דעם מאָמענט, ווען מען גיט איבער דעם בילעט און מען גייט אַריין אין דעם גרויסן האָל פון קאַסינאָ, האָט מען זיך אָפּ־געטיילט פון דער רעאַלער וועלט מיט אַן אייזערנעם פאָרהאַנג, ווו עס הערט שוין אויף צו עקסיסטירן יעדער מין באַגריף פון יע־

נער זייט, דהיינו: ראַסע, קאָליר, מענטאַליטעט, עלטער, געשלעכט, רייך און אָרעם.

די ערשטע זאַך וואָס ווערט אייך אַ ביסל קשה, זענען די זיצנ־דיקע פאַרשווינען און פאַרשוינטעם אין האָל אויף די פאָטעלן און באַפּעם אַרום אַלע ווענט. ווער זענען זיי און וואָס טוען זיי דאָ? בילעטן האָבן זיי באַצאָלט, טאָ הלמאי פאַרלירן זיי דאָ צייט אָנ־שטאָט צו שפּילן? איר זעט דאָ מענער און פרויען פון יעדן עלטער, פון כלערליי געזיכט־שטריכן, פון פאַרשיידענער קליידונג. זיי רייכערן אַלע סאָרט פּאַפּיראָסן, בתוכם אויך ציגאַרן און ליולקעס. זיי זיצן אין פאַרשיידענע פּאָזיציעס. טאַקע בין יושבין ובין מסובין.

ווער איז די דאָזיקע גרויסע מעדיטירנדיקע מאַסע, צוזאַמענ־געשטעלט פון פאַרשיידענע זיצנדיקע אינדיווידן וואָס פּראַווען עפּעס אַ מין התבודדות פון בראַמאַ־שניט?

דעם תירוץ קען מען געפינען אין דער עוואַנגעליע: די וואָס זענען די ערשטע וועלן זיין די לעצטע און די לעצטע וועלן זיין די ערשטע. (זאָלן מיר אַזוי וויסן פון בייז, צי עס שטייט טאַקע דאָרט אַזוי). די־אָ זענען די, וועלכע זענען געקומען צו השכמה, ווי נאָר מען האָט געעפנט די טירן פון קאַסינאָ.

זיי האָבן שוין באַוויזן „אָפּצודאַוונען" און איבערלאָזן זייער קוואָטע דעם גאָט פון רולעטע, וואָס איז געווען הונגעריק און אויך גיריק איינצושלינגען די קרבנות פון דער ערשטער טורנע (מען וואָלט אויך געקאָנט זאָגן: „שיכט", אָדער „משמורת") — פון דעם ערשטן מנין.

אין זייער פּרימיטיווער פּאָזע, בעת זיי זענען איבערגעטראָטן די שוועל פון דעם עולם־התחתון אין דעם עולם־הקאַסינאָ, זענען זיי אַלע געווען לעבעדיקע פריילעכע וועזנס. זיי זענען אַריינגע־קומען האָפערדיקע מיט וויזיע פאַר אַ „באַנייטן מאָרגן" פון פאַנ־טאַסטישע געלט־סומעס וואָס זיי וועט געגעבן ווערן אויפן אָרט פון די פיל קאָלירטע פאַרשיידן־מאַסיקע און פאַרשיידן־ווערטיקע פּלאַסטישע זשעטאָנען (פיטשעס, בלע"ז).

דאָס זענען די עקזאַלטירטע, די גלייביקע. זיי קומען אַריין, לייגן אוים זייער קוואָטע וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך און

שטעלן זי איין מיט איין מאָל: אָדער, אָדער. דער צווייטער „אָדער" דאָמינירט.

אַנדערע גייען אויס לאַנגזאַמער, אָבער דער סוף איז דער זעל־ביקער. לשבחם דאַרף פעסטגעשטעלט ווערן, אַז זיי פאַרשפּילן אויף אַ סטאָישן אופן. מענער גיבן זיך דעם לעצטן טאָפּ אין די קע־שענעס, פרויען וואַרפן דעם לעצטן בליק אין לאַבירינט פון זייערע האַנט־טאַשן, וואָס האָבן געזאָלט אָנגעפולט ווערן מיט זשעטאָנען. זיי שאַרן זיך לאַנגזאַם אַרום און פאַרנעמען אַ סטראַטעגיש פּלאַץ אויף איינעם פון די פּאָטעלן אין רחבותדיקן האָל, כדי אָנצוהייבן מעדיטירן.

למען האמת דאַרף פאַרצייכנט ווערן, אַז נישט אַלע זענען „אָפּ־געדאַוונטע מיטן ערשטן מנין". צווישן די דאָזיקע יושבים און יושבות זענען אויך פאַראַן פערסאָנאַזשן, וואָס זייער ראָל איז צו וואַרטן. זיי זענען נישט קיין שפּילנדיקע, זיי זענען באַגלייטערס. פאַראַן מענער וואָס שפּילן און זייערע ווייבער וואַרטן אויף זיי און פאַרקערט — ווייבער וואָס שפּילן און די מענער וואַרטן אויף זיי.

צווישן די פרויען זענען פאַראַן געזעצלעכע, האַלב־געזעצלע־כע, אמתע געליבטע און כלות. עס איז נישט שכיח אַז אַ שוועס־מער זאָל וואַרטן אויף אַ ברודער, אָדער אַ טאָכטער אויף אַ טאַטן. דאָס נעמלעכע דאַרף אויך פאַרשטאַנען ווערן פאַרקערט: עס וואַרט אַ מאַן אויף זיין ווייב, וואָס איז אַ פאַרברענטע שפּלערין; אַ מאַן אין פלוג אַ לעמעשקע, אויף זיין פילגש, עטסעטערא.

מ'טרעפט אַ מאָל אַ פאַרצווייפלטער, וואָס וואַרט אויף אַ היי־מישן צו בעטן ביי אים אַ הלוואה. אָבער דאָס מוז שוין זיין אַ גאָר פאַרלוירענער מענטש, אויב ער קען זיין אַזאַ אומהיילעוודיקער אָפּטימיסט.

„עטוואָס“ קאַסינאָ־געשיכטע

מיר האָבן פּרובירט אין אַ פּריוַוערדיקער שיחה שילדערן דעם פּרוזדור פון דער „פאַבריק פון חלומות“ — דעם פּאַליש פון קאַסינאָ. מען וואָלט זיך געדאַרפט אַריינכאַפּן אינעווייניק, זען וואָס הערט זיך עפּעס דאָרט?

יאָ, עס לוינט זיך צו פאַרלירן אַ פּאָר מינוט און אַ טאָפּ טאָן דעם דופק מכוח דער געשיכטע פון רולעטע. מיר גייען אַרויס פון דער מסקנה, אַז אויב אַן ענין ווערט באַהאַנדלט, טאָ זאָל עס זיין אויפן גרויסן שטייגער, מיט פּאַרנעם — מיט דער ברייטער האַנט.

אויב אַזוי, וויסן זאָלן וויסן, בעיקר זאָלן עס וויסן די גרויס־מנגנים, די וואָס שפּילן ביד רחבה, אַז מירצעשעם אין 5 יאָר אַרום ווערט גריילעך צוויי הונדערט מיט צען „לעבעדיקע“ יאָר זינט עס איז צום ערשטן מאָל — אין פראַנצנלאַנד — איינגעשטעלט געוואָרן די דאָזיקע שפּיל, וואָס הייסט **רולעטע**. דאָס איז געווען בימי מאַדאַם פּאָמפּאַדור, ווען די וועלט האָט צום ערשטן מאָל געהערט די עפּאָכע־מאַכנדיקע פראַזע, וואָס האָט זיך מער קיין מאָל נישט געביטן און ווערט אָנגעהאַלטן ביז „עד היום הזה“ אין אַלע שפּראַכן, אויף וועלכע פעלקער ריידן, אויב זייערע רעגירונגען האָבן איינגעפירט אין די נעמלעכע לענדער אַ רולעטע־שפּיל.

דאָס איז געווען אַזוי גוט ווי אין יאָר 1760, ווען מען האָט מיט מזל אַראָפּגעבראַכט אַ רולעטע קיין פּאַריז, ווו עס האָט געהערשט דער פּאָמפּאַדור־גייסט און דער פּאָליציי־שעף סאַרטען (אַ גוי וואָס האָט, ווייזט אויס, נישט פיינד געהאַט דאָס שפּילן און דערביי מסתמא געמאַכט אַ פיינע קאָפּיקע). אין יענעם יאָר האָט מען צום ערשטן מאָל געהערט די כישוף־פראַזע, ווי אויבן דערמאָנט, וואָס איז באַשטאַנען פון 4 ווערטער:

„ריען נע וואַ פּלי“, וואָס אויף שפּאַניש מיינט עס „נאָ וואַ מאָס“, גאָר פּשוט — עס גייט נישט ווייטער.

אַזוי זאָגט זיך בפירוש אין מיין אַריבער 90-בענדיקער „ענ־ציקלאָפּעדיאַ אוניווערסאַל" פון עספּאַסאַ קאַלפּע.

ווייזט אויס, אַז מען האָט געדאַרפט קעמפן אַ קאַמף, ווייל אין 1838 איז די זאַך פאַרבאָטן געוואָרן. אין פירשטנטום באַדען איז די שפּיל פאַרבאָטן געוואָרן אַזוי ווייט ווי אין 1878. אָבער אין 1760 איז די שפּיל איינגעפירט געוואָרן, אַ פּנים מיט דער הילף פון דעם נאָבעלן פּאָליציי־מייסטער הנזכר למעלה.

אַז מען רעדט שוין וועגן געשיכטע און מען האָט אַריינגע־בליקט אַזש אין דער ענציקלאָפּעדיע, איז גוט, אַז די אמתע מבי־נים זאָלן הערן, וואָס ס'ווערט געשריבן וועגן דער רולעטע.

קודם־כל דאַרף מען וויסן, אַז נעמען נעמט זיך דאָס וואָרט רו־לעטע פון דעם פראַנצויזישן וואָרט **רועל**, וואָס מיינט פּשוט — אַ ראָד. פון דעם איז שוין לייכט צו פאַרשטיין, אַז **רילעט** איז דער די־מינוטיוו פון **ריעל**: ראָד — רעדל. ווי להבדיל די צבראַס אין ישׂ־ראל מאַכן פון **אבא** — אַבאַלע, **כלב** — קלאַוטשיק, דאָס הייסט אַ קליין הינטל.

עס איז דאָ אַ סברא, אַז עס נעמט זיך אויך פון לאַטייניש „ראָטעלא". פון די לאַטיינער איז דאָך אָפּגערעדט — ביי זיי איז שטענדיק געווען פאַרקערט. אויב איר ווילט וויסן ווי עס הייסט אין קאַטאַלאַניש, איז ביטע זייער: רולינאַ. אויף עספּעראַנטאָ, די שפּראַך וואָס אַלע אירע סובסטאַנטיוון ענדיקן זיך מיט אַ קמץ, הייסט עס רולעטאָ. אָבער ווי איר וועט עס דרייען, בלייבט עס אַ רעדל, אַ רעדעלע וואָס דרייט זיך.

טשעקאַווע וואָס אַזאַ ענציקלאָפּעדיע פאַרנעמט זיך בפּרוטרוט וועגן דעם גאַנצן מעכאַניזם. האזינו, הערט:

„די שיסל מעסט 66 סענטימעטער אין דיאַמעטער, איינ־געטיילט אין 37 סעקטאָרן, אָדער 38 אויב עס זענען פאַראַן 2 זעראָס (הייסט עס, אַז עס זענען פאַראַן רולעטעס מיט 2 זעראָס אויך. ווען מיר זענען מיט 10 קעפּ וואָלטן מיר עס גע־וווּסט?). דער וועג, וואָס דאָס קיילעכל דאַרף דורכמאַכן איז פול מיט שטרויכלונגען, וואָס צווינגען דאָס באַלעכל צו מאַכן קאַפּריזנע שפּרונגען ביז עס אָרדנט זיך איין אין אַ קעמערל".

פון דעם איז צו זען, אַז דאָס קײלעכל פון מאַרפּיל לעקט נע־בעך אויך נישט קײן האָניק ביז עס פאַלט אַרײַן אין אַ נומערירט בעטעלע און מאַכט גליקלעך נאָר די יעניקע וואָס האָבן געשטעלט אויף דעם נומער און פאַראומגליקלעכט גאַנצע משפחות, צענדלי־קער און הונדערטער וואָס האָבן געשטעלט אויף די אַנדערע 36 נומערן. הײַנט די קללות און חרמות וואָס ס'כאַפּט אַרײַן, זאָלן נאָר אַרײַנפאַלן אין ים אַרײַן.

פון דעסטוועגן, ווי מען זאָל נישט וועלן זײַן קײן ייִדישער נאַ־ציאָנאַליסט, בשעת עס האַנדלט זיך אין אַזאַ אינטערנאַציאָנאַלן און אוניווערסאַלן ענין, קען מען נישט אַרויסשפּרינגען פון דעם אהבת־ישראלדיקן פּאַטריאָטיזם. ווי קען מען נישט באַוווּנדערן אונדזער פאָלקס־זשעני נאָך אַזאַ דיאַלאָגל, וואָס איז אָפּגעזאָגט געוואָרן אונטער מײַן נאָז:

— שוין געווען ביים רעדל?

— ווו דען, אין קלויסטער?

— נו, פאַרשפּילט?

— ניין, געוווּנען?

— נו, און דו האָסט געוווּנען?

— האָסטו שוין געזען עמיצן געווינען?

מיר מעגן אַלע ערוב זײַן, אַז די בײדע שמועסערס האָבן נישט געלייענט די ענציקלאָפּעדיע און האָבן נישט געוווּסט, אַז רולעט נעמט זיך פון „רועל” און אַז מען מיינט אַ רעדל. דאָס איז דאָך אינטויִציע, פאָלקס־געניוס. שוין אָפּגערעדט פון דער גאַנצער גאַ־ליקער פילאָסאָפיע, וואָס דאָס קליינע דיאַלאָגל אַנטהאַלט און שטעלט פעסט איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז די געוווּנענע און פאַר־שפּילטע זענען אין לעצטן חשבון פאַרשפּילטע.

דאָס ברענגט שוין אויפן געדאַנק אַן אַנדער מחשבה. ווי וואָלט געווען, למשל, ווען אין ישראל ווערט אײַנגעפירט אַ רולעטע. נישטאָ וואָס מורא צו האָבן דערוויל. נישט בן־גוריון האָט עס דערלויבט און נישט לוי אשכול וועט עס דערלויבן.

לאָמיר צולאָזן אַזאַ היפּאָטעטישן געדאַנק. ווי אַזוי וואָלט מען אויף העברעיִש געזאָגט דעם „ריען נע וואַ פּלי?” די וואָס קענען אַ ביסל אונדזערע הייסבלוטיקע צברהם און דעם נייעם

ישראל־מענטש און קענען אויך אַ ביסל די לויפנדיקע העברעיִשע שפּראַך, וואָס האָט אַ צאָל ווערטער אָן וועלכע מען קען זיך נישט באַגיין אין דעם מאָדערנעם לעבן, וועלן קענען מסכים זיין, אַז דער „נאָ וואַ מאַס" וואָלט אין ישראל פאַרביטן געוואָרן מיט:

„רגע, רבותי, תפסיקו!"

סיידן עס וועלן זיך אַריינמישן די רעליגיעזע פּאַרטייען און פאַרן פּרייז פון דערלויבן אַ רולעטע וועלן זיי בעטן, אַז מען זאָל איינפירן דעם טראַדיציאָנעלן „תם ונשלם"!

זעט איר, אַ שטייגער, ווען עס געלינגט דער פריילאַנד־ליגע צו קריגן ערגעץ אַ טעריטאָריע, לאָמיר זאָגן אויף איינעם פון די פּאַסיפיק־אינדזלען און דער יִדישער אינטענדענט, לאָמיר זאָגן ר' ברוך ניסנקנאַקער, פירט איין אַ רולעטע אויף יִדיש, ווי וואָלט עס דעמאָלט געווען?

לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז דער רעדל־דרייער וועט נישט זיין קיין בעסאַראַבער און נישט קיין ליטוואַק, נאָר מסתמא אַ פּוילי־שער יִיד, נו וועט ער גיין זאָגן „ריען נע וואַ פּלי"? עס גייט נישט מער?

ערשטנס וועט קיין שום יִיד, בפרט אַ פּוילישער יִיד נישט ריידן צו קיין עולם אַפירמאַטיוו, כמעט באַפּעלעריש. אַ יִיד שטעלט פּעסט אַ זאַך מיט אַ שאלה. רעכן איך, אַז ווען עס זאָל זיין אַ יִדישע טעריטאָריע, וווּ מען רעדט נאָר יִדיש, אויך די רולעטע־שפּראַך איז אויף יִדיש, וואָלט דער יִדישער קרופּיע, וואָס דרייט די רולעטע, אָנשטאָט „נאָ וואַ מאַס" און „ריען נע וואַ פּלי", גע־זאָגט:

„ני, עפּשע ט'זאַן גענוג, אַה?"...

די זוניקע מאַר־דעל־פּלאַטאַ

אַדיע שווערע און שווערלעכע טעמעס. להתראות! איצט איז זומער און מען ליגט אויף די פּליאַזשעס. נישט אַלע ליגן, אָבער די וואָס ליגן — ליגן. און עס איז טאַקע גוט און שיין און געזונט אויך. ווי האָבן געטענהט די אַמאָליקע רוימער: „מאַנס סאַנאַ אין קאָרפּאָרע סאַנאָ", וואָס מיינט גאָר פּשוט — אַז עס איז פֿאַראַן אַ פּאָר גראָשן אין קעשענע פֿילט זיך דער קערפּער יינגער, פֿרישער.

פון דעסטוועגן האָב איך אַ קאָלעגע, זיצט ער אין מאַר־דעל־פּלאַטאַ שוין אַ קימאַ־לן פון קאַרגע צוויי חדשים און ער האָט נאָך נישט אָנגעקוקט די פּליאַזשע, הגם עס האָט געהייסן אַז ער פֿאָרט אין דער פּליאַזשע־שטאָט אויף דאַטשע, אויף אָפּרו.

אַלץ איז רעלאַטיוו — דיאַלעקטיק. מיין חבר האָט נאָך בכלל נישט גענומען אַ ביסל זון. אָט אין דער ליכטיקער שטאָט, ווו די זון קושט אַלעמען אָן אויסנאַם, אַזוי די יונגע, שלאַנקע, בייגעוודיקע, ווי די עלטערע נישט אַזעלכע שלאַנקע און וויניקער בייגעוודיקע פּרויען־קערפּערס. פּונקט ווי זי באַשטראַלט גאָלדיק די גרויסע טעראַסן און פּליאַזשעס ביים ים און מאַכט נישט קיין אויסנאַם און שיינט אויך אויף די אָרעמערע הייזקעס וואָס שטייען ווייט פון ים.

אין אָט דער זון־שטאָט האָט נאָך מיין חבר נישט זוכה געווען אַז אַ זונשטראַל זאָל אַ וואַרעם טאָן ווי עס באַדאַרף צו זיין דעם נישט־געזונטן גוף זיינעם און פּאַר איין וועג זיין מיטלמעסיקן גייסט.

די זאַך איז אַ פּשוטע: ווען, אַ שטייגער, ווילט איר, ער זאָל נעמען זון? אין דער פֿרי? — אַזאַ משוגענער איז ער נאָך נישט. סיידן איר ווילט נישט, ער זאָל שלאָפֿן. ער שלאָפֿט זיך אָפּ זיין פּרימאָרגן אויף דער פֿולער פּאַרע. דערנאָך דאַרף מען עסן מיטאָג. און עסן, דאַרפֿט איר וויסן, איז ביי מיין חבר פּונקט אַזאַ וויכטיקע

עבודה ווי, להבדיל, די עבודה פון די כוהנים אַנומלט אין בית-מקדש.

ווידער, אויב עס איז פאַראַן אַזאַ פאַרשוין אויף דער וועלט, וואָס נעמט זיך אונטער איבערצייגן מיין חבר, אַז מען מוז נישט מאַכן די „סיעסטאַ", בפרט אין אַ פליאַזשע־שטאָט, — מען מוז נישט, הייסט עס, שלאָפן נאָכן עסן — פאַר דער פאַרשווינלעכקייט, וואָס וועט עס מיין חבר איבערצייגן — מעג ער זיין אַ ייִד, אַ קריסט, אַ מאַכמעדאַנער אָדער אַ בודיסט, — ליגט צוגעגרייט אַ גרויסע פרעמיע און דערצו וועט מען אים מאַכן אַ באַנקעט.

וועט איר דאָך פרעגן: **היתכן?** וועל איך אייך ענטפערן: **זעסט דאָך.**

אין גאַנצן פטור בלא כלום פון שוויצן איז ער נישט, אָבער נישט מחמת דער זון־אויסשטראַלונג און נישט ביי טאָג. ער שוויצט ביי נאַכט אויף צוויי טישן אין קאַסינאָ ביי דער רולעטע און ביי דריי טישן „באַקאַראַ" („פונטאַ אי באַנקאָ", בלע"ז).

זיין קערפער שוויצט דעמאָלט פון פיזישער אָנשטרענגונג און זיין אָרעמער מוח איז טעטיק מיט די אויסטערלישסטע מאַטעמאַטישע איינפאַלן.

ער שרייבט און מעקט און רעכנט און קאַלקולירט און אַז ער פאַרשפילט, שטעלט ער פעסט, אַז ער האָט געמאַכט אַ פעלער אין דער קאַלקולאַציע. אַז ער פאַרשפילט צום צווייטן מאָל, הערט אים אויף צו געפעלן דער טיש.ביים דריטן מאָל פאַרשפילן קומט ער צום אויספיר, אַז ער האָט נישט קיין מזל. ביים פערטן און פינפטן מאָל פאַרשפילן זעט ער באַשיימפערלעך, אַז עס גייט אים נישט. ווען ער בלייבט אָן אַ סענט אין קעשענע, לייכט אים אויף אַ געדאַנק, אַז מען דאַרף האָבן נייעם פאָדעם. דעמאָלט גייט ער אַריין אין זיין צימער (ער וווינט אין קאַסינאָ־האָטעל) און נעמט פריש געלט.

בכלל ליפערט דער קאַסינאָ אַ סך מאַטעריאַל פאַר הומאָר און טראַגיק. איצט, ווען די באַאַמטע פון קאַסינאָ שטרייקן און די טירן פון דער פאַנטאַסטישער קאַסינאָ־וועלט זענען געשלאָסן, איז פאַראַן אַ ביסל פערספעקטיוו און היסטאָרישע דיסטאַנץ פאַר אַזעלכע באַטראַכטונגען און דערפאַרונגען.

מיין נעמלעכער חבר וווינט אין קאַסינאָ־האָטעל, ווייל אַזוי דאַרף ער נישט צאָלן קיין איינטריט־בילעט. ער וויל זיך — זאָגט ער — געפינען זיך אין דער זעלביקער לאַגע ווי אַ טוריסט אין פּי־ריאַפּאָלים, די שיינע פּליאַזשע־שטאָט אין דעם שכנותדיקן אורו־גוויי, וווּ ער האָט אַמאָל געוווינט. אין פּיריאַפּאָלים — באַרימט ער זיך — לאָזט מען אַריין אָן געלט און מען לאָזט אַרויס אָן געלט... דעמאָקראַטיע, פרייקייט און גלייכקייט!

פאַרשטייט זיך, אַז נישט אַלע האָבן אַזאַ ווילד מזל ווי מיין חבר, אַן עלטערער בחור, לא עליכם, וואָס זיין חלום איז חתונה האָבן. אָבער גלייכצייטיק מיט דעם חלום איז ער באַהערשט פון אַן אַטאַווויסטישער מורא פאַר אַ ווייב אויף שטענדיק. האָט ער זיך אַ צימער אין קאַסינאָ גופא, אין צימער האָט ער אַ באַדייטנדיקן טאַש און אין טאַש האָט ער אַ טשעקן־ביכל. פאַרשפּילט איין טשעק — שרייבט ער אַ צווייטן. למען האמת דאַרף מען פעסטשטעלן, אַז ער געווינט אויך אַ מאָל. עס איז דאָך נישט שייך צו זאָגן.

נישט פאַר יעדן שיינט די זון

אדם יסודו מעפר וסופו לעפר.

אין אַ פרייער איבערזעצונג מיינט עס: נישט לענגער זאָלן לעבן אונדזערע שונאים, ווי לאַנג עס דויערן די וואַקאַציעס. דער מענטש איז געבוירן געוואָרן צו אַרבעטן און דער סוף זיינער איז צוריק צו דער אַרבעט.

וואָס איז אייגנטלעך די מעלה פון וואַקאַציעס? די הויפּט־מעלה איז וואָס מען דאַרף נישט אַרבעטן. די ביי־מעלות זענען: איר געניסט פון פרישער לופט און זון; איר דאַרפט נישט צאָלן קיין וועקסלען; און אַז איר האָט אַ ביסעלע מזל, פאַרשפּילט איר נישט אין קאַסינאָ אַלץ וואָס איר האָט מיטגעבראַכט (אויב איר דאַטשעוועט אין מאַר דעל פּלאַטאַ, אָדער אין אַן אַנדער פּליאַזשע־שטאָט, וווּ עס איז פאַראַן אַ רולעטע). עס בלייבט אייך וויניקסטנס אויף צוריקצופאָרן אַהיים.

אַרום די דאָזיקע פראַגעס לוינט זיך אַ שמועס צו טאָן. איין זאַך איז קלאָר (אל תגידו בגת, דערציילט עס נישט די באַלעבאַ־טים), נאָך די וואַקאַציעס איז נייטיק אַן אָפּרו.

לאָמיר זיך נישט נאַרן, וואָס מיינט אַ פּליאַזשע? לויט דער דעפיניציע פון מיין בן־עיר, דזשעק שומייקער, האָט אַ פּליאַזשע זכות־הקיום ווי באַלד דערלעבן איז פאַראַן אַ קאַסינאָ. אויב ס'איז נישטאָ קיין רולעטע, איז די פּליאַזשע פאַראורטיילט אויסצוגיין פון אומעט.

עס קענען די כוואַליעס פון ים שווענקען די זוניקע זאַמדיקע ברעגן, לאָזן נאָך זיך אַ שוים און קושן די פּיאַטעס פון די מיידל־שע פּיס. עס וועט איר גאָר נישט העלפן.

עס וועלן קומען עטלעכע עלטערע לערערקעס; עס וועלן קו־מען אַ פּאָר ערנסטע באַנק־אָנגעשטעלטע וואָס צוליב זייער רע־פּוטאַציע טאָרן זיי זיך נישט באַוועגן דאָרט וווּ עס איז פאַראַן אַ רולעטע. עס וועלן קומען אַ פּאָר דיכטערס וואָס וועלן פאַר זיך

אַליין, אונטערן רויש פון די „וועלן פון מער" לייענען פאַר זיך אַליין, פאַר זיך אַליין זייערע איין־מאָל פאַר־אַלע־מאָל אָנגעשרי־בענע פערזן וואָס וועלן בלייבן פאַרהוילן פון דער וועלט ביז לעולם ועד. דער גרויסער דערפאָלג, דעריבער, פון מאַר־דעל־פּלאַטאַ נעמט זיך פון אירע וועלט־באַרימטע קאַסינאָס.

יאָ, פאַרגעסן פאַר אייך פאַרצושטעלן דעם דאָזיקן דזשעק שומייקער. ווי קומט צו אים אַן ענגלישער נאָמען?

געהייסן האָט ער יאַנקל קאָמאַשנמאַכער. איז ער אַוועקגע־פאָרן קיין אַמעריקע, דאָרט געוואָרן אַ פרעסער פון פרויען־קליי־דער און געקומען פון דאָרט קיין אַרגענטינע אַ פאָלנער אַמערי־קאַנער.

אין וואָס באַשטייט זיין יענקישקייט? קודם־כל האָט ער אָפּ־געשפּאָרט אַ פּאָר דאָלאַר. האָט געביטן זיין נאָמען קאָמאַשנמאַ־כער אויף שומייקער און האָט געגומען אַריינמישן עטלעכע ענגלי־שע ווערטער בעתן ריידן. וועלכע ווערטער? „ווהייט ע מעניט" און „בעליוו מי", וואָס אויף יידיש מיינט עס: „וואַרט אַ מינוט" און „גלויב מיר". ער איז נישט קיין פּשוטער טיפּ.

אָט־דער פאַרשוין — דער גראַנד פאַרערער פון מאַר־דעל־פּלאַטאַ — איז זיך אַמאָל געגעבן אַ קום אַראָפּ אין דער קאַסינאַ־שטאָט אָנגעטאָן אין אַ ווייסן גאַרניטור, מיט ווייסע לאַטשן, פיין אָפּגעשוירן, אָפּגעראַזירט; באַשפּריצט מיט אָדעקאָלאָן פון דער מאַרקע „אַדקינסאָן". דעם אמת מוז מען זאָגן, אַז ער האָט געהאַט אַ גאַנץ שיינע מצבה, אַ געשטעל, אַ דאָן־זשואַן. און פאַרשטייט זיך, אַ פרייער מענטש, אַ כאַלאָסטאַי, אַ בחור, אַ פאַרדינער. ער האָט געקענט צוקומען צו די בעסטע שידוכים. דעם אָוונט האָט באַזונדערס זיין פּנים געשטראַלט. איז געווען פאַרגאַפט פון די ליכטער פון שטאָט. ער איז גלייך אַריין אין קאַסינאָ מיט אַ פולער קעשענע געלט.

— ווהייט ע מעניט — פלעגט ער זאָגן — ביי מיר אין קעשע־נע, בעליוו מי, איז די בעסטע באַנק.

געהאַלטן האָט ער, אַז ער האָט אַ שטאָלענעם כאַראַקטער און ער קען נאָר פאַרשפּילן וויפל ער וויל. וואָס איז דאָ פאַראַן צופיל צו ברייען? עס איז אַדורך פונקט איין שעה קאַסינאָ מאַר־

דעל־פלאַטאַ, ערשט ער גיט אַ טאַפּ די קעשענע — זי איז פול־שטענדיק אויסגעליידיקט. וואָס הייסט ליידיק? ווי ביי אַ רעדנער דער קאָפּ אויף אַ באַנקעט, אויב ער האָט פאַרגעסן, נישט דאָ גע־דאַכט, מיטצונעמען די אָנגעשריבענע אימפּראָוויזירטע רעדע.

צו וואָס זאָל מען דאָ מאַריך זיין? דעם זעלביקן אָוונט האָט ער געמוזט צוריקפאָרן קיין בוענאָס־איירעס. פאַר גרויס צרות, ערגערניש און עגמת־נפש האָט ער געגומען און חתונה געהאַט.

היינט, אַז ער קומט אַראָפּ מיט זיין ווייב קיין מאַר־דעל־פּלאַ־טאַ, קענט איר זען אַזאַ בילדל און הערן אַזאַ מין דיאַלאָג:

— ווהייט ע מעניט, כאָסעפינאַ, בעליוו מי, אַז ס׳חלשט מיר דאָס האַרץ. גיב מיר אַ פּאָר ניקל, איך וויל טרינקען אַ קאָקאַ־קאָלאַ.

איר זענט זיך אַוודאי משער, אַז דאָס זאָגט ער, דזשעק שו־מייקער. ווען איר זעט אים וואָלט איר אים נישט דערקענט. עס איז געוואָרן פון אים אַ פּשוט נעבעכדיק מענטשל.

— נאַשער, פּרעסער, זולל וסובהניק! און אַ פּשוטע סאָדע־וואַסער וועט דיר נישט באַקומען? גיי טרינק און איך וועל באַצאָלן.

דאָס ענטפערט אים זיין יידענע שרה־יענטע, וואָס רופט זיך כאָסעפינאַ און איז זיינע אַ שיפשוועסטער. ווען נישט יענער טראַ־גישער אָוונט אין קאַסינאָ, וואָלט זי אפילו נישט געקענט חלומען אים צו באַקומען.

זי האָט איבערגענומען די פינאַנסן אין אירע באַדייטנדיקע הענט, אין וועלכע זי האַלט אַ גרויסן האַנט־טאַש און ערשט אי־נעווייניק ליגט דזשעקס מענערישער טייסטער, וואָס ער האָט אים שוין נישט געהאַלטן אין האַנט זינט דער חתונה־נאַכט, ווען ער האָט אים געזען צום לעצטן מאָל און אויף אייביק מיט אים זיך געזעגנט.

בעת זיי גייען זיך אַזוי שפּאַצירן פאַרביי דעם קאַסינאָ, כאַפּט ער אַ גנבישן בליק און זעט דעם שטראָם מענטשן, וואָס כוואַ־ליעט זיך הין און צוריק און שלעפּט אים אַוועק צו יענע גוטע צייטן, ווען ער איז נאָך נישט געוועזן קיין סאַטעליט פון זיין ווייב. ער מאַכט זיך האַרץ און גייט דורך דעם עמק־הבכא, ווי עס וואָלט אים אפילו נישט אָנגעגאַנגען. אָבער, נישט ביי זיין כאָסעפינאַ, זיי

אימפעריאַליסטיש ווייבל, וואָס פאַרגעסט נישט אים צו דערלאַנגען אַ שטאָך:

— דזשעקעלע — רעדט זי זיך אַזוי רויִקלעך — נעם זאָג קדיש נאָך דיינע פאָר טאָלער וואָס דו האָסט דאָ, נישט היינט געדאַכט, איבערגעלאָזט אָן אַ יורש. באַקוק גוט — מאַכט זי — דעם בית־הקברות, ווו דו האָסט באַגראָבן דיינע פאָר גראָשן. ווען דו ווייסט כאָטש — רעדט זי ווייטער מיט יענער ביטערער ווייבערישער גאַל וואָס איז עלול צו דערפירן, בעליוו מי, ביז צו מאָרד און זעלבסטמאָרד — ווען דו וואָלסט כאָטש געוווּסט ווו זיי זענען אַהינגעקומען, וואָלסטו זיי געקענט שטעלן אַ לייטישע מצבה, וואָלסטו זיי געקענט שטעלן, די פאָר פעזעס דיינע...

דזשעק, אָדער יאַנקל קאָמאַשנמאַכער, איז בטבע אַ רויִקער מענטש. אָבער מען דאַרף נישט זיין קיין פּסיכיאַטער צו באַמערקן, אַז בשעת־מעשה ווערט ער גרין און געל און עס קאָכט אין אים אַלץ מיטאַנאַנדער. און נישט אַזוי צוליב די פאָר פעזעס, נישט אַזוי צוליב דער בושה און פאַרלוירענע וואַקאַציעס, נאָר בעיקר צוליב זיין אומגליקלעכן באַשלוס, וואָס יענע מעשה האָט גורם געווען. ער, דזשעק שומייקער, דער בעסטער דאַמען־פּרעסער מיט אַ שם פון אַ דאַן־זשואַן, זאָל נעמען און חתונה האָבן! און מיט וועמען?

ער האָט, דעריבער, אי גענומען האָסן די רולעטע, אי זי ציט אים, טאַקע ווי עס שטייט געשריבן אין דער ביבל: „ויתרוצצו הבנים בקרבה”. אָבער גיי מאַך, אַז דעם טייסטער האָלט זי און זיין מלחמה איז אַ פאַרשפּילטע, בעליוו מי, פולשטענדיק אַ פאַרשפּילטע.

וּוהייט ע מעניט! נישט פאַר יעדן שיינט די זון.

להתראות זומערלעב — ביז לשנה הבאה!

אַ ייִד פון איטלעכן געשלעכט און עלטער איז מחויב צו וויסן, אַז „משנכנס אָדר מרבין בשמחה". ס'איז נישט וויכטיק וווּ דער זאַץ געפינט זיך, דאָ אָדער דאָרט. וויכטיק איז דער עצם פאַקט, ווי אַזוי ייִדן, באַקאַנט ווי די גרעסטע וויינערס, קענען צוליב איין גרויסער פריידיקער געשעעניש — דעם נס פורים — נעמען און פאַרוואַנדלען אַ גאַנצן חודש אָדר אין אַ פריילעכן חודש, הגם אין דעם זעלביקן חודש (ז' אָדר) פאַלט אויס די יאָרצייט פון דעם סאַמע גרעסטן מענטש פון אַלע צייטן, משה רבנו, וואָס מיר פאַרערן אים פאַר זיין תורת-משה און מיר האָבן צו אים תרעומות הלמאי ער האָט אָנגעוואָרפן אויף אונדז אַזאַ שווערע תורה מיט פאַרבאָטן, מיט לאָוון און מיט אַ שיין ביסל סטראַשונקעס.

איך געהער צו די נייגעריקע ייִדן. האָב איך אַ טאָפּ געטאָן דעם וואָגן ביי ייִדן מלומדים, וואָס פאַרלאָזן זיך אויף זייער זכרון אַ ביסעלע צו פיל. האָט מיר איינער געזאָגט, אַז דער „משנכנס אָדר" געפינט זיך אין דער מסיכתא „מגילה"; אַ צווייטער — אין פּרקי אָבות. ביז איך האָב אַליין אַריינגעקוקט און קען מודיע זיין אַלע נייגעריקע, אַז עס געפינט זיך אין דער גמרא תענית כ"ט, און אַ סוף זאָל עס נעמען.

צו וואָס איז בכלל נייטיק געווען דער גאַנצער הקדמה-טאַראַראַם? אַ טבע אַזאַ ביי ייִדן, וואָס ווילן עפּעס מסביר זיין סיי אין ריידן, סיי אין שרייבן.

געוואָלט האָב איך, אייגנטלעך, נאָר אָוועקשטעלן פּנים אל פּנים דעם חודש אָדר מיטן חודש מאַרץ. מילא, אין ישראל, אין צפון-אַמעריקע און אַפילו אייראָפּע קען מען זיך פרייען מיטן חודש אָדר נישט נאָר צוליב פּורים, נאָר אויך צוליבן חודש מאַרץ, וואָס זאָגט אָן אויף פרילינג און שפּעטער אויף זומער, מיט פּערספּעקטיוון פון זומערלעב און חי-געלעבט. אָבער אין אונדזערע מקומות

איז אַלץ קאַפּויער און מיטן קאָפּ אַראָפּ. אַזאַ חודש אָדר מיט אַזאַ יום־טוב פּורים, ווען מען דאַרף זיך טאַקע פרייען צוליב דער מפּלה פון אַ שונא־ישראל, גייט די שמחה ערגעץ אַנדערש געאַרעמט מיט פרילינג־האָפענונגען און ביי אונדז גייט מען אַנטקעגן די פאַלנדיקע בלעטער פון אַנקומענדיקן הערבסט, באַגלייט מיט צוריקגייען צו דער אַרבעט; די תלמידים דאַרפן אָנהויבן צו לערנען און די לע־רערס מוזן, נעבעך, זיין דערביי. עס הייבט זיך אָן דער געזעל־שאַפטלעכער יאַריד מיט „זיצן", מיט אַסיפות און באַנקעטן. מען הייבט אָן טיילן דעם עולם פּאָליטיק, פּאָליטיקע און פּאָליטיקעריי און אויך קולטור. וואָס איז דאָ צו ריידן? ס'איז אַ שיינער פאַרגלייך:

מאָנאַט אָדר און חודש מאַרץ.

טאָ זאָל דאָ אַריינגעטראָגן ווערן אַ פאָרלייג (מען קען אויך זאָגן: פאָרשלאָג) אויסצוברייטערן די דאָזיקע מסיכתא. וועגן חודש אָדר, ווען עס ווערט פאַרגרעסערט די פרייד, אַט אַזוי:

משנכנס אָדר מרבים בשמחה און משנכנס מאַרץ איז ביי אונדז אַדיע מיטן זומער...

אויס פּליאַזשעס, מען קומט צוריק אַזוי ווי פון פראָנט. און עס דאַרף נעמען אַ פיין שטיקל צייט ביז דער עולם רוט זיך אויס פון דעם אָפּרו און איידער וואָס־ווען רוקט זיך אָן דער ווינטער.

מען פּרובירט זיך ראַטעווען און לאַנגזאַם אַנטווייען פון זו־מער מיט „וויק־ענד". אויף יידיש וואָלט מען געדאַרפט זאָגן מיט „וואָך־ענדע" אָדער „סוף־וואָך". פון דעסטוועגן ווערט דאָ נאָך אַ מאָל פאַרגעלייגט מען זאָל בלייבן מיט דעם ענגלישן וויק־ענד, עס איז אַ גוט וואָרט און עס וועט גאָר נישט שאַטן יידיש, פּונקט ווי דאָס אַמעריקאַנישע וואָרט „דאָלאַר". נישט נאָר עס שאַדט נישט די שפּראַכן, נאָר עס העלפט די אַלע פעלקער.

ווען פון די געטרייסטע אַרגענטינער וועט איינפאַלן צו פאַר־בייטן דעם אַמעריקאַנער דאָלער אויף אַן אַרגענטינער פּעזאָ? איך גלייב אַז אַפילו דער פאַנאַטישסטער אָנהענגער און קענער פון תנ"ך וועט נישט גיין בייטן אַ דאָלער פאַר אַ תנכישן „שקל", אַפילו נישט פאַר אַ ציוניסטישן שקל, וויבאַלד אַ שקל וועט נישט

קאָסטן מער ווי אַ האַלבער דאָלער אויפן פינצטערן מאַרק. איז אויב דער דאָלער (די אַמעריקאַנער זאָגן דאָלער מיט אַ פּתח) האָט גע־מעגט אַריין ווי ער גייט און שטייט אין אַלע שפּראַכן, מעג „וויק־ענד" אויך פאַרנעמען אַ פּלאַץ. נישט געפערלעך.

יאָ, פּאַרט מען צו ביסלעך אַרוים סוף־וואָך. די צרה וואָס מען דאַרף אָנקומען צו אַ פריינד, אַ חבר, אַ גוטן־ברודער, אַן אייגענעם ברודער, אַ שוואָגער, אַ פעטער. די אַלע אויסגערעכנטע האָבן אייגענע אויטאָס און פון זיי איז אָפּהענגיק איר זאָלט געניסן פון „וויק־ענד" אָדער נישט. מעגט איר מיר גלייבן, אַז קיינער וועט אייך נישט אָפּזאָגן. ס'עקסיסטירט נישט אַזאַ זאַך ווי לחלוטין אָפּזאָגן. מען גיט אייך אָן די סאַמע לאָגישסטע תירוצים, וואָס דאַרפן טאַקע באַטראַכט ווערן ווי ריכטיקע. איר קענט גאָר נישט האָבן צו זיי. אַדרבה, מאַכט אַ חשבון:

דער בעל־דבר מוז מיטנעמען זיין ווייב? קיינער וועט נישט וואָגן צו זאָגן ניין! אַז עס איז פאַראַן אַ טאַטע, אַ מאַמע, ווי האָט מען אַ האַרץ זיי נישט מיטצונעמען? שווער און שוויגער, אַגב, פּרובירט זיי נישט מיטנעמען, סיידן איר זענט גרייט אויף אַ קאָנ־פליקט מיט אייער ווייבס משפּחה. און אַז דעם ווייבס שוועסטער און דער שוועסטערס אַ גליד־שוועסטערקינד ווילן מיטפאָרן, איז נישטאָ קיין ברירה. אין ברירה (איין ברייראַ, גיט אַ קוועטש אויפן לעצטן טראָף און איר ווערט אַ פאָלנער צברה). די טאָכטער מיט דער חברטע וועט איר לאָזן אין דער היים? מוז מען שוין מיטנע־מען אַ שטיקל צוקונפטיקן חתן, וואָס איז אַן אייביקער סטודענט, פאַרנעמט זיך מיט טעלעוויזיע, שרייבט פּיעסן, האָט צו טאָן מיט צייטונגען, מיט אַקטיאָרן, איז אויך אַ שטיקל מאָלער און פאַר־דינט וואַסער אויף קאַשע פון פּובליציטעט. אָבער עס איז גוט אַז עס וואַלגערט זיך אַ קאַנדידאַט פאַר אַ מיידל, מען זאָל אים נישט באַדאַרפן, עלעהיי אַ קאַנדידאַט פאַר דער קהילה.

פאַראַן אייביקע סטודענטן און פאַראַן אייביקע קאַנדידאַטן. מען האַלט זיי, ווייל זייער קאַנדידאַטור איז גוט און טאָמער וועט מען דאַרפן אויף גיך, זאָל מען נישט אַרומלויפן זוכן אַ קאַנדידאַט, מען האָט גלייך צו דער האַנט אַ פאַרטיק קאַנדידאַטל. נישט מער

וואָס אָט־דער קאַנדידאַט, דאַכט זיך אָט־אָט ווײַלט מען אים אויס, ער שטייט שוין אויף דער ליסטע. אָבער אין לעצטן מאָמענט ווערט עפּעס קאַליע. ער ווערט פּלוצים נעלם פון דער רשימה און עס איז שוין פאַראַן אַ צווייטער, וואָס מוז גיין, ווײַל ער מוז גיין.

מאָלט אײַך, אַז עס האָט נאָך נישט געטראָפן אַזאַ פאַל אויף דער וועלט, נישט דאָ און נישט אויף קיין אַנדער טייל וועלט, פון די ביבלישע צייטן אָן, אַז מען זאָל דאַרפן זוכן אַ קאַנדידאַט צו דער קהילה אָדער אַן אַנדער פאַראיין. שטענדיק זענען פאַראַן צופיל קאַנדידאַטן אין לעצטן חשבון. אין זעלביקן לעצטן חשבון קען איין קאַנדידאַט אַמאָל קאַנדידירן אַ צענדליק יאָרן. יענער איז שוין מיד פון כבוד, באַנקעטן, צייטונגען. און אַז איר רעדט מיט אים, איז ער ממש אַ קרבן פון דער געזעלשאַפט. און דאָ וואַרט, נעבעך, אַן אייביקער קאַנדידאַט וואָס איז אויסגערוט, פריש — אַ מחיה. נאָר עפּעס פעלט נישט ביי אים. ער קאַנדידירט און ווערט פאַרשווּנדן פון דער ליסטע. מען פּראָפּאַגאַנדירט אים און זיין נאָמען ווערט שפּורלאָז אַנטרונען. פון אַזאַ קאַטאַסטראָפע שפּאָרט ער אָפּ אַן אולסער, אָדער אַן אַנדער קרענק. אַלע שפּאָרן אָפּ אַזאַ חולאַתל, אָבער אים פאַרדריסט וואָס יענע שפּאָרן עס כאָטש אָפּ פון באַנקעטן, פון וועטשערעס, מילא האָט עס געלוינט. ביי אים איז עס פון אַ פּשוטער מענטשלעכער ערגערניש און גריזאָטע, נישט פאַר קיין שום קאַנדידאַט געדאַכט.

בקיצור, נעמט אַראָפּ דעם משל פון קאַנדידאַט, און איר וועט זען, וויפל פאַרשוינען דאַרפן אַריין אין קאָטש־אויטאָ, ווי גרויס ער זאָל זיין — קען מען שוין קיינעם נישט מיטנעמען אויפן „וויק־ענד".

צי מען פאָרט מיט אויטאָ, צי מיט אויטאָבוס, צי גאָר מיטן באַן — דעם זומער קען מען שוין נישט צוריקברענגען. בלייבט נאָר צו געזעגענען זיך ביז, אם ירצה השם, איבעראַיאָר. איז נישטאָ קיין בעסערער מאָנומענט צו געזעגענען זיך ווי מיט אַ ליד, וואָס מיר וועלן אָנרופן:

אויף דער פּליאַזשע

(צו זינגען מיט דער מעלאָדיע „אויפן וועג שטייט אַ בוים״)

אויף דער פּליאַזשע שטייט אַ ייִד,
שטייט ער אַ פּאַרטראַכטער;
קוקט אַהער און קוקט אַהין
מיט די ליפּן מאַכט ער.

געשפּילט נומערן, געשפּילט שאַנצן,
געלייגט אויף פּונטאַ־באַנקאַ;
נישט געגעסן, נישט געשלאָפן,
שטייט ער איצט אַ קראַנקער.

ווו געווען איז מיין קאָפּ, מיין שכל —
איך, דער חכם, דער בעל־לשון?
געשיקט די טויזנטער צו דער שחיטה,
געבליבן אָן אַ גראָשן.

אַדיע, פּליאַזשע, כ׳דאַרף איצט רחמים
האַרצעדיקער טאַטע!
לשנה הבאה, איבעראַיאָר
ווידער מאַר דעל פּלאַטאַ...

עס וואָלט געווען אַ יושר גדול, אַז אַזאַ ליד זאָל נישט זינגען אַ ליאַדע דראַנג, נאָר טאַקע מענטשן וגם פרויען, מיט אַ שטיקל קול נגינה.

אַקטואַליען

TOP SECRET

הוראַ! מען האָט אונדז באַפרייט

אַ טעלעפאָן־קלונג: האַלאָ!

עס האָט געקלונגען צו מיר איינער פון מיינע — איך רוף זיי — „העלדן און מאַרטירער".

איטלעכער האָט זיך זיין נאָמען, זיין גאַנג און זיין שפּראַך. מיט גרויס פאַרגעניגן וועל איך זיי לאַנגזאַם פאָרשטעלן.

דער קלונג פון טעלעפאָן, האָט מיר דאָס האַרץ געזאָגט, איז פון אַנטאָניאָ, אָדער פון עקיבא־בער. ער איז אַ ייד אַן אָנגעלייענ־טער, אַפילו געווען אַ ישיבה־בחור. דאָ איז ער געוואָרן אַ שטיקל סוחר און האָט זיך איינגעשטעלט אַ סדר אין זיין אַרבעט. דהיינו: וואָס ווייניקער אַרבעטן. אין זיינע „לינקע" צייטן (ער איז געווען רויט סכנות נפשות) האָט ער אַפילו זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פאָרשלאַג (מען קען אויך זאָגן — אַ פאַרלייג) אַז אַרבעטן זאָל מען נאָר איין שעה אין טאָג, נאָר וואָס דען? די שעה וואָס מען דאַרף אַרבעטן, זאָל גרייטלעך זיין די מיטיק־שעה.

טשעקאַווע: אין זיינע רויטע צייטן האָט ער זיך גערופן עקי־באַ־בער, שפּעטער ווען ער איז געוואָרן נאַציאָנאַלנע, אַפילו רע־ליגיעז (דאָס וואָרט „רעליגיעז" איז אים עפּעס נישט אַרויסגעקו־מען), האָט ער זיך פאַרביטן די נעמען: עקיבא — אַנטאָניאָ, אַ בער איז אויף שפּאַניש „אָסאָ", איז עס צוזאַמען אַנטאָניאָ אָסאָ. איז אָט דער אַנטאָניאָ־עקיבא האָט עס צו מיר געקלונגען.

— כ׳קום שוין צו דיר.

— איך האָב נישט קיין צייט.

— מיר ווילסטו אויך בלאָפן?

ער איז געקומען, זיך אַוועקגעזעצט און גלייך אַרויס מיט לשון:

— נו, הייסט עס, אַז מען האָט אונדז באַפרייט. זיי האָבן אונדז פרייגעשפּראָכן.

— ווען האָט מען באַפרייט? ביסט דען געזעסן?

— שפּיל נישט דעם משוגענעם, ווייל דו דאַרפסט נישט שפּילן. מען זאָגט דיר באַפרייט — איז באַפרייט! מען מוז נישט זיצן כדי באַפרייט צו ווערן; מען קען זיצן, ליגן, שטיין, גיין און דאָך נישט זיין באַפרייט. איצט זענען מיר באַפרייט.

— כ׳לעבן, עקיבא בער, איך בין באַשעפּטיקט. איך...

— צייט-שמייט. וועסט ביי מיר זיצן און אויסהערן. אַ מענטש לייענט נישט קיין צייטונג און ווייסט נישט אַפילו אַז מען האָט אים באַפרייט. איך, דו, מיין משפחה, דיין פאַמיליע, אַלע ייִדן זע־נען באַפרייט געוואָרן. נישט דו, נישט איך, נישט קיינער פון אונ־דזערע באַקאַנטע און נישט-באַקאַנטע האָבן דערהרגעט ישון — אַזוי האָט מען געמאָלדן און אַזוי האָט מען מודיע געווען. פרייסט זיך נישט?

— דאָס איז עס? כ׳האָב באמת נישט קיין צייט פאַר די נאַ־רישקייטן. ווער הרגעט, ווער האָט געהרגעט?...

— אָט דאָס איז עס דאָך. הייבסט שוין אָן גיין אויף אַ וועג. הער אַ מעשה! פאַרגעקומען איז עס אַ קימא-לן מיט אַזעלכע ניינצן הונדערט יאָר צוריק. פאַרמשפּט האָט אים דער פּאַפּסטישער פּאַנטיוס פּילאַטוס מיט זיין גאַנצער כאַליאַסטרע, דאַרף איך טראָגן די שולד אַזעלכע קנאַפּע 2.000 יאָר. איך פרעג נאָר, פאַר וואָס האָט מען נישט די שולד אַרויפגעלייגט אויף די איטאַליענער? דער פּילאַטוס מעג טאַקע די כפּרה ווערן פאַר די היינטיקע איטאַליע־נער, אָבער פאַר וואָס בין איך מער שולדיק פאַר דעם איטאַליענער וואָס פאַרקויפט מיר לימענעס?

— יאָ, ער איז דאָך אָבער אַ גוי און דו נישט.

— אַזוי? נו, און ישו איז געווען אַ גוי? און יוחנן המטביל איז געווען אַ גוי? און שאול התרשיש און די אַסיים, וואָס האָבן אַלע געקענט היילן מיט קרייטעכצער און באַוויזן וווּנדיירים און לעבן אַסקעטיש, וואָס זענען זיי געווען? פאַר זיי נעמט מען זיך אָן און מיר זענען די שולדיקע. אלא, וועסטו זאָגן — געקריי־ציקט! ווּעמען האָט מען אין יענע צייטן נישט געקרייציקט? געווען אַזאַ מיאוסע מאָדע ביי די אַמאָליקע ראָמאַנער צו קרייציקן. מען האָט געקרייציקט אויף לינקס און אויף רעכטס, בעיקר ייִדי־שע פּאַטריאָטן — די קנאים, נעבעך.

— נו, יאָ, אַזוי איז עס.

— ניין, ברודער, עס איז נישט אַזוי. דו גיב אַ טראַכט, אַז מען נעמט אַראָפּ פון דיר אַ שולד און דו ווייסט נישט פאַר וואָס און פאַר ווען. אָרגאַניזאַציעס טרעפן זיך, קאַרדענאַלן דיסקוטירן, בײַשאַפן שפּאַרן זיך אַלץ צוליב דעם, צי איך בין שולדיק אין אַ מאָרד וואָס גוייִם האָבן אויסגעפירט קעגן אַ ייִד אַנומלט, מיט 20 הונדערט יאָר צוריק.

וואַרט אויס! די פּאָר אַראַבישע פּאַיאַצלעך זענען ערשט נישט צופרידן, זיי קומט נאָך אַ רעשטל; זיי האָבן שטענדיק געמאַכט קרעפּל־פליש פון קאַטאָליקן, זיי געהרגעט, געמימתט אויף רעכטס און אויף לינקס און פלוצלינג זענען זיי געוואָרן פּאַרטייִדיקערס פון אַ גאָט, וואָס זיי האָבן קיין מאָל נישט אָנערקענט.

— פּאָליטיק, ברודער.

— אַזוי? איך זע אַז דו הייבסט אָן צו פאַרשטיין אַן ענין. דאָס איז עס — פּאָליטיק! וואָס זשע האָט קריסטוס צו טאָן מיט פּאָליטיק? אַז בסך־הכל האָט יעזוס בכלל זיך נישט געמישט אין פּאָליטיק. ער האָט געוואָלט, אַז דער מענטש זאָל זיך רייניקן — דער ציבור איז אים נישט אָנגעגאַנגען. מיר דערציילט נישט קיין מעשיות. „גיב דעם קיסר וואָס אים קומט״ — האָט ער אַפילו געפּריידיקט. קומסטו מיר דערציילן אַ מעשה — פּאָליטיק!

— יאָ, דאָס איז די מעשה.

— וואָס מעשה, ווער מעשה? ווען מיר וואָלטן געוואָלט באַשולדיקן, וואָלטן מיר זיך געדאַרפט אָפּזונדערן אויף אַן אינדזל און מיט קיינעם נישט ריידן.

ווען מיר וואָלטן געדאַרפט מאַכן געטער פון מענטשן, וואָלט אונדז נישט געסטייעט די וועלט. עשרה הרוגי מלכות, ר׳ אמנון, נעבעך. מען נעמט — אויך מיט קנאַפּע טויזנט יאָר צוריק — אין דער שטאָט מיינץ און מען צעפּערטלט אים אויף שטיקער. וואָס זשע מיינסטו האָט ער געטאָן? — גאָר נישט. נאָר פאַרפאַסט אַ תפילה „ונתנה תוקף קדושת היום״, ווו מ׳רעדט וועגן דער הייליקייט פון יום־כיפור, און — שאַ שטיל. נו, און די קדושים פון די שייטערהויפנס פון דעם תכשיט טאָרקוועמאַדאַ, פון היטלער און זוער נישט?

— יאָ, יאָ. נישט קיין נײַעס.

— נישט קיין נײַעס איז עס בײַ דיר. בײַ דיר איז אַלץ רעכט! מען וועט שוין מוזן דיר אַ ביסל עפענען דעם קאָפּ. לאָמיר דערווײַל אויסטרינקען פאַר אונדזער באַפרייאונג.

מיר האָבן אויסגעטרונקען פאַר אונדזער באַפרייאונג. אַ ברירה האָב איך געהאַט?

די שרייענדיקע שוויגעניש

און אַט האָב איך די גרויסע „סאַפּיסטאַקציע" (דאָס איז איינס פון די ווערטער וואָס די צונג דרייט זיי איבער, אָבער מייַנען מיינט מען: סאַטיספּאַקציע) אַרויסצופירן אַ צווייטן העלד פון מיין גאַלעריע „העלדן און מאַרטירער", ככתוב, ווי עס איז געווען יאַסנע און דייטלעך אָנגעגעבן אין אַ פריערדיקן געשריפט, בעת עס איז געגאַנגען אויפן ערשטן פייער — עקיבא בער, וואָס אויף אַלע וועלט-פּראָבלעמען האָט ער איין ענטפער: שמד-שטיק.

דאָ האַנדלט זיך אין יונה האַנטוך, וואָס רופט זיך אויף שפּאַניש „כואַן טאָאַזשאַ", דווקא צוליב ריין יִדישיסטישע סיבות. זיין טענה איז אַזאַ:

— היות — זאָגט ער — דעם סובסטאַנטיוו **האַנטוך,** וואָס נעמט זיך — זאָגט ער, — פון צוויי ווערטער: **האַנט** און **טוך,** און מען וואָלט זיי טאַקע געדאַרפט אַזוי שרייבן, קומט — זאָגט ער — צוגיין דער „ייוואָ" און הייסט אין זיינע „תקנות" זאָגן „האַנטעך". צו דעם נעמט נאָך — זאָגט ער — ניו־יאָרק און מאַכט פון האַנטוך און פון האַנטעך גאָר **האַנטאַך;** דעריבער און דער עיקר ווי אַ פּראָטעסט קעגן דעם אומרעכט, האָט ער געביטן זיין נאָמען: יונה — אויף כואַן, און האַנטוך־האַנטעך־האַנטאַך אויף שפּאַניש — **טאָאַזשאַ,** און אַ סוף.

דער דאָזיקער אַנטאָניאָ האַנטוך, אָדער יונה טאָאַזשאַ, קומט צו מיר אין ענינים פון גאָר הויכן ניוואָ.

ער לייענט אַלץ. ער געהערט נאָך צו די לייענער, וואָס אַ צייטונג הייבט ער אָן לייענען פון דעם קעפּל, דעם יאָרגאַנג, דעם נומער, די דאַטע. ער גייט דורך אַלע נאָטיצן, אַלע נעקראָלאָגן און חתונות (ס'איז אַלץ איינס — זאָגט ער) ביז ער קומט צו אויף דער לעצטער זייט. ער קען אייך געניי דערציילן וואָס ס'האָט געטראָפן מיט דער שיינער בעלאַ און מיט דעם אינטריגאַנט בעני, מיפּן פונעם אַמעריקאַנער ראָמאַן. בקיצור — אַלץ.

אַט איז אַ שמועס, וואָס מיר האָבן אַנומלט אָפּגעהאַלטן פון דעם אויבן־דערמאָנטן ניוואָ, נאָך דעם ווי ער האָט אויסגערייכערט מיינס אַ פּעקל פּאַפּיראָסן און אויסגעטרונקען פיר קאָוועלעך מיט איין קאָקאַ־קאָלאַ אויף מיין חשבון.

— נישט אַלע שווייגענישן זענען גלייך — האָט ער באַלד אָנגעהויבן, ריידנדיק און זופנדיק גם יחד — פאַראַן אַ שווייגן, פאַראַן אַ שווייגעניש, אַ פאַרשווייגן און פאַראַן אַ שווייגעכץ וואָס איז מרעיש עולמות, פאַרשטייסטו?

— ניין.

— נאַרישער סעקרעטאַר וואָס דו ביסט, ווען וועסטו שוין אַ מאָל ווערן פּרעזידענט? אַט נעם, נאָפּשיקלאַד (ער איז אַ פּויליש־שער), מיין ווייב.

— איך וויל זי נישט נעמען. איך האָב גענוג איין ווייב.

— שוטה! איך גיב דיר נאָר אַ ביישפּיל, אַ דוגמא. נעם מיין ווייב, אַז עס קומט אָין די חדשימלעך, די הייסע, די זומערדיקע, הערט זי פּלוצלינג אויף צו ריידן. קענסטו זיך פאַרשטעלן מיין ברייגען נישט ריידן? פון דעסטוועגן שווייגט זי. דאָס שווייגן גע־דויערט אַזוי לאַנג ביז איך גיב איר אַ פרעג: „נו, בערנאַרדינאַ (אַזוי רופט זי זיך), וווּ־אַהין מיינסטו וועלן מיר אַ פּאָר טאָג אויף עטלעכע טעג?".

דאָ, ברודער, ענדיקט זיך דאָס שווייגן און די פאַבריק הייבט אָן צו גיין אויף דער גאַנצער פּאַרע. „ערשטנס, מאַכט זי, וועלן מיר נישט אַ פּאָר־טאָג, נאָר טאַקע פאָרן; צווייטנס, נישט אויף עטלעכע טעג, נאָר אויף עטלעכע וואָכן, און דריטנס...".

וואָס איז דאָ צו ריידן? דעמאָלט קומט די ריי אויף מיר, און איך הייב אָן שווייגן. נו, וועסטו אפשר גיין פאַרגלייכן איר שווייגן צו מיין שווייגן?

— ניין, איך רעכן נישט צו פאַרגלייכן.

— טוסטו מיר אַ טובה, דו פאַרגלייכסט נישט. אדרבה, פּרוּוו און געפין אַ פאַרגלייכעניש.

איר שווייגן איז פול מיט רייד, מיט תרעומות, מיט פאָדערונ־גען. מיין שווייגן, נעבעך, איז אַ פאַרשווייגן, כדי דאָס שווייגעניש זאָל איבערגעריסן ווערן.

ווען מיינע הייבט אָן צו מיר צו ריידן, דווקא רויק, וועגן אַ בייעם מאַנטל, דעמאָלט הייבט זיך אָן מיין שווייגעניש. איז עס ווידער אַן אַנדער שווייגן. עס איז, ברודער, אַ נערוון־שווייגעניש אויפן סטיל פון מזרח־ און מערב־בלאָק. הייבסט עס אָן צו באַנע־מען?

— מען דאַרף נישט זיין קיין גרויסער חכם צו דעם.

—אויב אַזוי, ביסטו דער ריכטיקער קאַנדידאַט. קען מען שוין צוגיין צו אונדזערע זאַכן.

איך האָב באַשטעלט אַ ניי פּעקל פּאַפּיראָסן, נאָך אַ קאַווועלע און איך האָב דערפילט, אַז מיר שטייגן צום „העכערן ניוואָ", מחמת דאָס פּנים פון יונה האַנטוך האָט אָנגענומען אַ מינע פון אַ פּרעזי־דענט בעת ער גרייט זיך צו עפענען „אַ זיץ".

— אַבי מיר האָבן געמיינט, אַז מיר ווייסן שוין אַלץ. האָבהאָט האָט אָנגעשריבן אַ פּיעסע, מען האָט זי געשפּילט, מען האָט זי פאַרווערט צו שפּילן, מען האָט דיסקוטירט, דעבאַטירט, זיך מת־וכח געווען. ווער פאַר און ווער קעגן. בקיצור — מען האָט גע־צווייפלט צי „דער שטעלפאַרטרעטער" האָט טאַקע אַזוי שטאַרק געשוויגן, צי ער האָט ווייניקער געשוויגן ווען די נאַצים האָבן גע־קוילעט ייִדן. איצט זענען דערשינען, חברל, די סאַמע גלאַוונע דאָ־קומענטן, וואָס דערציילן, אַז דאָס שווייגן פון דעם 12טן שטעל־פאַרטרעטער איז געווען פון אַזאַ גאַטונעק און פון אַזאַ סאָרט, וואָס איז עלול אויפצורייסן דאָס שווייגעניש פון דער וועלט. האָסט נאָך עפּעס צוצוגעבן צו דעם?

— חלילה, מען קען עס גלייך נעמען צום אָפּשטימען.

— וואָס אָפּשטימען? דו ביסט דאָך עפּעס אַ כלל־טוער, ווייס־טו דאָך וואָס פאַר אַ ווערט עס האָבן שטימען. אָט נעם אַ פּרעזי־דענט פון די וואַלן. 19 מאָל האָט מען געדאַרפט שטימען ביז די פּאַקן האָבן זיך אָנגענומען און עס איז שוין מיט מזל פאַראַן אַ פּרעזידענט אין איטאַליע. נו, און אַז מען האָט דאָ ביי אונדז נישט געשטימט. האָבן זיך אונדזערע דעלעגאַטן, זאָלן לעבן און געזונט זיין, דערשראָקן און חלילה געבליבן אין דער היים? עס איז מיר אַ וואונדער, אַזאַ צפּאַנער טיפּ ווי דו זאָלסט נאָך גלייבן אין אָפּ־שטימען, פע!...

— כ׳בעט דיר, יונה, נישט באַרירן קיין כלל־ענינים. ס׳קומט נישט צו פון דעם קיין געזונט. שוויַג בעסער.

— מיר הייסטו שוויַגן? עס איז שוין דאָ ווער עס זאָל שווייַגן פאַר אונדז ביידן. איך וועל דיר באַלד דערציילן וועגן אַ גייעס שותק, וואָס איז פּלוצלינג דערשינען אויף דער מאַפּע... אַנו, טרעף! יועסט נישט טרעפן. אונדזער אַלט־באַקאַנטער קאַרדינאַל פון די פּוילישע קאָמוניסטישע קאַשטשיאָלן. מי לנו גדול ווי קאַרדינאַל ווישינסקי בכבודו ובעצמו? אַזאַ צדיק, אַזאַ געליטענער פון די נאַציס פון איין זייט און פון די קאָמוניסטן פון דער צווייטער זייט. פון דעסטוועגן, חברל, אַז ס׳איז פאָרגעקומען דער עקומענישער קאָנסיליום און קאַרדינאַל בעאַ האָט איינגעלייגט וועלטן און אַזאַ פיינער הומאַניסט ווי קישינג פון באָסטאָן האָט ממש אויף כוח דורכגעזעצט די סכעמע, אַז מען זאָל אויפהערן דרייען אַ דאַשעק מיט אַ גאָט־מאָרד; אַז ס׳איז ממש אַ גראַביאָזש וגם אַ חוזק צו האַלטן אַ גאַנץ ייִדיש פאָלק, בתוכם די דערמאָרדעטע דורך די פּראָטעסטאַנטישע און קאַטוילישע זשוליקעס, פאַר מערדער. הערסט יוערטער?

— קושינג האָט אַזוי נישט געזאָגט, ער האָט...

— איך וועל זיך אַ מעשה אָנטאָן. כ׳זע אַז וואָס מער דו יואַלנערסט זיך אין קהלשע ענינים, אַלץ אויסגעוועפּטער ווערסטו. נו, און דו מיינסט, אַז די וואָס האַלטן רעדעס, דרשהס, עקספּאָזעס, גיבן באַריכטן, אינפאָרמעס, עקספּאָנירן, רעפערירן, האָבן טאַקע אַזוי גערעדט און עקספּאָנירט און אַזוי געדרשנט ווי די רעפּאָרטערן אין די צייטונגען גיבן איבער?

כ׳לעבן, איך דערקען דיך נישט. איך דערצייל אים אַ מעשה פון הויכן ניוואָ און ער קומט מיר דערציילן לעגענדעס, ווי אַזוי מען דאַרף זיך אויסדריקן. איך מאַך דיר נאָר אַ פאַרגלייך און כ׳דערצייל דיר ווי עס האָבן געהאַנדלט פּאָזשאָנדנע קאַרדינאַלן, כדי דיר צו אינפאָרמירן, חברל, אַז אָט דער קאַרדינאַל פון דעם פּוילישן קלער, ווישינסקי, האָט לחלוטין געשוויגן.

אָט דאָס אינטערעסירט מיך און פון דעם וויל איך, אַז מיר זאָלן ציִען די געהעריקע קאָנסעקווענצן און די פּאַסיקע מסקנות. פאַרשטייסטו? — **ווישינסקי שווייַגט.**

צו וועלכן סאָרט שווייגעניש וועסטו פאַררעכענען ווישינסקיס שווייגן?

— אַדרבה, צו וועלכער?

— עס איז אַ שרייענדיקע שווייגעניש, הערסטו! עס איז אַ שווייגעניש, וואָס שרייט אַרויס פון אַ קריכעניש צום קאָמוניסטישן פּריץ, וועלכער פאַרטראָגט כלומרשט שווייגעוודיק דעם אַפּ־יום־ווייררויך וואָס רעליגיעַ פאַרשפּרייט אינעם פּוילישן פאָלק. עס איז אַ דאַנק־שווייגעניש, וואָס ציט זיך ביז צום קרעמלין און ביז צו קאַירא.

לאָמיר אויסשווייגן אונדזער פּראָטעסט.

מיר האָבן פאַררייכערט נייע ציגאַרעטלעך און זיך אַוועקגעזעצט שווייגן...

די ביבל און די „בייבל״

עס וואָלט געווען פון מיין זייט אַ „היסטאָרישער פעלער״, ווען איך זאָל אין מיינע שמועסן נישט דערמאָנען די גרויסע טרעפעניש וואָס האָט געטאָן טרעפן דאָס ענגלישע פאָלק פאַר דער לעצטער צייט. און נישט אַזוי דאָס פאָלק, ווי די טאָרים און די סאַמע שפּיצן פון דער רעגירונג.

מען דאַרף דאָ לאַנג נישט בריייען, כדי אַלע זאָלן באַנעמען אַז דאָ רעדט זיך וועגן דער דראַמע, אָדער טראַגעדיע, בעסער — טראַגי־קאָמעדיע, וואָס אירע הויפּט־פּערסאָנאַזשן זענען:

דזשאָן פּראָפּיומאָ, דער קריג־מיניסטער; קריסטין קילער, אַ רויט־האָריקע מאָדעלקע (אַזוי רופט מען עס דאָרט, אין ענגלאַנד); סטיפן וואַרד, אַ ביין־דאָקטער פון פאַך מיט אַ האָבי פון פּרויען־האַנדל און אַ גאַנצע ריי אַנסאַמבל־באַטייליקטע: ראָנאַ ריקאַרדאָ (אויך נישט קיין רביצין); דער באַקסירער גאָרדאָן — איינער פון די „ראשונים״ פון קריסטינס ליבהאָבער־אַרמיי.

היינט ווו איז טאַקע ער אַליין, מעק מילאַן, נעבעך, דער פּרעמיער־מיניסטער, וואָס האָט געהאַט אויסצושטיין אַזעלכע בושות און זיין בענקל האָט זיך שוין געהאַט שרעקלעך געוואַקלט און ס׳שאָקלט זיך נאָך גאַנץ פיין? די מעשה איז ווייט נישט געענדיקט און אַלע מאָל קומען צו **נייע** מיניסטאָרן מיט **אַלטע** עבירות, וואָס פאַלן.

אַ ליבהאַרציקער ליבעראַלער דעפּוטאַט אין ענגלישן פּאַרלאַמענט האָט די טעג אָנגעזאָגט די „לאַכטיקע בסירע״ (ס׳איז יידיש, עס מיינט: די ליכטיקע בשורה), אַז צוויי מיניסטאָרן וועלן רעזיגנירן און מיט זיי אַ ריי רעגירונג־פונקציאָנאַרן. אַלץ אין ענגן שייכות מיט דער רויטער קריסטין, וואָס אַלע מאָל געפינט מען ביי איר **נייע** פּיקטשעס פון **אַלטע** מיניסטאָרן.

אָט דאָס איז, אייגנטלעך, דער סיפּור־המעשה. זאָל עס אַזוי נישט טרעפן, אָבער זיין איז עס אַ דבר של יום־יום.

פאַראַן לענדער אויף דער וועלט, וווּ די ציימונגען און די אָפּאָ־זיציע וואָלטן זיך געשעמט צו ברענגען אַזאַ „נאַרישקייט" פאַר דער עפנטלעכקייט, ווייל זיי וואָלטן עס באַטראַכט פאַר עפעקטלאָז. מה רעש? וועלכער מיניסטער, דעפּוטאַט, סענאַטאָר און סתם פאַרהיי־ראַטער האָט נישט אַ קריסטין, אַ ראָננאַ — רויטהאָריק, צי שוואַרצהאָריק, אָדער גאָר בלאָנד?

האָב איך אַ באַקאַנטן, פּעדראָ פּאָווידלע. ער איז נישט קיין מיניסטער, נישט קיין דעפּוטאַט, נישט קיין ראַטמאַן אַפילו אין דער קהילה. ער איז קוים אַ שטעלפאַרטרעטער (סופּלענטע, בלע"ז) פון לעצטן פאַרוואַלטונג־מיטגליד פון אַ פאַראיין וואָס האָט אַמאָל, אין די „גוטע לינקע צייטן" געהייסן תלמוד־תורה „מאַקסים גאָר־קי". היינט איז עס אַ קליין קאָאָפּעראַטיווועלע, וואָס גיט נישט פאַר קיין שום נאַציאָנאַלע צוועקן כל־זמן די „האַטיקוועי" וועט זיין דער יידישער הימן. אָבער גיט יאָ גרעסערע סכומים פאַר פּריוואַטע צוועקן.

אָט־דער פּעדראָ פּאָווידלע מאַכט צונישט די גאַנצע מעשה. עס איז גאָרנישט מיט גאָרנישט, זאָגט ער. אָט־ער, למשל, האָט אַ טבע צו קומען שפּעט אַהיים. דאָס ווייב מאַכט סקאַנדאַלן, מאַכט זי, אויף דערויף איז זי אַ ווייב. אָבער ער טוט זיך זיינס. ער האָט — דערציילט ער איר אַ מעשה — זיצונגען. צווישן די זיצונגען כאַפּט ער זיך אויך אַ מאָל אַריין אין אַ „נייט־קלוב". טרעפט זיך אַ מאָל, ער קומט שפּעט ביינאַכט און זיין ווייב מיט אַן אויסזען, וועדליק ווי אין מיטן דער נאַכט, פאַלט אויף אים אָן און צעשרייט זיך הע־כער ווי שטענדיק.

— וואָס מיינסטו, ברודער, האָב איך איר געענטפערט? — פרעגט מיך פּעדראָ.

— אַדרבה, וואָס? — ווער איך שוין נייגעריק.

— גאָר נישט. איך האָב נאָר, דערמאָנענדיק זיך אין די פיינע „סילוועטן" (ער האָט ליב אַ זאַגראַניטשנע וואָרט) מיט די פינקל־דיקע אויגן און פרישע פנימער, געמאַכט אַ פאַרגלייך מיט דער צעשויבערטער יידענע וואָס איז געשטאַנען קעגן מיר און געוואַל־דעוועט. און געטראַכט האָב איך ביי זיך וועגן איר חוצפה: „זי איז נאָך גערעכט"...

וועגן די זאַכן איז דאָ אַ סך מעשות צו דערציילן. אָט דער פעדראָ פּאָווידלע דערציילט, אַז אין די ערשטע יאָרן נאָך דער חתונה פלעגט ער אויך קומען שפּעט אַהיים. עס איז ביי אים אַ געוווינהייט. טרעפט איין מאָל, אַז ער איז אַ ביסל צו שפּעט פאַר־זעסן מיט די חברים ביי אַ קערטל און אַ היים געקומען באַגינען. גייט ער זיך אַריין שטילערהייט, מיט די שיך אין די הענט (ער האָט נאָך דעמאָלט מורא געהאַט אַ ביסל פאַרן ווייב) און הייבט זיך אָן אויסטאָן. כאַפּט זיך פונקט אויף זיין ווייב און גיט אים אַ פרעג אַזוי:

— פעדרעשי (אַ פיינער יידישער דימינוטיוו פון „פעדראָ”)
— ביסט שוין אויפגעשטאַנען? וואָס עפּעס אַזוי פרי?

ער האָט זיך געראַטעוועט, פעדראָ.

— יאָ, — מאַכט ער — איך דאַרף באַזוכן אַ קליענט באַלד אין דער פרי...

בקיצור, ער האָט זיך צוריק אָנגעטאָן, אָפּגעשווענקט דאָס פנים און אַרויס פון שטוב און געמוזט לויפן שלאָפן אין אַ האָטעל אַ פאָר שעה.

דאָס זענען אַלץ היימישע מעשיות, אָבער דאָרט, אין לאָנדאָן, איז עס אַ מעשה־נוראָ. דאָרט איז פאַראַן נאָך אַ העלד. דער וויק־טיקסטער — דאָס איז טאָוואַרישטש איוואַנאָוו. ווען נישט ער, וואָלט גאָר נישט פּאַסירט און עס וואָלטן וועגן דעם געוווּסט נאָר די יעניקע, וועמען דער „דאָקטער־פאַרמיטלער” וואָלט געגעבן דעם אַדרעס פון דער רויטער קילער. היות וואָס צו אַזאַ „צוטריט” האָט מען געדאַרפט האָבן אַ גרויסע אַפּותיקה, וואָלט דער ענין נישט אַרויס פון די ספּערעס פון רעגירונג־קאַבינעט, לאָרדן־ און קאָמונען־הויז. סיידן דאָרט אַ באָקס־פייטער, וואָס פאַרדינט שטי־קער געלט, אָבער אין דער „שניידער־גאַס” וואָלט דער „ענין” הלילה, נישט דערגאַנגען.

איז דאָך פאַראַן אַ „זעקסטל טייל פון דער וועלט”, וואָס קעמפט פאַר אַן „אידעאָלאָגיע” מיט פאַרשיידענע שמד־שטיק. פאַרשטייט מען פון זיך אַליין, אַז די דאָזיקע גאַנצע אַפּערע איז געווען אַן „אידעאָלאָגישער טריק” פון איוואַנאָוון, וואָס זיין אויפגאַבע איז צו שטיין אויף דער וואַך פאַר אָט דעם דאָזיקן וועלט־חלק, אַפילו

זועך פאַר „דער זאַך״ דאַרף מען אַליין זיך פאַרליבן און טיילן די ליבע מיט שותפים.

דאָ הייבט זיך אָן אַ מעשה מיט סודות: קריג־סודות, מלוכה־סודות. ס׳קען זיין, אַז עס זענען בכלל נישט געווען קיין סודות. עס איז זיכער נישט קיין סוד, אַז דער דאָקטער וואַרד און די קרים־בינע האָבן זיך דערוויילע אָנגעשטאָפּט סיי מיט בריטישע פונטן און סיי מיט רוסישע רובלס. איוואַנאָוו איז גדעקט, ווייל ער האָט אויסגעפירט אַ פּאָליטיש־אידעאָלאָגישע מיסיע. דער גרויסער קרבן, נעבעך, איז דער פּראָפיומאָ. ער איז אייגנטלעך אַ קרבן פון דער „בײַבל״.

מיר פאַלט איין, אַז פּראָפיומאָ, ווי אַ גוטער ענגלענדער, האָט זיכער איבערגעלייענט די ביבל און ער קען די מעשה מיט יעקבן, וועלכער האָט נעבעך אָפּגעאַרבעט זיבן יאָר כדי צו באַקומען רחלען. נעמט דער „פּיינער״ ביבלישער איוואַנאָוו, דער כיטראַק, לבן הארמי און שטעלט אים אונטער דער חופה נישט רחלען, נאָר לאהן.

וואָס האָט געזאָלט טאָן אַזאַ אידעלער יונגערמאַן ווי אונדזער טאַטע יעקב אָבינו? זאָל ער גיין מאַכן לייטישע געלעכטערס? אָנגעבן אים אין דער אַרביטראַזש־קאָמיסיע פון דער קהילה אין בוענאָס־איירעס — וואָס ווערט עס העלפן? איז ער געגאַנגען, יעקב, אָפּגעאַרבעט נייע זיבן יאָר און באַקומען רחלען. און דאָס נאָך אַ שיין ביסל דריידלעך פון דעם ליבהאַרציקן קרוב זיינעם, לבן.

מיר גייען דאָ נישט אַריין איצט אין קיין דיסקוסיעס מיט יעקב אָבינו, צי האָט ער געדאַרפט געבן אַזאַ ביישפיל פאַר דער וועלט, אָפּהאַרעווען 14 יאָר פאַר רחלען? (מיט לאהן האָט ער זיך שוין געמוזט האַלטן). קען זיין אַז די וועלט וואָלט היינט אַנדערש אויסגעזען, ווען ער, יעקב, וואָלט געהאַנדלט ווי אַ מאַנספאַרשוין. אָבער עס איז שוין פאַרפאַלן. אָפּגעטאָן איז אָפּגעטאָן. פאַר וואָס זשע זאָלן מיר נישט געפינען אַ זכות אויך אויף פּראָפיומאָן, וואָס האָט זיך געלאָזט קאָסטן געווג געלט און איצט פאַרלוירן זיין גאַנצע קאַריערע?

עס איז דאָך אַ פאַקט, אַז זיין ווייב האָט געוווּסט וועגן זיין משא־ומתן מיט דער רויטהאָריקער. אפשר איז זי מסכים געווען.

(אויב מען האָט איר בכלל געפֿרעגט אַ דעה), אַז ער מעג נאָכטאָן דעם ביבלישן ביישפּיל און אַרבעטן אין קריג־מיניסטעריום, כּדי אויסצוהאַלטן די מאַדעלקע?

האָב איך דעם געדאַנק געבראַכט פֿאַר אַ „פֿאָרום" אין קאַפֿע־הויז. האָט מיר איינער אַ ייִד, אַ פּשוטער חי־וקיים, מסביר געווען וועגן דעם טעות אין חשבון.

— דאָרט — זאָגט ער — אין תנ"ך־ביבל איז רחל געווען אַ פֿיינע ייִדישע טאָכטער און געהאַט נאָר יעקב אָבינון. איין גאָט און איין יעקב, און דאָ האָט די, הונדערט מאָל להבדיל, פּשוטע נפֿקה, וואָס מען רופֿט זי „מאַדעלקע" חוץ פּראָפֿיומאָן געהאַט: איוואַנאָוון, גאָרדאָן, אַ פּאָר מיניסטאָרן וואָס דאַרפֿן רעגוּנסירן און ווער ווייסט וויפֿל נאָך?

אַפֿנים אַז עס איז טאַקע פֿאַראַן אַ וועזנטלעכער אונטערשייד צווישן דער תנ"ך־ביבל און דער בײַבל־ביבל.

„התקוה" און שאַמון פון לבנון

איך ווייס נישט ווי איר, אָבער מיר איז געווען אַ צעל-בעלי-חיים אויף שאַמון, דעם פּרעזידענט פון לבנון. שטעלט אייך פאָר, אַ מענטש קומט קיין סאַן-פּאַולאָ, שוין באַלאָדן מיט פּריוער-דיקע כיבודים אין ריאָ, ער איז לעבעדיק, פריילעך און דאָ קומט צוגיין דער מיליטערישער אָרקעסטער און שפּילט אים דווקא אויף, נישט מער און נישט ווייניקער ווי „התקוה", דעם הימן פון ישראל. איך בין זיך משער געווען, אַז די צייטונגען האָבן דאָס מאָל נישט אָפּגענאַרט, בעת זיי האָבן געשריבן, אַז צוליב אָט-דעם פּאַטאַלן טעות פון פאַרטוישן נאָטן פון פאַרשיידענע הימנען, איז ער אַוועק פון דער צערעמאָניע אַ פּריטשמעליעטער און עס איז אים שוין גאָר נישט איינגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג. עס איז געווען ווי יענער זאָגט: „שפּיל דעם התן אַ פריילעכס".

איך האָב נישט געקענט דורכטראָגן דעם צער און האָב אים צוגעשיקט אָט-דאָס ווייטערדיקע טרייסט-בריוועלע, וואָס מיר אָרט נישט אַז אַלע זאָלן עס לייענען:

צו זיין הויכגעבוירנקייט און אַזוי ווייטער.

איך טייל אייער צער וואָס איר האָט נעבעך געהאַט ביים דאַרפן אויסהערן אַ שטייענדיקערביידע סטראָפן פון „התקוה". איך בין זיך משער אַז מען האָט געשפּילט צוויי סטראָפן, ווייל די צייטונגען האָבן מודיע געווען, אַז איר זענט אַ לאַנגע צייט געשטאַ-נען. זייט געטרייסט און באַהיט פון צער. אַ בר-מזל זענט איר פון דעסטוועגן, ווייל וואָס טוט איר אַז דעם אָרקעסטער גלוסט זיך צו שפּילן אַלע סטראָפן, וואָס אימבער, דער מחבר פון „התקוה" האָט אַמאָל אָנגעשריבן? געלויבט איז אַללאַ און זיין נביא מוחמד. אויב איך מאַך נישט קיין טעות, זענט איר גאָר אַ קריסט. טאָ במקום מוחמדן לויבט יעזוסן. טוט וואָס איר ווילט.

כאָטש אַז מען וויל ריידן צוריק-געשמועסט, איז מה רעש? און

אַז מען האָט געשפּילט „התקוה", האָט מען אייך געקווילעט די קאַפּאָטע? איר זענט טאַקע אַזאַ שונא־ישראל?

עס גלייבט זיך נישט. גיכער לאָזט זיך גלייבן, אַז ווען נישט די אַראַבישע ליגע, וואָלט איר געלעבט בשלום מיט אייערע שכנים פון ישראל ווי עס לעבן דאָ, למשל, די יידן מיט אייערע לאַנדסלייט, די ליבאַנעזער. גיט אַ פרעג נאָך, וויפל יידן עס אַרבעטן מיט דער סיריאָ־ליבאַנעזישער באַנק, וועט אייך ווערן פינצטער פאַר די אויגן. גייט איר דערציילן אַ מעשה „שונאים". איר מעגט מיר גלייבן, אַז די ליבאַנעזער דאָ, פרעגט זיי בחרם צי איז אייער לאַנד יאָ אַ סאַטעליט פון דער ליגע, צי נישט; צי זענט איר יאָ אָדער נישט ברוגז אויף ישראל.

איר האָט דאָך געזען באַשיימפּערלעך וויפל לאַנדסלייט זענען געקומען אייך אויפנעמען. זאָלן מיר עס פאַרדינען ביידע אין אַ שלעכטן חודש, וויפל ליבאַנעזער און סתם אַראַבער עס זענען פאַראַן דאָ מער ווי יידן. נו, וויפל זענען געקומען אויפנעמען זייער פּרעזידענט? צו אַ מיניסטער פון ישראל אָדער סתם אַ שליח, קומען הערן צען מאָל אַזוי פיל יידן ווי די צאָל אַראַבער וואָס האָבן אייך אויפגענומען.

און דאָס זענט איר דאָך אַ גאַנצער פּרעזידענט, בכבודו ובעצמו.

און די בלעטער אונדזערע? איר האָט אַן אַנונג וואָסערע בלעטער מיר האָבן? נישטאָ פאַר זיי קיין שלעכטער באַרשטש. געקומען מיניסטער שרת, פאַרשטייט איך, אַז ער איז געקומען פאַרן גאַנצן ישוב, גוט. איז אָבער שפּעטער געקומען בייגין, איז ווידער אַנאַנסירט געוואָרן דער גאַסט פון גאַנצן ישוב. שפּעטער איז געקומען אַ מזרחי — איז דאָך אַוודאי נישט ווייניקער ווי ישוב. הייַנט געפינט זיך דאָ אַ חזן, מיינט איר, אַז די יידן גייען נישט?

יידן גייען אומעטום, הערן אַלצדינג אויס און טוען דאָס פאַרקערטע. און אין די יידישע צייטונגען פאַרנעמט אַ חזן, ברוך השם, דאָס זעלביקע פּלאַץ ווי שרת.

איך קען אייך זאָגן איין זאַך, פּאַניע שאַמון, ווען איר זאָלט זיין אין אַנדערע אומשטאַנדן מיט ישראל, וואָלט איר ערשט געזען וואָס פאַר אַ פּאַראַד איר וואָלט געהאַט.

עס וואָלטן געקומען ליבאַנעזער־יידן, סיריער־יידן, איראַקער־

ייִדן, טערקן־ייִדן, פּערסן־ייִדן, מצרים־ייִדן. איר וואָלט געוווּסט פון אַ לעבן.

איז פאָלגט מיר און לאָזט זיך אָפּ פון דעם גאַנצן ברוגז און האָט די אַראַבישע ליגע אין דער ערד — וועט איר ערשט וויסן און פילן דעם ריכטיקן טעם פון אויפנאַמעס, פון באַשרייבונגען אין צייטונגען.

על־כן איז מיין עצה־טובה: „התקוה" האָט איר שוין געהערט שפּילן, כאַפּט זיך אַריין אין אַ ייִדישן רעסטאָראַן און עסט אַ גוט שטיקל ייִדישע פיש, אַ געפילטע העלדזל און פאַרטרינקט מיט אַ ביסל כשרן כרמל־וויין, וואָס איר קריגט דאָ אין אַלע ייִדישע „אַל־מאַסענען" (שפּייז־קראָמען).

למען־השם, פאַרבייסט נאָך מיט אַ ישראל־אַראַנזש, וואָס ווערט איצט געגעסן אין גאַנץ דרום־אַמעריקע און אויף דער גאַנ־צער וועלט. וואָס דאַרפט איר מער? — אַפילו אין רוסלאַנד.

נאָך דער דאָזיקער פּראָצעדור וועט איר צוריקקומען קיין לבנון, אם ירצה השם, אַן אויסגעהיילטער פון שנאת־חינם און איר וועט געבן אַ שפּיי אויף דער פאַרזאָרגערין, די ליגע אייערע, ווי עס ווינטשט אייך אַ גוטער ברודער פון אייערם אַ לאַנדסמאַן, אַ ייִד פון לבנון, אַ מיטגליד פון גאַליציאַנער פאַרבאַנד ווי אויך אַן אַקציאָנער פון דער היגער סיריאָ־ליבאַנעזישער באַנק.

דער נוקלעאַרער הסכם געפעלט מיר נישט...

ווען איר דאַרפט זאָגן, רבותי, אַז דער מענטש איז אַ צעדריי־טער, אַן עקסיסטענציאַליסט, אַ היפּכא־מיסתבראניק, אַ משה־קאַ־פויער, כ׳וויים — אַ דע־גאַליסט...

פאַרוואָרט אייך קיינער נישט צו זאָגן וואָס איר טראַכט. הגם זינט דער מענטש האָט אויפגעהערט צו זאָגן „מודה אני" איטלעכן פרימאָרגן, כדי אָפּצוגעבן אַ לויב דעם אַלמעכטיקן, איז שוין פון לאַנג פאַראַן אַ תהום צווישן דעם וואָס ער זאָגט און דעם וואָס ער טראַכט; צווישן דעם וואָס ער האָט געטראַכט צו זאָגן און דעם נישט־דערזאָגטן; צווישן דעם באַטראַכטן און גערזאָגטן; צווישן דער געזאָגטער באַטראַכטונג און נישט־באַטראַכטער זאָגעניש.

אין דער דיפּלאָמאַטיע איז פאַראַן פאַר דעם אַ גאַנצע ליטע־ראַטור. למשל, מען קען זאָגן הונדערט ווערטער, כדי נישט צו זאָגן דאָס איינצקע וואָרט „ניין".

מען קען אין פאַרשיידענע שפּראַכן זאָגן איין אָדער צוויי ווערטער פון געוואַלדיקן אָפּטימיזם, וואָס נאָך זייער אַרויסזאָגן זאָל ווערן ביטער און פינצטער. מיר זענען באַקאַנט צוויי אַזעלכע שפּראַכן: שפּאַניש און העברעיִש. ווען מען זאָגט אייך אין אונ־דזערע מקומות דאָס קלאַסיש־געוואָרענע ווערטעלע „מאַניאַנאַ", דאָס הייסט, מאָרגן, מעגט איר שוין נעמען טראַכטן אין קאַטע־גאָריעס פון אייביקייט. און בעוונותינו הרבים, אַז אַ פּקיד אין אַ משרד אין „ארצנו הקטנטונת" זאָגט אייך זייער חנעוודיק־שמייכ־לענדיק „יהיה טוב", עס וועט זיין גוט, ברודער — איז אייער גורל אַ געשטעמפּלטער אויף אַ זייער לאַנגער צייט. בכל־אופן ביז איר באַווייזט זיך מיט אייגענע כוחות איינצוקליטירן (איך בעט אַ דערלויבעניש ביי יודל מאַרק צו אַדאַפּטירן דעם העברעיִשן סובס־טאַנטיוו „קליטה" און פאַרוואַנדלען אים אין אַ יִידישן ווערב — „קליטירן").

דאָס נעמלעכע געשעט מיט אַ הסכם. כל־זמן עס איז נישט

פאַראַן קיין שום הסכם, נאָר יעדער טוט זיך אויף זיין שטייגער און אויף אייגענער איניציאַטיוו, קען קיין גרויס בייז נישט טרעפן. ווי נאָר עס ווערט געמאַכט אַ הסכם, אַ פּאַקט, אַן אָפּמאַך, אַ קאָנ־זעניום, דעמאָלט הייבט זיך אָן דער הפקר, די שמד־שטיק, דער להכעיס און בכלל די פרייהייט צו טאָן וואָס מען וויל.

דאַרף איך אייך דערציילן די מעשה וועגן דער פעלקער־ליגע? נאָך דעמאָלט נישט געווען קיין צוויי בלאָקן, נישט קיין קאָמו־ניסטישע לענדער און נישט קיין אַנטי־קאָמוניסטישע. די קובאַנער זענען נאָך דעמאָלט געקראָכן אויף די ביימער. פון דעסטוועגן איז די מלחמה פון 1914 נישט אויסגעבראָכן אין 1890, ווען עס איז נישט געווען קיין פעלקער־ליגע.

דער קלאַסישסטער באַווייז איז דער סטאַלין־היטלער אָפּמאַך. באַלד נאָכן אָפּמאַך האָבן גענומען דערלאַנגען די קאַנאָנען. אַדרבה, מאַכט אַ חשבון, וויפל קאָנפליקטן און מלחמהלעך און הפקר־שטיקלעך זענען שוין דורכגעפירט געוואָרן זינט עס עקסיסטירט די „אונאָ".

איצט איז מען געקומען צו אַ הסכם, אַז מען וועט נישט **עקס־היבירן** קיין נוקלעאַרע באָמבעס. עס איז אַן אָפּמאַך פון דריי צדדים, צו וועלכן דע־גאָל, וועלכער מאַכט שבת פאַר זיך, האָט נישט געוואָלט צושטיין, ווי איינער זאָגט: מאַכט איר נאָר נישט די אַטאָמישע קונצן אין דער לופט, אויפן וואַסער און אונטער דער ערד, מיט מיר זענט איר זיכער.

אַזוי האָט ער אויך געטענהט. איז עס דאַכט זיך, אויבנאויפיק גענומען, אַ גאַנץ שיינער און ראַיעלער אָפּמאַך. אָבער ווען איר דער־מאָנט זיך ווי ניקיטאַ, המכונה כרושטשעוו, האָט געקלאַפּט אויפן טאָמע „אונאָ"־שטענדער מיטן שטיוול און זיך גאָר נישט געשעמט — הייבט איר אָן אַ ביסעלע צו צווייפלען אין דער ערנסטקייט פון דער גאַנצער זאַך.

ביי אַזעלכע פאַלן גיי איך צו מיין לאַנדסמאַן, אשר, וואָס איז אַמאָל געווען אַ פאַרברענטער קאָמוניסט (נאָך איינער פון מיין טיפן־גאַלעריע, ער האָט זיך גערופן דעמאָלט אָסיפּ באָריסאָוויטש). היינט שיט ער פעך און שוועבל אויף דער גאַנצער קאָמוניסטישער

מאַכערייקע (אַזוי רופט ער עס). ער האָט עס מיר פאַרסמט מיט נישט-גלויביקייט אין דעם הסכם.

— וואָס דאַרפסטו מער? — האָט ער באַלד געגומען אין מיר אַריינגיסן סם — נעם די „אינסטיטוציע חתונה״ (אים איז נאָך פאַרבליבן דאָס מסביר זיין מיט טערמינען פון סאָציאַלער פסיכאָלאָגיע און פּאָליטישער עקאָנאָמיע). ביידע צדדים פאַרזיכערן זיך אויפן גרויסן שטייגער, יאָ? מען גייט צום רב, מען גייט, להבדיל, צום גלח, מען גייט נאָך אין ציוויל-רעגיסטער, מען טוט אָן רינג-לעך און מען מאַכט אַ חתונה און מען לאַדט איין געסט, כדי עס זאָלן זיין עטלעכע הונדערט עדות. דאַרפסטו נאָך מער?

— ניין — זאָג איך — איך דאַרף נישט מער, איך האָב גענוג.

— גענוג, יאָ? — שלעפט ער ווייטער דעם פאָדעם — איצט ברענג מיר אַ בילד, אַ פּאָטשטשווקע, אַ קאַרטינקע, אַן אַרכיוואַלן דאָקומענט. זאָל זיין באַדיי וועלכן עס איז זכר פון אַ מאַן אָדער אַ פרוי, וואָס האָבן דורכגעמאַכט די הייראַט-פּראָצעדור אין אַלע אי-רע פאָרמעל-לעגאַלע, ליטורגיש-צערעמאָניאַלע און סאָציאַל-סענ-טימענטאַלע אַספּעקטן (איר הערט ווערטער?) — זיי זאָלן זיך האַלטן סטריקט ביי דעם הסכם און זאָלן זיך, ווער מער, ווער ווייניקער, איינער דעם אַנדערן צו ביסלעך נישט פאַרראַטן. פאַרקערט, וואָס מער איינער איז געדעקט מיט דעם חתונה-פּאַקט און וואָס מער דער נעמלעכער מאַנספאַרשוין, אָדער ווייבספאַרשוין פריידיקט וועגן דער הייליקייט פון דעם דאָזיקן הסכם, אַלץ מער זאָלסטו אים אָדער איר חושד זיין. ווייל די דאָזיקע פריידיקער זענען די סאַמע ערשטע און סאַמאַראָדנע ברעכערס פון די צוימען פון דעם חתונה-קאָנטראַקט.

אָט-די תורה וואָס האָט אין זיך „סימפּטאָמען פון אַ פּרימיטי-ווער לערע״ (ווי עס וואָלט זיך אויסגעדריקט אַ היגער שרייבער), אַנטהאַלט אָבער אויך דערפאַרונגען פון אַן אויסגערויכערטער ליולקע. עס איז שווער צו זאָגן, אַז ער איז נישט גערעכט. אָבער ווער וועט עס גיין צוגעבן?

דזשאָנדזשאָרזשדינגאַפּאָל

דאָס קעפּל פון דער דאַזיקער אַקטואַליע איז נישט כינעזיש, נישט יאַפּאַניש, נישט וויעטנאַמיש און נישט אַראַביש. אמת, ס׳איז אויך נישט ייִדיש. פון דעסטוועגן דאַרף מען זיך נישט שרעקן, מען דאַרף עס צעטיילן און עפּעס וועט פון דעם אַרויסקומען.

די פראַגע פון אינטערפּונקציע איז אַ גאָר וואַזשנע זאַך. צום באַדויערן ווייסן עס נישט אַ סך שרייבערס און אַ סך לערערס. ביי אונדז אין שטעטל איז געווען אַ ייִד, אַ טרעגער, איז ער נישט געווען אַזוי שווה בשווה מיט דער עברי. ווי עס פּאַסירט ביי די פּאַרשוינען, פלעגט ער דווקא דאַוונען בקול רם. ראש־השנה פלעגט ער די ראשי־תיבות פון „וכל מאמינים שהוא" אַרויסשרייען בקול־קולות: „וכל מאַמאַשאַ"...

פּסח, דעם סדר, פלעגט ער אַזוי אָפּריכטן, אַז מען האָט געהערט אויף דער צענטער גאַס. אַלע מאָל איז אים עפּעס אַרויסגעקומען שלעכט. אַמאָל האָט ער גענומען זאָגן די „מעשה ברבי אליעזר ורבי יהושע ורבי אליעזר בן עזריה ורבי עקיבא ורבי טרפון", איז עס ביי אים אַרויסגעקומען אַזוי:

„מעשה ברבי, אליעזר ורבי, יהושע ורבי, אליעזר בן עזריה ורבי, עקיבא ורבי, טרפון...".

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מעשה?! — האָט ער זיך צעשריגן.
— ווו איז דאָ, צו אַלדי כאָליערע, פאַרפאַלן געוואָרן דער רבי פון טרפונען?

דאָס איז טייטש אינטערפּונקציע. אין אַ שטאָט, דאָ נישט ווייט, בין איך אַ מאָל געווען אַ באַאַמטער אין פאַראיין „עזרת נשים און מלחמה־געליטענע" און האָב געשריבן רעדעס. אַ מאָל האָט געדאַרפט פאָרקומען אַ גאָר וואַזשנער מיטינג. מען האָט געדאַרפט מאַכן וויינען דעם עולם. דער פּרעזידענט האָט געוואָלט, אַז די רעדע זאָל זיין אַ דראַמאַטישע, אַ פייערדיקע, דער עולם זאָל

פשוט גיסן מיט טרערן. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַזאַ מין שטיקל מעלאָדראַמע:

עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה. מען האָט צעשיידט מענער פון פרויען, טאַטעס פון מאַמעס, מאַמעס פון קינדער, כלות פון חתנים, שוועסטערס פון ברידער.

ביי אים איז אַרויסגעקומען אַזוי:

עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה. מען האָט צעשיידט מענער, פון פרויען טאַטעס, פון מאַמעס חתנים, קינדער פון כלות, פון שוועסטער, ברידער...

אַז ער האָט דערזען ווי ער בלייבט מיט די „ברידער" אַליין, האָט ער זיך נישט פאַרלוירן. האָט ער געגעבן אַ טרונק וואַסער און באַלד נאָך דעם גענומען אַ הויכן מאַסיוון טאָן און האָט אַזוי געזאָגט:

ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה וואָס צעשיידט טאַטעס, קינדער פון כלות, חתנים פון שוועסטער, ברידער.

אַ פויגל איז ער געווען, דער ייִד, האָט ער גענומען נאָך אַ שלוק וואַסער און זיך צעשריגן: ברידער, ברידער, מען דאַרף געבן פאַרן קאַמפּיין...

אחרי ככלות הכל, נאָך דעם אַלעמען, ווערט שוין לייכטער צו פאַרשטיין, וואָס איז דער מחבר (ריידנדיק מיט אַמאַליקער שפּראַך) אויסן געווען מיטן קעפּל — „דזשאָנדזשאָרזשדיננאָפּאָול".

דאָס זענען פיר נעמען, רבותי: דזשאָן, דזשאָרזש, דיננאָ און פּאָול. דאָס איז אַלץ. ווער זשע זענען די פאַרשווינלעכקייטן וואָס טראָגן די דאָזיקע נעמען? האָבן זיי צו טאָן מיט אַטאָם, מיט עלעקטראָניק, מיט מעדיצין, מיט אַסטראָלאָגיע, מיט קונסט, מיט ליטעראַטור, שאַ, אפשר גאָר מיט אַסטראָנאַוטיק?

ניין, נישט געטראָפן! מיט פּעדאַגאָגיק, פּסיכאָאַנאַליז, שוואַרץ-קינסטלעריי, טעאַטער, מוזיק, געזאַנג?

ניין און ניין! איך ווייס שוין וואָס איר טראַכט. איר מאַכט אַ טעות. זיי זענען נישט קיין שליחים, נישט קיין דעלעגאַטן, נישט קיין אימיגראַנטן — זיי זענען, אַ דאַנק דעם השם-יתברך, נישט קיין ייִדן.

ווער זיי זענען? דאָס זענען די **פיר ביטלס**, די סאַמאָראָדנע

די לעגיטימע ענגלישע ביטלס, וואָס האָבן אָקערשט באַקומען די הויכע קעניגלעכע „נאַגראַדע" — „בירגער פון דער בריטישער אימפּעריע".

אַז מען וויל אָנהייבן אַ דעבאַטע, קאָן מען זיין אי פּאַר, אי קעגן. עס זענען פאַראַן אַרגומענטן פּראָ און עס זענען פאַראַן אַרגומענטן קאָנטראַ. היות איך מיש מיך נישט אין די ענגלישע ביזנעס, וויל איך נאָר ווי אַ פּאַרצייכענער פון „אַקטואַליען" אָנרעגן אויף אַ וויכוח מיט געציילטע אַרגומענטן פּאַר און טאַקע אויף די פינגער פון איין האַנט, אַרגומענטן קעגן.

אַרגומענטן פּאַר:

1) מען האָט געטראַכט צו געבן די נאָבעל-פּרעמיע פּאַר שלום אַזאַ מלחמה-צינדער ווי נאַסער, פּאַר וואָס זאָלן זי די ביטלס-שלו-קעכצער נישט באַקומען?

2) ס'איז אַ כלל גדול, אַז ווער ס'האָט די מאה, דער האָט די דעה אומעטום, אין אַלע צייטן, ביי אַלע פעלקער וגם ביי יידן. די שייטלדיקע שרייערס-זינגערס ברענגען אַריין דעם ענגלישן לייב מיליאָנען פונט שטערלינג, פּאַר וואָס זאָל מען זיי טאַקע נישט באַערן ווי מען באַערט אַ סך קלענערע בעלי-מאה, אפילו דאָ, נישט ווייט פון אונדז?

3) פון שטעטל איז שוין לאַנג געוואָרן אַ דערפל. ווו האָט איר היינט אַן ענגלישע אימפּעריע און וואָס פּאַר אַ גליק איז היינט צו זיין אַ בירגער פון דער בריטישער אימפּעריע?

אַרגומענטן קעגן:

1) פּאַר וואָס האָט עס געדאַרפט טרעפן די לייבאָר-רעגירונג בראש מיט האַראָלד ווילסאָן, נעכייבי וואָלט עס געטאָן אַ טאָרי.

2) דאָס פאָלק און מיר אַלע האָבן געדאַרפט אויפגעקלערט ווערן פריער, צי די ביטלס באַקומען דעם דאָזיקן העכסטן כבוד פּאַר זייערע שייטלען, אָדער פּאַר זייער שלוקעכצן בעת זיי זינגען. אויב צוליב די ווילדע טשופּרינעס, איז עס אַן אַטענטאַט קעגן אַלע מענטשן מיט פּליכעס, וואָס האָבן זיך יאָ אָדער נישט פאַרדינט

וועלכע עס איז באַערונג; אויב ווידער, צוליב זייער אופן פון אויס־מרוקען און אויסמיאוקען אַ פּאָר משונהדיקע נאָטן, טאָ האָט מען פּריִער געדאַרפט אַריינזעצן אין תפיסה אַלע זינגערס און זינגע־רינס פון „סקאַלאַ“ אין מילאַן, פון „מעטראָפּאָליטאַן“ אין ניו־יאָרק, פון די אָפּערעס אין פּאַריז, לאָנדאָן, לענינגראַד, בוענאָס־איירעס, און אַלע כאָרן פון דער וועלט, בתוכם דעם „הזמיר“־כאָר ביי דער קהילה אין אונדזער הויפּטשטאָט.

3) אָך־און־ווי צו דער בריטישער אימפּעריע, וואָס האָט גע־געבן איר צושטימונג, אַז די וועלט שטייט איין ביי מיטלמעסיקייטן, „אויב נישט נאָך נידעריקער“ און זי קייקלט זיך כסדר באַרג־אַראָפּ.

4) אַזוי זעט היינט אויס ענגלאַנד, אַז אירע בעסטע האָנאָרן יזאַלגערן זיך שוין אויף דער ביטל־גאַס.

ווערדליך טעזיסן, זענען זיי געענוג פּאָר אַ דעבאַטע פון אַ גאַנצן טאָג שוין מיט אַ קאָלעקטיווען מיטיק. טאָ לאָמיר זיין געזונט און האַלטן זיך נייטראַל און אָביעקטיוו.

די געלע צוקונפט...

„...די „פרידלעכע" קליינבירגערלעכע האָפענונג אויף אַ „קאָאַליציע" מיט דער בורזשואַזיע, אויף אַ פשרה מיט איר, אויף דער מעגלעכקייט „רויק" צו דערוואַרטן זיך אויף דער „גיכער" גרינדונג־פאַרזאַמלונג — דאָס אַלץ צעקלאַפּט דעם גאַנג פון דער רעוואָלוציע אָן רחמנות, האַרב אַכזריותדיק..."

אַזוי זאָגט זיך אין דעם 2טן באַנד „לענין" (אויסגעוויילטע ווערק), אַרויסגעגעבן פון „מעלוכע־פאַרלאַג „דער עמעס", קאַפּיטלען „די אויפגאַבן פון דער רעוואָלוציע" און „די קאַטאַסטראָפאַלקייט פון דער פשאָרעמאַכעריי מיט די קאַפּיטאַליסטן". דאָס בוך ליגט אויף איינע פון די פּאָליצעס פון מיין ביבליאָטעק.

איז טאַקע נישט צו פאַרשטיין, הלמאי מאָסקווע קאָכט זיך אַזוי קעגן פּעקין. מאַאָ־טסע־טונג און טשו־ען־לאַי און אַנדערע כינעזער (מען מעג זיך שוין באַצייטנס צוגעוווינען צו זייערע נעמען, ווייל די צוקונפטיקע וועלט איז זייערע) האָבן ווייזט אויס אויך דעם באַנד „לענין", אויף כינעזיש, פאַרשטייט זיך. און דאָרט שטייט שוואַרץ אויף ווייס דאָס „אומגליק" פון „פשאָרעמאַכעריי" וואָס מען רופט עס היינט „קאָעקסיסטענץ". אָבער עס איז איין כאָליערע. דאָס איז די שטאַרקע לענין־סטאַלין־מאַאָ טסע טונג־ליניע.

אלא מאָסקווע באַטראַכט די היינטיקע לאַגע ווי דעם 21סטן פעברואַר 1918. ווען לענין האָט געשריבן, אַז „דאָס סאָציאַליסטישע פאָטערלאַנד איז אין געפאַר" און „קעדיי צו ראַטעווען דאָס אויסגעצערטע לאַנד פון נייע קריגס־ניסיוינעס זענען מיר איינגעגאַנגען אַפּ דעם גרעסטן קאָרבן און האָבן געמאָלדן די דייטשן וועגן אונדזער האַסקאָמע אונטערצושרייבן זייערע שאָלעם־באַדינגונגען...". איז כרושטשעוו אויך נישט אומגערעכט און גייט, חלילה, נישט אַוועק פון דער לענין־ליניע.

אָבער כינעזער, חוץ וואָס זיי זענען קאָמוניסטן און מאַרק־

כיסטן-לעניניסטן, זענען זיי קודם-כל כינעזער און דאָס מיינט — עקשנים וואָס מען וועט פון אָרט נישט רירן. מעגן די רוסן זיך זיין קאָמוניסטן און באָלשעוויקעס, זענען זיי קודם-כל רוסן און אַ כינעזער האָט פיינט אַ רוס מיט היסטאָרישער שנאה. אַ כינעזער האָט אויך פיינט אַן אַמעריקאַנעם און ענגלענדער און בכלל אַ ווייסן. אָבער די רוסן האָבן די כינעזער אַ באַזונדערן גרונט פיינט צו האָבן, כאָטש זיי האָבן זיי אַזוי שטאַרק געהאָלפן מאַכן די געלע כינע פאַר אַ רויט-געלער כינע.

איך האָב גערן ביי אַזעלכע פאַלן, צו גיין זיך דורכשמועסן און זיך באַראַטן מיט מיין לאַנדסמאַן סעגיסמונדאַ. אין דער היים האָט ער געהייסן שעפּסל פאַדעשווע און געווען טאַקע אַ שוסטער. דאָ האָט ער געאַרבעט מעשים, גענומען שטייגן אויפן „לייטער” און ער איז אַ גאַנצער מאַכער אין אַ סך אינסטיטוציעס. ביי אים קריג איך אַ מאָל אַ שטיקל באַשייד אויף שווערע פּראָבלעמען ער פאַרגלייכט אַלץ מיט אינסטיטוציעס.

— וואָס איז דיר אַזוי שווער צו פאַרשטיין? — גייט ער באַלד אַריין אין זיין אויפקלער-אַרבעט — דער כינעזישער כרוש-טשעוו, ווי הייסט ער דאָרט, מאַאָ טסע טונג, זעט אַז ער וועט אַזוי גיך נישט קענען ווערן פּרעזידענט פון דער „אינסטיטוציע” און אַז דער ניקיטאַ האַלט די לייצעס אין די הענט. ער האָט די גאַנצע שטאָט מיט די אומגעגנטן; ער האָט פּוילן, ליטע, לעטלאַנד, רומע-ניע, אונגאַרן, מזרח-דייטשלאַנד, בולגאַריע און האָט זיך נאָך איבערגעבעטן מיט טיטאָן. אים וואַרפט ער צו אַ קרעדיטל אויף גוט-גאַראַנטירטע וועקסלען. און וואָס האָט ער? ער האָט אַלבאַניע, וואָס איז געגליכן צו אַ קאָאָפּעראַטיווועלע פון הונדערט טויזנט שמעזעס (פּעזעס) אַ חודש אומזאַץ און דאָרט דאָס אינדאָנעזישע לאַנדסלייט-פאַראיינדל, וואָס לעבט פון „פּעקלעך”, וואָס כינע שיקט אַ מאָל אַריין. אָבער זיין כוח איז די מיטגלידערשאַפט. 700 מיליאָן! דאָס איז גאָר נישט קיין קליינינקייט. אמת, ביי אַ פאַר-זאַמלונג אַמאָל אין דער פאָלקסבאַנק האָט מען מיט עטלעכע „פּאָ-דערן” (פולמאַכטן) אָוועקגעלייגט די גרעסטע צאָל מיטגלידער. אָבער אַזוי פיל מיטגלידער קענען שרייען, מאַכן געוואַלדן און

קענען פאַרנעמען אַלע ווינקעלעך פון לאָקאַל. אָט־דאָס איז זיין גרויסער כוח.

— דאָס איז אַלץ? — לאָז איך מיר נישט אַזוי גיך אָפּפּטרן — וואָס איז מיט דער אַטאָמישער באָמבע, און וואָס רעכנט מאַאָ טסע טונג צו טאָן?

— אָט דאָס איז עס. כאַפּ נישט. מאַאָ טסע טונג טוט גאָר נישט, ער פּראָטעסטירט. אים איז לייכט צו פּראָטעסטירן, ווייל כאָטש ער איז נישט פּרעזידענט, איז ער אָבער געגליכן צו אַ „סינדיקאָ" (דער וואָס דאַרף איבערקוקן די חשבונות), און פאַר דעם אמת ציטערן דער עיקר פּרעזידענטן, סעקרעטאַרן און קאַסירן, צוליב צוויי טעמים: 1) טאָמער וויל ער נישט איבערקוקן דעם באַלאַנס, קען מען נישט צושטעלן דער פאַרזאַמלונג דעם „דורכגעקאָנטראָלירטן" באַלאַנס; 2) וואָס טוט מען, טאָמער קוקט ער יאָ דורך דעם באַלאַנס... איןביידע פאַלן האַלט ער דעם פּרעזידענט ביים גאָרגל. מוז מען אים כסדר צוזאָגן און צוזאָגן און אויך געבן. בקיצור — אַטאָם־באָמבע, נוקלעאַרע וואָפן, עס איז בלאָטע. כינע האָט פאַר דעם נישט מורא. דער רעכענונג איז אַ פּשוטער:

700 מיליאָן כינעזער, 200 מיליאָן אַראַבער, 400 מיליאָן אינדוסן און נאָך אַ פּאָר מיליאָנטשיקלעך אינדאָנעזן, יאַפּאָנטשיקעס, לאַאָסער, וויעטנאַמער, אַלבאַניער, הימאַלאַיער. דאָס איז אַ ריזיקע צאָל, וואָס פון איר וועט בלייבן נאָך אַן אַטאָמישער מלחמה שיינע עטלעכע מיליאָנען, בשעת ווייסע וועלן בלייבן עטלעכע טויזנט און דאָס — פּשוטע מיטגלידער, אָן שום מאַכט און קראַפט.

— וואָס זשע וועט טאַקע זיין? — כאַפּט מיר אָן אַ שרעק פון אַזאַ חשבון.

— וואָס זאָל זיין? גאָר נישט. די וועלט וועט ווערן געל, כינעזיש. זי גייט צו דעם. דערפאַר וועט רוסלאַנד מוזן האַלטן דעם אָפּמאַך מיט די בורזשויען, ווייל צווישן כינע און אַמעריקע איז איר ליבערשט אַמעריקע. אלא די קיטאַיצעס וועלן אַ מאָל האָבן אַן אַטאָמישע באָמבע און וועלן זי וואַרפן — וועט טאַקע דעמאָלט זיין ביטער און געל.

כ'מיין, ווערדליק פאַר אַ מענטש ווי סעגיסמונדאָ פּאַדעשוועע איז עס אַ גאַנץ פיינע אויסטייטשונג. מיין חבר אַנטאָני‏אָ האָנטעך

און אויך עקיבא־בער האַלטן, אַז די צוקונפט איז פאַר כינע אַ גע־זיכערטע, מחמת זי שפּאַרט זיך אָן אויף לענינען, ווי עס ווערט געבראַכט אינעם אַריינפיר. אַן אַנדער פראַגע איז: אין וועלכן יאָר־הונדערט דאָס וועט געשען.

גיי זיי אַ חכם. מען האָט גערעדט וועגן אַ שוואַרצער צו־קונפט, אַ רויטער, נאַ דיר אַ געלע צוקונפט, געלע פּערספּעקטיוון. עפּעס וועט מען מוזן צוטראַכטן קעגן דעם.

קאַמף פאַר דער לבנה

פאַר וואָס אַלץ דער בידנער מענטש האָט עס צו קעמפן. פון זינט דער מענטש איז געוואָרן אַ מענטש, און נאָך אַ סך פריִער, האַלט ער אין איין קעמפן. ער קעמפט פאַר עפּעס נייס, וואָס ער וועט באַלד דאַרפן באַקעמפן ווי עפּעס אַלטס. ער קעמפט פאַרן „עפּעס" און ער קעמפט פאַרן „קאַמף" און ער קעמפט סתם.

שטעלט אייך פאָר, רבותי, וויפל און פאַר וואָס דעם מענטש איז אַלץ אויסגעקומען צו קעמפן פון די אור־אור־אור עלטסטע צייטן ביז היינט?

ער האָט געקעמפט פאַר אַ שטיינדל, פאַר אַ שטיק רוי פלייש פון אַ פאַרצוקטער חיה. פאַר אַ הייל אין דער ערד. שפּעטער, פאַר אַ שטיקל פעלד, פאַר פאַשע, פאַרן ווייבלעכן מין. געקעמפט פאַר געטער, אָפּגעטער, פאַר געטשקעס און פאַר גאָט. געקעמפט קעגן געטער, קעגן געטשקעס און קעגן גאָט.

אַלץ דער מענטש. ער האָט געקעמפט קעגן שקלאַפעריי, קעגן עקספּלאָאַטאַציע, קעגן מלחמות און אויך פאַרקערט: פאַר פאַר־שקלאַפונג, פאַר מלחמות — קאַמף.

וואָס ווייטער, אַלץ גרעסערע קאַמפן האָט ער געפירט, דער מענטש. פריִער האָט מען געוואָלט פאַרכאַפּן קליינע שטחים, פאַר־שקלאַפן שוואַכע פעלקערלעך און באַהערשן טייכן. דערנאָך האָט מען געקעמפט צו פאַרנעמען אַ סך לענדער און זיי אונטערוואַרפן צו איין מושל און צו איין לאַנד. אַ סך פעלקער פאַרשקלאַפן צו איין פאָלק.

מען האָט געקעמפט פאַר שטחים ערד, פאַר בערג, פאַר טייכן, פאַר ימים — מיט איין וואָרט: פאַר וואָס עס לאָזט זיך. אָבער אַ מעלה האָט געהאַט דער ביז־איצטיקער קאַמף — ער איז פאָרגע־קומען אויף דער ערד, אויף אונדזער פּלאַנעט.

איז אָבער אַרויס אַ נייע מאָדע — רוים. גיב זיי רוים, גיב זיי. דער מענטש האָט שוין ווייניק די ערד און ער גייט אַרויף העכער,

אַזוי ווי אַ ייִד אַ באַלעבאָס: ער האָט אַ שטיקעלע פּלאַץ און קען נישט בויען אין דער ברייט, בויט ער אַרויף 10, 15, 20 שטאָק. זאָל מען אים נאָר לאָזן, וועט ער בויען נאָך העכער.

פריִער האָט מען גערעדט וועגן ספערע, אַטמאָספערע, סטראַ־טאָספערע. איז עס שוין אַלט־געבאַקן. היינט קעמפט מען פאַר קאָסמאָספערע, כראָמאָספערע, פאָטאָספערע, טראָפּאָספערע, ליטאָ־ספערע און סתם ספערע.

פריִער האָט רוסלאַנד געשיקט אַ „ספּוטניק”, איז געגאַנגען אַמעריקע און אַרויסגעשיקט דעם „אַוואַנגאַרד”. האָבן זיי זיך אַזוי לאַנג ביידע געדרייט אין די רוימען, ביז זיי האָבן געזען, אַז עס איז נישט קיין תכלית. האָבן זיי זיך מישב געווען און אויפגע־הערט זיך דרייען.

איצט גייט מען שוין נאָך העכער. מען גייט צו דער לבנה. דער קאַמף פאַר דער לבנה איז אין פולן ברען. עס איז נישט אויס־געשלאָסן, אַז אין אַ שיינעם אָוונט וועט די מענטשהייט פלוצלינג דערזען אויף דער בלאַסער לבנה פלאַטערן אָדער די אַמעריקאַנער אָדער די סאָוויעטישע פאָן, אָדער ביידע צוזאַמען.

מיין חבר פון „מזרחי” טענהט, אַז מיר ייִדן האָבן געהאַט אַן אַנדער קאַמף, אַ קאַמף פאַר שכר־לימוד, אַ קאַמף ווי נעמט מען אויף שבת און אין אַמעריקע — אַ קאַמף פאַר אַ בענקל אין אַן אינסטיטוציע — ליגט אונדז נאָך נישט אין קאָפּ צו קעמפן פאַר דער לבנה. מיר קעמפן איצט — זאָגט ער פאַטעטיש — פאַר אַ קליין לענדל אין ישראל און פאַר אַ שטיקל הימל, וואָס אונדז געהערט.

איין דאגה האָט ער אָבער יאָ, מיין חבר. אויב, זאָגט ער, די רוסן מיט די אַמעריקאַנער וועלן פאַרכאַפּן די לבנה, וועלן מיר מוזן אָפּטיילן כאָטש אַ שטיקל פאַר אונדז, מיר זאָלן קענען ממשיך זיין מיטן מחדש זיין די לבנה.

וואָס שייך מיר, האָב איך אַ גאַנץ אַנדער דאגה. זי קומט זיך צונויף מיט דער זאָרג פון די פּאָעטן.

וואָס וועט זיין מיט די פאַרליבטע פּאָרלעך? אויף וואָס וועלן זיי קוקן?

פּעדאָרענקיש

עס איז נישט קיין אַנטיקע שפּראַך, נישט קיין לשון וואָס איז אויפגעקומען אויף דער שוועל פון אייראָפּעס געבורט; נישט קיין שפּראַך־געמיש פון פעלקערלעכן אויפקום; קיין זשאַרגאָן, קיין שוואַרגאָט, נישט תרגום־לשון, נישט זוליש פון אַפריקע און נישט אַפילו קיין גאַליציאַנער דיאַלעקט.

עס איז פּעדאָרענקיש. ס'האָט גאָר נישט צו טאָן מיט עספּע־ראַנטאָ. פאַרקערט: דער גרויסער זאַמענהאַף האָט זיך געמאַטערט אויסצוגעפינען אַ לשון וואָס זאָל פאַראייניקן אַלע פעלקער און גרויסמאַכטן, וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן **עספּעראַנטאָ**. בעת פּעדאָרענקיש איז אַ שפּראַך, אַ מאָדערנע, אַן איצטיקע, אַן אַט־ערשטיקע, וואָס איר היסטאָרישע אויפגאַבע איז צו צעטיילן פעל־קער צווישנאַנאַדער. אַפּטיילן גרויסמאַכטן פון קליינמאַכטן און גרויסמאַכטן צווישן זיך זאָלן אויך זיין קנאַפּע שותּפים.

איצט פאַרשטייט איר שוין?

לאָמיר מאַכן אַ שטיקל הסברה־אַרבעט, לאָמיר עס מאַכן מיט סינאָנימען.

פּעדאָרענקיש איז דאָס זעלביקע ווי גראָמיקיש, צאַראַפּקיניש.

נאָך אַלץ נישט קלאָר?

עפּעס גלייבט זיך נישט, אַז מען זאָל ווענען דאַרפן געבן אַ פינגער צו קייען. פון דעסטוועגן לאָמיר שוין גיין ווייטער.

דאָס איז די מאָדערנע שפּראַך פון די „באַלעוועטאָס", די „ניעטניקעס".

זע איך דאָך, אַז איר קוקט מיך אָן ווי אַ מענטש, וואָס הייבט אויף הייַנטיקע צייטן אַ וועקסל; גיט אַרוים אַ טשעק וואָס האָט דעקונג — כ'מיין ווי אַ משוגענעם. און איך רייד פּשוט מאַמע־לשון.

אויב אַזוי, וועלן מיר עס מאַכן ווי מען האָט עס געמאַכט אין

חדר: ויאמר — האָט ער געזאָגט, ה׳ — גאָט, אל — צו משה — צו משהן.

פעדאָרענקיש (לויט פילאָלאָגן, מעג מען אויך זאָגן: פעדאָרענקיניש), גראַמיקיש, צאַראַפּקיניש מיינט די שפּראַך פון די בעלי-ניעט (באַלייניעט). זייער שורש, אָפּשטאַם, פאָנעטיק, עטימאָלאָגיע און פּראָנונציאַציע איז **סאָוויעטיש**.

אויב אַזוי, איז פעדאָרענקיש — דאָס לשון פון פעדאָרענקאָ, גראַמיקיש — די רעדעס פון גראָמיקאָ און צאַראַפּקיניש קומט פון צאַראַפּקינען.

עס הייסט אויך „וועטאָ"-שפּראַך. נעמען נעמט זיך עס טאַקע פון די אַלטע לאַטיינער. נישט מער, וואָס בעת דאָס פאַרזאַמלטע רוימישע פאָלק האָט געקענט שרייען „וועטאָ" — **איך פאַרווער** —קענגן די באַשלוסן פון רוימישן סענאַט, שרייט אין דער „און" און אין זיכערקייט-ראַט איין פאַרשוין „וועטאָ", **איך פאַרווער**, הייסט עס, קעגן הונדערט פעלקער.

אַ פיינער פאַרגלייך, מען קען נישט זאָגן. עס האָט זיך גע-לוינט אויסצוטראַכטן אַזאַ פיין ווערטעלע ווי וועטאָ, וואָס האָט געדאַרפט קומען אַזש פון אַלט-רוים ביז ניי-ענגלאַנד און ווערן אַזוי פּאָפּולער אויף די לעפצן פון די רוסישע מרגלים אין דעם גרויסן טראַגי-קאָמישן וועלט-טעאַטער „און".

ווערדליק מענטשן דערציילן, נוצן זיי זייער ווייניק דעם **בבקשה** — „פּאָזשאַלוסטאָ" („דאַ" — יאָ, זאָגן זיי קיין מאָל נישט). לוינט זיי נישט — זאָגן זיי „וועטאָ", כדי נישט צו זאָגן „ניעט", וואָס איז נישט גאָר היינו-הך, נאָר ערגער, ווייל עס קומט צו דער פירוש-זשאַרגאָן, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט צו דעם אויבן-דערמאָנטן פע-דאָרענקאָ-לשון.

לערנט אייך אוים אַ ביסל די שפּראַך. אַנומלט איז געווען אַ טייל פון איר אָפּגעדרוקט אין אַלע צייטונגען. עס לייענט זיך אַזוי:

„...דער באַריכט וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן פונעם שעף פון הויפּטשטאַב פון דער וואָפנשטילשטאַנד-קאָמיסיע, גענעראַל אָדרבול, פאַרמאָגט נישט קיין דירעקטע און אַנט-גילטיקע עווידענץ אַז די סיריער זענען פאַראַנטוואָרטלעך

פאַרן טויט פון די צוויי ישראלים אין אלמגור, ווייל דער באַריכט האָט נישט אַרויפגעלייגט די אַחריות אויף איין זייט און מען דאַרף נישט געבן קיין פרייען וועג פאַר די עמאָציעס און פאַרשטעלונג-קראַפט, מחמת עס פעלן אַנטשיידענע באַ-ווייזן...".

ועל-כן, געבויט אויף דער גיעט-סטראַטעגיע, וואָס דאַרף נישט געזאָגט ווערן דירעקט, וואַשט ער זיך ערשט צום פרעמיער-מי-ניסטער אשכול, הלמאי ער סטראַשעט, אַז „ישראל וועט זיך פאַר-טיידיקן"...

וואָס איז דאָ צו ריידן? עס איז די טענה פון יענעם אוקראַינער, וואָס האָט צעשלאָגן אַ ייִד און מען האָט אים אַרעסטירט (אויף אַ מעשה פרעגט מען נישט קיין קשיה). פרעגט אים דער ריכטער, פאַר וואָס ער האָט געשלאָגן דעם ייִדן? ענטפערט דער אוקראַינער, אַז ער האָט אים נאָר געגעבן אַ זעץ אין אַ זייט, האָט דער ייִד גע-נומען שרייען. איז פאַרן שרייען האָט ער אים דערלאַנגט...

די מעשה איז אין גאַנצן „פאַכאַזשע" צו דער עקספּאָזע פון גאַספּאַדין פעדאָרענקאָ אין דעם זיכערקייט-ראַט, בעת מען האָט באַהאַנדלט ישראלס אַנקלאַג קעגן סיריע פאַר אַגרעסיע און מאָרד.

אָט אַזוי לערנט מען, ייִנגעלע...

פעדאָרענקיש, מיקאָיאַניש, צאַראַפּקיניש, גראָמיקיש, ניעטיש און וועטיש — מאַכט אויף דעם רש"י:

ברושטשעוויש, סאָוויעטיש — רוסיש. זאָגן אויף דעם די ליט-וויאַקעס רושעס, וואָס אויף העברעיִש שרייבט מען און אויף ייִדיש זאָגט מען **רשעות**.

לאָמיר זיין באַהיט פון אָט-דעם זשאַרגאָן.

ויהי בימי... און אחרי מות...
סטאלין-בעריא

זאג איך גרויס
מיין איך סטאַלין

וועגן די פּראָצעסלעך

(אַ ר יי נ פ י ר)

איך האָב אַ שטיק צייט זיך מיט אייך נישט דורכגערעדט — איך האָב געשוויגן. און געשוויגן האָב איך נישט מחמת „אַז עס דונערן די קאַנאָנען שווייגן די מוזעס". דאָס איז בלאָטע. דאָס איז געווען אין די צייטן פון בייראָן, פון היינע. היינט, בימי דזשוגאַש־ווילי, די צענדליקער מאָכאַמעד פּאַשאַס און פּאַשאַ מאָכאַמעדס און אונדזערע „אייגענע". בימינו — מיינע פריינד — שווייגן אַמאָל די קאַנאָנען ווען די וויסטע מוזע צעשפּילט זיך.

און אָט האָט זי זיך צעשפּילט, אין פּראָג האָט זי זיך צע־שפּילט. עס איז דאָרט אויפגעפירט געוואָרן אַ וויטערדיקער אַקט (איר קענט קיין מאָל נישט זאָגן „דער לעצטער אַקט"; אין יענע קאַנטן איז נישט פאַראַן קיין לעצטער) פון דער טראַגי־קאָמעדיע „**פּראָצעסן**", וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען אין 1936.

דער פּראָלאָג האָט זיך אָפּגעשפּילט אין 1927. דאָרט קומט פאָר (זייט מוחל וואָס איך דערמאָן אייך) ווי מען יאָגט אַרויס דעם גרינדער פון דער רויטער אַרמיי, לעניגם חבר, לעוו טראָצקי. נאָך דעם קומען פאָר פאַרשיידענע סצענקעס, ווי מען פאַרפאָלגט די וואָס ווילן נישט פאָלגן דעם טאַטן פון אַלע טאַטעס, און זיי ווערן איין מאָל פאַר אַלע מאָל באַצייכנט מיטן נאָמען „טראָצקיסטן".

נאָך דעם קומט פאָר אַ פּויזע, ווי עס פירט זיך ביי אַ פאָר־שטעלונג: מען פאַרבייכערט אַ פּאַפּיראָס, מען עסט אויף אַ „מאָ־ראָזשענע", מען קריגט זיך אַ ביסל מיטן ווייב און מען גייט זען די וויטערדיקע פאָרשטעלונג.

דער ערשטער בלוטיקער אַקט איז פאָרגעזעצט געוואָרן אין 1936. ווי גרויסע, עכטע טראַגיקער זענען אויפגעטראָטן קאַמע־ניעוו, זינאָוויעוו, דערנאָך בוכאַרין און די גאַנצע פּלעיאַדע, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט אין מינדסטן נאָגל פון איין פוס געהאַט

מער, ווי דער געוועזענער גלח פון גרוזיע מיט זיינע אַלע ריכטער, וואָס זענען דעמאָלט אויפגעטראָטן, מיט אַלע היינטיקע מושלים און רעגירער אין זייערע נאַרישע קעפּ און לייב־און־לעבן.

בקיצור — זענען זיי אויפגעטראָטן, אָבער נישט ווי לעבעדיקע אַקטיאָרן, נאָר ווי מאַריאָנעטן. דאָס סאָוויעטישע מאַריאָנעטן־טעאַטער איז באַוווּסט אויף דער וועלט. וואָס־וואָס, נאָר די מלאכה קענען זיי. האָט מען זיי, די העלדן פון דער רעוואָלוציע (פון דער באָלשעוויסטישער — מיט דער אמתער רעוואָלוציע האָבן געהאַט צו טאָן אַנדערע), אָנגעטרונקען מיט אָפּיום, אַרויסגענומען זייערע געהירן, אָנגעשטאָפּט מיט שמאַטעס, אַריינגעלאָזט זיי אַ ביסל היפּנאָז און זיי האָבן דורכגעפירט אַן עקלדיקע כאָר־דעקלאַמאַציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אָט־די ווערטער:

„מודה אני לפניך" — איך בין זיך מודה אַז איך בין אַ הונט, אַ חזיר, אַ פאַרקויפטע נשמה, אַ סמאָלע־קאָפּ, אַ האָלאָדראַניעץ, אַ וויסטע קאַליקע, אַ ים־קאָטער, אַ מכשף, אַ פוסטע כלי, אַ פּיפּער־נאָטער און נאָך אַזעלכע צונעמעניש וואָס האָבן געמאַכט דעם גאַנצן אַקט אַזוי, אַז מען האָט געמוזט פון טויזנטער קילאָמעטער ווייט צוהאַלטן די נאָז, ווייל דער ריח האָט ממש געשטיקט אין האַלדז.

איין בוכאַרין האָט זיך געהאַלטן לייטיש. אָבער ער האָט אַזוי אויסגעזען, אַז קיינער האָט מער נישט דערקענט אין אים דעם גרויסן „באָלשעוויק" און מחבר פון „אַלף־בית פון קאָמוניזם" און פון „געשיכטע פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם".

נאָך דעם אַקט איז ווידער געקומען אַ נישקשהדיקע הפסקה. די צושויער זענען שוין נישט געווען אַזוי אויפגעלייגט ווי פריִער. מען האָט געביטן די בינע, געביטן די פּיעסע, געביטן דעם מוסר־השכל און די וועלט האָט אַ קלונג געטאָן מיט אַ נייעם „שלאַגער", וואָס זיין נאָמען איז געווען „קאָסמאָפּאָליטיזם".

דאָס איז נישט געווען קיין סצענע ווי מען פּראָצעסירט, נאָר אויף דער שמיים־באַנק איז געלעגן שאָסטאַקאָוויטש, פּראָקאָפיעוו, פּילניאַק און אַנדערע קינסטלער: מוזיקערס, שרייבערס, מאָלערס, וכדומה. ביי יענער סצענע זעט מען ווי עס גייט אַ קאַראַוואַן קיין סיביר און צווישן זיי געפינען זיך גרויסע יידישע שרייבערס און

שווישפּילערס בראַש מיט דוד בערגעלסאָן. ער טראָגט אַ טראַנספּאַרענט מיטן אויפשריפט: „לא אמות כי אחיה”; איציק פעפער טראָגט אַ פּלאַקאַט מיט אַ ריזיקן אויפשריפט פון זיין ליד „איך בין אַ ייִד” און זוכט דערביי צו פאַרגעסן זיין נעבעכדיק לידל וועגן סטאַלינען: „זאָג איך מאַי, מיין איך סטאַלין, זאָג איך שיין — מיין איך סטאַלין, זאָג איך גרויס — מיין איך סטאַלין” עטצעטעראַ. (כ׳געדענק נישט פון אויסנווייניק, צי עס גייט פריִער גרויס דערנאָך שיין, אָדער פאַרקערט: שיין און גרויס). פון פאָרנט און פון הינטן גייען עטלעכע ענקאַוועדיסטן מיט אַ גיגאַנטישן אויפשריפט: „ייִדן און קאָסמאָפּאָליטן”.

אָפּגעפּאַרטיקט מיט זיי, קומט אַרויס דער גרויסער קאָמפּאָזיטאָר שאָסטאַקאָוויטש, לייגט זיך אויף דער שמיים-באַנק. עטלעכע אַרבעטער פון זאַוואָדן, איינער מיכאַיִל סטעפּאַנאָוויטש קאָזשוכין (אַ געגריוועטער שוסטער); סטעפּאַן מיכאַיִלאָוויטש סעמעטסקין (אַ לאָקאָמאָטיוו-הייצער) און וואַניאַ וואַסילעוויטש זובאָוו (אַ הויזן-אונטערפּרעסער) טרעטן אויף פּאַר אים און פּאַר פּראָקאָפּיעוון מיט אַ לעקציע וועגן האַרמאָניזאַציע, אָרקעסטראַציע, טאָן, באָן, גאַמאַ, אָקטאַווע און אַנטי-קאָסמאָפּאָליטישע מוזיק. עס פאַלט דער פּאָרהאַנג, מען ווייזט ווי שאָסטאַקאָוויטש שטייט שוין תמעוואַטע, די הויזן צוגעשפּיליעט מיט אַ שטריקל און זאָגט נאָך וואָס די „דריי פּראָפעסאָרן” ריידן אין אים אַריין:

„מודה אני לפניך” — איך בין מודה ומתוודה, אַז מיינע אַלע סימפאָניעס, מיין „זיבעטע סימפאָניע”, מיין „פעלקער-מאַרש”, מיינע אַלע פּאַרטיטורן, מאַרשן און לידער טויגן אויף תשעי ניינציק כפּרות; מען דאַרף זיי איינמאַרינירן אין זויערן און פאַרקויפן טרומאַנען.

איך וועל פּאָלגן דעם ווייסער פון אַלע ווייסערס, דעם הכל-יכול, כביכול, המכונה יאָסיף און איך וועל אָנהייבן שרייבן אַנטי-קאָסמאָפּאָליטישע פּאַרטיטורן, אַנדערע סימפאָניעס.

איך וועל האַרמאָניזירן, ווי איר וועט מיר הייסן, אַ „דאָ מענאָר” מיט אַ „מי מאַזשאָר”. איך וועל שיקן צום טייוול אַלע „אַנדאַנטעס” מיט די „אַלעגרעטאָס”, מיט די „אַדאַדזשיאָס”, מיט די „פּאָרטיסימאָס” און „פּיאַניסימאָס” פון די אָפּגעשטאַנענע איטאַ-

ליענישע מייסטערס און וועל שרייבן דאָס ליד פון אונדזער גרויסן, נאָך גרעסערן, גרעסער ווי דער גרעסטער גרויסער סטאַלין.

איך זאָג אָן פאַרן גאַנצן סאָוויעטישן פאָלק, אַז מיינע קאָמפּאָזיציעס ביז היינט זענען געווען קוואַטש שבקוואַטש און איך האָב נישט געשריבן קיין מוזיק, נאָר איך האָב געפּאָנפּעט...

דאָ קומט אַ סצענקע ווי ער פּאָנפּעט. עס קומט אַרויס מאָלאָטאָוו, נאָך אים שלעפּט זיך איליאַ ערנבורג, מען גיט שאָסטאַקאָוויטשן אַ קלאַפּ אין פּלייצע און אַ דאָקטער־פּסיכיאַטער מיט אַ שטעמפּל נ.ק.וו.ד., לייגט אַרויף אויף שאָסטאַקאָוויטשעס פּלייצע אַ פּעטשאַט „כשר“. דאָ ענדיקט זיך דער אַקט.

(געשריבן אין 1953)

סדרה „משפטים"

(און ווײַטער איז געווען אַזוי)

אין „יענע קאַנטן" איז נישט פֿאַראַן קײן פֿריִער און קײן שפּעטער. אַלץ וואָס איז געווען פֿריִער קען זײַן שפּעטער און וואָס עס קען זײַן שפּעטער איז שוין אַמאָל געווען. דערפֿאַר איז געגאַנגען האַנט־אין־האַנט אַ לאָזונג וועגן „פֿעלקער־פֿאַרברידערונג" און עס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַ פֿאַרברידערונג נאָר מיטן נאַצי־פֿאָלק, וואָס זײַן גאַנצע שטרעבונג איז געווען צו פֿאַרניכטן פֿעלקער אויף דער וועלט.

מען האָט אויסגעמעקט פֿון דער געשיכטע די נעמען פֿון די וואָס האָבן געשאַפֿן די דאָזיקע געשיכטע און מען האָט אויסגעזעפּקעוועט פֿון אַלטוואַרג־קופּערט אַזאַ צדיק אין פּעלץ, ווי באָגדאַן כמיעלניצקי און אַזאַ כשרן באָלשעוויק און „פּאַרטייִדיקער פֿון די אָרעמע און האָרעפּאַשנע מאַסן", ווי איוואַן גראָזשני. עס איז נישט שייך צו זאָגן:

— פּאַראַדאָקסן.

איז געגאַנגען דער „גרויסער ברודער" (האָט איר געלייענט „1984"?) און האָט דאַכט זיך אַרויסגעלאָזט אַזאַ פּשוטע בראָשור, ווי „סאָציאַליזם אין אײן לאַנד". עס קלינגט ממש ווי צוויי מאָל צוויי איז אַ לאָקשנברעט. און מען האָט עס געקענט זײער לײַכט פֿאַרשטײן. קומט צוגײן טיטאָ און מאַכט טאַקע סאָציאַליזם אין אײן לאַנד, נעמט מען און מען רופֿט אים אָן „ציוניסט", רופֿט מען אים אָן. און די ציוניסטן רופֿט מען „טיטאָיִסטן".

אויפֿן פּראָגער פּראָצעס איז דאָס „זידלוואָרט" טיטאָ געגאַנגען האַנט־אין־האַנט מיט ציוניזם, אַמעריקע, טרומאַן, בן־גוריון און ענלעכע „באַליידיקונגען", וואָס מאַכט טיטאָן אַ סך גרעסער ווי ער איז געווען. ווײַל אַ כלל זאָלט איר האָבן, אַז מען האָט עמיצן

פיינט דאָרט (ליב האָבן האָט מען דאָרט קיינעם נישט. נישטאָ אַזאַ אויסדרוק) דאַרף עס זיין אַן אָרנטלעכער מענטש.

הלמאי זאָלן מיר לייקענען? מיר האָבן אַ חשד, אַז סלאַנסקי, קלעמענטיס און מרגליות האָבן נאָך געהאַט אַ שטיקל צלם אלוקים. ווער איר דאָך פרעגן, הלמאי האָבן זיי געשלעפּט דאָס לאַנד צום קאָמאינפאָרם? ווער ווייסט? אפשר האָבן זיי געמיינט, אַז כדי צו פאַרווירקלעכן סאָציאַליזם מוז מען אָנקומען צום קרעמל? צום סוף האָבן זיי זיך איבערצייגט, פּונקט ווי טיטאָ האָט זיך איבערצייגט, אַז עס איז גאָר נישט נייטיק.

וואָסי? די גרויסע גייסטער וואָס דער קרעמל האָט היינט? ער האָט איין בוכאַרין, איין ריקאָוו, איין קאַמעניעוו, איין זינאָוויעוו, איין ראַדעק, איין לענין?

אלא פּאָליציי, געווער, אַ יוסטיץ פון שקר, אַ דעגענערירטע פּרעסע פון מאַריאָנעטן־שרייבער? שטייט נישט געשריבן אין ספר פראַלניק, אַז מען מוז עס טאַקע האָבן.

אָט ווערט געמאַכט אַמתער, קאָלעקטיווער, שיינער, עכט־חברלעכער סאָציאַליזם אין די קיבוצים פון ישראל אָן נ. ק. וו. ד., אָן טעראָר, אָן דער גוטהייסונג פון קרעמל און גאָר נישט, ברוך השם, הלוואי זאָלן אין די סאַטעליטן־לענדער זיין אַזעלכע מענטש־און געזעלשאַפט־איבערבויענדיקע קעמערלעך אין 100 יאָר אַרום.

לאָזט זיך אָבער אויס, אַז צוואַנג און דערציִונג זענען צוויי באַזונדערע זאַכן. דעריבער וועט דאָרט קיין מאָל קיין סאָציאַליזם נישט זיין, ווייל צוואַנג איז דאָ. אלא, וועט איר זאָגן, מען וועט אָפּשאַפן צוואַנג — וועט דאָך קיין קרעמל מער נישט זיין.

מיט אַזעלכע טראַכטענישן האָבן מיר אויסגעהערט און צו־געקוקט זיך צום שפּאָגל־נייעם ספּעקטאַקל, וואָס איז דאָ נישט לאַנג פאָרגעקומען אין פּראָג, מיט הויפּט־העלדן און אַזעלכע וואָס האָבן נאָר געשפּילט עפּיזאָדן־ראָלן, מיט מיז־אָן־סצענעס, מיט סטאַטיסטן און עדות — הימל און ערד. ביז אַהער זענען די סטאַ־טיסטן דערגאַנגען, ביז צו אונדז, ביז צו דער „דאַיאַ".

מיר ווייסן נישט צי די „שטודיע פון מודה זיין זיך" איז איצט אַזוי ווי פריִער. די וויסנשאַפט האָט דאָך פּראָגרעסירט.

נאַצים האָבן געמאַכט פון מענטשן זייף און אַבאַזשורן און קאָמוניסטן מאַכן פון מענטשן מאַנעקינען און שמאַטעס.

מער ווי עפּעס וועגן סאָוויעטישן געריכט, זיין גערעכטיקייט, זיין פּנים און די דאָליע פון די וואָס פאַלן דאָרט אַריין האָט געשילדערט משה גראָסמאַן אין זיין „אין פאַרכישופטן לאַנד פון יאָסיף דזשוגאַשווילי". דאָס איז אָבער נישט וויכטיק. וויכטיק איז, אַז די היינטיקע פּיעסע האָט נישט געהייסן „טראַצקיזם" (שוין פאַרעלטערט), נישט „קאָסמאָפּאָליטיזם" (אויס פּאָפּולער), אַפילו „טיטאָאיזם" איז נישט געווען דער הויפּט־אַרגומענט (אַ צו־האַרטערביין דער טיטאָ), נאָר אַ שפּאָגל־נייע טעמע מיט אַלטע לעכער; אַ טעמע, וואָס די יאַטן אין די קליינע פּוילישע שטעטלעך, וועלכע זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין די לינקע רייען האָבן דעמאָלט געפּלאַפּלט, דהיינו:

— ציוניסטן זענען אַגענטן פון ענגלישן אימפּעריאַליזם (זיי פּלעגן זאָגן „אימפּראַליזם", ווייל עס איז געווען אַ „זאַגראַניטשנע" וואָרט און זיי האָבן עס שווער אַרויסגערעדט).

מיינע לינקע לאַנדסלייט, דאָ, פּלעגן מיר אויפוואַרפן, אַז מיר, ציוניסטן, זענען פאַרקויפט צום בריטישן לייב, צו די אַמעריקאַנער מאַגנאַטן, צו וואָלסטריט.

די אַנטיסעמיטן האָבן געזאָגט, אַז מיר זענען אַלע באָלשעוויקעס. בקיצור — מיר זענען געבליבן ביי גאָר נישט.

דער ענגלישער לייב איז אַוועק פון ארץ־ישראל, דער וואָלסטריט און די אַמעריקאַנער מאַגנאַטן זענען געווען פאַרנומען מיט העלפן די אַליאירטע (בתוכם רוסלאַנד).

קומען זיי צוגיין איצט, אויפן פּראַגער פּראָצעס און דערמאָנען דאָס אַלטע „לידל" ציוניסטן, אַגענטן פון „אימפּעריאַליזם", פון בריטישן, פון אַמעריקאַנישן, פון יאַפּאַנישן. און דער גאַנצער כאָר, פון הודו ביז כוש, פון „פּלעצל" אין פּאַריז ביז „באַר קאַסטעלי" אין בוענאָס־איירעס פּלאַפּלען נאָך אַזוי ווי אין אַ הינערפּלעט:

— ציוניסטן זענען אַגענטן פון אַמעריקע, פון ענגלאַנד, פון יאַפּאַן, שונאים פון אַרבעטער־קלאַס, פון „שאַלעם", פון „איינייקייט".

לאָזט זיך גאָר אויס, אַז אַ סך פון די פּלאַפּלערס אין פּאַריז,

אין אַרגענטינע — אומעטום — האַנדלען אַליין מיט אַמעריקאַנער בערשטלעך פון ניילאָן, קעמעלעך פון פּלאַסטיק, האָבן פולע קליימן אָנגעפּאַקט מיט ענגלישע, אַמעריקאַנער, דייטשישע און יאַפּאַנישע „אימפּעראַליסטישע" סחורות און זיי זענען די סאַמאָראָדנע אַגענטן, וואָס שטיצן אַלע אימפּעריאַליזמען פון דער וועלט, ווי מען קען פאַרדינען אַ פּאָר גוטע טולער. מיט די הענט שטיצן זיי, הייסט עס, דעם דאָזיקן אימפּעריאַליזם און מיטן מויל — דעם רוסישן אימפּעריאַליזם.

אַזוי ווי מיר האָבן זיך ווידער פאַררעדט, וועלן מיר נאָך מוזן אַ שמועס טאָן ווייטער. עס איז אַ מאַטעריאַל וואָס לאָזט זיך נישט אויסשעפּן. עס איז, ווי אין טעאַטער, „אַ שטיק צום לאַכן און צום וויינען, מיט געזאַנגען און טענצע", מיט קאָמיקערס און טראַגיקערס. קען מען עס אַזוי גיך דורכלאָזן? מען מוז עפּענען מוחות.

(געשריבן אין 1953)

מען דאַרף דאַרט נישט קיין דאָקטוירים

(מעשה נומער איינס)

דער באַרימטער סאָוויעטישער הומאָריסט מיכאַיל זאָשטשענקאָ (שוין לאַנג ליקווידירט. גוטס ווערט ליקווידירט — פסולת בלייבט), הייבט אָן איינע פון זיינע הומאָרעסקעס מיט אָט־די ווערטער: „איך קען, חברים, מיט גאווה זאָגן, כ'האָב נאָך אין מיין לעבן קיין איין דאָקטער נישט דערהרגעט, אַפילו נישט דערלאַנגט...".

היינט גייט זאָגט, אַז גענעראַליסימוס, מאַרשאַליסימוס און „וואָסניטאָיסימוס?", יאָסיף סטאַלין, איז נישט קיין נביא, קיין שטערנזעער, קיין פּראָוויסזעער, קיין חוזה און קיין פּראָפעט, אויב ער האָט באַצייטנס פון סאָוויעטישן גן־עדן אַוועקגעשיקט אין הי־מלשן גן־עדן אַזאַ „פאַרשלעפּטע קרענק", אַ מייסטער פון דער קור־צער אויטאָ־קריטישער הומאָרעסקע, זאָשטשענקאָ, וואָס אים האָט מען געלייענט מיט דער גרעסטער הנאה נישט נאָר אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד. אַלע ליבהאָבער פון עכטן הומאָר און פיינער סאַטירע איבער דער גאַנצער וועלט האָבן אים זייער גערן געלייענט.

שטעלט אייך פאָר, וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט היינט געהאַט אַ הומאָריסט אין „סאָוואימפּעריע" (כ'בעט דעם „יוואָ" צו נעמען אין אַכט מיינע נייע טערמינען), ווען ער הייבט אָן אַ הומאָרעסקע מיט אַזאַ וואונדערלעך הומאָריסטישן זאָץ, וואָס דריקט אויס די תמימות און אָפּשיי פון אַ רוסישן מוזשיק פאַר אַ דאָקטער, וואָס נישט נאָר ער האָט אַזאַ איינעם אין זיין לעבן נישט דערהרגעט, נאָר אַפילו נישט דערלאַנגט. ס'איז דאָך באמת אַ גבורה פון אַ מענטש אַפילו נישט רעכט צו דערלאַנגען אַ דאָקטער.

נישט אומזיסט טענהן די גרויסע ליטעראַטור־קענערס, די פּסיכאָלאָגן, פיזיאָלאָגן און סתם ביאָלאָגן, אַז הומאָר און טרויער, טראַגעדיע און קאָמעדיע, ווײנען און לאַכן זענען ממש לייבלעכע

ברידער. עטלעכע מילימעטער איז איינס פון אַנדערן, ממש ווי אין דעם יידישן טעאַטער־לידל: „אַ קורצער שפּאַן — זאָגט זיך דאָרטן, — איז פון וויגעלע ביז צום גרוב". אַזאַ אַנרי בערגסאָן נעמט און שרייבט אַן אַ גאַנצן בוך, וואָס הייסט „געלעכטער". מען דער־ציילט, אַז שלום־עליכם פלעגט וויינען בעת ער פלעגט פאַרלייע־נען זיינע מעשיות. ער פלעגט וויינען און דער עולם פלעגט זיך קאַטשען פאַר געלעכטער. מסתמא איז עפּעס פאַראַן אין דעם. אַ וועלט איז נישט משוגע.

הייסט עס, מיכאַיל זאָטשענקאָס גורל איז שוין געווען פון לאַנג אָנגעצייכנט און ס'איז גוט, וואָס מ'האָט אים ליקווידירט פריער, מסתמא פאַר אַנדערע חטאים. כ'האָב מורא פאַר זיין צו־גרויסער פּאָפּולאַריטעט ביי די מאַסן און אַ ביסעלע פאַר זיין צו־פריִען הומאָר און סאַטירע, פון וואַנען עס האָט זיך אַרויסגע־לייענט, אַז די רוסישע מאַסן האָבן שוואַך פאַרדייעט די נייע רע־וואָלוציאָנערע פאַראַנדקעס. די עקסיסטענץ פון אַ פאַרפוילטער ביוראָקראַטיע. אַ בלאָזן זיך און שוויצעריי פון אַ ליאָדע טשינאָווו־ניקל, רעוויזאָרן פון גאָגאָל־שניט אין אַ נייער אויפלאַגע און אַנ־דערע איבלען געגומען אויף דער שאַרף פון זאָשטשענקאָ־פּען.

מילא, עס זענען געפאַלן אַזוי פיל קרבנות דאָרט פאַר פאַר־שיידענע מעלות, איז ער, דער הומאָריסט, געפאַלן אַ קרבן פון זיין הומאָר. ווייסט די וועלט, אַז מען האָט דערהרגעט אַ הומאָריסט פאַר זיין הומאָר. אַגב, וויפל טראַגיק ליגט אין אַ פּלאַן צו דער־מאָרדן אַ מענטש, וואָס מאַכט מענטשן לאַכן!

היינט וואָלט זאָטשענקאָ געמשפּט געוואָרן פאַר הויכפאַראַט, פאַר שפּיאָנאַזש, פאַר „ציוניזם" (קלייבט אייך אויס וואָס ס'געפעלט אייך בעסער, „ציוניזם" אָדער „טיאַגיזם". עס איז מיינער אַן אייגענער דיפטאָנג, צוזאַמענגעשטעלט פון די צווי „סאָוויזל־זולים" — טיטאָ און ציון), וואָלסטריט ,דזשאָינטיזם, אימפּעריאַ־ליזם.

(שרייבט אייך צו וואָס איר ווילט, ווייל כ'לעבן, כ'האָב נישט מער קיין געדולד צו די ווייבערשע פּליאָטקעס פון אַזאַ זעקסטל פון דער וועלט. וואָס איר וועט צושרייבן, וועט עס זיין פון די זעל־

ביקע אידיאָטסטוועס. חוץ דעם, האָב איך נישט קיין צייט צו דעם, איך דאַרף זוכן פּרנסה)...

וואָס איז דאָ פאַראַן צופיל צו ריידן? ווען זאַשטשענקאָ לעבט און זיינער אַ העלד באַרימט זיך, אַז „ער האָט נאָך קיין מאָל נישט דערהרגעט קיין דאָקטער", נעמט מען און מען לינטשט אים אין די גאַסן. וואָס הייסט אַ מענטש אין רוסלאַנד דערהרגעט נישט קיין דאָקטער? ס'איז הפקר אַ וועלט, וואָס? אויב אַזוי קומט דאָך אויס, אַז סטאַלין, די גאַנצע פּאָליציייאישע מאַשין, די גאַנצע יום-טיציע, דאָס ביסל ליטעראַטור, דאָס געדרוקטע וואָרעט (אוי, דאָס דערדריקטע וואָרט), דאָס „פּראַוודאַ"-וועזן — בקיצור, דער גאַנ-צער קרעמל זענען הינט וואָס האַוקען, בהמות וואָס מעקען, אויס-געריבענע שמאַטעס, גאָר נישט מיט גאָר נישט? זיי זענען, קומט אויס (אוי, פאָדערט זיך דאָ אַ רוסיש ווערטעלע)... האָ?

ווו איז אָרדענונג, דיסציפּלין, „קאָלקטיביות רעיונית" (אויף יידיש קען עס הייסן „טראַכטן פון איין טעלער"). יאָ און ווו איז נ. ק. וו. ד.? געשטאָרבן, געשמדט, געוואָרן פיינע לייט, וואָס?

עס איז דאָ אַ פּריקאַז, אַז מען דאַרף הרגענען דאָקטוירים, פאַרשטייט זיך אַז יידישע דאָקטוירים, וואָס דען, גויישקע? ווו האָט איר אין רוסלאַנד אַ גוטן גויישקן דאָקטער? כ'ווייס נישט, ווייזט אויס אַז ס'איז נישטאָ. טאָמער זענען געווען עטלעכע, הענגט מען זיי אויף צוזאַמען מיט די יידישע.

שלום-עליכם וואָלט געזאָגט, אַז ליקווידאַציע האָט אַ טבע זיך אויסצוקלייבן דאָס בעסטע. פון דעם דרינג איך, אַז די נישט-ליק-ווידירטע דאָקטוירים זענען אַ בינטל קאַליקעס, פּראָסטע קצבים, ווייל אַז נישט וואָלטן זיי דאָך כאָטש געדאַרפט לאָזן הערן אַ שטי-מע פון פּראָטעסט, ווען אַפילו זיי זאָלן דאַרפן גיין אויף קידוש-השם. עס וואָלט געווען פאַר זיי אַ סך בכבודיקער גיין צוזאַמען אויף דער תליה מיט די גרויסע מעדיצינער און זיין באַשולדיקט אין וועלן אַ מעשה-אָנטאָן די סאָוועטישע מנהיגים, איידער פלאָגן די באַפעלקערונג מיט רפואות אויפצוהאַלטן זייער געזונט, זיי זאָלן געזונטערהייט פילן דעם טעם פון גיהנום אויף דער וועלט פון וואַ-נען זיי ווערן סיי-ווי אַריבערגעשיקט „צו איינס, צוויי, דריי" (צו הונדערט און טויזנט אויך) פריש און געזונט אויף יענער-וועלט.

אָבער גיי רייד מיט היינטיקע רוסן וועגן קידוש־השם. ס'זע־נען היינט עפּעס די צאַרישע צייטן, ווי עס וואָלט זיך פאַר אַזאַ מעשה אויפגעהויבן אַ פּראָטעסט־כוואַליע ביזן הימל? מען וואָלט געגאָלאָגאָטשעט וועגן הומאַניזם, מאָראַל, עטיק און אַנדערע בור־זשואַזנע באַיקעס. עס וואָלט געמאַכט געוואָרן אַן עפנטלעכער פּראָ־צעס, ווי עס וואָלטן זיך פאַרמאָסטן די אַנטיסעמיטישע באַשולדי־קער מיט די שענסטע גייסטער פון רוסלאַנד, ווי בעתן ביילים־פּראָצעס, וואָס איז לגבי דעם היינטיקן אַלרוסישן מאָרד־פּלאַן פון יידישע דאָקטוירים ווי אַ פליג קעגן אַ העלפאַנט. און ווי די אונ־טערדריקטע יידן האָבן עס אויפגעהויבן אַ כוואַליע פון פּראָטעסטן, אַריינגעצויגן גוים, אַריינגעצויגן גאַנץ אויסלאַנד און די וועלט האָט זיך אַזש געטרייסלט און די אַנטיסעמיטישע באַשולדיקער האָבן פאַרשפּילט.

ווי זאָגן אָבער די גאַליציאַנער יידן: „דאָס וואַר אין יאַרע..." פון צאַרישער אונטערדריקונג, פון פעאָדאַלער הערשאַפט, ווען צאַר באַטיושקאַ מיט זיינע אַנטיסעמיטישע מיניסטאָרן האָבן רע־גירט אין ראָסיעי. זיי האָבן זיך גערעכנט מיט די ליבעראַלן, דער־ליבט פּראָטעסטן; האָבן זיך נאַריש געמאַכט און פאַרשיקט אַ רע־וואָלוציאָנער קיין סיביר און אים געלאָזט דאָרט מאַכן אַ לעבן, ליינען ביכער און אַפילו פאַרקוקט ווען ער פלעגט אַנטלויפן. וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ נארישער רעזשים?

היינטיקע צייטן איז אַנדערש. דער „וואָסאינדערקאָרטיסימוס", יאָסיף דזשוגאַשווילי, מיט זיינע אונטערלעקערס (זיי הייסן אויך מיטגלידער פון פּאָליט־ביוראָ) האָבן איינגעפירט, אַז מען טאָר נישט פּראָטעסטירן. ס'איז נישט שיין פאַר אַ סאָוויעטישן בירגער צו פּראָטעסטירן. מען באַשולדיקט דיר אין עפּעס — זיי זיך מודה, לאָז זיך אַראָפּהאַקן דאָס קעפּל און זאָל לעבן דער באָלשעוויזם! ווילסטו נישט מען זאָל דיר אַראָפּהאַקן דעם קאָפּ, דאַרף עס אויך קיינער נישט וויסן. סיי־ווי וועט מען אַ קאָפּ וואָס מען באַשטימט אַראָפּצוהאַקן נישט לאָזן זיך לאַנג האַלטן אויף די אַקסלען; איז וואָס וועט אַרויסקומען פון טומל?

האָט מען אַרויסגעגעבן אַ פּריקאַז אין קרעמל (אוי דאָס פּאָ־ליטישע קלייטל!), אַז ווער עס קען אַ יידישן דאָקטער, זאָל גלייך

מודיע זיין, וועט מען אים שיקן צו דער תליה. עס קען זיין אַפילו אַ טאַטע אַ דאָקטער, אַ זון אַ דאָקטער און עס מעג אויך זיין אַ נישט־ייִדישער דאָקטער, ווייל אויף יעדע 10 ייִדישע דאָקטוירים וועט מען אויך ליקווידירן איין גוייִשן דאָקטער. דער דאָזיקער „נומערוס קלאַוזוס" קעגן גוייִשע דאָקטוירים איז צו באַווייזן, אַז אין סוף־רוסלאַנד (סאָוורוסלאַנד) ווערן געמאַכט קעגן גויִים די זעלביקע דיסקרימינאַציעס ווי מען האָט געמאַכט קעגן ייִדן אין דעם פאַשיסטישן פוילן, אונגאַרן און רומעניע.

אין סאָציאַליסטישן פאַראיין (פאַרבאַנד) פון די פרייע פעל־קער איז נישטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם, עס איז זייער שטרענג פאַר־באָטן.

ווערט איצט דער פּריקאַז דערפילט אומעטום. אין דער גאַנצער אימפעריע, ווו דער רוסישער בער האָט אַריינגעשטעלט אַ פוס, ווו עס לעבן „פרייע פעלקער", ווו אַנטיסעמיטיזם איז „פולשטענ־דיק אָפּגעשאַפט" און ווו פאַרן וואָרט „זשיד" ווערט מען באַ־שטראָפט ווי אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער.

פאַר וואָס זשע דאַרף מען דאָרט מער נישט קיין דאָקטוירים? אויף דעם וועלן מיר ברענגען די אויסטייטשונג פון מיין לאַנדס־מאַן, דעם אַמאָליקן רייכן קאָמוניסט און הייִנטיקן קבצנישן אַנטי־באָלשעוויק, גרינע באַנאַנע (אַזוי רופט מען אים, מחמת ער האָט שטאַרק ליב באַנאַנעס).

(געשריבן אין 1953)

די רוסן דאַרפן נישט קיין מעדיצין, — צו וואָס?

(מ ע ש ה נ ו מ ע ר צ ו ו י)

ווען איך באַזוך אַ קאַבינעט פון אַ ציין־דאָקטער, האָב איך ליב צו באַטראַכטן דאָס קלאַסיש־געוואָרענע בילד, וואָס הענגט כמעט אין אַלע זייערע וואַרט־זאַלן.

דאָרט, אויפן בילד, זיצט אַ פּאַציענט אויף אַ שטול, מיט אַן אַרומגעבונדענער באַק און דער „צאָן־דאָקטער", וואָס איז מסתמא אויך אַ קאָוואַל, האַלט אַ באַשטיוולטן פוס אויפן בויך פון פּאַציענט און מיט אַ ריזיקער צוואַנג שלעפּט ער אַרויס אַ צאָן פון דעם בעל־דבר.

דאָס איז אַן אָנדייט, אַפּנים, אויפן פּראָגרעס וואָס די אָדאָנ־טאָלאָגישע טעכניק האָט דורכגעמאַכט פון יענער צייט ווען מען האָט געשלעפּט אַ צאָן מיט אַ צוואַנג, אָדער גאָר פאַרבונדן מיט אַ שטריק צו דער טיר, וואָס איז ראַפּטום געעפנט געוואָרן און דער צאָן איז געווען אין דרויסן, ביז די היינטיקע דערגרייכונגען. און עס קען אויך זיין אַ סאַטירע פון אַ לץ, וואָס האָט געוואָלט אָפּלאַכן פון די היינטיקע ספּעציעלע מכשירים, לעמפּעלעך, אינזשעקציעס, פּילן, צווענגלעך, שפּיצרוטלעך, וואָס אַ דענטיסט באַנוצט אויף אַזאַ קלייניקייט ווי אַרויסשלעפּן אַ צאָן.

דאָס בילד איז מיר געקומען אויפן רעיון אין שייכות מיט די פאַרפאָלגונגען אויף דאָקטוירים, וואָס דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט אָנגעפאַנגען און וואָס אַלע אירע „באַפרייטע מדינות" (ווײַ צו דער פרייקייט און ווײַ צו די מדינות) האָבן שוין אָנגעהויבן נאָכצו־מאַלפּעווען.

צוריק געשמועסט — צו וועלכע גוטע יאָר דאַרף מען דאָרט פּטרן צייט אויף מעדיצין? עס איז פעסטגעשטעלט, אַז הינטערן שפּאַנישן ווענטל („אייזענער פאָרהאַנג", בלע"ז), ווו קיין בייז־

אויג טאָר נישט אַריינקוקן, ווייל דאָרט ליגט די קימפּעטאָרין, איז נישט פאַראַן אַזאַ מענטש, וואָס זאָל אויסלעבן זיינע יאָרן און שטאַרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט. איין סטאַלין האַלט שוין ביי די 70ער, קאָסט עס דערפאַר אַ סך יאָרן נישט־אויסגעלעבטע פון אַנדערע טויזנטער מענטשן. יעדער יאָר לעבן וואָס סטאַלין לעבט, קאָסט אַ סך אַנדערע לעבנס. איז עס דאָך סטאַלין! ווען אַפילו עמיצן זאָל איינפאַלן אים אָפּצורוימען, וועט מען אים איינמאַרינירן און — האַלטן בסוד אַז ער איז געשטאָרבן. ווו האָט איר געזען, אַז אַ גאָט זאָל שטאַרבן?...

„...ווו איר גיט נאָר אַ בליק
וואַלגערט זיך אין מיסט אַרום אַ שאַרבן.
געטער שטאַרבן נישט
מענטשן שטאַרבן...".

די שורות האָט דאָך אַמאָל געשריבן דער גרויסער יידישער דיכטער משה קולבאַק.

יאָ, דאָרט איז אין פּאַטענץ יעדער איינער אַ שאַרבן, וואָס אָדער ער דרייט זיך נאָך אַרום, ווייל ער איז נאָך צוגעטשעפּעט צו אַ קערפּער אָדער ער וואַלגערט זיך אַרום.

זאָלט איר האָבן אַ כלל: אַ קאָפּ, וואָס דער מוח אין אים איז אַטראָפירט, ווייל ער טאָר נישט דענקען, איז אַ פּשוטער שאַרבן. און אַפילו אַזוי טאָר אַ מענטש דאָרט נישט שטאַרבן נאָרמאַל. פאַר דעם זאָרגט די נ. ק. וו. ד. (די בעסטע כירורגן אויף דער וועלט), פאַר דעם זאָרגט די נעץ פון אינערלעכן שפּיאָנאַזש, פון מסירה, דער איינגעשטעלטער פּחד איינער פאַרן צווייטן און לסוף — די רעגלמעסיקע ליקווידאַציע. פּונקט ווי ביי יידן זענען געווען איינגעפירט די יאָרן פון שמיטה און יובל (ש'האָבן אַזאַ יאָר וואָס פאַר אַ טייערע איינפירעכצן זיי זענען געווען), פּונקט אַזוי קומען פאָר אין יענע מקומות, להבדיל, פּעריאָדישע רייניקונגען און ליקווידאַציעס.

עס ווערט באַשטימט, למשל, ביי דער קומענדיקער רייניקונג דאַרפן פאַר דער זאַך פון סטאַלינען (אין וואָס די זאַך באַשטייט,

זייסט קיינער נישט) אַזאַ און אַזאַ קאָנטינגענט מענטשן אָפּגעבן זייערע לעבנס. די חטאים זענען נישט וויכטיק, אויף דערויף איז דאָ אַ ספּעציעלער דעפּאַרטאַמענט, וואָס אַרבעט זיי אויס. אויך די מעטאָדן האָבן נישט קיין באַדייטונג. די באַקאַנטסטע זענען דער־ווייל די ווידויים. אַ מאָל ברייטערן זיך אויס די ליקווידאַציעס אויף גאַנצע פעלקער־מינדערהייטן (ווי די טאַטערן, די דייטשע קאָלאָניסטן ביי דער וואָלגאַ און איצט גייען אין דער ריי די ייִדן).

עס קענען אויך זיין ליקווידאַציעס אויף פּראָפעסיעס. איצט, למשל, איז געקומען די ריי אויף דאָקטוירים. מען האָט אָנגעהויבן מיט ייִדישע, כדי די באַפרייטע פעלקער זאָלן עס שנעלער קענען פאַרדייען. אָבער אין דער אמתן איז עס אַן אַלגעמיינער קורס קעגן מעדיצין.

עס איז אַ פּשוטער חשבון: סאַבאָטאַזשניקעס ביי אַן אַנדער אַרבעט קענען נאָר שעדיקן אַ מאַשין, אַ בנין — האַקט מען זיי אַראָפּ די קעפּ און אַ סוף! וואָס זאָל מען אָבער טאָן מיט „דאָקטוי־רים־סאַבאָטאַזשניקעס”, וואָס פון זיי איז אָפּהענגיק דאָס אַזוי און אַזוי וויכטיקע לעבן פון דעם און פון יענעם פּאָליטישן מנהיג און טאָקע פון אים אַליין?! ווען די דאָקטוירים און ראַזירערס זאָלן וועלן — קענען זיי דאָך מאַכן אַ סוף אין איין טאָג צו אַלע פּאָליט־ביוראָניקעס, צום קאָמאַינפאָרם, גענעראַלן, בקיצור: לאָזן דאָס לאַנד כצאן בלי רועה. דאָקטוירים קענען פאַרסמען. די גאָלערס קענען איינשניידן מיט די בריטוועס די גאָרגלען.

מען דערציילט טאַקע, אַז בשעת אַזאַ גאָלער ראַזירט אַ פּנים פון אַ וויכטיקער שישקע, שטייען קעגן אים 2 נקווידיסטן, 4 כאָלדאַטן און 6 זשאַנדאַרן מיט אָנגעשטעלטן מאַשין־געווער און טאָמער גיט ער אַ שניטעלע מיט דער בריטווע, דאַרף ער באַלד אונטערשרייבן אַ ווידוי. דערפאַר וויל קיינער נישט ווערן קיין שערער אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד.

מען זאָגט, כלומרשט, עס איז נישט קיין פּראָדוקטיווע אַר־בעט, אָבער אין דער אמתן האָט מען מורא. אַגב האָבן מיר אַ ידיעה, אַז די קומענדיקע ליקווידאַציע וועט גיין קעגן דער שער־פּראָפעסיע.

וואָס טוט מען אָבער מיט די דאָקטוירים? גיי קאָנטראָליר

זיי, צי זיי גיבן דיר אַ רפואה צי סם? און דער סם מוז נישט באַלד ווירקן. אַט האָט איר דאָך אַ פאַקט:

גאָרקי איז פאַרסמט געוואָרן מיט אַ יאָר 15 צוריק און מען האָט ערשט איצט אויסגעפונען אין זיין קערפּער דעם סם און די אָפּדרוקן פון די פינגער, וואָס האָבן דערפירט ביז ד"ר וואָפּסי, וואָס איז אַ קרוב פון ליקווידירטן מיכאָעלס, וועלכער האָט געהאַט פאַר־בינדונגען מיטן „דזשאָינט", וואָס איז במשך דער גאַנצער צייט געשטאַנען אין מגע ומשא מיט טיטאָן, וועלכער איז אַליין, כידוע, אַ באַקאַנטער ציוניסט נאָך פון הערצלס צייטן. און אַלע די לעבן פון וואָל, אָדער פון דער גאַס פון וואָל (וואָל־סטריט). און ווער ווייסט, צי די היינטיקע אַלע מושלים, וואָס האָבן זיך געלאָזט באַ־דינען פון די דאָקטוירים, ווער צוליב מאָגן, ווער צוליב לעבער, נירן, איבערגעפרעסנקייט, געשווירן, מכות, הויט־אויסשיטענישן און אַנדערע קרענקעלעך — ווער ווייסט צי אין זייערע אינגעווייד ן וועט נישט דער איינגעגעבענער סם, וואָס קען אין אַ יאָר, צוויי, דריי, צען יאָר אַרום (אַפילו אַ ביסל צו לאַנג צו וואַרטן) נעמען ווירקן?

דאַרף מען נישט קיין דאָקטוירים און — אַן עק! דער פּראָס־טער עולם דאַרף נישט קיין מעדיצין, פאַר אים זאָרגט שוין ווער, ער זאָל נישט דאַרפן אָנקומען צו מעדיצין. חוץ דעם — וואָס דאַרף ער לעבן לאַנג?

עס איז די מעשה מיט אַ פּאַציענט וואָס איז געקומען צום דאָקטער נאָך אַ מיטל צו לעבן לאַנג. פרעגט אים דער דאָקטער, ווי געוויינטלעך, צי טרינקט ער וויין? — ניין; רויכערט ער פּאַפּי־ראָסן? —ניין; האָט ער ליב פרויען? — אויך נישט. צו וואָס זשע פאַר אַ גוט יאָר — מאַכט דער דאָקטער — דאַרפט איר לעבן לאַנג?

דאָס איז מיטן פּראָסטן פאָלק. די עליטע, ווייטער, האָט מורא צו געטרויען דאָס ביסל מיזערנע לעבן אין די הענט פון דאָקטוי־רים, היינט צו וואָס דאַרף מען דאָקטוירים?

גייט דערוויל אַ ליקווידאַציע פון ייִדישע דאָקטוירים, געמישט מיט עטלעכע גויישקע, דערנאָך — וועלן גיין אַלע דאָקטוירים פון דער אימפּעריע.

היינט פֿאַרשטייט איר שוין, הלמאַי מען דאַרף נישט קיין דאָקטוירים אין סאָוויעטרוסלאַנד?

אַזוי האָט מיר אויסגעטייטשט מיין לאַנדסמאַן, גרינע באַנאַ־נע. אַמאָל געווען אַ קאָמוניסט מיט אַ סך געלט; היינט איז ער אַ קבצן, איז ער געוואָרן אויס קאָמוניסט און פֿאַרנעמט זיך מיט אויסטייטשן געשעענישן, וואָס קומען פֿאָר אין ראַטן־פֿאַרבאַנד.

(געשריבן אין 1953)

אַ בריוול פֿון פּראָגער אַרעסטאַנט

קריג איז פרידן,
שקלאַפּנטום איז פרייהייט,
אומוויסנקייט איז קראַפט.
(פֿון בוך 1984)

קענסט דיר קוים פֿאָרשטעלן אין וואָס פֿאַר אַ מצב־רוח איך געפין זיך.

הונדערט מאָל אין טאָג שריי איך צו זיך אַליין: אידיאָט, יאָלד, וויסטע קאַליקע, בטלן!

וואָס זאָל איך טאָן אין די מאָמענטן וואָס איך בין ביים באַוווּסטזיין? כ׳טראַכט נאָר: ווו איז געווען מיין שכל? פֿאַר וואָס האָב איך געפאָלגט משהן, דעם שוואַרצמאַהניק, דעם רעאַקציאָנער און אַוואַנטוריסט, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין אונדזערע רייען און האָט באַקומען איינפֿלוס?

איך מיט יעקבן האָבן עס טאַקע שוין לאַנג גענומען ערנסט און איך האָב געמיינט, אַז די אַלע וואָס שרייבן קעגן דעם „סאָציאַליסטישן גן־עדן” זענען שונאים פֿון אַרבעטער־קלאַס, פֿון דער רעוואָלוציע, שונאים פֿון פֿרייהייט.

אַזוי האָבן מיר געטראַכט. כ׳ווייס, אַז משה האָט אין הארץ ביי זיך (אויב ער האָט אַזאַ זאַך) געלאַכט פֿון אונדז אין די פויסטן. ער האָט שוין געוווּסט געזונט־אייזן, אַז אַלץ וואָס מיר פֿריידיקן האָט נישט קיין האַפֿט; אַז דער סאָוויעטישער אָנשפּאַר אונדזערער איז, אָדער אַ וואַנט מיט שטעכלדראָטן, אָדער שפּינוועבס. אָבער וואָס אַרט אים אַז ער רעדט רעוואָלוציאָנעריש? דאָרט ווו מען הייבט הענט, הייבט ער פֿיס. געדענקסט דאָך ווי ער האָט דער ערשטער אָפּגעצויגן פֿון לאַנד ווען די ענגלענדער האָבן אַרעסטירט הגנה־טוער און ווילטיקע ציוניסטישע פֿירערס?

יאַנעק, פֿאַר וואָס האָב איך זיך געלאָזט איינריידן פֿון אים

צו פאָרן צום קאָנגרעס? די רעדע וואָס איך האָב געהאַלטן, ווו איך האָב געלויבט מזרח-דייטשלאַנד, ווייסנדיק אַז דאָרט רעגירן אמתע נאַצים, געוועזענע נאַצי-גדולים צוזאַמען מיט אַ פּאָר קאָמוניסטי-שע שוויצערס און מיין לויב-געזאַנג פאַר סטאַלינען, וואָס איך האָב געמיינט אויפריכטיק, — דאָס איז געווען מיין אומגליק. הערסט אַ מעשה! גיי ווייס, אַז אַלץ איז משה-קאַפּויער. ווייל איך האָב געלויבט, איז מען מיר חושד געווען אַז איך פאַרשטעל עפּעס. אָבער ה' סלאַנסקי האָט מיר געזאָגט, אַז ווען איך וואָלט גערעדט פאַר-קערט, וואָלט מען מיך עקסטרע אַרעסטירט, ווייל מען האָט גע-דאַרפט האָבן אַ ציוניסט פון ישראל צו די פּראָצעסן.

אַ מאָדנע זאַך איז דאָ געשען. איך האָב גערעדט מיט סלאַנס-קין, מיט מרגליותן און די אַנדערע באַשולדיקטע איידער זיי האָבן זיך מודה געווען, זענען זיי געווען פולשטענדיקע איגנאָראַנטן אין יידישקייט און ציוניזם. דו ווייסט זייער גוט, יאַנעק, אַז איך בין קיין מאָל נישט געווען קיין צדיק און האָב אויך געפּייפט אויף מקווה-יידישקייט. אָבער אונדז האָט דאָך אינטערעסירט דער תנ"ך, פון היסטאָריש-מאַטעריאַליסטישן קוקווינקל. מיר האָבן געלערנט ציוניזם פון וויסנשאַפטלעך-מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט. אמת, משה האָט שטענדיק געלאַכט פון אונדז, ער האָט עס געהאַלטן פאַר אַ נאַרישקייט.

— וויכטיק איז — פלעגט ער טענהן, — האַלטן די מאַכט אין די הענט און אויב מען קען נישט, דאַרף מען אָנטאָן צרות דער רע-גירונג. אַלץ אַנדערע איז נאַרישקייטן.

האָב איך ממש באַוווּנדערט די איגנאָראַנץ פון אַ סלאַנסקי. הער אַ מעשה! ער האָט נישט געוווּסט, וואָס איז אַזוינס ציוניזם; ער האָט עס פאַרמישט מיט סינאַגאָגע; נישט געהאַט קיין אַנונג פון הלוציזם, קיבוץ, הסתדרות, בקיצור — אַ גוי גמור. לאָזט זיך אויס, אַז מיר צערייסן זיך דעם ספּאָדיק און זיי האָבן אפילו נישט געהערט פון אונדז. זיי קענען נישט פאַרשטיין, הלמאי זענען מיר ציוניסטן און רעוואָלוציאָנערן גם יחד. אָבער נישט וועגן דעם שרייב איך דיר. איך שרייב דיר וועגן זייער איגנאָראַנץ וואָס שייך ציוניזם און יידישקייט ערב זייער מודה זיין זיך.

האָסט אָבער געדאַרפט אָנקוקן די זעלביקע מענטשן נאָך דעם

זוי זיי האָבן זיך מודה געווען. יאַנעק, עס איז געווען אַ שווידער! זוייזט אוים אַז איצט, נאָך דעם ווי איך האָב זיך מודה געווען, זע איך אויך אוים אַזוי, אָבער זיך קען איך נישט זען. נישטאָ דאָ קיין שפּיגל, קיין קעמל, קיין בעט, קיין לייב-און-לעבן. די פּאַראַשע איז דאָ, די באַרימטע פּאַראַשע, וואָס באַגלייט דעם אַרעסטאַנט פון זיין אַריינקומען אין צעלע ביז דער תליה.

איך האָב נישט דערקענט סלאַנסקין, נישט דערקענט קלעמענטיסן, נישט דערקענט מרגליותן. ווי נאָר זיי זענען צוריקגעקומען פון מתוודה זיין זיך, האָבן זיי אויסגעזען ווי טומטומס, באַקומען אַן אַנדער מראה. איינער האָט באַקומען אַ געשוואָלענעם פּנים, דער צווייטער האָט אויסגעזען ווי האַצמאַך ביי שלום-עליכמען, און קלעמענטיס האָט זיך געהאַלטן אין איין גלעטן די מאָרדע, ווי ער וואָלט געהאַט אַ באָרד און אַ גאַנצן טאָג געשריגן, אַז „ער איז אַ ציוניסט, געגאַנגען צוזאַמען מיט טרומאַנען אין באָד אַריין, געהאָלפן אַרויספירן די ייִדן פון מצרים און דעם גאַנצן רכוש, וואָס די ייִדן האָבן צוגענומען, אויפן באַפעל פון משה רבינו, ביי די מצרים האָבן זיי אַוועקגעגעבן טיטאָ פון יוגאָסלאַוויע"...

יאַנעק, הערסט אַ שפּראַך? דאָס איז גאָר נישט. סלאַנסקי האָט גענומען ריידן ווי אַן אמתער קענער פון ציוניזם, פון אַלע פּראָבלעמען, פאַרמישט קאַשע מיט באָרשט, אָבער ער האָט געפּלאַפּלט. ביז ער איז געגאַנגען צו דער תליה האָט ער געפּלאַפּלט ווי אַ וואַנזיניקער.

— ציוניזם איז אימפּעריאַליזם. איך בין אַן אימפּעריאַליסט צוזאַמען מיט בן-גוריון, מיט ד"ר הערצל, מיט טראָצקי, מיט טיטאָ, מיט ראובן לעווין (ער איז אייערער אַן אָרגענטינער, אַ דאָזאָר אין דער קהילה), מיט בר-כוכבא, מיט שמשון הגיבור, מיט לעאָנאָר רוזוועלט, מיטן „דזשאָינט", מיטן ועד ארבע הארצות, מיטן ייִדישן קולטור-קאָנגרעס, מיטן סנהדרין, מיט דער תּלמוד-תורה „בני ישראל לעבער-שלייפער פאַראיין מאַקסים גאָרקי" (פאַראַן ביי אייך אַזאַ אינסטיטוציע), מיטן „השומר הצעיר"...

אַזוי האָט מען געפּלאַפּלט אַ גאַנצן טאָג. איך שטעל זיך פאָר, וואָס איך האָב געפּלאַפּלט בשעת איך בין זיך מתוודה געווען פאַרן

גלח. איך ווייס שוין נישט וואָס איך רייד, עס האָט מיך אָנגעכאַפּט די ווידוי-אַטאַקע און איך קען נאָך זאָגן נאַרישקייטן.

יאָ, זעסט, יאַנעק, שיר נישט פאַרגעסן:

זאָג מיין חבר, ד"ר פערנאַנדעז, וואָס האָט ביי אייך די וואָך גערעדט וועגן די פּראָצעסן און האָט זיך געפריייט מיט דעם פאַקט, וואָס אַפילו דער ישראל-אַמבאַסאַדאָר האָט באַשטעטיקט, אַז מיך האָט מען נישט פּראָצעסירט, נאָר איך בין געווען נישט מער ווי אַן עדות. זאָג אים, דעם פרייער, וואָס איז אויף אים די גדולה?

ווו האָט ער געזען, אַז אַן עדות זאָל זיצן אין תפיסה?

אין וועלכן לאַנד און ביי וועלכן רעזשים איז שוין פּאַרטיק די תליה פאַרן עדות? וואָס פרייט ער זיך, דער יאָלד?

ווען ער קען מיר אָראָפּשיקן אויף איין טאָג אַהער משהלעך, ער זאָל פאַרלירן דאָס בייכל און זיין אָריענטאַציע, וואָלט פערנאַנדעז און שמערעז און אַלע מיינע פּאַרטיי-גענאָסן, וואָס שפּילן זיך אין ליבע צום ראַטן-פאַרבאַנד אויפגעהערט צו דרייען אַ ספּאָדיק און וואָלטן געוואָרן סטאַטעטשנע לייט.

יאַנעק, איך זאָג דיר, אַז ווען איך קום איצט צוריק אין ישראל (לײדער איז עס נישט מער ווי אַ חלום), וואָלט איך געקושט די ערד וואָס עס באַטרעט בן-גוריון, שרת, אשכול, שזר. זיי האָבן אַ גאַנץ לעבן געוווּסט וואָס זיי האָבן געוואָלט, ווייסן וואָס זיי ווילן און זענען דאָס וואָס אַ ייִד און אַ פירער פון ישראל דאַרף זיין.

זיי מיר געזונט און האָב פאַר מיר אַ גוט וואָרט, דיין...

— — — — — — — — — — — — —

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט. געהאַלטן אין מיטן איבערקוקן נאָך אַ מאָל דאָס בוך 1984 און ווען איך האָב געזען די לאָזונג, וואָס ווערט געפּריידיקט אין לאַנד פון „גרויסן ברודער", בין איך אַנט-שלאָפן געוואָרן, צי האָב געדרימלט, בכל-אופן האָט זיך מיר אויס-געדאַכט, אַז איך לייען אַ בריוו פון מרדכי אורן. פּאַקטיש האָב איך זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון דער לאָזונג וואָס יעדער ביר-גער מוז איינקנעלן דאָרט:

„מלחמה איז שלום,
עבדות איז חירות,
עם-הארצות איז כוח".

אָרעמער מרדכי! דיין גוטער חבר, מאָשע, האָט דיר געהייסן אויסשליסן פון דער פּאַרטיי. ער גלייבט, אַז דו ביסט אַ שפּיאָן און אַ פאַרקויפטער צום אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם צוזאַמען מיט משה רבינו, מיט ד"ר הערצל און מיט די אַנדערע, וואָס קלעמענטיס און סלאַנסקי האָבן אויסגעפּלאַפּלט אין זייער וואַנזיניקן מבול־בלדיקן צושטאַנד. אויך ער גלייבט נישט אין דעם, אָבער ער גלייבט יאָ, אַז

— איגנאָראַנץ איז מאַכט!

ב"ב: געשריבן אין 1953, בעתן פּראָצעס. ווען מען זעט היינט וואָס אַלץ האָט זיך פאַרלאָפן, בלייבט מיר איין טרייסט — אַז איך און נאָך אַזעלכע ווי איך געהערן נישט צו די איגנאָראַנטן.

קאָעקסיסטענציאַליסטישער געווער־פּאַרקויף

אַבי מיר האָבן געמיינט, אַז מסחר קען מען נאָר פירן מיט אַרטיקלען פון ערשטן געברויך: העמדער, קראַוואַטן, קנעפּלעך, הויזן, ראַזיר־מעסערלעך, נאָדלען, שעלקעס, זאָקן, שמאַלץ־הערינג, אייער־קיכלעך, פאַרשיידענע עס־אַרטיקלען וכדומה.

לאָזט זיך אויס, אַז וואָס לענגער אַ מענטש לעבט, אַלץ מער... עסט ער און אַלץ מער דערוויסט ער זיך.

און אָט האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז נישט נאָר די אויבן־אויס־גערעכנטע זאַכן און אַנדערע וויכטיקע אַרטיקלען, וואָס אַ ציוויליזירטער מענטש דאַרף האָבן גייען אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון האַנדל, נאָר אויך געווער איז היינט אַ קאָמערציעל אַרטיקל.

אַזוי האָט דערקלערט דער סאָוועטישער פאָרשטייער אין דער „און" און דער עגיפּטישער אַמבאַסאַדאָר אין צפון־אַמעריקע, הו־סייני (וועלכער אַראַבער הייסט נישט הוסייני?) האָט עס נאָכגע־פּלאַפּלט.

איר פאַרשטייט? לויט די צוויי, לאָמיר זיי אָנרופן „פאַר־שטייער פון שלום־ליבנדיקע פעלקער", מעג מען פאַרקויפן און קויפן ביקסן, מאַשינגעווער, טאַנקעס, קריגס־אַוויאָנען, באָמבעס, טאָרפּעדאָס, אַזוי ווי מען קויפט אַ פונט צוקער, אַ קילאָ זאַלץ, אַ בינטל רעטעכלעך, אַ פּאָר קאַלאָשן, אַ טלית־קטן, אַ מחזור אויף ימים־נוראָים, אָן אויסגעשטאָפּטן בער פאַר די קינדער — מיט איין וואָרט: מסחר.

זיי זאָגן אייך אַפילו נישט, צי אין אַנגראָ קאָסט עס ביליקער און צי אין דעטייל וועט עס אויסקומען אַ ביסעלע טייערער. דאָס האָט נישט קיין באַדייט, ווייזט אויס מען קען, הייסט עס קויפן „פאַר מאַזשאָר", דאָס הייסט אין הורט און מען קען אויך קויפן „פאָר מענאָר", לאַחדים, וואָס נאָר פאַר אַ שטיקל געווער עס איז אייך צום האַרצן.

לויט דער סאָוועטישער „ליבעראַלער" הנחה אין מקח־וממכר

פון געווער, האָבן זיך איצט אַ ברירה צו עפענען געווער־קראָמען און קרעמלעך, טרוסטן און הורטאָווניעס, און ווער עס וויל וועט זיך קויפן אַ ביסעלע געווער צוגעפּאַסט צו זיין קעשענע און צו זיין „גוסט״. הערט אייך איין, וואָס טוט מען אַלץ נישט צוליבן שלום? זאָלן מענטשן קויפן געווער, אַבי עס זאָל זיין פרידן אויף דער וועלט.

איצט, זייט מוחל, פאַרקאַשערט אייער פאַנטאַזיע און שטעלט אייך פאָר אַזאַ סצענקע:

איר גיט אייער וו ייב עטלעכע טאָלער צו גיין אין מאַרק אַריין איינקויפן אויף מיטיק. נעמט זי און פאַרבלאָנדזשעט אין אַזאַ גע־ווער־קראָם, וואָס וועט טראָגן דעם נאָמען, לאָמיר זאָגן, כ׳וויים: „קאָעקסיסטענץ־געזעלשאַפט צו פאַרקויפן געווער פאַר שלום־צוועקן״. אָדער, למשל, „זשענעווער גייסט און קאָמפּ. צו פאַר־שפּרייטן די אידעע פון קאָמערציאַליזירן דעם וואָפן״ וכדומה. נעמען, וואָס דאַרפן אַנטשפּרעכן דעם אמתן גייסט פון אַ גוט בי־סעלע סאָוויעטיש געווער, וואָס זאָל אַ ווארעם טאָן, אַ צענעם טאָן די פוילע כניאָקעדיקע אַראַבישע ביינער. אָט סתם אַזוי צוליב קאָ־מעדיע, האַנדל, מסחר.

נו שוין, מאָדע איז מאָדע. גייט זיך אַריין אַ ייִדענע אין אַזאַ וואָפן־קלייטל און מאַכט אַ באַשטעלונג:

— גיבן זי מיר, זייט־זשע מוחל, אייניקע קאַראַבינען, אַ קילאָ פולווער, אַ צוויי־דריי טוץ קוילן, 100 גראַם אויפרייס־שטאָף, 3 פאַרלעגענע באָמבעס און אַ פרישן טאָרפּעדאָ.

אַ צווייטע ייִדענע וועט אַריינקומען און פאַרמאַטערן מיט פראַגעס, ווי עס טרעפט ביי אַ ייִדענע:

— סעניאָר, וויפל קאָסט ביי אייך אַן אַנטי־טאַנק אויף אויס־צוצאָלן אין 50 ראַטעס?

אָדער גאָר אַזאַ מין קשיה:

— מיין ייִנגעלע וויל האָבן אַן אונטערוואַסער־שיף, ער וויל זיך שפּילן, וויל ער זיך. וויפל וועגט ביי אייך אַזאַ מין סאָרט שיפל? איך דאַרף נישט קיין גרויסע שיף. ער איז אין גאַנצן אַלט 5 יאָר.

וואָס שייך הורטאָוויניקעס, וועט עס גיין אין גאַנצן אַנדערש. אָט זע איך אַ באַשטעלונג, וואָס לייענט זיך כהאי לשנא:

„צום גרויסן טרוסט, וואָס פאַבריצירט שווער געווער פאַר לייכטע פעלקער. זייט אַזוי גוט און שיקט מיר אַריין פאַר מיינע קליענטן אין מצרים אַזוי גוט ווי —

10 אַוויאָנדלער, 20 טאַנקען, טויזנט מאַשינביקסן, וואָס מער קאַנאָנען און למען־השם, אַ ביסל אַנטי־דאַווידקעס פאַר יעדן סלו־טשאַי. טאָמער וועלן די ישראלדיקע „דאַווידקעס" ווידער נעמען אַרבעטן, זאָל מען האָבן אַ קעגן־געווער. דאָס זאָג איך אייך, אָבער אין דער קוויטאַנציע זאָלט איר שרייבן, אַז דאָס גאַנצע געווער, וואָס איר שיקט אָפּ, איז סתם אַזוי אויף געלעכטער, ערשטנס פאַר „זאַבאַוויען" זיך און צווייטנס, „פאַר קאָמערציעלע צוועקן".

מיין לאַנדסמאַן אברהם־בער טענהט זיינס:

— מיט וואָס אַ מענטש האַנדלט, דאָס שלעפּט זיך אים נאָך. די סאָוויעטן האַנדלען מיט „שלום", שלעפּט זיך זיי כסדר נאָך געווער. זיי מוזן דאָך פאַרטיידיקן דעם שלום. אַזאַ מזל אויף זיי ביזן הונדערטסטן דור מיט זייער לאָגיק — פירט־אויס אברהם־בער.

אפשר איז ער גערעכט.

(געשריבן אין 1953)

אַ נחמה־בריוול צו ווישינסקין

אָט דאָס, מיין פריינד, איז פּאָליטיק.

היינט ביסטו אויפן פערד און מאָרגן אונטערן פערד.

ביי אונדז איז אויך דאָס אייגענע. איך קען דאָ איינעם, משה־לייב שקאַרפּעטקע — אַ פּשוטער חי־וקים, אַ ייִד פון אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר — איז כל־זמן ער האָט זיך נישט אַריינגעדרייט אין די אינסטיטוציעס, האָט ער זיך געלעבט רויק, צופרידן, געפּירט, אַזוי צו זאָגן, אַ בירגערלעך לעבן, דהיינו:

געגעסן פרישטיק, געגאַנגען איינקאַסירן ביי זיינע קונים, פאַרקויפט אונטערוועש, קליידער, אַ שטיק מעבל. געגעסן מיטיק, וועטשערע. פאַרנאַכט באַזוכט דעם „באַר לעאָן" (אַ גרויסער קאַפע־הויז ביי אונדז), געשפּילט אַ דאָמינע און געגאַנגען שלאָפן.

איז געגאַנגען אַ בן־עיר זיינער — זיינוול קאַלאַש — אַ גאַנצער קאָכלעפל אין אַלע פאַראיינען. צו דעם אַ געכאַפּטער אויף דער לינקער מעשה — האָט אים אַריינגעשלעפּט אין אַ פאַראיין, וואָס האָט אַמאָל געטראָגן דעם נאָמען „בית הכנסת דאנשי אונטערפרעמער, העמדער־נייער און זאָקן־פאַרקויפער בירא̈בידזשאַן" (עס איז דעמאָלט נאָר־וואָס געהאַט אַנטשטאַנען די ייִדישע רעפּובליקע אין אייערע מקומות. און אַזוי ווי די אַלע מיטגלידער זענען נאָך דעמאָלט געווען האָרעפּאַשניקעס, האָבן זיי געפונען פאַר נייטיק זייער בית־הכנסת אָנצורופן מיט דעם נאָמען פון דער ייִדישער רעפּובליק).

אָט־דער בחור האָט גענומען וואַקסן, אַלץ הייסט וואַקסן! קודם־כל האָט מען אים געהאַלטן פאַרן גרעסטן גביר, ווייל ער פלעגט צאָלן ביי יעדער זיצונג עטלעכע פלאַש ביר. והשנית, האָט מען אים געהאַלטן פאַרן געלערנטסטן פון זיי אַלע.

וואָסי? אַזוי ווי אַלע זענען צעקריגט מיט עברי און אַז מען האָט געדאַרפט נעמען אונטערשרייבן דעם פּראָטאָקאָל פון די „זיצן", איז עס געווען ווי קריעת ים־סוף. דער עולם האָט געשוויצט,

געםאפּעט, עס האָט זיך געדאַכט אַז 10 לאָקאָמאָטיוון פון פּראַכט־וואַגאָנען לאָזן זיך אין וועג.

צום ערגסטן איז עס אָנגעקומען דעם פּרעזידענט בנימין־הערש קאָנסטאַנטינאָפּאָליטאַנאָווסקי. איר דאַרפט וויסן, פּשיאַטשעל ווישינסקי, אַז די אַלע ייִדן האָבן זיך קודם־כל אויסגעלערנט אונטערחתמענען זייערע נעמען, ווייל זיי האָבן עס געדאַרפט צו זייערע געשעפטן. האָט זיך יעדער גענומען אַ לערער און דער לערער האָט זיי אויסגעלערנט די דאָזיקע מלאכה. ווער עס האָט געהאַט אַ קורצן נאָמען איז עס געגאַנגען אַגיל ואשמה, אַ שיין ביסל צו־געהאָרעוועט, אָבער דורכגעקראָכן. וואָס זאָל, אָבער, נעבעך טאָן אַזאַ ייִד ווי בנימין־הערש, וואָס גאָט האָט אים געשטראָפט מיט אַזאַ נאָמען ווי קאָנסטאַנטינאָפּאָליטאַנאָווסקי?

דער לערער האָט שפּעטער דערציילט, אַז בנימין־לייבן האָט עס גענומען 5 יאָר צייט ביז ער האָט אויסגעשטודירט אות ביי אות און ער איז אַ דאַנקען גאָט איבערגעקומען. אַ צרה איז געווען מיט זיי, זיי האָבן זיך אַלע ווי איינער אויסגעלערנט אונטערשרייבן דעם גאַנצן נאָמען מיט אַ מאָל. עס איז שוין ביי זיי געגאַנגען ווי אַ צייכענונג, למשל, פון אַ טעלער, פון אַ טיש, פון אַ טעפּל. עס האָט נישט געטאָרט פעלן קיין פּאַסיקל, קיין פּינטעלע. אַזוי ווי מען האָט זיי אויסגעלערנט, אַזוי האָבן זיי געשריבן.

אַ מאָל האָט פּאַסירט, אַז דער סעקרעטאַר, וואָס האָט זיי גע־געבן דעם פּראָטאָקאָל אונטערצושרייבן (דאָס פלעגט אים פאַרנע־מען אַ צוויי־דריי שעה), האָט פאָרגעלייגט מען זאָל אונטערשרייבן אַ האַלבן נאָמען, נישט דעם גאַנצן, כדי עס זאָל נישט פאַרנעמען אַזוי פיל צייט. האָט דווקא דער פּרעזידענט מיטן לאַנגן נאָמען פּראָטעסטירט.

— איך — האָט ער געטענהט, — קען נאָר אונטערשרייבן דעם גאַנצן נאָמען, אַזוי האָט מען מיך געלערנט. איך וועל זיך איצט נישט גיין לערנען — מאַכט ער — ווי צו שרייבן אַ האַלבן נאָמען. (די מעשה האָט מיר דערציילט יעקב באָטאָשאַנסקי).

אַגב איז דער סעקרעטאַר סוף־כל־סוף משוגע געוואָרן פון די נערוון ביי יעדן מאָל ווארטן אויף די אונטערשריפטן.

אַזוי ווי מיין באַקאַנטער משה־לייב שקאָרפּעטקע, איז אַ ייִד

אַ חכם, איז ער געפֿאַלן אויף אַ המצאה און ער האָט זיך אונטער־געשריבן אָנשטאָט שקאַרפּעטקע — „מעדיאַ״, אויף שפּאַניש. אַזוי האָט ער אויסגעלערנט און אַזוי האָט ער געשריבן. מען מוז אָנערקענען, אַז ער איז טאַקע געווען אַ בריה, איינס און צוויי און זיין אונטערשריפט ליגט אויפן פּאַפּיר.

אַז יידן האָבן געזען אַזאַ מעשה, האָבן אים אַלע מיטגלידער פֿון דער פֿאַרוואַלטונג (ביי אונדז הייסט עס „קאָמיסיאָן דירעקטיוואַ״) איינשטימיק אויסגעקליבן פֿאַר פּרעזידענט. אַז אַ מענטש — האָבן זיי געטענהט, — קען אַזוי גיך, מיר־נישט, דיר־נישט, אונטערנעמען, איז ער ווערט צו זיין פּרעזידענט. איז ער געוואָרן פּרעזידענט און האָט געקיניגט עטלעכע יאָר אויף דעם אַמט. אויב איך האָב נישט קיין טעות, כמעט די זעלביקע צייט ווי איר אויפן אַמט פֿון אויסערן־מיניסטער.

פֿאַרשטייט זיך, אַז מען האָט שוין צו דעם פֿאַרשווין נישט געקענט ריידן. ער האָט געגעבן צו שמעקן פּעפּער און ווי איז געוען צו דעם, וואָס האָט ביים ווענדן זיך צו אים פֿאַרגעסן צו דערמאָנען זיין טשין. נישט נאָר אין „בית הכנסת דאנשי אונטערפּרעסער, העמדער־נייער און זאָקן־פֿאַרקויפֿער בירא־בידזשאַן״, נאָר אין גאַס, אין קאַפֿע און אַפֿילו ביי זיך אין שטוב האָט מען אים געמוזט זאָגן „סעניאָר פּרעסידענטע מאַוריסיאָ לעאָן מעדיאַ״, אָדער „ה׳ פּרעזידענט ר׳ משה־לייב שקאַרפּעטקע״, אָדער סתם ה׳ פּרעזידענט. אַפֿילו זיין ווייב, שיינע־טויבע, אַ שרעקלעך פּראָגרעסיווע ייִדענע, פֿלעגט אים מוזן רופֿן ביים טיטל, למשל:

— וואָס וועט עפּעס עסן דער פּרעזידענט? וויפֿל אַ זייגער וועט דער פּרעזידענט קומען אַהיים? דער פּרעזידענט ווייסט, אַז מען דאַרף באַצאָלן פֿאַר ברויט דעם בעקער; פֿאַר פֿלייש אין יאַטקע; דירה־געלט, גאַז?

העלפֿט גאָט און עס שטאַרבט אַוועק אַ מיטגליד פֿון דער קאָמיסיאָן און מען רופֿט אַ פֿאַרזאַמלונג צו וויילן אַ נייעם מיטגליד אויפֿן אָרט פֿון פֿאַרשטאָרבענעם. נעמט מען און מען ברענגט אַרויף אַ פֿאָרשלאַג אויפֿן טיש, אַז נישט מען זאָל וויילן איין מיטגליד אויפֿן אָרט פֿון פֿאַרשטאָרבענעם, נאָר מען זאָל וויילן אַ נייע

קאָמיסיאָן, פאַרוואַלטונג הייסט עס, און דער פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן.

דאָ איז געשען דער גרויסער בראָך. משה־לייב, דער פּרעזידענט, איז פּונקט געווען אין נעקאָטשעאַ (עס איז ביי אונדז אַ קוראָרט, נישט אַזוי אַ קוראָרט, ווי עס איז דאָרט פאַראַן אַ קאַסינאָ).

זענען געגאַנגען די חברה טראַסק און מען האָט אים אַרונטערגעזעצט פון טראָן, געקליבן אַ נייעם פּרעזידענט און אים האָט מען באַשטימט פאַר „סינדיקאָ״.

דער דאָזיקער אַמט, וואָס הייסט „סינדיקאָ״, מיינט ביי אונדז אַזאַ מענטש אין דער פאַרוואַלטונג, וואָס דאַרף כלומרשט איבערקוקן און רעווידירן חשבונות. אָבער עס איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן אַזאַ סינדיקאָ אין די ייִדישע אינסטיטוציעס אין אַרגענטינע, וואָס זאָל זיך אַוועקזעצן איבערקוקן חשבונות.

דאָס האָט נאָך געפעלט! איר פאַרשטייט אַ מעשה? אַלע וואָס זיצן אין קאָמיסיאָן טוען גאָר נישט און האָבן הויכע אַמטן, וועט ער, דער סינדיקאָ, וואָס איז אַ פינפטע ראָד צום וואָגן, גיין אַוועקזעצן זיך שטודירן חשבונות. קיין בעסערע אַרבעט האָט מען פאַר אים נישט געהאַט?

וואָס זאָל איך אייך זאָגן, בירגער ווישינסקי? אַז דער משה־לייב איז אַהיים געקומען און ער האָט געהערט די פּאַסירונג וואָס האָט פּאַסירט, איז ער געוואָרן אויס מענטש. נישט געגעסן, נישט געטרונקען, נישט געאַרבעט ביז... ער האָט זיך באַרויקט. און ווי נאָר ער האָט זיך באַרויקט, איז ער געגאַנגען און געשפּאָלטן דעם פאַראיין און זיך געשאַפן אַן אייגענעם בית הכנסת אויף זיין אייגענעם נאָמען.

אַז איר וועט אַ מאָל לייענען אַ נאָטיצל אין ציימונג אונטערן קעפּל „בית הכנסת פון העמדער־נייער און אונטערפּרעסער משה־לייב שקאַרפּעטקע״, זאָלט איר וויסן, אַז דאָס איז דער געשפּאָלטענער פאַראיין.

אַזוי איז עס. אין פּאָליטיק פּאַסירט אַלץ, מען דאַרף זיך נישט נעמען צום האַרצן. מען דאַרף זיין גרייט אויף איטלעכן סלוטשאַי.

פאַרשטייט זיך, אַז נישט שטענדיק, נישט אומעטום און נישט יע־דער קען שפּאַלטן פּאַראיינען.

זעט איר דאָך — דאַכט זיך אַזאַ משה לייב שקאַרפּעטקע, און דאָס שפּאַלט פּאַראיינען!

איך פאַרשטיי, אַז איר קענט נישט שפּאַלטן, פאַרקערט — איר דאַרפט נאָך עפּנטלעך אויסדריקן אַ דאַנק, וואָס מען האָט אייך אַראָפּגעזעצט פון דער גדולה.

נו, מילא, זייט געטרייסט. נעמט זיך נישט צום האַרצן. ס׳וועט נישט דויערן לאַנג און מ׳וועט דאַרפן רייניקן אין אייערע מקומות, מאַכן אַ פרישע „טשיסטקע" און האַקן קעפּ, וועט מען אייך ווידער נעמען פאַר פּראָקוראָר. נישט געדאַגהט.

(געשריבן אין 1953).

„די באַוועגלעכע בלעטלעך" אָדער „נעמט צו הילף די שער"

מען דערציילט אַ וויץ, אַז אַ ייִד און אַ ייִדענע זענען געגאַנגען אין ייִדישן טעאַטער. דער אַפּיש האָט אַנאָנסירט:

— מען שפּילט היינט שעקספּירס „שיילאָק" אָדער „דער סוחר פון ווענעדיק".

מאַכט דער ייִד צו זיין ייִדענע:

— שרה, קלייב זיך אויס וואָס ווילסטו זען, איינס אָדער דאָס צווייטע?

ענטפערט די ייִדענע:

— שוטה, אויב עס קאָסט נישט טייערער, קענען מיר דאָך זען ביידע דראַמעס מיט אַ מאָל...

די ביידע אויבן־געשריבענע טיטלען זענען, אָסור, נאָך נישט אַלץ וואָס מען קען זאָגן וועגן דער „באָלשאַיאַ סאָוויעטסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ".

עס איז דאָך פּשוט צו לאַכן אין די פויסטן אַריין. מיין פריינד מ. ט., וועלכער איז אַן אַבאָנענט פון דער רוסישער ענציקלאָפּעדיע, האָט מיר אַנומלט, בעת אַ חברלעכן צוזאַמענקום ביי אים אין הויז, געוויזן אַ קוריאָז, וואָס נאָר ווען מען זעט עס מיט די אייגענע אויגן קען מען עס גלייבן. מיר האָבן נאָר געפּרוווט זיך אַריינטראַכטן, צי ליגט אין דעם מער טראַגיזם ווי קאָמיזם, אָדער פאַרקערט. היות אַז פון טראַגיזם ביז קאָמיזם איז גאָר אַ קורצער שפּאַן, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז עס איז אַן אמתע טראַגי־קאָמעדיע, זאָ וואָר איך לעב, איינע וואָרע טראַגי־קאָמעדי.

וואָס איז דער קוריאָז? גאָר נישט. נאָר די רעדאַקציע פון דער „גרויסער רוסישער ענציקלאָפּעדיע" האָט צעשיקט צו אַלע אַבאָנענטן אַ צעטל מיט אינסטרוקציעס, ווי עס זאָגט זיך פיל־וויניקער אָט אַזוי:

„בירגער אַבאָנענט. מיש אויף דעם לעצטן באַנד אויף דער זייט

221 ביז 228. נעם אַ שער אָדער אַ בריטווע און שנייד אוים די אַלע בלעטלעך, עס איז זייער לייכט. אויף זייער אָרט זאָלסטו אַריינ־קלעפּן די בלעטלעך, וואָס מיר לייגן דאָ ביי, זיי פּאַסן זיך אַריין וווּנדערלעך".

וואָס זשע מיינט איר געפינט זיך אויף די זייטן 221 ביז 228, וואָס מען דאַרף זיי אויסשניידן מיט אַ שער אָדער בריטווע?

— די באַשרייבונג וועגן בעריאַ.

געטראָפן! בעריאַ לאַווערענטין.

אַ מענטש האָט געגומען און געווירקט 30 אָדער מער יאָרן. עס ווערט באַשריבן ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַ קאָמוניסט: צו די 3 יאָר איז ער שוין געווען אַ באָלשעוויק; צו די 5 יאָר האָט ער געלייענט לענינען ווי אַ וואַסער (ביי די יאָרן גייט אַלץ ווי וואַסער); צו 7 יאָר האָט ער זיך געלערנט דעם יאַפּאַנישן „זשודאָ"־קאַמף (וואָס האָט אים שפּעטער גוט געדינט צו געבן אַ קאַלטן קלאַפּ, פון וועלכן מען שטייט נישט אויף קיין תחית־המתים); צו 9 יאָר האָט ער גענומען האַסן טראָצקין; צו 11 יאָר האָט ער געמאַכט די אָקטאָבער־רעוואָ־לוציע; צו 13 יאָר איז ער שוין געווען אַ סטאַליניסט; צו 15 יאָר האָט ער געהאָלפן ליקווידירן שונאים פון ראַטן־פאַרבאַנד; צו 17 יאָר האָט ער גענומען אונטערשטעלן פיסלעך יאַגאָדאַן; צו 19 יאָר איז ער געווען דער ענקאַוועדיסט נומ' 1; שפּעטער איז ער געוואָרן איינער פון די באַלעבאַטים פון מיליאָנען לעבנס. געוואָרן אַן אי־דעאָלאָג, אַ שרייבער, אַן אַקטיאָר, אַ וויסנשאַפטמאַן, אַ פילאָסאָף, אַ דיפּלאָמאַט — מיט איין וואָרט: אַ בריה אויף אַלץ.

נעמט מען אַזאַ מענטש, וואָס קינדער אין די וויגן האָבן גע־דאַרפט קענען פון אויסנווייניק זיין ביאָגראַפיע, זיין לעבנס־באַ־שרייבונג, זיין ווירקונג, זיינע אויפטוען און אַלץ מיט אַנאַנדער; נעמט מען אַזאַ ריזן־באָלשעוויק און מען שטעלט אים פריִער אַריין אין דער ענציקלאָפּעדיע און דערנאָך שיקט מען אייך אָנווייזונגען ווי אַזוי איר קענט אים אויסשניידן מיט אַ שער און מיט אַ בריטווע — אוים בעריאַ.

אויף זיין אָרט האָבן די רעדאַקטאָרן צוגעפּאַסט אַ פּאָר בלעט־לעך מיט צאַצקעס, מיט פאָטאָגראַפיעס וועגן דעם טעכנישן פּראָ־

גרעס פון אוראַל, פון סיביר, וואָס נאָר אַ דאַנק בעריאַס לעגיאָנען פון מיליאָנען שקלאַפן האָט מען עס געקענט דערגרייכן.

באַזשע מאָי! ווען אַלע וועלדער זאָלן זיין בלייפעדערס, אַלע וואַסערן זאָלן זיין טינט און אַלע פעלדער זאָלן זיין פּאַפּיר, וואָלט מען נישט געקענט באַשרייבן דאָס גרויסע געלעכטער, די גראַנדיעזע טפשות פון די סאָוועטישע ענציקלאָפּעדיסטן.

— רבונו של עולם — טענהט מיין לאַנדסמאַן, אברהם בער, — הייב מיך נישט און וואַרף מיך נישט. וואָס טויג עס, מאַכט ער, די סאָוויעטישע מענטשן צו שטיין אין אַן ענציקלאָפּעדיע ווי דער גרעסטער מענטש אויף דער וועלט, אַז שפּעטער גיט מען אים אַ יוֹאַרף אין דער ערד אַריין, אַז ער דאַרף באַלד קלייבן די ציין? אין אַ דירה וווינט מען דאָך הײנטיקע צייטן אַ סך לענגער ווי אין דער רוסישער ענציקלאָפּעדיע. אַ העמד טראָגט מען לענגער ווי די ענציקלאָפּעדיע אירע באַרימטקייטן. ווער שמועסט נאָך, זאָגט ער, אַ טונקל העמד קענט איר דאָך טראָגן און טראָגן...

ווען מען גיט אַ גוטן טראַכט, זעט מען אַז מיין לאַנדסמאַן איז גאָר נישט אומגערעכט.

שטעלט אייך פאָר, וויפל פּערזענלעכקייטן פון סאָוויעטישן שניט מען האָט שוין געגעבן עקסמיסיע פון דער ענציקלאָפּעדיע? טראָצקי, בוכאַרין, ריקאָוו, קאַמעניעוו, זינאָוויעוו, ראַדעק, יאַגאָדאַ, טוכאַטשעווסקי און וועמען נישט?

איצט איז געקומען די ריי אויף בעריאַן און באַלד מסתמא אויף סטאַלינען און אין גיכן אויף מאַלענקאָוו, כרושטשעוו, בולגאַנינען און אַלע וואָס וווינען נאָך דאָרט.

איר וועט זיך גאָר נישט דאַרפן וווּנדערן, אויב די אַבאָנענטן וועלן אין גיכן באַקומען אַן ענציקלאָפּעדיע פון די געוועזענע, וווּ אַנשטאָט וועגן זייער גרויסקייט וועט מען ריידן וועגן זייערע חסרונות.

לאָמיר פאַרכאַפּן די פּיש פאַר דער נעץ מיט אַ מוסטערל פון אַזאַ נעגאַטיווער באַשרייבונג. לאָמיר נעמען אַזאַ בעריאַ אין זיין היינטיצן מצב, שונאי־ציון:

בעריאַ לאַווּרענטין: געבוירן אַ הונט מיט אויערן. צו 5 יאָר שוין געווען אַ קאָסמאָפּאָליט; צו 7 יאָר אַ טראָצקיסט; צו 9 יאָר

געוווינט ביי בורזשואזע עלטערן; צו 11 יאָר אַרויסגעוויזן נייגונ־גען צו סאַבאָטאַזש־אַקציעס; צו 13 יאָר געוואָרן אַ שפּיאָן; צו 19 יאָר געווען אַן אַגענט פון וואָל־סטריט; צו 23 יאָר, דער גרעסטער מלחמה־צינדער; פון 23 יאָר ביז 50 געפירט די גאַנצע רוסישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון 5 מיליאָן מענטשן אין באַד אַריין. אַראָפּגעשלעפּט דעם באָלשעוויזם אין די פינצטערע לאַבירינטן פון קאָרופּציע, שקלאַפעריי, חניפה און שנאה צום אַרבעטער־קלאַס. פון זיין 53סטן לעבנס־יאָר אַריינגעפאַלן אין אומחן אַ דאַנק דער באַפרייונג פון סטאַליניסטישן פּערזאָנען־קולט און אַ דאַנק דאָס אַריינפירן די נייע דעמאָקראַטיע פון דעם אַנטיפּערזאָנען־קולט פון ניקיטאַ כרושטשעוו. צו 55 יאָר איז בעריאַ דערשאָסן געוואָרן ווי אַ הונט. פון זיין 55סטן לעבנס־יאָר איז ער אַ שוכן־עפר. געבוירן געוואָרן אַ הונט, דערשאָסן געוואָרן ווי אַ הונט, כן יאבדו.

אַזוי וועט באַלד אויסזען די נייע אויפלאַגע פון דער רוסישער ענציקלאָפּעדיע.

אַ גרופּע היגע פריינד פון קורצע אַרטיקלען, קורצע רעדעס און קורצע קליידלעך האָבן אויסגעאַרבעט אַ פאָרשלאַג פאַר דער קומענדיקער אויפלאַגע פון דער „באָלשאַיאַ סאָוויעטסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ", וואָס אַ פּראָיעקט פון דעם איז שוין צוגעשיקט געוואָרן צו דער רעדאַקציע. אין דעם אַריינפיר צום פאָרשלאַג זאָגט זיך אַזוי:

צו וואָס, גנעדיקע בירגער רעדאַקטאָרן, דאַרפט איר שרייבן צוויי ענציקלאָפּעדיעס, איין מאָל לויבן און דערנאָך אַרונטעררייסן? מען קען עס דאָך מאַכן גלייכצייטיק. אָט, למשל אַזוי, לפי דעם וויי־טערדיקן מוסטער:

נאָמען	אין די גוטע צייטעלעך	היינט
סטאַלין	דער גרעסטער פריינד,	אַ שונא,
	לענינס נאָכפאָלגער,	אַ היפּאָקריט,
	דער באַפרייער פון פעלקער,	אַ געטשקע.
	דער ראש,	דער... עק

מיר וואַרטן אַז דער פּראָיעקט זאָל אָנגענומען ווערן, וועלן מיר צושטעלן נייע.

יורדים

נישט וועגן יורדים, וואָס קומען צוריק פון ישראל האַנדלט זיך. ערשטנס, פּסקן איך נישט אין די דאָזיקע פראַגעס און צווייטנס, קען שוין ישראל אַליין באַשטיין איר שטעטל. אויב זי גיט אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן, איז אַ סימן אַז די ירידה אַפעקטירט מער נישט קיינעם. חוץ דעם איז נאָרמאַל, אַז עס איז פאַראַן עליה זאָל אויך זיין ירידה, מחמת „ירידה היא צורך עליה”.

הייסט עס, אַז נישט וועגן די סאָרט יורדים האַנדלט זיך עס.

אויך נישט וועגן גבירים, וואָס זענען ניט־דאַ־געדאַכט, געוואָרן יורדים. עפּעס הערט מען נישט אין די מקומות וועגן אַזעלכע זאַכן. דאָ, אין די אַמעריקעס, אַז איינער הייבט אָן צו ווערן אַ גביר, גייט ער און ער שטייגט און דאָס קאַפּיטאַל האַלט ביי אים אין איין שטייגן. וואָס מער די מטבע פאַלט, אַלץ מער הייבט זיך ביי זיי. ווידער, איז איינער אַ קבצן, איז ער אַ קבצן לעולם־ועד. נישט עס הייבט זיך ביי אים און נישט עס פאַלט ביי אים.

פאַראַן אויך יורדים, וואָס אין יידיש רופט מען זיי „מאָראַליש־געפאַלענע”. זיי זענען אַרוים לתרבות רעה; אַזעלכע, וואָס אונדזערע זיידעס האָבן באַטראַכט פאַר אַפּיקורסים.

אויך היינט זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס גייען נישט מיטן שטראָם; זיי זענען אַראָפּ פון דעם אָנגענומענעם „דרך־הישר” און גייען ביי דער זייט פון דעם געזעלשאַפטלעכן וועג.

די וועלט איז, כידוע, איינגעטיילט אין אַן אויבערשטער וועלט און אין אַן אונטערוועלט. פאַראַן אויך אַ „יענע וועלט” און אַ „די וועלט”. נאָך דעם ווי פרויד האָט אויסגעטאָן דעם מענטש און אים געוויזן אין זיין אונטערבאַוווסטזיניקער נאַקעטקייט, קען שוין היינט מער קיינער נישט פעסטשטעלן די גרענעצן צווישן אָט־די אַלע וועלטן.

האָב איך אַ באַקאַנטן, אַ גאַליציאַנער (ער זאָגט, אַז ער איז אַן עסטרייכער). זאָגט ער, אַז דאָס איינציקע וואָס איז געבליבן

צו טאָן, איז צו זאָגן. זאָג, אַז דו גלייבסט אין יענער־וועלט; זאָג, אַז דו געהערסט צו דער אויבערוועלט; זאָג, אַז דו פאַרדאַמסט די אונטערוועלט, בקיצור — זאָג! האָסט אַ ברירה? קיין אַנדער זאַך איז דיר נישט געבליבן. והראיה, זעסט דאָך: נעם פּאָליטיק, נעם רעליגיע, נעם מאָראַל, כאַפּ אָן וואָס דו ווילסט און אומעטום מוזטו גלייבן אויפן וואָרט. ווילסט נישט גלייבן — גלייב נישט. דעמאָלט מוזטו זיך אויסזוכן אַ גאַנץ אַנדער וועלט — אַ וועלט פון איינזאַמ־קייט, פון איזאָלאַציע — אַ וועלט פאַר זיך.

זייט זשע מוחל, רבותי, וואָס מיר זענען אַ ביסל פאַרקראָכן אין פילאָסאָפיע. מיר ריידן דאָך וועגן יורדים. אַ מאָדנע זאַך מיט אָט־דעם שרייבן: ווילסט שרייבן וועגן אַ קאָנקרעטער זאַך און פאַרקריכסט אין קאַנגאָ. מיר האָבן דאָ אויסגערעכנט עטלעכע מינים יורדים און געוואָלט האָבן מיר שרייבן וועגן אַן אַנדער סאָרט יורד. מיר מיינען — די קאָמוניסטישע יורדים.

אָרעמע, נעבעך. מען דאַרף זיין אַ גזלן נישט אַריינצוגיין אין זייער פּאָלאָזשעניע.

אָט נאַט אייך אַ ביישפּיל — בולגאַנין. מאַרשאַל ניקאָליי בול־גאַנין!

אָט, נאַר־וואָס איז ער געווען פּרעמיער־מיניסטער פון די ראַ־טנלענדישע סאָוויעטישע רעפּובליקן. זיין הויכע פיגור מיטן צאַ־רישן בערדעלע, אין דעם מיליטערישן מונדיר מיט עפּאָלעטן און ציווילן מונדיר אָן עפּאָלעטן; זיין קלאַסיש פּנים פון אַ רוסישן אַדע־ליקן איז נישט אַראָפּ פון די צייטונגען זינט עס האָט זיך אין אַ שיינעם העלן טאָג באַוויזן...

רייזעס, נסיעות, שפּאַצירן — קיין יוגאָסלאַוויע, קיין וואַרשע, קיין ענגלאַנד; אָפענע בריוו, מעמאָראַנדומס צו די גרויסע, צו די גרעסערע און גאָר גרויסע מיט אַ פאַרציקלטן כתב און רמזים, אַז די גרויסע זענען די גרעסטע, כדי אונטערצושטרייכן די גרעסערע גריים פון אייגענער גרויסקייט. אמת, די וואָס זענען מבינים אויף שטערן־גלימצערניש האָבן געהאַט דאָס געפיל, אַז בולגאַנינס שיין איז אַ פאַלשע, אין בעסטן פאַל — אַן אָפּשיין, אַ רעפלעקס. די בלוט־און וויין־רויטקייט פון כרושטשעווס שיין פאַרדעקט אים און דירי־

גירט מיט זיין קנויט, וואָס איז שוין געווען אַרויסגעדרייט ביז דער קולמינאַציע.

פון דעסטוועגן, אַז מיר זענען אויפגעשטאַנען אין אַ פרימאָרגן און געלייענט, אַז דער בולגאַנין־שטערן איז פולשטענדיק פאַר־לאָשן, אויסגעברענט — האָט עס אַ צופ געטאָן ביים האַרצן. אוים מאַרשאַל, אוים פּרעמיער, אפילו אַרוים פון פּרעזידיום — אוים! כאַטש נעם און גיב אים איצט אַ שטעלע אין דעם צווייטן קאָאָפּע־ראַטיוו פון די קוועטעניקעס,* אין שפּיטאָל, אָדער גאָר אין דער קהילה.

ווי האָבן געטענהט אַמאָליקע ייִדן? — רבונו של עולם, הייב מיך נישט און וואַרף מיך נישט!

אַרעמער בולגאַנין! צום נייעם יאָר האָבן מיר פאַר אים איין טרייסט, אייגנטלעך די זעלביקע טרייסט וואָס עס האָבן געהאַט מאַלענקאָוו, שעפּילאָוו, מאָלאָטאָוו און אַלע אַנדערע „אָוון” און „וויטשן”, וואָס זענען געווען זיכער, אַז יבוא יומו, אַז בולגאַנינס יום־כּיפּור וועט קומען.

טאָ טרייסט זיך, ברודערל, אַז אַלץ איז רעלאַטיוו, אַז אַלץ איז פאַרענדערלעך און פאַרגענגלעך. אם ירצה השם צום קומענ־דיקן יום־כּיפּור (מען קען עס מאַכן פריִער) זאָלן מיר דאַרפן שרייבן אַזאַ שטיקעלע „קוהלת” נאָך דעם היינטיקן „גרויסן”, וואָס דו ביסט געווען זיין טרייער סאַטעליט. אָמן, כן יהי רצון!

* פעדלערס.

לענין, סטאַלין, כרושטשעוו, נאַסער און יעקב־דוד

(מאָנאָלאָג פון אַ פאַרצווייפלטן יעווסעק)

געוואַלד, ייִדן, איך קען נישט מער. ס׳איז משוגע צו ווערן, נאַדאַ מאַס אי באָלשע ניעטשעוואָ. איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן? איך בין שוין אַ ביסל משוגע. ערשט איצט איז מיר אָפן דער קאָפּ און איך הייב אָן צו באַגרייפן און צו פאַרשטיין און צו האָבן אַן אָנונג ווי אַזוי מען האָט געקענט אַזעלכע ריזיקע קעפּ ווי בוכאַרין, זינאָוויעוו, קאַמעניעוו און די גאַנצע פּאָליט־ביוראָ מאַכן פאַר מלופים־קינדער, אַרומשטעקן זיי מיט פעדערן און זיי הייסן שרייען: מיר זענען שולדיק, איר זענט גערעכט, מיר זאָגן פאַר אייך ווידוי אַבי לאָזט אונדז שטאַרבן ווי פאַררעטער.

הערט אַ מעשה! אַזעלכע קעפּ, אַזעלכע געהירן, אַזאַ מין קאָמינטערן! נעמט אַזאַ פּשוטער בעקער־יונג ווי סטאַלין און גיט זיי אַ זאָג: פּאַשאָל וואָן, און אויס קאָמינטערן.

וואָס טוט זיך דאָ? געוואַלד ייִדן, צו וועמען זאָל איך שרייען און וועמען זאָל איך בעטן?

איך אַליין האָב דאָך געשריגן הוראַ, הוראַ! ווען דער באַטיושקאַ סטאַלין, די ערד די ביינער זאָלן אים אַרויסוואַרפן, האָט געמאַכט יד־אחת מיטן צורר היהודים, אַדאָלף היטלער, דער בוזים־פריינד פון די קאָמוניסטן. הוראַ! האָב איך געשריגן אין זעלביקן מאָמענט ווען מיין טאַטע און מאַמע, מיינע שוועסטער, מיינע ברידער, מיין פעטער און מומע, מיינע פלימעניקעס און שוועסטער־קינדער זענען פאַרברענט געוואָרן אין די קאַלכאויוונס.

די רעוואָלוציע — האָב איך נאָכגעזאָגט ווי אַ פּאָפּוגיי — פאָדערט קרבנות. זאָל לעבן — האָב איך געשריגן — דער פּאָמער, דער טאַטע פון די פעלקער, דאָס שיינדל פון דער וועלט, דאָס ליכט פון טאָג, דער מאַי פון אונדזער לעבן. דער קענער, דער ווייסער, דער הכול יכול, דער הייליער פון די ווונדן, דער גרעסטער

דאָקטער, דער גרעסטער פּאָליטיקער, דער איינציקער באָלשעוויק — סטאַלין.

אַ שוואַרץ יאָר זאָל אים נעמען צוזאַמען מיט מיר און מיט מיינע בידנע יעווסעקישע חברים מיט די פאַרזשאַווערטע מוחות.

איין פּיפּס ווען מען גיט מיר דעמאָלט, גיי איך און בין דורס מענטשן, האַק קעפּ, שלאָג טאַטע־מאַמען, גיי אין פייער.

פּטור געוואָרן פון דעם גרוזינישן מאַניאַק, געקומען אַ נייער גואל — אַן אוקראַיִנישער גוי, וואָס האָט ליב אַ כוסה און טאַקע אַ גרויסע, אַ פויער בן פויער, און מען גיט אַ באַפעל: געפּגרט סטאַלין, זאָל לעבן כרושטשעוו!

געוואַלד ייִדן! איך, יעקב־דוד, וואָס האָב געיכולט גאַנץ לענין פון אויסנווייניק. בין געווען דער איינציקער וואָס האָט געקענט ציטירן שטיקער פון בוכאַרינס „היסטאָרישן מאַטעריאַליזם”, טאַקע פאַרבייסן מיט פּרקים פון קאַרל מאַרקס׳ „קאַפּיטאַל”. געקענט אין מיטן דער נאַכט אַוועקלייגן אויף די לאָפּאַטקעס די גאַנצע מעטאַפיזיק, די אידעאַליסטישע אויפפאַסונג פון דער געשיכטע מיט דער טעאָלאָגיע פאַרבראַקט דורך אַ דיאַלעקטיש־מאַטעריאַליסטיש קריטישן אַנאַליז — גאָלד מיט בריליאַנט; און דערביי אַ בלעטער טאָן אַ מאָל אַ גמרא, אויסטייטשן אַ פּסוק תנ״ך. איך, יעקב־דוד, וואָס האָב אַוועקגעגעבן 5 יאָר פון מיין לעבן אין די פּוילישע תפיסות פאַר דעם קאָמוניסטישן אידעאַל; איך האָב זיך געלאָזט אַריינציִען און נאָכגעפּלאַפּלט די בעזגראַמאַטנע עברי פון די רוסישע פּיאָניצעס מיט זייערע ייִדישע מה־יפיתניקעס פון בוענאָס־איירעס, פּאַריז, ניו־יאָרק און תל־אביב, וואָס האָבן נאָכגעזאָגט גוייִשקע דיבורים מיט ייִדישע און העברעיִשע אותיות.

מיין בראָך איז גרויס, ייִדן! זעט צו וואָס איך בין דערגאַנגען!

איך גיי אַרום טעג און נעכט און זאָג קינות אויף מיין בראָך און אויף דער בראָך פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס איך האָב זי ערלעך און געטריי געדינט. אָבער איך קען נישט מער, איך קען נישט.

ווי קען איך נאָכזאָגן אַזעלכע וויסטע רייד, אַז דער דאָזיקער פאַשיסט, אימפּעריאַליסט און אמתער וועלט־צינדער אַבדאָל גאַמאַל נאַסער איז אַ באַפרייער און בן־גוריון, דער אמתער סאָ־

ציאַליסט, דער אידעאַליסט, געוועזענער ערד-אַרבעטער, איז אַן אַגענט פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם?

ס'איז נישטאָ וועמען צו זאָגן. איך וועל אייך דערציילן אַ סוד: זיי באַקומען אַלע די נכפה און די כאָליערע פאַר בן-גוריון, נאָר עס פּאַסט זיי נישט. פון נאָסערן לאַכן זיי אָפּ און עס פּאַסט זיי יאָ צו לויבן אים אין הימל אַריין.

ייִדן! זיי זענען משוגע געוואָרן. זיי הייסן דאָך אונדז, ייִדן, קעמפן קעגן ייִדן, קעגן ישראל און האַלטן פאַר נאָסערן. נישט דערלעבן וועלן זיי עס.

געוואַלד, געוואַלד, האָב איך געזאָגט!

איך, יעקב-דוד בן אברהם-יצחק דער געוועזענער אומגליקלעכער יעווסעק, וויל זיין מיט ייִדן. בין עמי אני יושב, נאָר מיט ייִדן וויל איך גיין. מיט לענינען, מיט בוכאַרינען, לונאַטשאַרסקין, ריקאָוון איז מיר נאָך אָנגעשטאַנען, אָבער נישט מיט די היינטיקע „זשלאָבעס".

איך האָב זיי סיי אין דער ערד, און סיי אין דער אדמה. אויס, שוין!

(געשריבן אין 1956)

יידן, ראַטעוועט! צפון־קאָרעאַ איז אין געפאַר

— נו, וואָס וועט איר איצט זאָגן, חבר און פריינד יאַשאַ? — ווער איז געווען גערעכט, איך צי איר? מיט וועמען גייט די רע־גירונג פון ישראל?

— איר זעט דאָך באַשיימפּערלעך, אַז זי איז פאַרקויפט ביז איבערן האַלדז צום גרויס־קאַפּיטאַל פון יענקילאַנד, צום אימפּע־ריאַליזם פון ענגלאַנד, צום אַטלאַנטיק־פּאַקט, צום מאַרשאַל־פּלאַן, צו טשאַנג־קאַי־שעקן, צו דע־גאָלן, צו טיטאָן פון יוגאָסלאַוויע, צום ציוניסטישן צענטראַל־ראַט, צום קאָסמאָפּאָליטיזם, צום מערב־בלאָק, צום מנחה־בלאָק, צו שחרית, צו משה רבנו, צו די נביאים, צו מאַק־אַרטור, צו דער דעמאָקראַטיע, צו עברית, צו דער צנע,* צו דרום־קאָרעאַ, אָט־וואָס!

איך קוק אויף דעם יידל, וואָס איז מיר יאָ און נישט באַקאַנט. איך ווייס נאָר, אַז ער איז אַ רייכער פאַבריקאַנט און געבאַפט אין אַ מוראדיקן פאַנאַטישן לינקיזם. לאָזט ער מיר נישט לאַנג וואַרטן און ער שיט ווייטער.

— וואָס גלאָצט איר מיט די אויגן, פאַניע יאַשאַ? וואָס מאַכט איר זיך תמעוואַטע? איך רייס זיך אוים די לונגען און איר פינטלט אויף מיר מיט אייערע קוקערס.

וואָס זשע, איר ווייסט נישט, אָדער איר מאַכט זיך נישט וויסן? נאַט אייך אַ צייטונג, נאַט אייך אַ בלאַט, נאַט אייך אַ גאַזעט, ליי־ענט. נו, זיך שוין פאַסמאַקעוועט? וואָס וועט איר איצט זאָגן? „ישראל שטיצט דעם באַשלוס פון דער „אונ" וועגן קאָרעאַ". אָט האָט איר מיט גרויסע וואַרעניקעס־אותיות, יעדער איינער זאָל קענען לייענען. פיין זיך דערלעבט.

— איין מאָמענט, איין מאָמענט, ר' ייד! — מאַך איך מיר

---

* צענאַ.

אַריינקוקן אין צייטונג — דאָרט זאָגט זיך אָבער באַלד, אַז „ישר־אל וועט נישט שיקן קיין מיליטער״.

— אַזוי זאָגט זיך? און אַז עס זאָגט זיך, איז וואָס? און אַז וואָס, איז וואָס? איז דעריבער גייען די קאַטשקעס באָרוועס?

אַז די אַמעריקאַנטשיקעס שיקן מיליטער איז ווייניק? ווייסט איר כאַטש, אַז מען האָט אונדז שוין אַרויסגעשטויסן פון סוּוּאָן? אַז מען האָט געזונקען און צעמזיקט אַ טייל פון אונדזער טאָרפּעדן־פּלאָט פון סאַמטשאַק? מען לאָזט אונדז נישט אַרויפשטעלן אַ פוס אויפן אינדזל פּאַרמאָסאַ?

אָט איז האָנג־קאָנג שוין געלעגן אין אונדזערע הענט, מיר זענען שוין אָט־אָט געווען ביי מאַנדזשוריע. מען פאַרשטעלט אונדז טאַעדזשאַן, מען האַלט אַן אויג אויף די טאַנקן, וואָס מיר פירן דורך אויף יענער זייט האַן, מען שטעלט אונדז אונטער אַ פיסל אין דער זאָנע פון סעוּל — ווייסט איר כאָטש דאָס אַלץ?

ער כאַפּט קוים דעם אָטעם און גייט ווייטער.

— ווערט אויסגעריסן אַזוי ווי איך און לייענט אַ גאַנצן טאָג, וועט איר אויך קענען די כינעזישע נעמען. קומט איר מיר דער־ציילן אַ מעשה, אַז ישראל וועט נישט שיקן קיין געווער, זי וועט זיין נייטראַל, וועט זי זיין, וואָס? נייטראַל? דער נומער וועט ביי אונדז נישט גיין. אָדער מזרח־בלאָק אָדער קיין שום בלאָקן נישט אויף דער וועלט; אָדער צפון־קאָרעאַ אָדער אַ זעץ אין דער ערד מיט דער גאַנצער וועלט. מיר זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אונ־דזערע קינדער, זענען מיר. וואָס וועלן מיר זיי זאָגן אין הונדערט יאָר אַרום? אַדרבה, איך פרעג אייך, וואָס וועלן מיר זיי זאָגן? אַז מיר זענען געווען נייטראַל? זייט זשע טאַקע ווּיסן: די ייִדן אין בוענאָס־איירעס מעגן זיך זיין נייטראַל צוזאַמען מיט די ייִדן פון ישראל. אָבער מיר, מיר די פּראָגרעסיווע ייִדן, צוזאַמען מיט די ייִדן פון צפון־קאָרעאַ קענען נישט בלייבן נייטראַל, נאָ סעניאָר! מיר וועלן איינלייגן וועלטן, וועלן מיר! מיר וועלן מאַכן מיטינגען. מיר וועלן נישט דערלאָזן, אַז צוליב ישראלס נייטראַליטעט זאָל צפון־קאָרעאַ פאַרשפּילן די שלאַכט, עס זאָלן בלייבן יונגע קאָרע־אַנער וויסטע אלמנות און יתומים. ווער וועט זיי אויסהאַלטן שפּע־טער, ווער?

— פעטער, איך מיש מיך נישט אין קיין פרעמדער פּאָליטיק. וואָס האָט איר צו מיר?

— איר מישט זיך נישט? איר ט'זיך שוין מישן ביי מיר, ניש־קשה! נייטראַל וויל ער זיין. גיב אים דרום־קאָרעאַ, גיב אים! קעמפט אַזוי ווי מיר! קעמפט פאַר דער פרייהייט פון פעלקער, לאָזט אייך אָפּ פון דער נייטראַליטעט, הערט אַן עצה פון אַ פּראָגרעסיוו־נעם ייִד!

— אָבער...

— וואָס אָבער, ווען אָבער. אָבער איז געשטאָרבן און איך מוז לויפן אין מיין פאַבריק, צופיל צייט געפּטרט מיט אייך. אָט־דאָ שטייט מיין אויטאָמאָביל. האָט'ס מיר אַ גוטן תמיד!

באַלד האָט דער „פּראָגרעסיווער פּראָלעטאַריער" זיך אַריינגע־זעצט אין זיין נייעם „קאַדיללאַק" און איך, „דער מענטש פון וואָל־סטריט", דער „יענקישער אימפּעריאַליסט" בין געלאָפן כאַפּן אַן אויטאָבוס. פאַר כעס האָב איך אים נאָך באַווויזן נאָכצושרייען:

— האָט אַ גוטן שליטוועגס! זייט פאַרזיכטיק ווי איר פאָרט, איר קענט נאָך אַרויספאָרן אויף אַ מערב־זייל!

אַ „מיפּט־גישער"

אַ שאָד אייער אַרבעט, רבותי. איר האָט נישט וואָס צו זוכן אין די ווערטער־ביכער, איר וועט סיי־ווי־סיי גאָר נישט געפינען.

„מיפּט־גישער" איז נישט קיין גריכיש וואָרט, נישט קיין לאַטייניש וואָרט, עס איז אַ שפּאָגל־נייער אויסדרוק. און איך בין שטאַרק מסופּק, צי די בעסטע לינגוויסטן פון ניו־יאָרקער „ייִוואָ" וועלן עס אייך קענען פאַרטייטשן.

הערט אַ מעשׂה. איך האָב אַ בן־עיר, אַ שניידער, אַברהם־דוד, הייסט ער. אַזוי האָט ער געהייסן אין דער היים און אַזוי רופט ער זיך ביז היינט.

האָט ער אַ ווייב, הייסט זי מלכּה־ביילע טשוואַק, און זי רופט זיך אויף שפּאַניש אַמאַליאַ בעלאַ. פאַר וואָס נישט?

ער, אַברהם־דוד, איז אַ פאַרעוועך מענטשל, — נישט קיין ציוניסט, נישט קיין קאָמוניסט — גאָר נישט.

זי, אָבער, מלכּה־ביילע, איז אַ געבראָטענע לינקע פון דור־דורות. מיט אינטעליגענץ איז זי גאַנץ פיין צעקריגט, אַזוי ווי אַ סך לינקע. אָבער דערפאַר האָט זי אַ פּיסק. פאַר די ספּעציעלע ווערטלעך, וואָס ווערן געשריבן אין זייערע גאַזעטן, בראָשורקעס; ווערן גערעדט אין זייערע רעפעראַטן און דרשות. דער בעסטער שרייבער אין ראַטן־פאַרבאַנד גופא איז קעגן איר אַ הונט. די ווערטלעך פּרוּווט זי אויס פריִער אויף איר מאַן.

ווען עס האָט זיך צעפלאַקערט די מלחמה אין קאָרעאַ, קומט זי אַ מאָל אַהיים פון גאַס מיט אַ קויש איינגעקויפטע פּראָדוקטן צו מאַכן מיטיק. שטעלט זי געלאַסן אַוועק דעם קויש, פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס (זי ווייסט, אַז „מאַנציפּירטע" ווייבלעך געווינען פון ווייבלעכן גע־שלעכט — אַזוי רעדט זי — דאַרפן רייכערן פּאַפּיראָסן); שטעלט זיך אַוועק אין אַ קאַמף־פּאָזע; הייסט דעם מאַן אַוועקלייגן דעם פּרעסאייזן, טאַקע תיכף ומיד און זאַראַז־באַלד, און גייט אַרויס מיט אַזאַ מין „פּראָגרעסיוון" מענה־לשון:

— דו פאַרקויפטע סקורע צום יענקישן אימפּעריאַליזם. חזי־רישער געווער־מאַגנאַט. דרום־קאָרעאַנער בעסטיע. לופט־פּיראַט פון מאַרשאַלס ים־פּלאַט. דו וועסט ביי מיר כאַפּן אַ טאָרפּעדע פון אַ סאָוויעטישן געווער־מאַגאַזין, וועסטו זיך אַרויסשלאָגן דיינע מאַרשאַל־פּלענער צו שטיצן מיט דיין פּראָלעטאַריש אַרבעטער־געלט די אימפּעריאַליסטישע באַזע פאַרן אַמעריקאַנער יבשה־פּלאַט! יאָלסט מיר שוין גיין אָפּנעמען דאָס געלט וואָס דו האָסט אַוועקגעגעבן דעם קאַמפּיין, וועלן מיר האָבן בעסער צו קויפן די ערשטע געברויך־אַרטיקלען פאַר אונדזער רעוואָלוציאָנער־האָרעפּאַשנער משפּחה, פאַרשטאַנען?!

ווייס איך נישט גענוי, צי אברהם־דוד איז געגאַנגען צוריק אָפּנעמען זיין ביישטייער, וואָס ער האָט געגעבן פאַרן ישראל־קאַמפּיין. ער איז דווקא אַ ייִד וואָס גיט פאַר אַלץ.

— מען זאָל עס נישט דאַרפן — זאָגט ער — קומט אַלץ צונויץ. מען דאַרף זיך לעבן גוט מיט אַלעמען.

אָבער אַ פאַקט איז, אַז ער איז געלעגן קראַנק עטלעכע וואָכן, נישט אויס מורא פאַרן ווייב, נאָר פאַר דער באָלשעוויסטישער תוכחה, וואָס זי האָט אויף אים דעמאָלט אויסגעגאָסן.

איצט, אַז עס האָט זיך געמאַכט די מעשה מיט די פּראָצעסלעך, און מלכה־ביילע, אַזוי גוט ווי אַלע אירע כאַווערטעס און כאַווירים, אַלע אירע צייטונגען און אַלע קאָמוניסטן אויף דער גאַנצער וועלט, חוץ די טראָצקיסטן און מאַרשאַל טיטאָ פון יוגאָסלאַוויע, ווייסט אַז כאַווער סטאַלין און זיין משפּט איז גערעכט — גייט זי אַרום גאָר האָפּערדיק און איז ביי זיך אין דער היים.

כ׳ווייס נישט, צי אברהם־דוד האָט ווידער געגעבן פאַרן קאַמפּיין, צי פאַר עפּעס אַנדערש, כ׳ווייס נאָר, אַז אַנומלט האָט זיך אָפּגעשפּילט ביי זיי אין שטוב אַזאַ מין סצענקע:

אברהם־דוד איז געזעסן ביים טיש און געמישט אַ גלעזל טיי, און אַז זיין מלכה־ביילע איז אָנגעקומען פון אַ פּאַקערל (זי שפּילט נאָר מיט לינקע גבירנטעס און אַ פּראָצענט גייט אַראָפּ פאַר די יעסוימים און אַלמאָנעס נאָר פון די צפון־קאָרעאַנער פּראָלעט־קעמפער), האָט ער זי אויך מכבד געווען מיט אַ גלעזל טיי.

זיצן ביידע און מישן די טיי און טרינקען אויס איין גלעזל

און אברהם־דוד גיסט אָן אַ צווייט גלעזל. פּלוצלינג דערמאָנט זיך עפּעס מלכּה־ביילע און גיט זיך אַ שטעל אויף, נעמט אָן אַ מלחמה־פּאָזיציע, ווי געווײנטלעך בעת זי גייט אויף אַן אַטאַקע, פאַרריי־בערט אַ פּאַפּיראָס און לאָזט פון זיך אַרויס אַ וואָרט־אָנגריף, וואָס מיר ברענגען דאָ ווייטער:

— דו ציוניסטישער טיטאָ און טיטאָיסטישער ציוניסט. נאָכ־שלעפּער פון בן־גוריון און אייזנהאַוער. מלחמה־צינדער און נאַציאָ־נאַל־ייִדישער שפּיאָן. סאָציאַל־פאַשיסט און פאַשיסט־סאָציאַל. מער־דער פון יוליוס און עטל ראָזענבערג. פּאַרטיידיקער פון סלאַנסקי און קלעמענטיס. דו אימפּעריאַליסטישער גיפט־מישער! דו מישט גיפט, גיפט מישטו!...

זי האָט געוואָלט ריידן ווייטער, אָבער זי האָט פּלוצלינג גע־זען, ווי איר מאַן, דער שטענדיק־רויִקער אברהם־דוד, וואָס ענט־פערט קיין מאָל נישט, העכסטנס ווערט ער קראַנק אויף צוויי וואָכן, איז געוואָרן בלאַס ווי קאַלך. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם פּרעס־אייזן און אַ וואָרף געטאָן אין לאָמפּ, דערנאָך איז ער אַרויסגע־לאָפן אין דרויסן און גענומען שרייען מיט באַנומענע קולות:

— געוואַלד ייִדן, ראַטעוועט! איך האָב פאַרסמט מיך מיט מיין ווייב. זי זאָגט, אַז איך בין אַ מיש־גיפטער, אַ געפערלעכער מיפט־גישער...

ער האָט גענומען באַמבלען מיט דער צונג, איז געפאַלן אין חלשות און ווען ער איז אין עטלעכע וואָכן אַרום אַראָפּ פון בעט, האָבן אים אַלע לאַנדסלייט, פריינד און באַקאַנטע, דערלאַנגענדיק אים די האַנט, אַ פרעג געטאָן:

— נו, וואָס הערט זיך עפּעס אברהמל מיפטגישער?

און ער איז שוין געבליבן ביים נאָמען מיפט־גישער, וואָס הייסט אויפן לשון פון זיין ווייב מלכּה־ביילע, די פאַרשטייערין פון די „פּראָגרעסיווע דאַמען”, פּשוט און פּראָסט: גיפט־מישער.

פון דעם, רבותי, קענט איר זען אַז דאָס דאָזיקע וואָרט וועט איר אין ערגעץ נישט געפינען. עס איז אַ נייער טערמין, וואָס זיין ערשטער ציילט זיך פון זינט די פּראָצעסעלעך אויפן זעקסטל חלק פון דעם ערדישן קוגל. האָט זשע מיר, למען השם, אַ גוטן טאָג.

ווי צו ווערן אַ „רעוואָלוציאָנערער שרייבער”

ווי אַזוי צו ווערן אַ „פּראָגרעסיווער” עלעמענט ווייסט שוין היינט אַ קינד אין וויג.

מען נעמט און מען פאַרשאַפט זיך דעם ערשטן מיליאָן (די אַנדערע קומען שוין אַליין). מען שטעלט אַ פאַבריק — וואָס גרע־סער איז בעסער. מען עקספּלאָטירט אַ ביסל אַרבעטערמאַסן, מען קויפט זיך אַן אויטאָ; זומער — פאָרט מען קיין מאַר־דעל־פּלאַטאַ, ווינטער — אין ריאָ-האַנדאַ. דערנאָך גייען אַנדערע קליי־ניקייטן, למשל: מען גיט נישט פאַרן פאַראייניקטן קאַמפּיין; מען פאַרלאָזט אַ יום-טוב דעמאָנסטראַציע אויב מען זאַמלט פאַרן קרן קימת לישראל; מען זאָגט זיך אײַנער צום אַנדערן „כאַווער”; אַז עס שטאַרבט אַ סטאַלין דאַרף מען אַריינגעבן אַ באַגריסונג מיט דער גאַנצער משפחה און שוין.

דאָס איז גענוג. פאַראַן נאָך עטלעכע גאַנץ קליינע דעטאַלן, אָבער זיי האָבן שוין נישט אַזאַ באַדייט; זיי קומען, אַזוי צו זאָגן, פון זיך אַליין, שפּעטער, ווען מען ווערט אַ גאַנצער, אַ פּראַקטי־שער, אַן „עמעסער פּראָגרעסיווער”.

גאַנץ אַנדערש איז אָבער, אַז מען וויל ווערן אַ „פּראָגרעסיוו־רעוואָלוציאָנערער” שרייבער. דאָס איז שוין פאַרבונדן מיט געוויסע אייגנשאַפטן, קענטעניש, זכרון.

וועלן מיר דאָ פּרוּוון געבן עטלעכע פּראַקטישע אָנווייזונגען פאַר די, וואָס ווילן זיך נעמען צו אָט-דעם פאַך.

קודם-כל, די דריי אויסגערעכנטע קאַטעגאָריעס פון מענטש־לעכן **דאָס**, כ'מיין — וועזן: אייגנשאַפט, קענטעניש, זכרון.

א. — **אייגנשאַפט.** מען דאַרף קענען האַלטן אַ פעדער אין האַנט, אָדער שרייבן אויף אַ שרייב-מאַשינקע. אָן דעם גייט עס נישט. עס איז זייער גוט ווען מען האָט נישט באַזוכט קיין חדר, קיין שול, מען איז צעקריגט מיט העברעיִשער עברי און מען האָט קוראַזש. דאָס לעצטע איז זייער וויכטיק, ווייל מען קען אויך ווערן אַ רע־

רעוואָלוציאָנערער שרייבער ווען מען האָט יאָ באַזוכט אַ חדר, אַפּילו אַ ישיבה, אַ שול און מען קען אַפּילו גוט העברעיִש. נייטיק איז עס נישט.

ב. — קענטעניש. מען דאַרף קענען צו עטלעכע טערמינען פון יעדן אות, אָבער נישט סתם קיין טערמינען, נאָר שלאָגוואָר־טער, אָנגענומענע אין דעם אַלגעמיינעם לעקסיקאָן פון קאָמאינ־טערן.

ג. — זכרון. מען דאַרף האָבן אַן אייזערנעם זכרון, כדי צו געדענקען כסדר וואָס מען דאַרף פאַרגעסן. דאָס איז זייער וויכטיק, ווייל דאָס ערגסטע אומגליק קען געשען פאַר אַזאַ שרייבער, אויב חלילה ער חזרט איבער די זעלביקע אידעע אָדער געדאַנק, וואָס ער האָט געזאָגט נעכטן אָדער פריִער. דער מענטש איז דעמאָלט נישט קיין דיאַלעקטיקער און זיין סוף איז אַ ביטערער. דהיינו: אין די מקומות וווּ עס איז איינגעפירט אַ ווידוי פאַרן טויט, ווערט ער דערשאָסן אָדער ער הענגט אויף אַ תליה; אין די לענדער וווּ קיין רעוואָלוציאָנערע פרייהייט עקסיסטירט נאָך נישט, דאָס הייסט, אין די אָפּגעשטאַנענע מערב־לענדער, קען געשען עפּעס ערגערס — ער גייט אַריבער אין ציוניסטישן לאַגער.

איצט ווילן מיר געבן עטלעכע געניטונגען, און וועלכע טער־מינען ער דאַרף האָבן צום נייטיקסטן, כדי תיכף ומיד צו קענען אַריינדרינגען אין רעוואָלוציאָנערן שרייבער־פאַך.

געניטונג נומער 1:

א. — וואָס פאַרמאָגט אַן אַלף? נעם די פעדער און שרייב:

אַנטיפאַשיזם, אַנטיציעניזם, אַנטיסעמיטיזם, אַמעראַצעס, אַטשע־סאָן, אַמעריקע, אייזנהאַוער, אַטאָמישע, אַגרעסיע, אַטאַקע א״אַ.

ב. — באָלשעוויסטישע, בענגוריען, באַלעבאַטיש, באַזעס, ברענען, בראָטן, בריִען, באַרויבן, בריטישע, באַנדע, באָמבע א״אַ.

ג. — גאַנאָווים, גערילאַ, גרענעצן, גאַווערן, געשטאַפּאָ, גאַז־לאָנים, גרעבערס, גענגסטערס, גראַביאָזש, גאָל־דע (דע גאָל) און גאָלדע (מאיר)...

ד. — דושען, דראַפּען, דערלאַנגען, דאַיאַ, דערטרינקען, דער־דריקן, דערטשמעליען, דערמאָרדן, דערשנאַפּן, דערטאַפּן, דער־ווישן. פאַרשטייט זיך, די אַרטיקלען: די, דער, דאָס און דאַלעס.

ה. — האַמערן, האַקן, הענגען, העפּקער, העלדן, הענקער, הינטיש.

וו. — וואָרענען, ווישינסקי, ווּכערער, וואַשינגטאָן, וואַרשע, ייעלט (אַליין קען זי נישט גײן, מוז מען צוגעבן: מערב־וועלט, באַפּרייטע וועלט, אונטערוועלט א״אַ). וואָפּן, ווענדקע, וואַרפּן, וואַנצן, ווערעם, וואָלסטריט.

דאָ בלייבן מיר שטיין. מיר בעטן די שילער איינאיבן זיך מיט די ערשטע טערמינען, די אַנדערע וועלן זיי שוין אַליין באַשאַפן. זאָלן זיי זיך אַ נעם טאָן צום **זײַען**, **חעס**, **טעס** און **ייִד**, און זיי וועלן, בעלינײַדער, דערקריכן צום **טאָוו** און צום **סאָף**.

דערווייל אַ גוטן.

(געשריבן אין 1953)

כה, אָט אַזוי, האָט געֶרעדט באַרים פּאַלעוואָי

רבותי, קוילעט מיך אַוועק, נאָר איך הייב נישט אָן צו פאַר שטיין דאָס יידישע קאָמוניסטנטום. קענט איר מיך פרעגן, צי דאָס גוייִשקע פאַרשטיי איך יאָ? וועל איך אייך ענטפערן: יאָ.

אַ גוייִשקער קאָמוניסט, כ׳מיין, אַ קאָמוניסט — אַ קאַטאָליק; אַ קאָמוניסט — אַ פּראָטעסטאַנט; אַ קאָמוניסט — אַ מאַכמעדאַנער און פון אַלע אַנדערע רעליגיעס איז קודם־כל אַ גוי. ער ווייסט נישט קיין קונצן. ביי אים איז נישט פאַראַן קיין „איקוף", ביי אים איז נישט פאַראַן קיין יידישע דראַמסעקציע; נישט פאַראַן ביי אים קיין צייטונגען געשריבן מיט יידישע אותיות. אַ גוייִשקער קאָמוניסט גייט נישט צו קיין וואַלן פון אַ קהילה. זיי האָבן נישט קיין לאַנדסמאַנשאַפטן, קיין „מענדעלע־הויז", קיין יידישע שולן, קיין אייגענע קאַמפּיינען — גאָר נישט. זיי האָבן נישט געהאַט קיין „אייניקייט", קיין יידישן מלוכה־טעאַטער אין מאָסקווע. מען האָט נישט אויסגעהרגעט זייערע שרייבער, בעריאַ־סטאַלין האָט זיך אויף זיי נישט פאַרלייגט. כרושטשעוו גיט נישט וועגן זיי קיין אינטערוויוען — בקיצור, זיי איז נאָך צו פאַרשטיין. ביי זיי איז, פאַרשטייט איר מיך, אָדער זיי גייען אין דער ליניע, אָדער זיי גייען נישט. גייען זיי אין דער ליניע — ברענגען זיי זיך איין אָט־וואָס:

זיי דאַרפן נישט לייענען, זיי דאַרפן נישט שרייבן, זיי דאַרפן נישט טראַכטן, זיי דאַרפן נישט האָבן קיין מיינונג — זיי דאַרפן גאָר נישט, ווייל —

מען שרייבט פאַר זיי. מען לייענט פאַר זיי. מען טראַכט פאַר זיי. מען מיינט פאַר זיי, מען מיינט נישט פאַר זיי. מען מיינט פאַר זיי וואָס מען האָט נישט געמיינט. מען מיינט נישט וואָס מען האָט געמיינט. מען מיינט וואָס מען האָט נישט געמיינט צו מיינען און מען מיינט נישט וואָס מען האָט געמיינט אַז מען דאַרף טאַקע מייגען און מען מיינט אַ מאָל אויך אַז מען מיינט טאַקע.

נישטאָ קיין קאָמפּלעקסן. אַלץ איז גלאַטיק ווי אַ...קני.

אַ מאָל טרעפט, אַ קאָמוניסט כאַפּט זיך אויף (אין חוץ־לאַרץ טרעפט, אַז ער כאַפּט זיך אויף אַליין) און ער גיט אַ קוק אין זיין ציייטונג און עס דאַכט זיך אים — שוין! מען מעג שוין מיינען. נעמט ער און ער הייבט אָן פאַרזיכטיק צו מיינען. קומט באַלד אַ באַפעל, אַז קיינער זאָל נישט מיינען אַז די מיינונג וועגן מיינען איז אַ געמיינטע און מען זאָל גלייך אויפהערן צו מיינען, ווייל —

מיינען מעג איינער
און ווייטער קיינער
גאָט איז איינער
אין וואַטער קאַינער.

די ייִדן פאַרשטיי איך לחלוטין נישט. איר פאַרשטייט זיי אוודאי אויך נישט. חוץ דעם וואָס זיי מוזן אַלע מיינען פון איין טעלער, כדי צו זיין אין דער ליניע, מוזן זיי נאָך מאַכן אַלערליי אַקראָבאַטישע שטיק: דראַפּען זיך אויף די גלייכע ווענט און שטעלן זיך אויף אָן אויער, כדי אויך יוצא זיין מיט זייער צווייטן שותף — די ייִדישע פאָלקסמאַסן, אָדער מאַסן־פאָלק, אָדער מאַסן, ווייל פאָלק אַליין טאָרן זיי נישט זאָגן.

האָט מען שוין געקענט לעבן רויק — קומען מאַסן־שחיטות אויף ייִדישע שרייבערס. נעמט מען און מען הייסט די שולד אַרויפוואַרפן אויף סטאַלינען — וואַרפט מען. קומט מען דעם אַנדערן טאָג און מען זאָגט, אַז אויף סטאַלינען נישט, נאָר אויף בעריאַן, גלייבט זיי קיינער נים. די גוייִשקע קאָמוניסטן גלייבט מען יאָ און זיי, האַק־און־בראָק און מען וויל זיי נישט גלייבן. און דאָ קומען אַלע מאָל אַנדערע ביטערע בשורות: נאַסער, די אַראַבער, כרושטשעוו האָט געזאָגט וועגן די ייִדן דאָס פאַרקערטע וואָס זיי זאָגן, דאַרפן זיי צוריקדרייען און נעמען זאָגן, אַז דאָס וואָס זיי האָבן געזאָגט האָט פאַקטיש אויך געזאָגט כרושטשעוו, נאָר דער קאָרעספּאָנדענט האָט איבערגעדרייט דאָס געזאָגטע.

וואָס דאַרפט איר מער? אַז אַ טענצערין פון „באָלשוי־טעאַטער” האָט אין ענגלאַנד, צי איצט אין בעלגיע געגנבעט אַ פּאָר זאָקן מיט אַ פּאָר הענטשקעס, מוזן זיי איר פאַרטיידיקן. און דאָ איז דאָ קולטור, און דאָ איז דאָ טעאַטער. און דאָ דאַרף מען אויפ־

ווייזן ייִדן, אַז זיי האָבן ייִדישע שולן, און דאָ גייט אַ יום-העצמאות און מען מוז ווייזן אַז מען איז נישט קעגן „דאָס שאָלעם-ליי־בענדיקע און זיך מיִענדיקע רעפּובליק יִיסראָעל", און דאָ איז מען איינער אַליין. קיינער וויל נישט צוהעלפן.

אָט איז געקומען אַהער דער רבי איליאַ המכונה ערענבורג און ער האָט געשוויגן ווי אַ פיש און מען האָט געהאַט אַן אַרבעט אָפּצושלאָגן די צייטונגען, וועלכע האָבן אויף אַ „געמיינעם" אופן דערמאָנט וואָס ער האָט געזאָגט וועגן ייִדן און ייִדישן פאָלק. ווער בעט זיי, ווער, אַז זיי זאָלן דערמאָנען? פאַרגעסן איז פאַרגעסן. האָבן זיי אַ טבע, די ייִדן, אַריינצוקריכן אין דער גרגרת און רק זיי געדענקען, זיי האַלטן אין איין געדענקען. ווער בעט זיי זיי זאָלן געדענקען?

גאָט האָט געהאָלפן און עס איז שפּעטער געקומען צו אונדזערע ברעגן פון לאַ-פלאַטאַ-טייך באָרים פּאָלעוואָי. האָט זיך זייער צייטונג צעשריבן: „אָט איז אַ מענטש", דאָס איז דער „עכטער מענטש". אפשר דריי שעה האָט דער פאָרשטייער פון דער שריפט באַטראַכט און גערעדט מיט דעם „שיינדל פון דער סאָוויעטישער ליטעראַטור". מען האָט גערעדט וועגן זיינע ווערק, וועגן זיינע העלדן, וואָס זיצן אויף טעלעפאָן-סלופּעס און „טעלעפאָניזירן" דעם ראַטן-פאַרבאַנד. און וועגן זיינע אַנדערע העלדן און העלדינס וואָס ליבן זיך אויף די קופּעס עלעקטרישע דראָטן, מיט וועלכע מען דאַרף עלעקטריפיצירן דאָס „אינטערנאַציאָנאַלע רוסישע פאָטערלאַנד". און אַז מען רעדט — דעררעדט מען זיך. ווען מען האָט אים סוף-כל-סוף געפרעגט וועגן די אויסגעהרגעטע ייִדישע שרייבערס, האָט ער אָן איבערטראַכטעניש, מוטיק און אָפן געענטפערט, אַז שולדיק אין דעם איז געווען...

— איר ווייסט ווער?

— בעריאַ! (געטראָפן).

אַז די ייִדן ווילן נישט קיין ייִדיש, זיי ווילן רוסיש. זיי דאַרפן נישט קיין ייִדישע מיידלעך, זיי קענען נעמען קאַצאַפּקעס, גרוזינקעס, קאַלמיטשקעס, אוקראַינקעס — דאָרט איז נאַפּלעוואַט — אַ ייִדישקע, אַ שיקסלקע, ווסיאָ ראַוונאָ. „זיי נישט ווילן מער זיין ייִדן, צו וואָס יעווריייען?". טאָ נאַ שטאָ וואָס ייִדישע ביכער, ייִדי־

שע צייטונגען, יידישע טעאַטערס. אַלע זענען גלייך. אַלע מעגן לערנען... רוסיש. דער ראַט פון די סאָוויעטישע סאָציאַליסטישע רע־פּובליקן האָט געלייזט די יידן־פראַגע.

אָט האָט איר די לייזונג. זי ליגט אויף דער האַנט, קלאָר ווי אַ יויך פון שוואַרצע בעבלעך און פאָרמולירט דיאַלעקטיש און כּאָפּיסטיש ווי צוויי מאָל צוויי איז אַ האַקמעסער.

כה, אָט אַזוי, אָמר — האָט געזאָגט — פּאָלעוואָי. דאָס איז אייך וויניק?

(געשריבן אין 1958)

אַ לינקע דראָשע

איך האָב אַ לאַנדסמאַן, פּייוול, און ער רופט זיך פּאַוסטינאָ. האָט ער עטלעכע אייגנשאַפטן:

ער איז אַן אַנאַלפאַבעט, האָט אויף זיין לעבן נישט געאַרבעט און ער איז אַ לינקער. דאָ דרייט ער זיך אַרום צווישן די „פאַררויטלטע", גייט אַ גאַנג, פאַרקויפט אַ צייטונג, שרייט אויף אַ פאַרזאַמלונג און ענלעכע אַרבעטן. פון דעם לעבט ער.

אַנומלט קומט ער צו צו מיר און האַלט פאַר מיר אַ דרשה.

איך בין נבהל ונשתומם געוואָרן. עס איז דאָך נישט צו גלייבן, אַז אין אַזאַ ליידיקער כלי, אין אַזאַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ זאָל מען קענען אַריינהאַקן אַזאַ מאָנאָלאָג, וואָס ער האָט פאַר מיר געהאַלטן.

אמת, עס איז די „טוירע" און „כאָכמע" פון „מאָרגן-פרייהייט", פון „קול העם", פון דער „פּראַוודאַ" און פון ענלעכע „קוועלנדיקע קוואַלן", וואָס אַז מען לייענט זיי איבער ווערט מען באַוווּסטזיניק ווי אַ פערד (דאָס איז טאַקע אַ ווערטל פון מיין לאַנדסמאַן פּייוול-פּאַוסטינאָ).

איר ווילט הערן די דרשה? איר מעגט זי הערן:

„דער מילכאָמע-צינדערישער יענקישער אימפּעריאַליזם האָט צעעפנט זיין רויבערישן אָדלער-שנאָבל איינצושלינגען די האָרעפּאַשנע זיך מיִענדיקע אין פּראַצע אַראַבישע מאַסן און עס איז אים געבליבן שטיין אַ פּראָלעטאַרישער ביין אין זיין מאַכט-גיריקן גאָרגל. די פרייהייט, דאָס גליק, די ברויט שעפּאָדיקע, דאָס דעמאָקראַטיש-קעמפנדיקע און שאָלעם-ליבנדיקע סאָציאַליסטישע פאָטערלאַנד האָט אָנגעקלאַפּט אין די לעוואָנישע, סירישע און איראַקישע פאַרזשאַווערטע טירן, וואָס האָבן זיך אויפגעפּראַלט אַריינצולאָזן די פרישע שטאַרקע שווייסיקע לופט פון דעם נייעם רויטן באַפרייערישן צו פעלקער-פאַרברידערונג שטרעבנדיקן באָלשעוויסטישן פרימאָרגן-שטערן. די רעוואָלוציאָנערע איראַקישע מאַסע האָט צעשטורעמט די אַראַבישע צאַריסטישע קליקע, וואָס האָט געדינט

די מילכאָמע-צינדערישע רויבערישע אַפּעטיטן פון פאָסטער-דאָלעס, די גיפט-מישערישע נאַפט-אַפּעטיטן פון די גרויס-מאַכטישע וואָלסטריט-מאַגנאַטן האָבן געוואָלט זיך מאַכן אַן אַזיאַטיש-אַפריקאַנישע סודע (סעודה) פון מיטל-אָריענטאַלישע אַראַבישע מענער, פרויען און קינדער און זיי האָבן אַריינגערוקט אַ מאַרעוודיקן קלין דער קינסטלעכער מאַרעוודיקער בענגוריאָנישער אַנטי-מאַכמעדאַנישער קאָלאָניאַלער מעדינע קעגן דעם ווילן פון ייִדישע מאַסן אויף דער וועלט. די מעדינעס יִסראָעל האָט באַקומען די צושטימונג פון ראַטן-פאַרבאַנד און פון די פאָלקס סאָציאַליסטישע לענדער, אָבער אָנשטאָט זיך צו פאַרבינדן מיט די שאָלעם-ליבנדיקע און צו פרידן-שטרעבנדיקע פאָלקס-דעמאָקראַטיעס בעראָש מיטן פאַרבאַנד פון די סאָציאַליסטישע רעפובליקן, האָט זי זיך פאַרשקלאַפט צום יענקישן אימפעריאַליזם און קאָלאָניאַליזם שפרייטנדיק סאַם. דער נייער ספוטניק, וואָס ראַטן-פאַרבאַנד האָט אַרויסגעלאָזט אין די רוימען וועט צוימען די נאַפט-גיריקייט פון די אַלע, וואָס ווילן נישט אָנערקענען, אַז מיליאָנען כינעזער און רוסן און פאָלקס-דעמאָקראַטישע רעפובליקן צוזאַמען מיט די ייִדישע מאַסן פון ניו-יאָרק און בוענאָס-איירעס וועלן אָפּשניידן די פאַרכאַפּערישע מאַכטן פון די יענקים, פון די ענגלענדער, פון די פראַנצויזן און פון טיטאָס פאַררעטערישן יוגאָסלאַוויע און מיר וועלן נאָך אַלע צוזאַמען פליִען צו אַ נייער, רויטער, באַפרייטער און שאָלעם-ליבנדיקער אַנטי-קאָלאָניאַלער פראָ-מיזראַך-לעוואָנע".

אָט-דעם מאָנאָלאָג האָט ער מיר געגעבן אַ זאָג-אָפּ אין איין אָטעם.

אומגלויבלעך!

שפעטער האָב איך די זעלביקע דרשה געלייענט אויף שפאַניש. אַפּנים, אַז דאָס זעלביקע קען מען זאָגן אין אַלע אַנדערע לשונות און ווי אַזוי איר וועט עס זאָגן און ווי איר וועט אויסלייגן די אָרטאָגראַפיע, וועט עס קלינגען רוסיש.

וואָט טשטאָ!

(געשריבן אין 1959)

ארצנו הקטנטונת

אַ רבנישע פוטבאָל־דרוזשינע

די צייטונגען האָבן געבראַכט אַ ידיעה, אַז אין ישראל האָט זיך אָרגאַניזירט אַ פוטבאָל־געזעלשאַפט פון רבנים. פון דעם איז געדרונגען, אַז די רבנים און די וואָס רעליגיע איז ביי זיי אַ פאַך, הייבן אָן פאַרנעמען „וועלטלעכע" און „סעקולערע" פּאָזיציעס איינע נאָך דער אַנדערער. איצט איז פוטבאָל, מאָרגן וועט זיין באָקס, איבערמאָרגן — „קאַטש אַס קאַטש קאַן", און ווער ווייסט וואָס נאָך?

אָבער דערווייל האַלטן מיר ביי פוטבאָל. מיר האָבן זיך גע־פרוווט אין אונדזער „אימאַזשען" פאָרשטעלן אַ מאַטש צווישן איין רבנישער מאַנשאַפט מיט אַ צווייטער רבנישער דרוזשינע.

קודם־כל, דער עקיפּ. דער טויערמאַן מיט אַ יאַרמעלקע, אין אַ קורצער קאַפּאָטע, ווייסע זאָקן, אַ טלית־קטן און שטעקשיך. שטייט ער אין טויער און לערנט דערווייל אַ פרק משניות, כל־זמן די באַל איז ווייט פון אים.

די „באַקס", מיט באָרד און פיאות און צוגעגאַרטלטע קאַפּאָ־טעס מיט שטריימלעך אויף די קעפּ, זענען מעביר די סדרה צווישן איין שאָס אין דער באַל און דעם צווייטן.

וואָס שייך דעם „סענטער־פאָרוואַרד", וואָס דאַרף זיין דער גאַנצער אויפטוער, דער לויפער, דער אַריינטוער, דער קאָאָרדי־נירער און דער שטאָפּעט גם יחד, — טראָגט ער אַ יאַרמעלקע מיט אַ גומקע איבער דער גאָמבע, כדי עס זאָל נישט אַראָפּפאַלן בעתן לויפן און פאַר איין פאַר וועג האַלט שוין די גומקע אויך צו די באָרד און פיאות, זיי זאָלן נישט פלאַטערן אין אַלע זייטן. ער לויפט און זאָגט תהילים. פון מאָל צו מאָל וואַרפט ער אַריין אַ וואָרט צום רעכטן און לינקן פליגל, וואָס בייטן זיך מיט די שיך און מיט די פלעצער, ווייל קיין איינער פון זיי וויל נישט כסדר שפּילן „לינקס".

— לך לך מארצך — שרייט ער צו איינעם אויף חומש־לשון — מיטן מיין, ער זאָל נישט שטיין אויף איין אָרט, נאָר לויפן.

— עושה שלום במרומיו — ענטפערט אים יענער, וואָס מיינט צו זאָגן, אַז ער היט די באַל פון אויבן.

— ובכן תן פחדך — קומט פלוצלינג אַ רעפּליק פון רעכטן „אינסיידער", וואָס האָט זיך פאַרטשעפעט מיט זיין פאה אין דער פאה פון רעכטן פליגל פון דער קעגנערישער מאַנשאַפט. געוואָלט האָט ער, אַז זיין חבר זאָל אַרויסנעמען דעם באַל ביים קעגנער.

— מה אנו ומה חיינו? — ענטפערט אים יענער מיט אַ שאלה — ער לאָזט זיך נישט.

— שן תחת שן, עין תחת עין — ווערט שוין אין כעס דער „האַף", וואָס קומט צו לויפן אַ פאַרשוויצטער מיט אַ פליענדיקן אַרבע־כנפות און אַ קאַמיזעלקע אויפן סטיל פון חושן ואפד.

— הנשמה לך והגוף לך — גיט אַ פלי־אָן דער קעגנערישער לינקער „אינסיידער" און דערלאַנגט אַ שאָס דעם באַל גלייך אין טויער.

— פתח לי שערי שמים — רופט אוים זיין חבר פון דער ווייטנס און זעט מיט שמחה ווי דער באַל שפרינגט גלייך אין טויער.

— שמע ישראל! — שרייט אוים דער טויערמאַן און לאָזט אַריין אַ גאָל.

געמאַכט אַ גאָל, נעמען זיך צוזאַמען די שפילערס פון דער דרוזשינע — לאָמיר זיי אָנרופן „בני ברק" — אין מיטן פלאַץ און הייבן אָן צו גיין אַ חסידיש טענצל. הייבן זיך די פיס, צעלאָזן זיך די קאַפּאָטעס, צעפליען זיך בערד און פיאות, צעיאַכמערן זיך פנימער, הענט אויף אַקסל מיט התלהבות, קעפ פאַרוואָרפן, צעקלינגט זיך אין מיטן פוטבאָל־פלאַץ אַ פריילעכער „שישו ושמחו בשמחת תורה" און „כבודו מלא עולם", אפילו „שושנת יעקב". עס איז לעבעדיק.

נישט אַזוי איז אָבער ביי דער צווייטער מאַנשאַפט, ביי די „בני אהרון". דאָרט טאַנצט מען נישט, דאָרט פרייט מען זיך נישט. דער טויערמאַן קריגט געשלאָגן מלקות; ביידע „בעקס" קלאַפּן זיך אין האַרץ: „אָשמנו, בגדנו, גזלנו" און „ועל חטא שחטאנו" — עס איז דאָרט יום־כיפור וגם תשעה־באָב. דער גאַנצער אָנגריף־פליגל זאָגט קינות.

פלוצלינג הערט זיך אַ לאַנגע „תקיעה". דער „רעפערי", אין

ראַנג פון אַ דיין, באַגלייט פון אַ בעל-תוקע, מאַכט מיט די הענט און שרייט:

— ייִדן בני רחמנים, שאַט! צייט צו דאַוונען מנחה.

באַלד הערט זיך אַ שטיל מורמלען, וואָס ווערט אַלע מאָל העכער:

„אשרי יושבי ביתך"... ביידע דרוזשינעס דאַוונען בציבור.

אָפּטימיזם!

איך געהער נישט צו די וואָס פאָרן אָפּטער קיין ישראל און צוריק. אָבער עטלעכע אַזעלכע באַזוכן האָב איך יאָ געמאַכט. דאָס לעצטע מאָל האָב איך געמאַכט די „יאַזדע” צוליב צוויי טעמים:

א) היות איך בין געפאָרן צו אַ קאָנפערענץ, האָב איך באַקו־מען אַ האַלבן רייזע־בילעט;

ב) איך האָב געלייענט אַזוי פיל באַריכטן און באַשרייבונגען וועגן באַזוכן אין דער „מעדינאַט”, (אַ סך מיינען, אויב מען זאָגט „מדינת־ישראל” — מעדינאַט איסראַעל — מעג מען זאָגן „מע־דינאַט” אַליין און מען פאַרשטייט שוין אַז עס איז ישראל. מיינסטנס זאָגן אַזוי די וואָס ריידן שפּאַניש. גיי דערצייל זיי אַ מעשה וועגן סמיכות) אַז איך האָב געמוזט צופאָרן זען וואָס הערט זיך עפּעס דאָרט.

בין איך געפאָרן און בין צום דריטן מאָל געווען אין ישראל.

דאָס כאַראַקטעריסטישע פון לאַנד איז בלי ספק דער אָפּטי־מיזם, וואָס הערשט אָדער באַהערשט דעם ישראל־בירגער. עס איז דער סאַמאָראָדנער יידישער בטחון און דאָס נאָך געמישט מיטן אימפּעט פון אַמאָליקן נאַלעווקי פון וואַרשע, אָדער פון הייניטיקן קאָריענטעס אין בוענאָס־איירעס.

היינט די באַוועגלעכקייט!

נעם, בן־אָדם, און גיי זיך דורך צו דער תחנה המרכזית (מאַ־כאַנאַ האַמערקאַזיט) אין תל־אביב, אין ירושלים און אין חיפה. אפשר קענסטו עס מאַכן פרייטיק נאָך מיטאָג, ערב שבת. וועסט דעמאָלט דערקענען דיין פאָלק, דאָס פאָלק פון וואַנדערונגען.

קליין איז דאָס לאַנד, גרויס זענען די איבערוואַנדערונגען. מען פאָרט: פון תל־אביב קיין ירושלים, פון ירושלים קיין תל־אביב, פון ירושלים קיין חיפה, פון חיפה קיין תל־אביב און צוריק. אויך קיין באר־שבע, אויך אין די קיבוצים, אין די מושבים — מען פאָרט. ישראל־תושבים פאָרן און די טוריסטן ווערן געפירט.

עס איז אַ שטורעס ערב אַ סודותדיקער שטילקייט; אַ גערודער ערב אַ קומענדיקער מנוחה; ערב־שבתדיקער אומרו אויפצונעמען דעם שבת־רו.

אין געלויף באַגעגנט מען זיך; מען גיט זיך אַ פרעג אויס אויף גיך, געענטפערט און ווייטער געגאַנגען, אָדער געלאָפן.

דער ישראלדיקער „יהיה טוב" איז נישט נאָר אַ יידישער אויסדרוק פון בטחון, פון אָפּטימיזם, פון אַן אָנדייט פאַר דעם קומענדיקן וווילזיין, נאָר אויך שיר־נישט אַ פּאַראַל פון אוניווערסאַלן באַדייט מיט אַ קענטיקן עלעמענט פון באחרית הימים.

עס מאַכט נישט אויס, אַז דעם וואָס דער „יהיה טוב" האָט געטראָפן איז נישט געווען צו שטאַרק צופרידן. ער האָט געוווּסט, אַז אַזאַ „עס וועט זיין גוט", וואָס ער האָט באַקומען ווי אַן אָדערויף ערגעץ אין אַ משרד וועגן ענין וואָס ער דאַרף מאָרגן, היינט, שוין — שמעקט מיט אייביקייט. פון דעסטוועגן איז געוואָרן ווארעמער, היימישער — פאָרט פאַראַן אַ האָפענונג.

לויפט מען און מען וואַרפט זיך דורך מיט אַ וואָרט, מיט ווערטער און איך האָב ליב אונטערצושטעלן אַן אויער. ווען איך האָב באַזוכט ישראל צום צווייטן מאָל, איז שוין דער „יהיה טוב" געהאַט אַרויס פון דער מאָדע און במילא פונעם רייַדנסאַרט.

נישט־צופרידענע פלעגן נאָך באַנוצן דעם פּזמון, אָבער זיי האָבן דעם שורש פון דעם ווערב „היה" פאַרביטן פון דער צוקונפט אין דעם עבר אַריין. במקום יהיה טוב — עס וועט זיין גוט — האָבן זיי געזאָגט: היה טוב — עס איז געווען גוט.

די זאַך האָט זיך אָבער נישט אָנגענומען, ווייל עס איז נישט געווען קיין אמתע פאָלקסשאַפונג, נאָר פון סתם ברוגזע. אַ סימן — עס האָט טאַקע נישט אויסגעהאַלטן קיין יידישקייט.

אַ פאָלקסווערטל מוז האָבן הומאָר, אַפילו בייסיקן הומאָר, סאַטירע, אָבער ס'מוז זיין חנעוודיק — דאָס איז דער חוב פון אַ ווערטל, אַ זאָגעניש, אַ הלצהלע, אַן אַנעקדאָטל.

בעת מיין איצטיקן באַזוך האָב איך דערהערט אַ ניי ווערטל: „אין דבר, זה יעבור". אויף ריין יידיש וואָלט מען עס געקענט איבערטייטשן, ווי איינער זאָגט: נאַפּליעוואַט, טאָ פשעידזיע. דאָס הייסט, עס מאַכט נישט — ס'וועט איבערגיין.

אין דבר! וויפל טראַגיק איז געלעגן אין דער טראַציקייט און עקשנות פון די ערשטע בויערס פון ארץ־ישראל! עס איז פאַרביטן געוואָרן אַ סך מאָל אויף „לעומת זה“ און „אף על פי כן“, וואָס האָט אַלץ געהאַט דעם זעלביקן טייטש: אַ מכה די שונאים און אויף להכעיס די ליידן.

און אָט באַנוצט מען דעם „אין דבר“ ווי אַ נייעם אָפּטימיס־טישן פאַראָל פאַרבונדן מיטן טעגלעכן לעבן פון בירגער־יידן אין ישראל — **זה יעבור.**

האָסט נאָך נישט קיין דירה, קיין אַרבעט; נישט אָנגעקומען קיין בריוו פון דיין זון וואָס געפינט זיך אין אויסלאַנד; ביסט נישט געזונט, ביסט אַ ביסל פאַרחובעט — אין דבר, נעם זיך נישט צום האַרצן — זה יעבור, ס׳וועט „מערצעשעם“ איבערגיין.

אָבער אַ ווערטל ווערט אַ געוווינהייט.

שטיי איך מיר אַזוי ביי אַן אויטאָבוס־סטאַציע און לעבן מיר שטייט אַ זשוואַווע יידל מיט דריי ציטונגען אין דער האַנט. ער לייענט זיי אַלע פאַר אַ מאָל, עסט דערביי אַן עוגה (אוגאַ — קוכן, אויך טאָרט), רייכערט אַ פּאַפּיראָס און הייבט אַלע מאָל אויף די אויגן דורך די ברילן, אויף צו זען די נומערן פון די אויטאָבוסן — אַ ייד אַ מזיק.

פּלוצלינג דערזעט ער אַ יונגן בחור אָנקומען. ער רופט אים צו. אָבער יענער איילט זיך. ער באַווייזט נאָך אַ פרעג צו טאָן אים:

— מה שלומך ידידי? (מאַ שלאָמכאַ יעדידי — ווי גייטס, פריינד מיינער?).

— בסדר גמור (בעסיידער גאָמור) — ענטפערט אים יענער.

— אין דער בעסטער אָרדענונג. אני בריא ועובד (אַני באָרי וועאָוועד) — איך בין, הייסט עס, ברוך השם, געזונט און איך אַרבעט.

— אין דבר, זה יעבור (איין דאָוואר, זע יאַאַוואָר) — ענט־פערט אים דאָס יידל און נעמט נישט אַרויס בעת־מעשה די אויגן פון די דריי ציטונגען, קײַט די עוגה, רייכערט דאָס ציגאַרעטל און זוכט דעם ריכטיקן אויטאָבוס...

אַ כּוח פון אַ ווערטל, וואָס דריקט אויס אָפּטימיזם!

אַרון גולדמאַן עסט...

אין חדש תחת השמש — האָט געטענהט דער חבר קוהלת — און ער איז געווען גערעכט. אַלץ וואָס וועט זיין איז שוין געווען, דאָס פאַרגאַנגענע איז אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם געוועזענעם, און דאָס קומענדיקע וואַלגערט זיך פאַר אונדזערע אויגן.

דער דאָזיקער פילאָסאָפישער אַריינפיר איז חל אויך אויף רעסטאָראַנען. פאַראַן אָרגאַניזמען, וואָס הגם זיי זענען נישט קיין מעמבערס און נישט קיין מיעמבראָס און נישט קיין טשלענעס און נישט קיין מיטגלידער פון קיין שום אינטערנאַציאָנאַלער קערפּערשאַפט, פון דעסטוועגן זענען זיי אין זייער מהות און כאַראַקטער און אַפילו סטיל — אוניווערסאַל.

איינע פון די אינסטיטוציעס איז דער רעסטאָראַן. כמעט אין אַלע רעסטאָראַנען שרייט אַריין דער קעלנער אין קיך אַריין, וואָס איר האָט באַשטעלט. די פון בעסערן מין פירן זיך, אַז דער מעטרע נעמט אויפן פּאַפּיר אַלץ וואָס איר רעכנט צו עסן און צו טרינקען:

דעם פאָרשפּייז, דעם וואַרעמען שפּייז און דעם נאָכשפּייז. די דאָזיקע פּעטיציע ווערט שפּעטער שריפטלעך איבערגעגעבן אין קיך אַריין, וווּ עס ווערט צוגעגרייט אייער מיטיק; אַלץ אויף אַ שטילן און דיסקרעטן אופן.

אָבער וועגן די רעסטאָראַנען ריידן מיר נישט. מען קען דאָרט אויסגיין פון אומעט.

מיר באַציִען זיך צו אַ רעסטאָראַן, וווּ דער רויך גייט פון קיך און וווּ יעדער קעלנער שרייט אויס אויף אַ קול:

אַ יויך לאָקשן מיט בעבלעך; אַ באָרשטש מיט אַ מאַרכביין; איין מאָל קישקע מיט פאַרפל מיט אַ שטיקל מילץ; אַ געוואַלגערטער קוגל מיט צימרינג וכדומה מאכלים.

אין אַזאַ פאַל, הגם איר עסט גאָר קאַשע מיט יויך, ווייסט איר אַז עס זענען פאַראַן אַנדערע, וואָס עסן דווקא אַ יויך לאָקשן מיט

בעבלעך. איר הערט די גאַנצע עס־קאַרטע בעל־פה, וואָלט מען גע־קענט זאָגן.

דאָ איז פאַראַן די מעלה, אַז איר ווייסט נישט ווער עס איז די פאַרשווינלעכקייט וואָס וועט עסן די דאָזיקע אויסגעריכנטע מאכלים. דער אויסרוף פון עסן, איז, הייסט עס, בפרהסיה, נאָר דער בעל־דבר וואָס וועט פראַווען די סעודה שטייט אין אַנאָני־מאַט, ער איז אַ רואה ואינו נראה.

די מעלה פון אויסרופן דאָס עסן גיט אויך צו אַ טאָן פון פריי־לעכקייט דער דאָזיקער סביבה פון קייען, עסן, פרעסן, אַריינכאַפּן, טרינקען, זשלאָקען און כלאַפּטשען.

אַנדערש איז געשען אין אַ רעסטאָראַנדל, וווּ מיר זענען גע־זעסן, אין תל־אביב, צוזאַמען מיט עטלעכע וועלט־באַרימטקייטן, וואָס דער רעפּלעקס פון זייער באַרימטקייט איז אויך געפאַלן אויף אונדז, אייניקע דעלעגאַטן פון אַרגענטינע. איך בתוכם האָב זיך גענומען פילן אַ ביסל באַרימט און מפורסם.

זיצן מיר אַזוי און מיר באַהאַנדלען אַלערליי טעמעס פון סאָ־ציאָלאָגישן, היסטאָרישן, קולטורישן, פינאַנציעלן, דעמאָגראַפישן און דערציִערישן כאַראַקטער און עסן דערביי: ווער געהאַקטע ציי־בעלעס מיט רעטעך מיט לעבערלעך; ווער פאַרקערט — געהאַקטן לעבער מיט ציבעלעס און נאָך מיט אייער ווי אַ צולאָג. אַן אַנדע־רער טונקט ברויט אין לבניה (לעבעניאַ), דער ישראלדיקער „זשוי־גורט". די וואָס עסן מילכיקס זאָגן, אַז עס איז טעם גן־עדן; די אַרגענטינער פון זייער זייט, גיבן זיך אָפּ מיט עסן פיש, געבראָטן פלייש און עוף. בקיצור — איטלעכער עסט עפּעס. און אַזוי עסנ־דיק הערן מיר איטלעכס מאָל ווי מען באַשטעלט אויפן הויכן קול אַ מאכל, אַ פּאַטראַוועּ און דערביי שרייט אויס די קעלנערקע דעם נאָמען פון דעם וועלכער וועט די אַלע באַשטעלטע עסנס פאַרטיק מאַכן. די געשיכטע האָט געמאַכט אויף אונדז אַ קאָלאָסאַלן איינ־דרוק צוליב דריי טעמים.

טעם נומער אַלף:

ווי קען איין מענטש אויפעסן אַזאַ שלל מיט פראָוויאַנט?

טעם נומער בית:

וואָס איז דאָס פאַר אַן איינפירונג צו מאַכן אַ קול־קורא אוי־

בערן גאַנצן רעסטאָראַן און אַנאָנסירן וואָס אַ באַשטימטער קליענט וועט עסן?

טעם נומער גימל:

ווער איז עס דער דאָזיקער וויכטיקער מענטש, וואָס הייסט אדון גולדמן און וואָס איז זוכה אַז אַלע עסערס אין רעסטאָראַן זאָלן וויסן וואָס ער, דער הער גאָלדמאַן, עסט?

שאַ, לאָמיר איבערגעבן קודם־כל וואָס דער דאָזיקער גאָלדמאַן האָט אַליין באַשטעלט און שפּעטער וועלן מיר זוכן דעם באַשייד פאַר דער דאָזיקער טשעקאַווער געשעעניש.

ווען די מלצרית (מעלצאַרינ — קעלנערין) האָט צום ערשטן מאָל אַ געשריי געטאָן. סכין (סאַקין — מעסער), מזלג (מאַזליג — גאָפּל), מפּית (מאַפּיט — סערוועטקע) בשביל אדון גולדמן (בישוויל אַדאָן גאָלדמאַן — פאַרן הער גאָלדמאַן), האָבן מיר נאָך רויק דיסקוטירט און צוגעביסן. ס'איז ערשט געוואָרן דער אָנהייב.

— דג מבושל (דאַג מעוואָשאַל — געקאָכטע פיש) בישביל אדון גולדמן. זי האָט אַפילו נישט געטראַכט אָפּצושטעלן זי איז געגאַנגען ווייטער:

כבד מטוגן (קאַוועד מעטוגאַן — געפּרעגלטע לעבער), בשר צלוי (באַסאַר צאַלוי — געבראָטן פלייש), בשר מרק (באַסאַר מאַראַק — זופּן־פלייש), אטריות (אַטריאָט — לאָקשן) און צום סוף פשטירה (פאַשטעירא — קוגל). ביי יעדער פּאָרציע האָט די קעלנערקע נישט פאַרגעסן צוצוגעבן: בשביל אדון גולדמן, אַפילו כריין האָט זי אויסגעזונגען אויפן הויכן קול.

מלפפון (מעלאַפעפאָן — אוגערקע) וחזרת (כאַזערעט — כריין) בשביל אדון גולדמן...

אַליין פאַר דעם דאָזיקן גאָלדמאַן. איך מיין, אַז מען וואָלט געדאַרפט זיין פון אייזן, אַז אַזאַ ענין זאָל דורכגעלאָזט ווערן אומבאַמערקט. הערט אַ מעשה! עס זעצט זיך אַוועק אַ ייד אין אַ רעסטאָראַן און מען האַלט אים אין איין ליווערן לעבנסמיטל, וואָס וואָלט געסטייעט פאַר אַ גאַנצער משפחה און צום רומל רופט נאָך אויס די מלצרקע כסדר זיין נאָמען.

לאָ די וואָס מען דערלאַנגט אים אַזוי פיל פאַרשיידענע פאַר־

ציעס, איז מען נאָך מודיע דעם גאַנצן עולם, אַז דאָס אַלץ וועט אַריינעסן איין ייִד, וואָס זיין נאָמען איז גאָלדמאַן.

וואָס איז דאָ לאַנג צו ריידן? איך האָב זיך גלייך פאַרוואַנדלט אין אַ שטיקל שערלאָק האָלמס און גענומען חוקר און דורש זיין דאָס עסק.

קודם־כל האָב איך פעסטגעשטעלט, אַז דער דאָזיקער אַדון גאָלדמאַן האָט גאָר נישט צו טאָן מיט ד״ר נחום גאָלדמאַן, נישט מיט אונדזער היימישן ד״ר משה גאָלדמאַן און נישט מיט די אַנדערע גאָלדמאַנס וואָס האָבן מיט עפּעס באַרייכערט אָדער עטוואָס ביי־געטראָגן אָדער אויפגעטאָן פאַר דער ייִדישער געשיכטע.

נישט גייסטיק און נישט פיזיש האָט דער דאָזיקער אַדון גאָלדמאַן וועלכע ס׳איז שייכות מיט די אמתע גאָלדמאַנס. אַ מענטש וואָס „פרעסט״ אַריין אַזאַ „מעניו״ איז גייסטיק ליקווידירט. וואָס שייך פיזיש, וואָלט איך פאַר אים נישט געגעבן קיין צוויי צע־בראָכענע פּרוטות. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, וויניקסטנס, אַ ייִד אַ דעמב. אַ נעכטיקער טאָג! אַ קליין מענטשעלע, אויסגע־דאַרט, מיט גרויסע שפּאָקולן און אַ באַדייטנדיקן פּליך, צו וועלכן ער דאַרף נישט קיין האָר־קרעם און קען זיך בכלל צוקעמען מיט אַ האַנטעכל.

האָב איך גענומען זוכן פון דער אַנדערער זייט, פון דער פּראָ־פּאַגאַנדיסטישער.

עס איז אַ כלל גדול, אַז רעסטאָראַנען האָבן ספּעציעלע קליענטן פאַר פּראָפּאַגאַנדע, וואָס זעצן זיך לעבן פענצטער און זיי גיט מען די גרעסטע פּאָרציעס, כדי דער עולם אויפן גאַס זאָל אַריינגעצויגן ווערן.

מען דערציילט וועגן אַ ייִד, וואָס איידער ער זעצט זיך אַוועק ביי אַ טישל, מאַכט ער אַ באַזוך אין קיך. כדי צו זען ווי עס זעט אויס די קעכין. זיין שטאַנדפּונקט איז אַזאַ:

האָט די קעכין גרויסע הענט, לוינט אין דעם רעסטאָראַן צו עסן, מחמת וואָס גרעסער די הענט זענען ביי דער קעכין, אַלץ גרעסערע שטיקער פיש גייען אַרויס פון אירע הענט. פאַראַן אויך אַנדערע טריקן פון עסערס וואָס פאַרשטייען אַן עסק.

עס קען אויך זיין, האָט מען מיר מסביר געווען, אַז דער דאָ־

זיקער אַדון גאָלדמאַן איז דער באַלעבאָס פון דעם רעסטאָראַן און די קעלנערקע, ביים באַשטעלן פאַר אים אַן עסן, רופט זי ספּעציעל אוים זיין נאָמען, מען זאָל אים ניט געבן פון אַלגעמיינעם קעסל, נאָר דאָס וואָס מען מעג עסן, כדי נישט קראַנק צו ווערן.

עס קען אויך זיין, אַז אַזאַ קעלנערין וויל זיך צופּוצן צו אַזאַ בעל־הבית און רופט דעריבער אוים דעם נאָמען.

עס קען אויך זיין, אַז דער אַדון גאָלדמאַן איז אַ סתם־גאַסט און ער בייט נישט דעם רעסטאָראַן זינט אַ שיינע פּאָר יאָר, באַדינט מען אים בעסער. דערביי הערן די קליענטן, וואָס אַלץ איין מענטש קען, מעג און עסט אויף און ער קומט פון דעסטוועגן אויפן אַנדערן טאָג נאָך אַ מאָל אַ געזונטער און פרישער און איז גרייט ווידער אַריינצושלינגען אַן אומצאָל פון פּאַטראָווים.

רבותי! דאָס אַלץ וואָס ס'איז דאָ אויסגערעכנט געוואָרן, איז געבליבן אין דער בחינה פון השערות, היפּאָטעזעס, קאַלקולאַציעס. אפשר אַזוי און אפשר גאָר פאַרקערט. אויף קלאָר האָב איך גאָר נישט געקענט פעסטשטעלן. איך קען אייך נאָר געבן דעם אַדרעס פון רעסטאָראַן. ער געפינט זיך אויף רחוב (רעכאָוו — גאַס) היר־קון (האַיאַרקאָן) פּינת (פּינאַט) מענדעלי. (דאָס איז אַ גאַס אויפן נאָמען פון מענדעלע מוכר ספרים).

דאָרט קענט איר הערן וואָס דער דאָזיקער אדון גולדמן עסט. איר מעגט רויק באַשטעלן די זעלביקע שפּייזן, נאָר האָט אין זינען, אַז ווען איר בעט עפּעס אויף העברעיִש, גיט אַ קוועטש אויפן לעצטן טראָף, למשל: בשר — באַסאַר (פלייש), כאַפּט אַריין דעם ערשטן **באָס** און ערשט אויפן לעצטן **אַר** לייגט אַוועק דעם אַקצענט; דאָס זעלבע מיט מטוגן (מעטוגאַן — געפּרעגלטע), דעם **מעטו** כאַפּט אַריין און דעם **גאַן** גיט אַ קוועטש.

איר דאַרפט נאָר זיצן מיט דעם גאָלדמאַנען אין זעלביקן רעסטאָראַן, וועט איר אי האָבן אַ הנאה פון עסן און אי איר וועט זיך אויסלערנען העברעיִש, לכל־הפּחות וועט איר באַקומען אַ באַגריף, ווי אַזוי מען קען עסן און טאַקע אַריינעסן אויף העברעיִש.

זאָל דער אַדון גולדמן זיין פאַר אייך אַ דוגמא, ווי מען עסט און זייט איר פאַר אים אַ גוטער בעטער, ער זאָל האָבן אַריכות ימים ושנים.

אויף אַ דאָרפֿישער חתונה

אין אַ ווייטן דאָרף פֿריילעך איז אַצינד,
אַ חתונה איז דאָרטן ביי יאַנעקלס אַ קינד...

(פֿון אַ פֿאָלקסליד)

קיבוץ נזר. געדאַרפֿט האָט קומען צו מיר אַן אויטאָ און נעמען מיך און נאָך אייניקע פֿאַרשוינען פֿון תל־אביב ביזן קיבוץ, וווּ עס איז מיט מזל געפֿראַוועט געוואָרן די חתונה פֿון אַ פּלימעניצע פֿון דעם באַרימטן זינגער סידאָר בעלאַרסקי, אַ געוועזענע לערערין אין בוענאָס־איירעס און אַליין אַ פֿאַרקנסטע צו אַ חתן פֿון דעם דאָזיקן קיבוץ.

אַלע זאַכן האָבן געשטימט אויף אַ האָר, נאָר איין זאַך איז נכשל געוואָרן — דער אויטאָ. ער איז נישט געקומען לא ביום ולא בלילה און אומזיסט האָב איך אויף אים געוואַרט.

פֿון דאַנען איז געדרונגען, אַז וואָס שייך הבטחות און צוזאָגענישן איז די וועלט איין קרעטשמע — מען פֿאַרקויפֿט אייך בראָנפֿן און מען גיט אייך וואַסער.

און דאָ בין איך דער גלאַוונער מחותן. איך פֿאַרטרעט דעם טאַטן מיט דער מאַמען, די פֿעטערס און די מומעס און די פּלימעניקעס, די שוועסטערקינדער, די ברידער און שוועסטער (שיר געוואָלט זאָגן „פֿון אַרבעט און נויט") און פֿאַרטרעט אויך דעם גרויסן פֿעטער, סידאָר בעלאַרסקי. מיין לאַגע איז דעריבער געווען זייער אַן ערנסטע.

חוץ דעם האָב איך געהאַט אין באַזיץ סיי כלה־מתנות וגם חתן־מתנות; איין מתנה גאָר אַ וואָגיקע — אַ גאָלדענעם זייגער.

מיט אָט דער אַחריות און פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר אַ גאַנצער פֿאַרצווייגטער משפּחה, וואָס נעמט אַרום עטלעכע קוואַרטאַלן פֿון דער שטאָט בוענאָס־איירעס, ניו־יאָרק, וווּ עס וווינט בעלאַרסקי מיט זיין משפּחה און טאַקע מיין אייגענע משפּחה — אָנגע-

לאָדן מיט די דערמאָנטע מתנות — האָב איך זיך אָװעקגעלאָזט מיט אַן אױטאָבוס פֿון תל־אביב קײן רמלה. אין רמלה האָב איך געמוזט נעמען אַן אַנדער אױטאָבוס, װאָס האָט מיך געדאַרפֿט פֿירן ביז צום װעג, װאָס פֿירט צום קיבוץ.

דער פּלאַן איז געװען אױסגערעכנט צו קומען צו דער חתונה אַרום 7 אַ זײגער פֿאַר נאַכט. װען איז דאָס געװאָרן געװאָרן? װען עס קומט דער אױטאָ, אָבער אַז דער אױטאָ איז נישט געקומען, האָט מיך דער אױטאָבוס געלאָזט בײם װעג װאָס פֿירט צו דער דאָרפֿישער חתונה פּונקט 9 אַ זײגער מיט אַ האַלבן.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט און זיך דערפֿילט עלנט װי אַ שטײן אין דער נאַכטיקער שטילקײט פֿון ארצנו הקטנטונת, אונדזער קלײן און פּרעכטיק לאַנד, װוּ דו קענסט קײן מאָל נישט װיסן צו װעלכער גרענעץ דו װעסט פֿאַרבלאָנדזשען.

רבותי, איך געהער נישט צו די שרעקעװדיקע. אָבער װען מען הײבט אָן גײן מיט אַ װעג װאָס דאַרף מיר פֿירן אין אַ קיבוץ, אָן װעלכע אױסזיכטן צו באַגעגענען עמיצן צו פֿרעגן, צי מען גײט אין דער אמתער ריכטונג.

װען דער הימל איז טאַקע פֿײן אױסגעשטערנט און בײמער און קוסטעס שטײען שטיל און סודותדיק. אַרום איז פֿינצטער און מען טראָגט נאָך דערבײ כלה־ און חתן־מתנות, איז גוט אַז מען קען אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים פֿון אױסנװײניק.

עס איז בעסער צו גײן און פֿרײלעכער. מען קען אױך אױס־פֿײפֿן אַ לידל. אָבער װאָס איר זאָלט נישט טאָן, איז פֿאַרט נישט אַזױ פֿױגלדיק.

לױט מײן אױסרעכענונג, אַזױ װי די ישראל־מאַפּע איז מיר אײנגעבאַקן אין האַרץ און זכרון, האַלט איך שױן בײ דער גרענעץ מיט יאַרדאַניע. טאָ װוּ איז ערגעץ דער קיבוץ גזר?

שאַ, עפּעס רױשט, עפּעס לײכט זיך — אַ דזשיפּ. איך שטעל מיך אַװעק אין מיטן שאָסײ, מעשה טרעמפּ, װי מען רופֿט עס אין ישראל (אַן איבערבלײב פֿון די ענגלישע צײטן). ער בלײבט שטײן. איך דערצײל די צװײ חברה, אַז איך פֿאָר אױף אַ חתונה און בין אַ מחותן און פֿאַרטרעט די רעפּובליק אַרגענטינע.

—אױב אַזױ — זאָגן זײ — קענסטו דאָך שפּאַניש! הלמאי

רעדסטו העברעיִש? ווידער, אויב דו פֿאָרסט אויף אַ חתונה, איז נאָר דאָ היינט איין חתונה אין קיבוץ גזר. קריך אַרויף, ווייל מיר פֿאָרן אויך אַהין.

די רייזע אויפֿן דזשיפּ איז געווען אַ פֿריילעכע און נאָך פֿריי־לעכער איז געווען דאָס אַריינקומען אין קיבוץ גזר.

די מוזיק האָט געקלאַפּט (נישט קיין אָרקעסטער), די טישן זענען געווען געגרייט און מען האָט געשמאַק צוגעביסן.

מיין באַגעגעניש מיט דער כלה איז נישט צום באַשרייבן, דער־פֿאַר מאַך איך דאָ אַ פּינטל און בלייב שטיל. אַ דאַנק דער חתן־מתנה בין איך באַלד געוואָרן מיט אים אַ גוטער ברודער.

מען האָט מיך באַזעצט אויבנאָן און באַלד האָבן אַלע געוווּסט, אַז עס איז געקומען דער גלאַוונער מחותן פֿון מדינת אַרגענטינע. דאָרט האָב איך געטראָפֿן נאָך אַרגענטינער און עס איז געוואָרן ליהודים.

נאָכן עסן האָבן זיך אָנגעהויבן די טענץ. די כלה, צוזאַמען מיט די אַנדערע חברות פֿון קיבוץ האָבן אַראָפּגעוואָרפֿן די שיך און געטאַנצט באָרוועס. די כלה האָט מיר איינגערוימט אַ סוד, איך זאָל נישט דערציילן טאַטע־מאַמען וועגן אַזאַ דאָרפֿישער אויפֿ־פֿירונג.

אַ ספּעציעלער בדחן, וואָס ווערט געבראַכט פֿון שטאָט, אַמו־זירט דעם עולם מיט פֿיינע ווערטלעך און מיט טענץ.

פֿאַר דעם צוועק האָט ער מיט זיך זיין „קאַטערינקע" מיט פּלאַטן און ווי אַ מאַרשאַלעק פֿירט ער אָן מיט די טענץ. אַלע סאָרטן טענץ: אירלענדישע, בעלגישע, אונגאַרישע און עס איז לעבעדיק. ער מונטערט די עלטערע נישט צו בלייבן זיצן, נאָר אַרייגיין אין רעדל. און אָט לערנט ער אויס דעם לעצטן טאַנץ: שלום־ברוגז.

דער טאַנץ באַשטייט אין דעם, וואָס יעדער מאַן און יעדע פֿרוי טאַנצן אַלע מאָל מיט אַן אַנדער פּאַרטנער אָדער פּאַרטנערין. ווען ער האָט זיך געגעבן דריי מאָל אַ דריי מיט זיין פּאַרטנערין, שרייט דער מאַרשאַליק: „ברוגז, ברוגז, ברוגז". און אָט איז שוין אָנגעקו־מען דעם טאַנצנדיקן אַ נייע פּאַרטנערין, דעמאָלט ווערט „שלום, שלום, שלום".

— אויף יִדיש הייסט עס — האָט ער מיר אויסגעטייטשט — אַז מיט אַ נייעם בעזעם איז גוט צו קערן.

איך פאַרלאָז די חתונה. פון דער ווייטנס הערן זיך די טענער פון דער מוזיק און די קולות פון די טאַנצנדיקע. אויפן הימל שימע־רירן די שטערן און עס דאַכט זיך מיר, אַז עס איז ליכטיקער ווי פריִער. אַפילו דיביימער שושקען זיך איצט מיט אַ פריילעכן סוד. אַן אַרגענטינער יִדיש מיידל האָט מיט מזל חתונה געהאַט מיט אַ ישׂראלדיקן בחור אין קיבוץ גזר.

פּאָליצײ

פּאַראַן אַ סך גוטע זאַכן אין מדינת ישראל. דאָ רעדט זיך נישט וועגן די אויפטוען. וועגן דעם וועלן מיר ריידן, איך און איר און דער עיקר די רעדנער וואָס וועלן איצט נעמען ריידן אין די „חד־שים" פון יום־העצמאות. עס וועלן אויך ריידן די וואָס האָבן באַזוכט, וואָס זיי האָבן געזען און געהערט און געלייענט.

דאָ ריידן מיר נאָר עפּיזאָדמעסיק פון גוטע זאַכן, וואָס דאָס אויג כאַפּט אויף צופעליק און איר שרייבט עס אויף. ווער עס וויל לייענט עס. מיט איין לייענער איז באַזאָרגט יעדער איינער וואָס שרייבט — מיטן קאָרעקטאָר, איז ברוך־השם יום־יום.

אָט נעמט אַזאַ ענין ווי פּאָליצײ. נישטאָ אַזאַ ייִד אין דער וועלט, וואָס איז אַ חסיד פון פּאָליצײ. מען ווייסט — מען דאַרף זי האָבן, אָבער שפּרינגען פאַר איר קדושה — מאַ...

ווײס איך נישט צי אין ישראל זענען אַלע בירגער אַנטציקט פון איר. די דאָזיקע בירגער, וואָס האָבן ליב אַ נישטער צו טאָן ביי יענעם אין קעשענע, באַזוכן אַ דירה מיט אַן אייגענעם שליסל — פון זיי איז דאָך אָפּגערעדט. איך האָב אַפילו געהערט פּראָטעסטן אין דער מדינה (ווער עס זענען די פּראָטעסטאַנטן, ווײס איך נישט), אַז מען גיט אַ מאָל אַ קלאַפּ אויך אין דער פּאָליצײ.

אין דעם וויל איך זיך נישט מישן. בכלל קענען מיר זיך נישט מישן ווען אַ חנעוודיקע פּאָליציסטקע, וואָס דרייט זיך אַרום צווישן די אויטאָס, אַ מאָל אויף אַ מאָטאָציקל, באַשטראָפט אַן אויטאָ־באַזיצער פאַר שטעלן שלעכט דעם אויטאָ, פאַר עובר זיין געוויסע רעגלאַמענטן.

די באַלעבאַטים פון די אויטאָס קריצן מיט די ציין און זי, די פּאָליציסטקע, אָדער זי שמייכלט אָדער זי איז ערנסט, אָבער — זי האַלט שוין דאָס ביכעלע אין אירע הענט און זי שרייבט.

אַזוי ווי מיר זענען נאָך נישט קיין ישראל־בירגער און אַוודאי נישט מיט אייגענע אויטאָס, קענען מיר בשום אופן נישט אַרויס־

געבן קיין פסק־דין פון אַ מאַן, ווען אַנטקעגן אים שטייט אַ סימפּאַ־טיש מיידל (אמת, אָנגעטאָן אין אַ פּאָליציי־אַזיש אוניפאָרם מיט דעם מזרחישן ווייסן היטעלע). זי שמייכלט, אָבער פון דעם שמייכל וועט אַרויסקומען אין אַ טאָג־צוויי אַ געלט־שטראָף פון עטלעכע פונט פאַרן עובר זיין אויפן פאַרקער־רעגולאַמין.

מסתמא איז דאָס אַ נייטיקע זאַך. אַ מדינה דאַרף אַלץ האָבן. פון דעסטוועגן איז די ישראל־פּאָליציי אַנדערש ווי אַלע פּאָליציייען אויף דער וועלט.

אָט גיי איך מיר אויף רחוב פינסקר. מיין ציל איז דיזנגוף. אַ פיינע, ברייטע עוועניו אין תל־אביב. אַ געזעמל פון מענטשן. אין דעם פּרט זענען אַלע שטעט אויף דער וועלט גלייך. דאַכט זיך, אַז מענטשן יאָגן זיך, לויפן, איילן זיך. אָבער פּלוצלינג בלייבט מען שטיין.

וואָס איז? מענטשן שטייען, שטעלט מען זיך אויך אָפּ. דאָ אויף ראָג פינסקר און דיזנגוף איז געזעסן, אָדער האַלב געלעגן, אַ יונ־גער ייִד, לויט זיין פּנים אַפּנים פון די מזרח־עדהס.

ליגט ער זיצנדיק און זיצט ליגנדיק און וויל זיך נישט רירן פון אָרט. איידער וואָס־ווען פייפט שוין אַן אַמבולאַנס פון מגן דוד אדום. עטלעכע הויכע און פעסטע פּאָליציסטן הייבן אים אויף.

איז דאָ נישט וויכטיק, צי דער מענטש איז געווען שיכור, אָדער קראַנק, אָדער האָט זיך גלאַט אוועקגעזעצט אויפן אָריענטאַלישן שטייגער, כדי זיך צו פאַרזינקען אין דער נירוואַנאַ.

איך האָב בעת־מעשה געקוקט אויף די ריזיקע פּאָליציי־לייט, אייניקע מיט וואָנצעס, אמתע פּאָליציסטן, וואָס וואָלטן געקענט איינשטיין אין איטלעכן לאַנד, ווו די פּאָליציי־אינסטיטוציע עק־סיסטירט. לויט זייער געשטעל און זייער בליק האָב איך געוואַרט, אַז זיי זאָלן אַ געשריי טאָן, כ׳ווייס: „ראַזיישטש שיען סטאָנד״, אויפן אַמאָליקן פּוילישן שטייגער. אָדער ווי איך האָב עס געזען אין באַרסעלאָנאַ, אויף אַ דורכרייזע אַמאָל, ווען די פּאָליציי האָט געפּאַכעט מיט די שטעקלעך און געשריגן צו פרידלעכע ייִנגלעך און מיידלעך, וואָס האָבן געטאַנצט: „מאָזוערסע, אַל דיאַבלאָ!״ — צעגייט זיך פון דאַנען! (לויטן פּוילישן נוסח). באַוועגן זיך, צום טייוול! (דער שפּאַנישער סטיל).

כ׳האָב געוואָרט אויף אַן ענלעכער איינלאַדונג, ווייל דער עולם איז שוין געוואָרן אַ ביסעלע צו געדיכט.

לאַנג וואַרטן האָט מען נישט געדאַרפט. אָט שטעלט זיך אַוועק דער ריז פון דער משטרה (מישטאַראַ) און מיטן פיינסטן קול וואָס איז מעגלעך, גיט ער זיך אַ זאָג צו אונדז, צו די פאַרזאַמלטע:

— רבותי, בבקשה להתפזר (ראַבאָטאַי, בעוואַקאַשאַ לעהיט־פאַזער), וואָס אויף יידיש וואָלט איר עס רויק געמעגט פאַרטייטשן אַזוי:

זייט אַזוי גוט, רבותי, צעגייט אייך ווי זאַלץ אין וואַסער.

נו, אדרבה, וועלכע פּאָליציי אויף דער וועלט וועט אייך זאָגן: רבותי?

די האַרטע ווירקלעכקייט

פאַראַן מענטשן וואָס באַרימען זיך, אַז זיי האָבן נאָך נישט אַוועקגעהרגעט קיין איין דאָקטער, קיין איין דרוקער. איך קען זיך באַרימען, אַז איך האָב נאָך קיין מאָל נישט געטשעפּעט קיין ייִדישן זשורנאַליסט פאַר וועלן מיך מיט גוואַלד מאַכן פאַר אַ ציוניסט.

לאָמיר אַ ביסעלע אָפּנייגן פון וועג, כדי עפּעס מסביר צו זיין. עס איז אָנגענומען אָנשטאָט „איך", צו זאָגן „מיין וויניקייט". כ'האָב אַמאָל געהערט אַ פּרעזידענט פון אַ פאַראיין, במקום „מיין וויניקייט" זאָגן „מיין קליינקייט". ער איז דווקא געווען אַ ייִד אַ ריז, סיידן ער האָט זיך באַצויגן צו זיין גייסט. דאָ איז ער געווען גערעכט. באמת, אַ קליין גייסטעלע.

אָבער אַני, איך — האַלט נישט פון אָט די סגי־נהורדיקע אויס־דרוקן. מען זאָגט „מיין וויניקייט" און מען מיינט „מיין גרויס־קייט". על כן, דערימעך (נישט **דעריבער**, פריינד זעצער) האַלט איך אַז מען דאַרף ריידן בגוף ראשון, דאָס הייסט, אַז מען רעדט וועגן זיך, דאַרף מען זאָגן: איך.

ווייטער. מה־דאָך אַז איך בין שוין געווען אויף ציוניסטישע קאָנגרעסן, געפּאַקט און געמאָזלט ציוניסטיש, געזען ציוניסטישע טעאַטער־שטיק, געהערט אַלע ישראל־לידער, סיי געזונגען און סיי, זייט מוחל, געקרייעט. איך האָב מיר שוין אָנגעזען מיט אַלע ישראל־טענץ פון אַלע יוגנט־צענטערן אויף אַלע פעסטיוואַלן. אף על פי כן, פון דעסטוועגן, למרות־הכל און לעומת־זה בין איך נישט געוואָרן אוים ציוניסט.

קומען צו גיין ייִדישע זשורנאַליסטן און ווילן מיר איינריידן, אַז מען דאַרף זיין אַ ציוניסט. מערסטנס טרעפט עס ביי די וואָס זענען קיין מאָל נישט געווען קיין ציונים. אלא וואָס דען? זיי האָבן שוין באַזוכט ישראל. מען רעדט וועגן טיפע ענינים און גלאַ־טע זאַכן, ווי למשל, „מיטן געזיכט צום גלות", „מיטן גלות צום פנים" און אַנדערע שווערע און קאָמפּליצירטע פראַגעס. היות איך

אַליין בין שוין אויך געווען אין ישראל עטלעכע מאָל. דאָס לעצטע מאָל פון די „עטלעכע מאָל" אָט־דאָ נישט לאַנג, איז מיר איינגע־פאַלן צו שרייבן וועגן פּשוטע זאַכן. ווער ווייסט? אפשר וועלן זיי עולה יפה זיין.

גיי איך מיר שפּאַצירן... דאָ פּאַסט זיך אַריין: טראַ־לאַ־לאַ־לאַ. פאַראַן אַזאַ יידיש פאָלקסלידל. אָבער איך בין געגאַנגען מיט מיינעם אַ טייערן פריינד, אַ גרויסער תנ"ך־קענער, אַ בקי אין העברעיִשן שפּראַך־אוצר, טאַקע כדבעי. גייען מיר אויף דער רחוב־גאַס דיזנ־גוף. מען דאַרף עס לייענען „דיזענגאָף". אין העברעיִש איז פאַראַן אַ ווערטל, אַז מען קען די גאַס לייענען „דיזעגנאָף" און „דיזגענאָף" און ווי אַזוי מען וויל, אָבער עס איז אַ גרייז...

מיין פריינד איז אויפגעהייטערט און ער רעדט צו מיר נאָר העברעיִש. איך טענה צו אים: הער אויף ריידן העברעיִש, מען וועט מיינען אַז מיר זענען היגע. איך וויל בעסער אָנגיין ווי אַ תייר (טאַיאַר), אַ טוריסט. ער, אָבער איין מאָל ניין. עברית, רק עברית.

— הלא אנחנו נמצאים בארצנו העתיק והחדיש (האַלאָ אַנאַכנו נימצאָים בעאַרציינו האַאַטיק וועהאַכאַדיש) — טענהט ער. מיר געפינען זיך, הייסט עס, עפּעס אין אונדזער אַלטן און מאָדערנעם לאַנד.

גייען מיר... שוין נישט שפּאַצירן. מיר גייען מיט אַ תכלית. מיין פריינד האָט זיך פאַרגלוסט עפּעס אַ טרונק צו טאָן. גייען מיר צו אַ בית־קפה (בייט־קאַפע). וואָס לייכט צו אונדז אַנטקעגן מיט אוניווערסאַלע נעאָן־ליכטער און מיט העברעיִשע און ענגלישע אויפ־שריפטן.

— זה — מאַכט ער — מקום נוח.* עס איז אַ באַקוועם פּלאַץ. און ער גיט זיך אַ לאָז אַוועק אין אַ תנ"ך־מאַרש וועגן טרינקען. ער גרייט זיך צו ווייזן די ישראלדיקע, ווי אַזוי מ'דאַרף בעטן אַ טרונק.

אָט זיצן מיר שוין ביי אַ טישל אין קאַפע־הויז, אין דרויסן אויף רחוב דיזנגוף־גאַס (די דייטשע יידן זאָגן: „רחוב דיזנגוף־שטראַסע"). אַ בחורה (באַכוראַ) מיט קורצע שמאָלע הויזן, לייכ־

---

* זע מאַקאָם נאָאַך.

טער און באַדייטנדיק דעקאָלטירטער בלוזע, מיט אַ טליִענדיקן ציגאַרעט אין אַ ווינקל־מויל גיט אַ קום צו. מיין פריינד גרייט זיך מיט זיין תנ״ך־פּאָרטראַג. אָבער זי, ווי זי וואָלט אונדז געקענט צוויי טויזנט יאָר, גיט האַסטיק אַ פרעג, און דווקא נישט אויף העברעיִש:

— אָררייט, ווהאַט דו יו וויש? (וואָס ווינטשט איר?).

איך האָב געהערט די פראַגע, נאָר מיין פריינד נישט. ער האָט גלייכצייטיק מיט איר, שוין געהאַט אַרויסגעזאָגט, אַזוי ליבלעך ווי עס איז געווען פאַר אים מעגלעך, די זעלביקע ווערטער, וואָס דער עלטסטער קנעכט פון אברהם אבינו האָט אַמאָל אַ זאָג געטאָן ביים ברונעם אין חרן, ווען ער האָט דערזען רבקהן, וואָס איר האָט ער געדאַרפט ברענגען פאַר אַ ווייב אונדזער טאַטן יצחק, כדי זי זאָל שפּעטער ווערן אונדזער מאַמע רבקה:

— הטי נא כדך ואשתה (האַטי נאַ קאַדעך וועעשטע).

און טאַקע באַלד נאָך דעם:

— הגמיאיני נא מעט מים מכדך (האַגמיאיני נאַ מעאַט מאַיִם מיקאַדעך).

און כל־זמן דאָס אייזן איז געווען הייס:

—השקיני נא מעט מים מכדך (האַשקיני נאַ מעאַט מאַיִם מי־קאַדעך).

איך האָב נישט צו דער האַנט יהואָשן, כדי צו זען, ווי ער זעצט עס איבער. (מאָלט אייך, אַז איך האָב געהאַט גענוג צייט אַריינצוקוקן אין דער יהואָש־איבערזעצונג. אָבער אַזוי פּאַסט זיך צו זאָגן). אויף תנ״ך־יידיש מיינען די אַלע דריי בקשות איין זאַך: טרינקען. אָבער ווייזט אויס אַז די אַמאָליקע ייִדן זענען געווען זייער העפלעך, איז עס אויסגעקומען אַזוי:

„טו אַראָפּבייגן, כ׳בעט דיך, דיין קרוג און איך וועל דאַן טאָן טרינקען. זופּן, לאָז מיך אַ זופּ טאָן, בימע, אַ ביסל וואַסער פון דיין קרוג. מאַך מיר אָנטרינקען, זיי אַזוי גוט, אַ ביסל טרינקעכץ פון דיין קרוג״.

מיט אַזאַ שפּראַך האָט מיין פריינד געוואַרט זי זאָל אים ענט־פערן, טאַקע ווי די גוטע רבקה, אונדזער פעטער לבנס שוועסטער, דהיינו:

— שתה, וגם גמליך אשקה.*

וואָס דאָס מיינט אויף אונדזער לשון: אַדרבה, טרינק און איך דיינע קעמלען וועל איך אָנטרינקען...

די בחורה, וואָס כ׳האָב געהערט אַז מען רופט זי שוש (שאָש, פון שושנה) — נישט רבקה — האָט אַזוי נישט געענטפערט. זי האָט אַ ווײַלע אָנגעקוקט מײַן פרײַנד. יענער האָט אַ ביסל געטאָן די שפּראַך אויף עטלעכע טויזנט יאָר און מיט אַ ליבלעכקייט און צאַרטקייט אין דער שטימע, וואָס אַזוינס הערט מען נאָר ביי זוויג־קינדער, האָט ער אַ בעט געטאָן אויפן סאַמע מאָדערנסטן העב־רעיִש וואָס איז נאָר מעגלעך:

— שמעי — מאַכט ער, — גברת. יש לי חשק לשתות דבר־מה, אבל משהו טוב, משהו יוצא מן הכלל...**

איידער מיר וועלן הערן דעם פּסק וואָס ער האָט באַקומען, לאָמיר געבן אַ זעץ־איבער וואָס מײַן פרײַנד האָט געזאָגט. און געזאָגט האָט ער אַזוי צו זאָגן:

„הערט, מאַדאַם, איך האָב חשק צו טרינקען עפּעס, אָבער עטוואָס גוטס, עפּעס אַזוינס ווי אַזעלכעס”.

איידער מיר וועלן אַ הער טאָן די תשובה פון דער גברת, און כדי מיר זאָלן עס בעסער פאַרשטיין, לאָמיר דאָ פעסטשטעלן, אַז עס זענען פאַראַן ווערטער אין אַלע שפּראַכן, וואָס לויט דעם ווי זיי ווערן אַרויסגעזאָגט קענט איר אויפן אָרט באַשליסן, צי דער בעל־דבר איז אין כעס, אָדער נישט. נעמט אַזאַ שפּאַניש וואָרט, ווי „אָיגאַ” — הערט. אַז איר זאָגט עס אַזוי, איז גאָר נישט. עס איז באַקאַנט, אַז וואָס ווייניקער אַ ייִד קען שפּאַניש, אַלץ מער נוצט ער דאָס וואָרט „אָיגאַ”. דאָס נעמלעכע מיטן ענגלישן וואָרט „ליסען”, מילא אַן אומשולדיק וואָרט. אָבער ווען איינער זאָגט אייך „אָיגאַ סעניאָר מיאָ”, ד״ה. „הערט מײַן הער”, אָדער אויף פּויליש: „סלוכאַי פּאַן” — איז ביטער!

דאָס זעלביקע איז מיטן העברעיִשן „שמע”, אָדער ווי די

---

* שטע, וועגאַם גמאַלעכאַ אַשקע.

** שימאַי, גוועדעט, יעש לי כעשעק לישטאָט דוואַר מאַ, אַוואַל מאַ שעהו טאָוו, מאַ שעהו יאָצע מין האַקלאַל.

צברהם זאָגן, „הבט״ (האַבעט — זע). כל־זמן די ווערטער גייען אַליין, זענען זיי ליבלעכע ווערטער, אָבער ווען מען זאָגט אייך אין העברעיִש „שמע, אדוני״, איז עס פּונקט אַזוי ביטער ווי אויף שפּאַניש, אויף ענגליש און אויף פּויליש. די בחורה־גברת האָט אָנגעהויבן איר ענטפער אַזוי.

— שמע אדוני, אין לי זמן. תגיד בבקשה, מה אתה רוצה?*

רבותי, עס איז אַ פּשוטער, נאָרמאַלער ענטפער, וואָס דאַרף איבערגעזעצט ווערן ווערטלעך אָט אַזוי:

— הערט מיין הער, איך האָב נישט קיין צייט. זאָגט, ביטע, וואָס איר ווילט?

נישט אַזוי תנ״כיש. לויטן „שמע אדוני״ און דאָס דרייען מיטן ציגאַרעטל צווישן די ליפּן מיין איך פון דעסטוועגן, אַז אויף יידיש איז טאַקע דער תרגום ווי ער איז אויבן אָנגעגעבן, אָבער געטראַכט האָט זי אַזוי:

„הערט פעטער, פאַרנעמט נישט מיין צייט. שיסט אַרויס וואָס עס ליגט אייך אויף דער צונג און הערט אויף דרייען אַ דאַשעק״.

אויב זי האָט אַזוי געטראַכט, און זי האָט אַוודאי אַזוי געטראַכט, קען מען אויף איר נישט האָבן קיין פּאַריבל. זי האָט נישט קיין צייט צו שפּאַצירן אין תנ״ך. זי איז אַ בירגערין פון תל־אביב וואָס פאַרקויפט אַלערליי געטראַנקען. זי קען אויך סערווירן עפּעס אַ קיי צו טאָן אויב מען וויל, מער נישט — נישט מער.

אָט אַזוי איז דיווירקלעכקייט, די האַרטע ישראַלדיקע ווירקלעכקייט. אין אַנדערע לענדער, ווו מ׳רעדט נישט קיין תנ״ך־לשון, איז בעסער?

---

* שמאַ אַדאַני, איין לי זמאַן. טאַגיד, בעוואַקאַשאַ, מאַ אַטאַ ראַצע?

אייער פון ישראל

אַ מעשה פון דאָ נישט לאַנג

צוליב צוויי טעמים ווערט געבראַכט די דאָזיקע מעשה:

א) ווייל עס איז אַן אַרטיקל וואָס איז נישט געפאָרן און נישט געקומען, נאָר מען האָט עס טאַקע געבראַכט;

ב) ווייל איך האַלט, אַז די ישראל-אייער וואָס זענען דאָ נישט לאַנג געווען די געסט פון אַרגענטינע, זענען זשורנאַליסטיש באַעוולט געוואָרן.

עס וואָלט געווען נאַריש פון מיין זייט מסביר צו זיין דעם היסטאָריש-גאַסטראָנאָמישן באַדייט פון אייער.

איך דאַרף אויך קיינעם נישט דערציילן וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אַמאָל צווישן תנאים, רביים, חכמים און פאַרשיידענע דעבאַטאַנטן — אַלע זענען זיי געווען ייִדן — בעת מען האָט פאַרפאַסט די מסיכתא „ביצה", אַ מעשה מיט אַ „ביצה שנולדה ביום טוב". ווי, ווי וואָס דאָרט האָט זיך אָפּגעטאָן.

דאָ איז אויך נישט קיין רייד וועגן דער טראַנספאָרמאַציע און די מעטאַמאָרפאָזן (ריידנדיק מיט אַ ביסל אַ שווערער שפּראַך) וואָס דאָס איי האָט נעבעך דורכגעמאַכט. די שווערע „יאַיטשני-צעס", וואָס דער קיסר היינריך דער 4טער האָט אַריינגעשיקט אין זיין קאַלאַסאַלן מאַגן; דאָס באַרימטע קאָלומבוס-איי, און טאַקע וואָס דער ייִדישער זשעני אין הלכות פאָלק-גאַסטראָנאָמיק האָט פון דעם איי געמאַכט:

געהאַקטע לעבער מיט אייער; ציבעלעס מיט שמאַלץ מיט אייער; זאַלצוואַסער מיט אייער; פּעטשיי קען מען מאַכן אָן אייער? אַ באָרשטש מוז מען אונטערשלאָגן מיט אַן איי? ווו זענען די האַרטע אייער מיטצונעמען אויפן וועג? היינט לויזע אייער פאַר האַרטע מאָגנס; רויע אייער פאַר שוואַכע חזנים אויף צו שטאַרקן

זייערע פאַרהאַרטעוועטע שטימבענדער. אַ כלל גדול איז אויך, אַז פּאַנקוכנס, יאַטשניצעס, שפּיגל־אייער, פרעזשעניצעס, אייער־לאָקשן, אייער־בייגל, אייער־קיכלעך מוז מען מאַכן מיט אייער.

היינט אַזעלכע גאָלדענע יידישע פאָלקסווערטלעך:

„אַ קו איז געפלויגן איבערן דאַך און געלייגט אַן איי"; „עס איז אַן איי אויף איבערמאָרגן"; „ער זיצט אויפן געלט ווי אַ קוואָקע אויף די אייער"; „זי איז אַזוי קאַרג אַז עס איז איר אַ שאָד אַרויסצוּוואַרפן די שאָלעכץ פון די אייער"; „געגעסן פולע אייער און אַרויסגעטריבן פון מאַרק". אַזעלכע ווערטער גייען נישט צו פוס און האָבן בלי־ספק אַ פאַרבינדונג מיט אייער.

חוץ דעם פיגוראַטיוון, פאָלקלאָריסטישן און רמזימדיקן זין, שפּילן „אייער" אַ באַדייטנדיקע ראָל ביי יידן צו באַצייכענען אַ באַשטימטן טאָג, וואָס איז נישט היינט, נישט נעכטן, נישט פאַראַיאָרן, נישט מיט אַ וואָך צוריק און אַפילו נישט מיט דריי טעג פריער — נאָר אייער־נעכטן. דאָס איז גאָר נישט קיין קלייניקייט!

אָבער אייער שפּילן אויך אַן אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע ראָל און זענען עלול צו פאַרבינדן לענדער און פעלקער און אין דער זעלביקער צייט האָבן זיי אַ כוח צו שפּאַלטן גאַנצע משפחות.

וועלן געוויסע נייגעריקע מענטשן פרעגן: ווי קומט עפּעס אַ טעמע „אייער" אין מיטן דערינען? איז דער ענטפער, אַז יעדער „פאַרוואָס" האָט אויך אַ „פאַר דאָס".

בקיצור — אין אַלע צייטונגען פון לאַנד אַרגענטינע וגם אין די יידישע גאַזעטן באותה המדינה האָבן זיך באַוויזן ידיעות, אַז ישראל וועט באַזאָרגן דער אַרגענטינער באַפעלקערונג מיט אייער.

כידוע, זענען צייטונגען נישט די באַגלייבטסטע עדות. זיי טומלען, זיי רעשן, דערציילן מעשיות פון טויזנט־און־איין־נאַכט וועגן זאַכן וואָס זענען געשען און עס איז שווער נאָכצוקאָנטראָלירן און וועגן פּאַסירונגען וואָס וועלן פּאַסירן און פּאַסירן נישט. נאָר פון דעסטוועגן פּרובירט אָפּשטעלן די צייטונגען, וועט זיך דעמאָלט, שונאי־ציון, אָפּשטעלן דאָס גאַנצע לעבן. מענטשן וועלן אַרומגיין ווי אין אַ הינערפלעט. אַזאַ כוח האָבן זיי, די צייטונגען, האָבן זיי.

אָבער דאָ איז געשען אַן אמתער וווּנדער. איידער מען האָט

איבערגעלייענט די ידיעות וועגן די ישראל־אייער, זענען די אייער שוין געווען אויפן מאַרק, אין די אייזקאַסטנס פון די באַלעבאַס־טעס, אין די פאַנען און פאַטעלניעס, אין די קיכן פון די רעסטאָ־ראַנען און מענטשן פון גרויסן פּאָליטישן איינפלוס — אינטעלעק־טואַלן און אַרבעטער — האָבן געשמאַק געגעסן, געטרונקען, גע־זופּט און געטונקען אַרגענטינער ברויט אין הייסע געשמאַקע יש־ראַלדיקע אייער.

שטילע אַנטיסעמיטן האָבן געהאַווקעט אויף דעם אויפשריפט „איזראַעל״ און האָבן דערפאַר נישט געגעסן די שאָלעכץ פון די אייער. אַקטיווע אַנטיסעמיטן האָבן אי געשריגן, אי געגעסן און אי זיך געוואָרגן, בעת דאָס אַרגענטינער פאָלק וואָס האָט ליב צו עסן אייער האָט זיי געגעסן און הנאה געהאַט. און עסנדיק ישראלדיקע אייער האָבן זיי צוגעטרונקען אַרגענטינער וויין.

פון די יידן איז דאָך אָפּגערעדט. זיי האָבן זיך ממש פאַר־בונדן זעליש מיט מדינת ישראל בעת זיי האָבן געגעסן ישראלס אייער, יעדער אויף זיין שטייגער, יעדער אויף זיין סטיל; סיי טאַקע עסנדיק די אייער ממש אין זייער פולער געשטאַלט, סיי ביים באַ־לעקן זיך פון די אייער שוין אין זייער טראַנספאָרמאַציע אָדער גילגול, ככתוב, ווי ס׳איז אויבן באַשריבן.

איינער אַן אַנטיסעמיט מיט אַן אויערינגל, אַליין אַן אוקראַי־נער, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ דייטשקע, האָט אַ זון וואָס „לערנט״ אין מצרים הלכות נאַציזם און ער האָט טאַקע דאָרט חתונה געהאַט מיט אַ קאָמסאָמאָלקע פון קיִעוו. אָט דער „אַרגענ־טינער״ אַנטיסעמיט, וואָס קריגט אַ פיינע „זשאַלאָוואַניע״ פון דער „אַראַבישער ליגע״, האָט אָנגעגעבן אין געריכט אַן אַרגענטי־נער סוחר, וואָס האָט אים פאַרקויפט ישראלדיקע אייער, בכן, זיי זאָלן אים האָבן פאַרשאַדט.

האָט אים דער ריכטער געשטעלט צוויי קשיות:

א) אַז דו ביסט אַן אַנטיסעמיט און קעגן ישראל, הלמאי האָסטו געקויפט ישראלדיקע אייער?

ב) פון וואַנען ביז איך זיכער, אַז דו מעגסט בכלל עסן אייער?

בקיצור, מען האָט אים „אונטערזוכט״ און אויסגעפונען, אַז

ער טאָר בכלל נישט עסן קיין אייער, ווייל ער איז אַ לעבער־לײדנדיקער און אייער, פון וועלכן לאַנד זיי זאָלן נישט זיין און וועלכע הינער זאָלן זיי האָבן געלייגט, זענען פאַר אים אַ סם המוות, ביי אים בלייב עס.

איצט טענהט דער דאָזיקער אימפּאָרטירטער „אַרגענטינער" אַנטיסעמיט, אַז אין ישראל זענען פאַראַן צו גוטע אייער און אַז די ייִדן אין אַרגענטינע האָבן ספּעציעל געבראַכט די ישראלדיקע אייער, כדי אָפּצורעכענען זיך מיט אים...

אָט דאָס איז די קליינע געשיכטע וועגן אייער וואָס זענען מיט מזל געקומען פון ישראל און זענען דאָ „פאַרצוקערט" געוואָרן.

גרוסן

דאָס שיקן גרוסן פון איינעם צום אַנדערן איז, ווייזט אויס, אַן אַלטע אינסטיטוציע. אַז מען וויל, האָט דעם ערשטן גרוס געבראַכט די טויב פון נחם תיבה.

מען וואָלט דעם דאָזיקן געדאַנק געקענט אויסברייטערן און זאָגן, אַז די טויב איז אפשר געווען דער ערשטער שליח וואָס האָט נישט געהאַלטן קיין רעדעס, געשוועבט אין דער לופטן און נישט געוווינט אין קיין האָטעל.

דאָס שיקן גרוסן האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט אין די שפּע־טערדיקע דורות. קיין צו גרויסער ענין איז עס קיין מאָל נישט גע־ווען. אַז דער טאַטע יאַנקעוו איז געקומען צו זיין ליבלעכן פעטער לבן, און יענער האָט זיך מיט אים אַרומגעכאַפּט, כלומרשט אויס־געפרעגט אויף דער משפחה, האָט ער גאָר אין זינען געהאַט צי יעקב אָבינו האָט מיטגעבראַכט אַ פּאָר דאָלאַר. דאָס האָבן מיר זיך דערוווּסט ערשט שפּעטער, ווען מיר האָבן געלייענט דעם חומש.

אָבער מען האָט זיך מיט אים אָפּגערעכנט — זאָגט מיין בן־עיר, מענדל לויפער. ער האָט זיך אַליין איבערגעדרייט דעם נאָמען אויף מענדל ראָץ (פון שורש רץ, לויפן) נאָך איידער עס איז אַרוים די „מאָדע" צו פאַרבייטן יידישע נעמען אויף העברעיִש — נאָך אַ מין אָפּגערעכנט. גלייך ווי מען האָט זיך דערוווּסט אַז אָט דער לבן איז אַזאַ פיינער תכשיט, האָט מען אים געגעבן אַ צונאָמען „לבן הארמי". ווען מען מאַכט פון אים אַ פּיעסע פאַרן יידישן טעאַ־טער, וואָלט ער נישט געהאַט קיין אַנדערן נאָמען ווי „לאַוואַנטשיק דער בלאָפער". אַ מצווה אויף אים.

וואָס ווייטער, איז דאָס מין „לאָזן גריסן", אָדער איבערגעבן מיט די אייגענע הענט „אַ גרוס", געוואָרן נישט מער ווי אַ מעכאַ־נישע זאַך. כמעט דאָס זעלביקע ווי זאָגן אַ דאַנק פאַר יעדער קליי־ניקייט. אָבער — מען זאָגט און מען גריסט.

וואָס פאַר אַ טעם, למשל, קענט איר געפינען אין אַ בריוו פון

אַ מענטש פון איין פּאַרטיי צו אַ פּאַרשוין פון אַ צווייטער קעגנע־רישער פּאַרטייאישער אָנשויונג, ווען יענער ענדיקט זיין סם־המוות־בריוול מיט „האַרציקן גרוס”? אָדער גאָר ווען איינער מאָנט אַ חוב, שרייבט ער צו זיין בעל־חוב, נאָך דעם „עד מתי”, „ביז וואַנען” און „וויפל איז דער שיעור צו וואַרטן” — דאָס חנעוודיקע שורהלע „מיט די וואַרעמסטע גרוסן”, פּלוני בן פּלוני?

קען עמיצער באַהויפּטן אַז עס ליגט עפּעס אַ ממשותדיקייט אין אָט די „האַרציקע” און „וואַרעמע” גרוסן? גאָר נישט. מען וואַרפט זיך מיט האַרציקייט ווייל עס רירט אַפילו נישט אָן די פּאָדעשווע און מען הייצט מיט „וואַרעמקייט” ווייל מען מאָנט ביי אייך נישט פּאַר גאַז אָדער סופּערגאַז. אַ מענטשלעכע געוווינ־הייט, אַ פּראָדוקט פון דער ציוויליזאַציע, וואָס האָט צו טאָן מיט פיינער באַנעמונג. פּאַר וואָס טאַקע נישט?

ווען, הייסט עס, איז דאָס אַלץ געזאָגט געוואָרן? ווען עס רירט אייך נישט אָן פּערזענלעך; ווען די אַלע גרוסן זענען אומשעדלעכע פיינע ווערטער, וואָס ערשטנס שרייבט מען זיי צום סוף, ווען איר האָט זיך שוין גאַנץ פיין אָפּגערעכנט מיטן בעל־דבר, און צווייטנס, שיקט מען זיי דורך פּאָסט.

גאַנץ אַנדערש אָבער, איז ווען איר דאַרפט זיך טרעפן פּנים אל פּנים מיט דעם וואָס איר דאַרפט עס אָפּגעבן אַ גרוס אים, זיין ווייב און דער משפּחה. עס טרעפט, אַז איר האָט פאַרגעסן זיין נאָמען. עס איז נאָך אַ גרויסע פראַגע צי ער איז בכלל אַ באַווייב־טער, אָדער ער איז טאַקע פון דער נאַטור אַ פרייהייט־ליבנדיקער מענטש.

אויב איר געדענקט יאָ דעם נאָמען און איר זענט הונדערט־פּראָצענטיק זיכער, אַז ער האָט אַ ווייב מיט קינדער און הגם אייך איז אַ ביסל אָנגעזייערט אויף דער נשמה און „אָנגעזאָליעט אויפן האַרצן”, נעמט איר און מאַכט אַן אָנשטרענג, איר טוט אַ שמייכל און גיט זיך אַ זאָג:

„אַ גרוס אייער ווייב און אייערע בני־בית”.

דאָס העלפט אייך יאָ און — נישט. עס העלפט אייך טאַקע צו מאַכן אַ סוף צו דער באַגעגעניש, וואָס איר האָט זי געדאַרפט ווי אַ לאָך אין קאָפּ און קענט נאָך אַזאַ גרוסל גלייך אַוועקגיין. איר

קענט אָבער אַ מאָל אָנמאַכן אַזאַ צרה, וואָס אַזוינס איז אייך נישט איינגעפֿאַלן ווען איר זענט אַפֿילו מיט צען קעפּ.

ווייל פֿון וואַנען ווייסט איר, אומבאַקאַנטער פֿריינד וואָס איר זענט, אַז איר מעגט אָפּגעבן אַ גרוס יענעמס ווייב, בעת איר באַגעגנט זיך מיט אים? וואָס הייסט, איר מישט זיך אַריין אין אַ וויכוח אָדער ברוגז וואָס ציט זיך שוין יאָרן אָדער דורות? איר טרעט ממש אויף אַ געביט, וואָס זאָגט זיך בפֿירוש סכּנה!

מיר איז נישט באַקאַנט דער טעמפּעראַמענט פֿון אייער פֿרוי. זי קען איבערחזרן דאָס אויבן־געזאָגטע וועגן אייער אומפֿאַרזיכטיקייט און זי קען צוגעבן נאָך אַנדערע ווערטער. אויב זי איז פֿריי אין אויסדרוק און האָט דעם נייטיקן וואָקאַבולאַר, זענען די פּאָר ווערטער אַ הונט קעגן דעם וואָס זי וועט אייך זאָגן.

לאָמיר האָבן דעם מוט, (ווי אַ נייטראַלער מענטש, נישט דעפֿינירט ווי אַ פֿרויען־פֿיינד, אָבער אויך נישט קיין איבעריקער פֿרויען־פֿריינד) צוצוגעבן, אַז זי איז גערעכט. וואָס הייסט עפּעס מען גייט זיך אויף אַזאַ אַוואַנטורע און מען לאָזט גריסן יענעמס ווייב, דערביי נישט האָבנדיק דעם מינדסטן דיפּלאָמאַטישן פֿאַרזיכט, טאָמער זענען די ביידע ווייבער צעקריגט צווישנאַנדער?

דאָס איז נאָך אַלץ אַ גאָרנישט קעגן דעם וואָס עס קען טרעפֿן מיט אָט־די גרוסן און וואָס האָט טאַקע פּאַסירט מיט מיר אַליין. דאָרט האָט זיך נישט געהאַנדלט פֿון פּשוטע בשר־ודמס, נאָר שרייבערס, אַקטיאָרן, זשורנאַליסטן און טאַקע קינסטלער אויך.

אַזוי ווי איך מאַך פֿון מאָל צו מאָל אַ יאַזדעלע קיין אַמעריקע, קיין ישראל און אויך קיין תל־אביב, האָט מיר איין שרייבער געבעטן לאָזן גריסן דעם אַקטיאָר און יענעם שרייבער. אַן אַנדערער האָט מיר געבעטן פֿאַרקערט. ווייס איך נישט, אפשר האָב איך פֿאַרביטן דאָ און דאָרט די יוצרות, אָדער די גרויסן־אָפּנעמערס זענען יענעם טאָג געווען נערוועז. ווי עס זאָל נישט זיין, בין איך געוואָרן דער בליץ־אָפּלייטער און בין דערביי געוואָרן פֿייַנע זאַכן. אָט הערט אויף אַ טשעקאַוועס וואָס עס האָט פּאַסירט. לאָמיר אייך אפשר איבערגעבן די דיאַלאָגעלעך? יאָ.

גיי איך צו איינעם, קלאַפּ אָן אין טיר, קום אַריין און גיב אַ פֿרעג:

— איר זענט עס שמעון קאָרקנציִער, דער שרייבער פון קינ־דערשע דערציילונגען פאַר מיטליעריקע ווייבער?

— יאָ — מאַכט ער —איך בין עס. אָבער איך שרייב קינדיש פאַר אַלט און יונג.

— ווו דרוקט איר זיך?

— ווו עס לאָזט זיך.

— ווו לאָזט זיך?

— אין ערגעץ נישט.

— זייער אַ פיין פּלאַץ. איך בין געקומען אייך אָפּגעבן אַ גרוס פון אייער פריינד, יאָסל שניידמאַן...

— וואָס? פון דעם... (דאָס וואָרט קען מען דורכלאָזן); דעם מערזאַוויעץ? מוחל. אויב איר זענט פון יענע מקומות — איז אפשר קענט איר בעסער שמחה קראַנצמאַנען. דאָס איז אַ שרייבער און אַ מענטש אויך.

— יאָ — זאָג איך — אייך האָט טאַקע געלאָזט גריסן שמחה קראַנצמאַן און נישט יאָסל שניידמאַן. יענער האָט גאָר געלאָזט גריסן דעם דיכטער און איבערזעצער שלמה פעלדמאַן.

— וואָס האָט איר געזאָגט? דעם „דיכטער פעלדמאַן”? ציט גלייך צוריק אייערע ווערטער! איר האָט שוין געהערט פון אַ דיכ־טער ביי ייִדן, וואָס הייסט פעלדמאַן? איך קען אַ פעלדמאַן, איז ער אַ פּראָפאַן ערשטע קאַטעגאָריע. זאָגט איר נאָך, אַז ער איז אויך אַן איבערזעצער? אפשר וואָלטן מיר אים געמאַכט פאַר אַן **איבער־טראָגער** במקום **איבערזעצער**? זיינע איבערזעצונגען קען איך נישט, אָבער יענעמס לידער, וואָס ער האָט איבערגעטראָגן צו זיך אין אַ ספרל — דאָס איז מיר יאָ באַקאַנט.

וואָס זאָל איך אייך דערציילן? איך האָב געהאַט דעם זעלביקן אָפּשניט ביי פעלדמאַנען (יענער האַלט זיך פאַרן גרעסטן מייסטער אין פּאָעזיע). איך בין געגאַנגען מיט דעם גרוס צו וואָרמאַן, צו אָקסמאַן, צו קרייזמאַן און אומעטום האָב איך פאַרפּלאָנטערט די גרוסן און יעדער איינער, אויף זיין שטייגער, האָט זיך מיט מיר אָפּגערעכנט.

— פון דעם דראַנג — האָט איינער צו מיר געטענהט — ברענגט איר מיר אַ גרוס? פון דער ליטעראַרישער קאַליקע?

— זאָל ער ברעכן אַ פוס אין דריַיען — האָט מיר אַ צווייטער געענטפערט אויפן גרוס.

דאָס איז פאַר מיר געווען אַ גוטע לערע. איך האָב אויסגעפּו־ גען אַ נייעם מעטאָד. איך ראַט אַלעמען נאָכצוטאָן מיין ביישפּיל, דהיינו:

מען נעמט און מען שרייבט זיך אויס אַ ליסטע פון אַלע וואָס ווילן אָפּגעבן אַ גרוס און מען מאַכט אַ צווייטע רשימה פון די אַלע וואָס דאַרפן אָפּנעמען אַ גרוס. קום איך, לאָמיר זאָגן, צו אַדון שוואַרצמאַן אין ישראל, אָדער צו מיסטער וויסמאַן אין אַמעריקע. איך גיב אים די רשימה פון די „גריסערס" און איך זאָג אים: נעמט און קלייבט אייך אויס וועמען איר ווילט און וועמען איר וועט אויס־ קלייבן — דער האָט אייך געלאָזט גריסן.

אין גאַנצן פּערפעקט איז עס נאָך נישט. אָט האָב איך איינעם געגעבן אַזאַ רשימה, האָט ער אויסגעמעקט אפשר 20 נעמען וואָס זענען אים נישט געפעלן געוואָרן. איבערגעלאָזט האָט ער נאָר עט־ לעכע, וואָס זענען אים געווען פרעמד. איך האָב זיך מער נישט גע־ קענט פּרעזענטירן צו אַן אַנדערן מיט אַ געמעקטער רשימה.

הכלל, רבותי, אויף דעם איז אויך דאָ אַן עצה: מען דאַרף זיך מאַכן עטלעכע קאָפּיעס כדי עס זאָל אייך שטענדיק בלייבן איין נישט-געמעקטע רשימה.

וואָס איז דאָ צו ריידן? מען דאַרף פּשוט אָפּדרוקן אַ צירקולאַר מיט עטלעכע צענדליק קאָפּיעס, כדי אָפּצוגעבן איין גרוס און מען זאָל אייך דערפאַר נישט זידלען.

אָריענט און אָקצידענט

וקבצנו מן הגוים.

האָב איך אַ בן־עיר, הייסט ער שלום פרידלעכער, איז ער דער גרעסטער קריגער און אָפּאָנענט. ער טייטשט דעם דאָזיקן פּסוק אַזוי:

וקבצנו — מיר זענען גרעסערע קבצנים, **מן הגוים** — פון די איטאַליענער.

דאַקעגן, ווידער, בשעת אַ גאַנצע וועלט טענהט, אַז ייִדן זענען די גרעסטע דעמאָקראַטן, זאָגט ער, אַז ייִדן זענען געגליכן צו מענטשן. נאָר וואָס דען? ייִדן וואָס זענען ביי מאַכט, ווערן אַ ביסעלע אויס מענטשן, וואָס מיינט תקיפיש און אויטאָקראַטיש. ווידער, מענטשן וואָס זענען נישט ביי מאַכט, זענען פּונקט אַזוי דעמאָקראַטיש און אָרנטלעכע שלימזלים ווי ייִדן.

אויך וועגן אַרגענטינע און „אונדזער וואַרעמען ישוב" האָט ער אַ משה־קאַפּויער מיינונג, ווי דאָס איז אָנגענומען פון געוויסע געסט פון אַמעריקע, ישראל און פון די נאָטיצן וואָס דערשיינען אין די צייטונגען. אַזאַ ייִד איז ער. אָבער דאָס געהערט לחלוטין נישט צו דעם עסק, וועגן וועלכן מיר שרייבן דאָ.

ווי קומט דאָ, קענען מיט רעכט טענהן די טויזנטער לייענער, דער „וקבצנו"? איז עס אַ זייער ריכטיקע שאלה. עס איז אָבער אויך פאַראַן פאַר דער קשיה דער נייטיקער תירוץ. אין מאָדערנעם שווערן לשון הייסט עס „אַסאָציאַציע פון געדאַנקען"; אויף פּשוט ייִדיש דאַרף מען זאָגן „אַרויסגעכאַפּט די ווערטער פון מויל". די מעשה איז אַזוי.

אונדזער ישוב איז איצט אין די הויכע וואָכן, לאַנגע חדשים און אין סאַמע ברען פון פראַווען דעם טאָג פון ישראלס זעלבסטשטענדיקייט, וואָס ציט זיך און ציט זיך ביז העט צו ראש־השנה. היות איך בין אַ באַאַמטער (נישט פאַר קיין שום ייִדישע טאָכטער געדאַכט) קומט מיר אויס צוצושטעלן רעדנערס צו ריידן און אין

אַלע רעדעס מוז דערמאָנט ווערן „קיבוץ גלויות" און „מיזוג גלויות", האָט זיך ביי מיר פאַרטשעפּעט דער קיבוץ, קבצתי, וקבצנו.

פאַר איין וועג לאָמיר שוין נישט נאָר ריידן, נאָר טאַקע געבן אַ שטיקל טריבוט אָט־דעם אַזוי באַרעדטן, באַדרשנטן (באַדאַר־שנטן) און באַרעפּעראַטעוועטן **מיזוג גלויות** — די צונויפמי־שעניש פון פאַרשיידענע ייִדן, בעיקר פון מזרח און פון מערב — פון אָריענט און אָקצידענט.

זיצן מיר אַזוי, זיצן מיר אין אַ שווערן הייסן טאָג אין תל־אביב, דעלעגאַטן פון אַלע „**פאַרשקלאַפּטע**, אימפּעריאַליסטישע לענדער" אין אַ פיינעם קעלער־קלוב, וואָס געהערט צו דער פּאַרטיי וואָס פירט די פּאָליטיק און די ווירטשאַפט פון ישראל, צופּן וויינטרויבן פון די צווייגלעך, וואָס זענען פיין און עסטעטיש און קינסטלעריש צעהאָנגען און צעלייגט אויף ספּעציעלע שטאַנדן צוזאַמען מיט אַנ־דערע פרוכטן און מטעמים.

אויף דער בינע הערשט דער אָריענט — מזרח. אַ פיינע גרופּע טענצערס און זינגערס און פון זיי טיילט זיך אויס אַ צאַרטע שלאַנקע טענצערין, טאַקע ווי עס זאָגט זיך אין שיר־השירים: „שחורה אני ונאוה", און אַ בייגעוודיקער אָריענטאַלישער טענצער מיט לאַנגע פּיאות, אָנגעטאָן אין אַ שבתדיקן תימנישן טראַכט.

זיי באַוועגן זיך לאַנגזאַם, פּאַוואָליע און דאָס געזאַנג ציט זיך און וויקלט זיך און פאַרגייט זיך אין דעם אינעווייניק פונעם האלדז, און קומט ווידער אַרויס מיט מאָנאָטאָנער לעבלעכקייט אין דעם אָנגעהיצטן קעלער באַגלייט מיט מידער, פאַרחלשטער באַוועגונג און טאַנץ.

טרעפט וואָס עס זינגט־צו דער כאָר, כדי די טענצערס זאָלן עס אויסטאַנצן אַזוי געלאַסן, אַז ערשט נאָך אַ גוטער שעה פון אויס־דויער, האָפענונג און דערוואַרטונג מצד די אויערן און אויגן פון די פאַרחלשטע דעלעגאַטן, עס זאָל סוף־כל־סוף דערגרייכט ווערן דער פינאַל? הערט!

לע־האָ דאַ־אָ־די לי־קע־ראַט
קאַ־אַ־לאַ פּע־נע שאַ־באַט
נע־ע־קאַ־בע־לאַ.

רבותי, ייִדן, איך כאַפּט זיך אַוודאי אַז דאָס איז אונדזער היי־מישער „לכה דודי לקראת כלה פּני שבת נקבלה״, וואָס אַ פּוילי־שער ייִד זאָגט עס נאָך היימישער: „לייכו דוידי ליקראַס קאַלו פּיי־ניי שאַבאַס נייקאַבלו״.

אַ פיינער טאַנץ, אַן אָריענטאַליש־סטיליזירטער טאַנץ. דער אויסטאַנץ פון אַ צניעותדיק פּאָרל לכבוד שבת־מלכה און טאַקע נאָך עפּעס. די קולטור־מענטשן פון דער דעלעגאַטישער מערבֿ־וועלט מאַכן אומגעהייערע אָנשטרענגונגען צו געניסן, צוגעוווינען דאָס אויער, דאָס אויג און אַלע חושים צו דעם קולטור־קינסטלע־רישן פּרוּוו פון מיזוג־גלויות, נישט פון די רעדעס, דרשהס און רעפעראַטן, נאָר אויפן אייגענעם לייב, אויפן אייגענעם געדולד.

אין דעם דאָזיקן געראַנגל פון צונויפגוס פון טויזנט־יעריקע ייִדישע קולטורן, איז גוט אַלע מאָל אַ כאַפּ צו טאָן אַ וויינטרויב, אַ קאַלטן טרונק, כדי זיך אָפּצופרישן פון דער היץ פון תל־אביב און פון דער צניעותדיקער געלאַסנקייט פון אָריענט. און ביידע — מזרח און מערבֿ, זענען אונדזערע — ייִדישע.

איך זיץ צופעליק לעבן אַ באַרימטן שרייבער. איך האָב זיך אויסגעלערנט „צופעליק״ צו זעצן זיך לעבן באַרימטקייטן און באַ־וווּסטקייטן. ס'איז אַ מעלה, פאַרלאָזט זיך אויף די ייִדן וואָס האָבן עס דערשנאַפּט. ביי אַזעלכע צוזאַמענקונפטן און מסיבות דרייען זיך שטענדיק אַרום פאָטאָגראַפן מיט זייערע אַפּאַראַטלעך. דער־זעען זיי אַ באַרימטן מענטש, גיבן זיי אַ כאַפּ אַראָפּ אַ פאָטאָגראַ־פיע, דעמאָלט קומט אויך אַרויס דער דערנעבן־זיצנדיקער. עס זע־נען פאַראַן גאָר צפּאַנע חברהלייט, וואָס מאַכן עס נאָך בעסער: ווי נאָר זיי דערזעען אַז דער פאָטאָגראַפטשיק גייט געבן אַ קוועטש דאָס האַטשיקל, ווענדן זיי זיך צום באַרימטן מענטש מיט סתם אַ וואָרט, כ'וויים: ס'איז היים? ס'איז קאַלט? אפשר האָט איר אַ שוועבעלע? וכדומה. דער בעל־דבר דרייט זיך אויס און די פאָטאָ־גראַפיע קומט שפּעטער אַרויס ווי „אַן אינטימער געשפּרעך״ צווישן דעם זיצנדיקן און דעם באַרימטן. אַזוי ווערט פאָטאָגראַפיטשנע געפעלשט געשיכטע.

זיץ איך, הייסט עס, צופעליק לעבן אַ גאָר באַרימטן שרייבער און צופעליק קענען מיר זיך טאַקע. פאַרן פאַרענדיקן דעם אָריענ־

טאַלישן לכה דודי־טאַנץ רוימט ער מיר איין אַ סוד אין אויער: אַזוי וועלן מיר אַלע אויסזען אין הונדערט יאָר אַרום...

מיר שטעלן זיך אויף. ער כאַפּט אַ קוק אויפן זייגער, איך כאַפּ אַ קוק אויפן זייגער; ער גיט אַ זוך אין קעשענע, איך זוך אין קעשענע; ער נעמט אַרויס אַן איינלאַדונג — איך, אַ פאַרבעטונג. לאָזט זיך אויס, אַז מיר זענען פאַרבעטן, איטלעכער באַזונדער, צו אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג, נישט פון אָריענטאַלישע, נאָר פון מערב־קרעפטן — קינסטלער פון אָקצידענט. גייען מיר צוזאַמען.

אָט זענען מיר אין טעאַטער. אַ מערב־סביבה. אַלץ איז ווייס, ליכטיק — די ווענט, דער סופיט, די קעפּ פון דעם עולם, אויך פון די אַקטיאָרן. נישט מער, וואָס טייל פון זיי זענען באַדעקט מיט מערב־שוואַרצער טינטור, אויך בלאָנד (בעיקר די פרויען) — מערב־בלאָנד.

עס הייבט זיך אָן די שפּיל. אַ בינע מיט אַ טיש איבערגעדעקט מיט אַ טישטעך, אַ ווייסן, און אַ קאַרפינקע מיט משקה. די קלאַסישע משקה פון דער יידישער בינע פאַר דעם „קומיקער" וואָס קלאַפּט טאַקע באַלד אָן אין דער טיר און דאָס דינסטמיידל זאָגט אים דעם נאָך מער קלאַסישן טעאַטראַל־יידישן „קאָם אין".

נו, מיר זענען, ברוך־השם, ביי זיך אין דער היים — אין סאַמע מערב. עס קומט טאַקע באַלד אַריין דער קאָמיקער און זאָגט „העלאָו", גיט אַ שטאָרך דאָס דינסטמיידל און פרעגט „ווען טרינקט מען דאָ?". ער וואַרפט אַריין אַ 9-8-7-6 גלעזלעך. נאָך יעדן גלעזל זאָגט ער „לחיים" און „אָה, אַ גוט ביסעלע משקה". באַלד זעט מען ווי דער דיריגענט פון אָרקעסטער קלאַפּט מיטן שטעקעלע, אַ סימן — מ'עט זינגען און טאַנצן. זאַראַז — באַלד און טאַקע תיכף־ומיד „פרישן" זיך אָפּ אונדזערע אויערן, וואָס האָבן איינגעזאַפּט נאָר־וואָס דעם לאַנגזאַמען און מאָנאָטאָנעם אָריענטאַלישן קלאַנג, מיט קופּלעט־מוזיק, וואָס נאָר די ווערטער בין איך בכוח איבערצוגעבן, ווייל נאָטן האָב איך זינט אַ לענגערע צייט אויפגעהערט צו שרייבן. און די ווערטער זענען פחות או יותר (פּאַכאָט אַ יאָטער, פיל־וויניקער) אָט אַזוי:

מיידעלע דו פיין, מיידעלע דו שיין
דו וועסט מיט מיר צו דער חופה גיין.
זינט ס׳ביים־מיקדעש איז צעשטערט
האָב איך דיך באַגערט,
וועל איך מיט אַלע קרעפטן זעען,
זאָלסט זיך פון מיר נישט אַרויסדרייען.

דאָס זינגט ער, דערנאָך זינגט זי פאַרקערט און זאָגט: „יינגע־לע דו פיין, יינגעלע דו שיין" און דערנאָך זינגען זיי צוזאַמען און צום סוף גייט אַ טענצל. עס קומען שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן און דאָס לידל ווערט געזונגען אויף בים און גאָר צום סוף האָבן זיי גענומען איינזינגען דעם „שלאָגער" מיטן עולם. פּונקט ווי ביי אונדז.

מיר האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט און אַרויס אין „פאָיע" פאַרדרייכערן. פון דאָרט זענען מיר אַרוים אין גאַס און נישט גע־פילט, אַז מיר דערווייטערן זיך פון דעם מערב־טעאַטער. עס האָט זיך פאַרבונדן צווישן אונדז אַ שמועס:

— איך: נו, מערב.

— ער: יאָ, אָקצידענט.

מיר האָבן זיך דערנענטערט צו אַ שטעל, ווו מען פאַרקויפט אייזקרעם. מיר האָבן געבעטן „גלידה" (גלידאַ). לעבן אונדז האָט איינער פון די אָריענטאַלישע עדהם אויך געבעטן גלידה. ער האָט געזאָגט „געלידהאַ". מען האָט אים געגעבן די זעלביקע פּאַרציע אייזקרעם און ער האָט באַצאָלט די זעלביקע סומע ווי מיר. אַלע דריי האָבן מיר געלעקט די גלידה אויפן זעלביקן אופן

מיר האָבן ערשט דאָ דערפילט ווי מיר לעבן זיך אַריין אין סאַמאָראָדנעם פּראָצעס פון פאַרווישן די שפורן און שפּירעוודי־קייט פון מזרח און מערב.

מיזוג גלויות...

פּאַלאַטקעס און שולבענק



מושבה

אַ מושבה איז עפּעס אַנדערש פון פּיק־ניק, שפּאַציר, אַרויס־פאָרעכץ, וואַרעם־בעדער, אַפּרו־פּלאַץ, דאַטשע וכדומה — זאַכן וואָס אַ לייטישער מענטש מוז דורכמאַכן וויניקסטנס איין מאָל אין יאָר. מושבה איז גאָר אַן אַנדער ענין. דאָס קען נאָר וויסן דער, וועלכער האָט אַליין „אָפּגעפּינצטערט״ עטלעכע וואָכן אין אַ מחנת־קיץ, אַ זומער־לאַגער.

דאַכט זיך, די זעלביקע נפשות. אָט האָט איר זיי געזען אין שטאָט אָנגעטאָן אויף דעם נייסטן פאַסאָן, צוגעשפּיליעט אויפן לעצטן קנעפּל, אָנגעקראָכמאַליעט די האָר, אַז נאָר מיט אַ הייב־מאַשין וועט איר זיי אָפּטיילן פון שאַרבן — פון דעסטוועגן — ווי נאָר זיי האָבן אַריבערגעשפּאַנט די לעצטע טראַמוויי־ליניע און מען האָט זיך אַריבערגעכאַפּט אין דער ממשלה פון וואַלד, טייך און פעלד, איז זיי מער נישט צום דערקענען.

איר האָט פאַר זיך אַ גאַנץ אַנדערן מענטש. אַ פרייען, אַ ריי־נעם, דערהויבענעם — אַן אויסגעטוענער פון בירגערלעכע קאָנ־ווענציאָנאַליזמען און היפּאָקריטישער עטיקעט; בקיצור — אַ לע־בעדיקן, צאַפּלדיקן יוגנט־קאָלעקטיוו, דיסציפּלינירט און האַרט ווי די ביימער־שטאַמען, וואָס וואַקסן אַרוים פון זייערע מעכטיקע וואָרצלען; ווייך און צאַרט ווי די בלעטער און צווייטן פון צע־צווייגטע ביימער־קרוינען און ברויזנדיק און פלינק ווי דער שטראָם פונעם טייך; אי לאַשטשנדיק ווי די ערשטע זונשטראַלן אין אַ זו־מערדיקן באַגינען, אי פאַרחלומט ווי אַן איינזאַמער שטערן אין אַ העק פונעם הימל.

ווען אַלע מענטשן וואָלטן דורכגעמאַכט איטלעכס יאָר אַ מו־שבה, וואָלט מער קיין מלחמות נישט געווען. וואָס פאַר אַ שיינע געדאַנקען וועגן פרייהייט, פרייד, מענטשן־ליבע און פאָלק־אייני־קייט עס ווערן אויסגעשפּינען אין די שמועסן, ביים עסן, ביים שפּילן זיך און ביי דער ערנסטער אַרבעט.

מען האָט שוין וועגן דעם געשריבן, אפשר אַ סך, אפשר גאָר ווייניק. וועמען אינטערעסירט טאַקע באמת אַ מושבה, קינדער־קאָלאָניע, בעת עס זענען פאַראַן אַזעלכע וויכטיקע ענינים אין אונדזער שטאָט, דהיינו: וואָלן אין איין באַנק, וואָלן אין אַ צווייטער באַנק; איבערנעמען די אַמטן פון דעם אָדער אַנדער פאַראיין; מאַכן אַ באַנקעט ר' יאָקל קאַפּעליוש, וואָס הייסט שוין היינט כואַן סאַמבּרעראָ, און וואָס איז ער נישט געווען? געווען פּראָקאַסיר פון דער חברה־משניות „לעוו טאָלסטאָי", וויצע־פּרעזידענט פון דער אַריסטאָקראַטישער צדקה־חברה „יוחנן הסנדלר", וואָקאַל (מיטגליד) פון דעם פרויען־פאַראיין „גרעטאַ גאַרבאָ". און נאָר דאָס אַליין?

דאָס און נאָך זאַכן אינטערעסירט ייִדן און נישט־ייִדן. אָבער לאָמיר דאָ דערציילן עטלעכע טשעקאַווע זאַכן, ווי איך האָב זיי געזען. עס איז נישט קיין נאָוועלע, נישט קיין לעבן־באַשרייבונג, נישט קיין באַריכט און מעמאָריאַל פון אַ פּרעזידענט. עס זענען עטלעכע פאַרצייכענונגען פון אַן אָנהייב פון ייִדישער יוגנט־באַוועגונג, אַ ציוניסטיש־חלוציש־סקויטישע אין בוענאָס־איירעס, וועגן מושבה, זומער־לאַגער און בכלל יוגנט־אַרבעט האָט געהייסן פּשוטע בטלנות, ליידיקגייעריי און פּוסטע מעשיות.

מיר, אַ גרופּע ייִנגלעך פון פּוילן, האָבן איבערגעפלאַנצט די „פרייהייט"־באַוועגונג, ווי אַלץ איז געגאַנגען אין ייִדיש: די שמועסן, גימנאַסטיק, די נעמען פון די גרופּעס, שיכטן און קעמערלעך, די פּקודות (באַפעלן) און אַפילו די באַגריסונג, לויט דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן יוגנט־פּאַראָל: **פריינדשאַפט!**

פון „יוגנט־פרייהייט" און „יונגע סקויטן" זענען אַ סך שוין טאַטעס און מאַמעס אין בוענאָס־איירעס, פּראָווינץ, אָבער אַ גרויסער טייל פון זיי אין דעם ערשטן לאַטיין־אַמעריקאַנער קיבוץ אין נגב „מפלסים".

אַט אַזוי ווי איך האָב עס געזען, אַט אַזוי האָב איך עס פאַרצייכנט — די חברה און די געשעענישן אין 1943־44 און איך בין אַליין געווען אַ טייל פון זיי.

דער אַוואַנגאַרד

מען דאַרף זיך נישט שרעקן. עס איז נישט קיין מלחמה־אַוואַנגאַרד. נישט קיין טאַנקען־אַפּטייל. נישט קיין בריקן־בויערס. נישט קיין מינען־רייניקערס. פון דעסטוועגן איז דער דאָזיקער אַוואַנגאַרד אַ ביסל ענלעך צו אַ מלחמה־אַוואַנגאַרד. דאָס איז אַ גרופּע „יינגלעך פון דער היים", וואָס קען לייגן אַ פּלייצע. די יינגלעך לאָזן הינטער זיך אַלע שטאָטישע פאַרפּליכטונגען — הפקר־פּיעטרושקע. פאַרזען מיטן גאַנצן קלאַפּער־געצייג:

העק, האַמערס, רידלען, פּאַלאַטקעס. שטריק, קעסלען, געשיר, שטעקנס, מוסקולירטע ידיים און אַפּעטיטן פון זעלנערס.

די דאָזיקע נפשות קענען שלאָפן שטייענדיק, עסן גייענדיק, פאַרהערן זיך מיטן רעגן ווער וועמען עס וועט פאַרנודיען. הייסן אַ מאָל אַ טייכל וואָס שטערט דעם פאַרקער, במחילה, זיך איבער־רוקן און זיין אַזוי גוט פאַרקירעווען דעם שטראָם אין אַ צווייטער ריכטונג. קעמפן מיט מאָסקיטאָס און דער עיקר — דערלאַנגען אַרבעט.

דאָס איז אַ סקוויטיש־געשולטע גרופּע און דאַרף צוגרייטן די מחנה (לאַגער) צו קענען אויפנעמען די איינוווינער, וואָס דאַרפן זיך באַלד אַראָפּלאָזן ווי בינען. דער אַוואַנגאַרד דאַרף אַ מאָל בייטן, צוליב פאַרשיידענע סיבות, אַ פּלאַץ וואָס איז שוין געווען באַשטימט פון פריער. אַזוי האָט דער אַוואַנגאַרד איין מאָל אַנגעטראָפן זיין פּלאַץ בשכנות פון אַ נאַצישן לאַגער און דער בעל־הבית פון דעם פּלאַץ איז אַליין געווען אַ נאַצישער יעקע־שוויין. האָט מען באַשלאָסן צו מאַכן דעם לאַגער אויף דער פרייער לופט און נישט אין אַ שטיקנדיקער נאַצישער אַטמאָספער.

בעת דער לעצטער מושבה איז דעם אַוואַנגאַרד אויסגעקומען צו שלאָפן במשך עטלעכע טעג אויף בענק און טישן אין אַ געוויסער שטאָט, ווו די אייגנטימער פון לאָקאַל האָבן געציטערט טאָמער וועט דער אַוואַנגאַרד און די יונגינקע אָנטיילנעמערס ברענגען אַן

אומגליק אויף זיי, אויף זייערע ווייבער און קינדער און אויף דער שטאָט. צוליב אָט־די שרעקעוודיקע „העלדן" פון ייִדישן פאָלק אין אַרגענטינע האָט דער אַוואַנגאַרד געמוזט נעמען דאָס ערשטע בעס־טע פּלאַץ וואָס איז געקומען אונטער דער האַנט.

אַ פּשוטער בשר־ודם וואָלט צו אַזאַ פּלאַץ אַפילו נישט גע־וואָלט צושמעקן, אָבער נישט אַ מאַן וואָס געהערט צום אַוואַנ־גאַרד. עס איז געווען אַ רעגנדיקער טאָג און דאָס גאַנצע פּלאַץ איז געווען אַ זומפּ. דאָס טייכל האָט זיך געהויבן און פאַרגאָסן די ערד. די ביימער האָבן געהאַט אַ פּנים פון נאַצישע זעלנער בעת זיי פאַלן אַריין אין געפאַנגענשאַפט. דער הימל האָט אויסגעזען ווי דאָס פּנים פון אַן אַוואַנגאַרדניק וואָס האָט זיך נישט ראַזירט אַ צוויי וואָכן. דאָס וואַסער פון טייך האָט געהאַט אַ קאָליר פון דער מושבה־זופּ נאָכן קאָכן זיך אַ האַלבע שעה.

דאָס אַלץ האָט דער חברה נישט אָפּגעשראָקן. מען האָט זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט, ווייל אַן אַוואַנגאַרדניק האָט וויזיע. זאָל נאָר אַ שיין טאָן די זון — טראַכט ער — וועט אַלץ ווערן שיין און חנעוודיק. דאָס ערשטע איז טאַקע, לויטן „שולחן־ערוך" פון אַוואַנגאַרד, אויפגעשטעלט געוואָרן די קיך... און אַז דער קעסל מיט זופּ האָט גענומען דערלאַנגען פּאַרע, האָבן רידלען זיך צו־אַרבעט, געמאַכט קאַנאַלן דאָס וואַסער זאָל אָפּפליסן. לאָפּעטעס האָבן גענומען אויסגלייכן דאָס פּלאַץ. שטריק האָבן זיך צעבונדן. לייוונטן האָבן זיך צעעפנט. ווען די טרובע האָט געתקיעהט און גערופן צו דער הייסער זופּ, איז שוין געשטאַנען אַ האַלבקיילעך מיט זעקס פעסט־אַנגעצויגענע פּאַלאַטקעס, מיט בעטן צום שלאָפן, מיט פרייליכע פייערלעך אין די צעהאַנגענע לאַמטערנס. מיט טרעפּ אַראָפּצונידערן צום טייך. מיט אַ דעפּאָזיט פאַרן אינווענ־טאַר, פאַרן פּראָוויאַנט און מיט די ערשטע צוויי וועכטער צו היטן דעם לאַגער.

ווען חברה האָט זיך געבריט די צונגען און געגאָסן אין זיך אַריין די הייסע פּאַרעדיקע זופּ, אונטערזינגענדיק דערביי אַ פריי־לעכס — האָט דער רעגן אויפגעגעבן זיין געוועט, זיך פאַרשעמט פאַר דער פרייליכער כאַליאַסטרע און זיך אָפּגעשטעלט...

דער קוכער

ווי אַזוי שלאָמקע הויכמאַן איז געוואָרן דער קוכער פֿון דער מושבֿה און דערביי אויסגענומען מיט זיינע עקסטראַוואַגאַנטע געריכטן איז אַזאַ סוד, ווי דער פֿאַמיליע־נאָמען הויכמאַן, וואָס האָט פּונקט אים געדאַרפֿט טרעפֿן. ווייל וויסן דאַרף מען וויסן, אַז שלאָמקע קען אין ווּקס זיך פֿאַרמעסטן אפֿשר מיט אַ פּוס פֿון דעם קינאָ־אַקטיאָר גערי קופּער.

דעם אַמט פֿון קוכער האָט ער באַקומען אויף אַט־דעם אויסטערלישן אופֿן. מען האָט געפֿרעגט ווער עס קען קאָכן. האָבן זיך אויפֿגעשטעלט אַ מאַן פֿיר. איינער פֿון זיי האָט געקענט קאָכן נאָר רייז. אַ צווייטער — נאָר קאַרטאָפֿל, אַ דריטער — טיי און דער פֿערטער איז געווען, מען ווייסט נישט פֿון וואַנען, אַ ספּעציאַליסט אויף צו קאָכן עופֿות.

די אַלע פֿיר זענען שפּעטער באַנוצט געוואָרן ווי שוואַרצאַרבעטער ביי דער קיך. דעם ערגסטן אָפּשניט האָט געהאַט דער עופֿות־קאָכער, צוליב זיין בורזשואַזן „האָבי”. מען האָט אים באַלד געמאַכט פֿאַר אַ האָלצהעקער, אַ בכבֿודיק פּראָלעטאַריש־חלוציש פֿאַך.

באַלד נאָך דעם האָט מען געפֿרעגט, ווער עס קען נישט קאָכן. האָבן זיך ווידער אויפֿגעשטעלט פֿיר חבֿרהלייט. צווישן די פֿיר איז אויך געווען שלאָמקע. דריי פֿון דיר פֿיר האָבן עפּעס יאָ געהאַט אַ שטיקל אַנונג אין קאָכן. איינער פֿון זיי — פֿאַרברִיען מילך. אַ צווייטער — צוגרייטן וואַסער אויף „מאַטע”. דער דריטער האָט געקענט בראָטן קאַרטאָפֿל. דער איינציקער וואָס האָט לחלוטין גאָר נישט געקענט און ער האָט זיך נישט געשעמט עס צו זאָגן, איז געווען שלאָמקע.

עס איז שוין איצט מסתמא פֿאַר אַלעמען קלאָר, פֿאַר וואָס שלאָמקע איז געוואָרן דער קוכער. עס איז געווען אַ מין ספּאָנטאַנער ווילן ביי אַלעמען, עס זאָל קאָכן דער ווער עס האָט אַפֿילו

ניִשט די מינדסטע אַנונג וועגן קיך. פּשוט דערפֿאַר, ווייל „ספּע־ציאַליסטן" קוכערס האָט מען שוין געהאַט...

שלאָמקע הויכמאַן האָט דעם ענין גענומען זייער ערנסט און זייער נאַטירלעך, אָן אַ פֿינטל פֿון אויג, גלייך ווי קאָכן וואָלט ביי אים געווען אַ ירושה־פֿאַך.

איידער עס וועט דאָ פֿאַרצייכנט ווערן דער פֿאַל פֿון דער דע־בוט־זופּ פֿון דעם נייעם קוכער, איז נייטיק, לשם ערלעכקייט און אומפּאַרטייאישן צוגאַנג צו יעדן מין קונסט, צו דערציילן, זאָל זיין כאָטש אַ דריי־שורהדיקע ביאָגראַפֿיע פֿון אונדזער העלד. די דאָזי־קע באַשרייבונג איז נייטיק, כדי נענטער זיך צו באַקענען מיט שלאָמקעס אייגנשאַפֿטן. דער דאָזיקער בחור הערט אומעטום און פֿון אַלץ וואָס רינגלט אים אַרום, ווי להבדיל, אַ מאָל שובערט, טע־נער. ער איז אַ גרויסער ליבהאָבער פֿון מוזיק, דער עיקר פֿון ריט־מישער מוזיק. ווען ס'איז געקומען די צייט צו נעמען זיך צו אַ פֿאַך, איז ער אַוועק צו אַ בלעכער און האָט אים געזאָגט מיט די ווערטער:

— ר' ייִד, בלעכן גיבן אַרוים פֿאַרשיידענע קלאַנגען בעת מען קלאַפּט אין זיי. גיט מיר וויפֿל איר ווילט און לאָמיך ווערן אַ בלעכער.

איז ער געוואָרן אַ בלעכער און אויסגעקלאַפּט ווי אַ קלאַנג און ווי אַ טאָן אין מעטאַל. אַזוי ווי דער בעל־דבר האָט אַ שטימע צום זינגען, האָט ער אַזוי לאַנג נאָכגעזוכט די קלאַנגען ביז ער האָט באַשלאָסן, אַז זיין טאָן איז אַ סך העכער ווי דער טאָן פֿון בלעך. האָט ער זיך מיישב געווען, איבערגעלאָזט די בלעכערייַ און זיך גענומען צו גלעזערייַ. „גלאָז — טענהט ער — האָט נאָך העכערע טענער".

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן גלאָז, האָט ער גענומען שאַפֿן ליד־לעך צוזאַמענגעשטעלטע פֿון פֿאַרשיידענע קלאַנגען. אויפֿגעהערט איבערצוקלייבן. עס איז רעכט גרילצעריי פֿון טראַמווייען, קלאַפּע־רייַ פֿון דאָמינאָ און ביינדלעך, פּיפּעריי פֿון לאָקאָמאָטיוון. עס איז אַוועק אַ גאַנג. אַזוי ווי ער שרייבט אויך ווערטער צו זיינע מעלאָדיעס, איז ער געוואָרן דער זינגער און בדחן פֿון אַלע מוש־

בות. דער בחור האָט דערפֿאָלג, הלוואי אויף גרעסערע ייִדישע זינ־גערס געזאָגט געוואָרן.

אָט־דאָס איז די קורצע ביאָגראַפֿיע פֿון דעם נייעם קוכער, וועלכער איז איינשטימיק און אינסטינקטיוו אויסגעקליבן געוואָרן פֿון אַ מחנה מבֿינים אין הלכות אכילה. אייניקע האָבן אויסגע־טייטשט שלאַמקעס אָננעמען דעם אַמט פֿון קוכער ווי אַ פֿרייִו אויפֿצוכאַפּן דאָס טיפֿע בורטשען פֿון דער זופּ בעת זי הייבט זיך אָן קאָכן אונטער דער באַגלייטונג פֿון דעם קנאַקעדיקן פֿייער, מיטן פֿייפֿנדיקן ווינטל, מיטן זופּן פֿון די שיסלען און קלימפּערייען פֿון די לעפֿל. ער האָט, הייסט עס, געוואָלט צוזאַמענשטעלן אַ סימ־פֿאָניע פֿון עסן. קען זיין אַז עפּעס איז דאָ פֿאַראַן אַ שטיקל אמת. בכל־אופֿן איז זיין דעבוט פֿון אַ קוכער פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אמתן טריומף.

אַלע זענען געזעסן אַרום טיש מיט זייערע בלעכענע טעלער און לעפֿל און זינגענדיק דאָס לידל „צהרים בא לאכילה”, האָט מען בעת־מעשה געקוקט אויף דער שטורעמדיקער פֿאַרע וואָס האָט זיך געריסן פֿון קעסל און מען האָט געוואַרט, אַז דער קעסל, געטראָגן פֿון צוויי חברה, זאָל זיך נעמען דערנענטערן צום טיש. איידער מען האָט אים געבראַכט, דעם קעסל, האָט זיך צעטראָגן די נייס פֿון מויל צו מויל, אַז די זופּ איז אַ זופּ פֿון זופּנלאַנד. די ערשטע וועגן דעם האָבן זיך דערוווּסט די שוואַרצאַרבעטער ביי דער קיך. דער עופֿות־קאָכער האָט פֿאַרזוכט אַ ביסל, האָט ער מער נישט גע־קענט איבערלאָזן דעם לעפֿל; ער איז געוואָרן, אַזוי צו זאָגן, היפּ־נאָטיזירט.

דערזען אַזאַ מעשה, האָבן זיך גענומען צו די לעפֿל די אַנדערע דריי און אויך זיי זענען פֿאַרכישופֿט געוואָרן. ווען מען זאָל זיך נישט גלייך כאַפּן, אַז דער דאָזיקער היפּנאָז און כישוף איז אַ צו־געפּערלעכער, מחמת עס איז נישט געווען קיין כישוף פֿון דעם מין, וואָס אונטער זיין איינדרוק ווערט מען פֿאַרשטיינערט, פֿאַר־גליווערט — פֿאַרקערט: עס איז געווען אַ כישוף וואָס האָט זיי גע־מאַכט אַזוי אַקטיוו, אַז ווען מען כאַפּט זיך נישט גלייך, וואָלט דער קעסל אין אַ האַלבער שעה אַרום געווען ליידיק.

בקיצור, מען האָט די חברה קוים אָפּגעריסן פֿון קעסל און מען

האָט געגומען גיסן אין די שיסלען. און נישט אַזוי גיסן, ווי לייגן, ווייל עס איז געווען אַ זופּ אי שיטער אי געדיכט. אַזוי ווי מען האָט פאַרזוכט דעם ערשטן לעפל, האָט זיך דער גאַנצער טיש אויפגעשטעלט און מיט גרויס אַנטציקונג אַרויסגעברומט בלויז איין וואָקאַל, וואָס איז אויסגעצויגן געוואָרן וויפל עס האָט געגעבן דער אָטעם:

— אָ־אָ־אָ־אָ־אָ!

נאָך דער צווייטער פּאַרציע האָט מען ערשט געמאַכט די אמתע אָוואַציעס און דער טשילענער אינזשעניער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויפן קעסל און געזאָגט בזה הלשון:

— קיין שום כעמיקער אויף דער וועלט האָט נאָך נישט אויסגעפונען דעם סוד פון דעם מן, וואָס די ייִדן האָבן געגעסן אין מדבר. איך אויך נישט. איך האַלט, חברים, און איר מוזט עס מיר צוגעבן, אַז די היינטיקע זופּ איז זיכער צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון די זעלביקע עלעמענטן ווי דער מן. ריכטיק צי נישט?

— ריכטיק, ריכטיק! — האָט דער עולם צוגעגעבן.

— אויב אַזוי — איז דער אינזשיניער אַריין אין עקסטאַז — טאָ זאָל אונדז דער קוכער אַליין דערקלערן דעם סוד פון זיין טעכניק און די פאָרמולע פון דעם עלעמענטן־צוזאַמענשטעל.

— זאָל ער, זאָל ער! — האָבן אַלע גענומען שרייען.

האָט מען גענומען אַרומזוכן שלאָמקען. ערשט יענער ליגט זיך אין דעפּאָזיט אויף אַ זעקל קאַרטאָפל און פרוווט אַרויסנעמען טעגער דורך קלאַפּן אַ מייער אין אַ מעלאָן. האָט מען דעם בחור אַרויסגעשלעפּט, אים אַוועקגעשטעלט אויפן קעסל און מען האָט אים געזאָגט אָט־די ווערטער:

— חבר שלומה, מיר ווייסן וויפל מען פאַרדינט ביי לייטן ביים צוזאַמענשטעלן אַ פאָרמולע, בפרט אַז מען דערגרייכט צו פּערפעקציע, וואָס שלאָגט אָן צום גרעסטן שפּייז־וווּנדער, ווי עס איז געווען דער היסטאָרישער מן. מיר פאַרשטייען דאָס אַלץ זייער גוט. אָבער מיר מוזן אין זין האָבן המשך, קאָנטינויִטעט, נאָכשלעפעניש, און דו פאַרשטייסט אַליין וואָס מען מיינט, על־כן מוזטו אונדז מגלה זיין דעם סוד פון אָט־דער געראָטענער זופּ, וואָס מען קען אי שלינגען, אי זופּן, אי קייען...

האָט גענומען שלומה, אָן צוגרייטונגען, אָן שום רעטאָרישע קונצן און דערלאַנגט דעם עולם די ווייטערדיקע ווערטער, וואָס מיר האַלטן פאַר נייטיק אויפצוצייכענען ווי אַ מוסטער פון פשטות, נאַיִוויטעט, ערלעכקייט און אָפנהאַרציקייט:

— וואָס קומט איר דאָ מיט אַ היסטאָרישן נוסח מיר דערציילן מעשיות וועגן פאָרמולעס, כעמישע עלעמענטן, המשך, קאָנטינויִטעט און אַנדערע לעגענדעס פון אָריענט? עס איז געווען גוט? עס האָט זיך געלאָזט עסן? — —שוין! וואָס איך האָב אַריינגעטאָן אין דעם זופּ, געדענקט איך נישט. איידער איך האָב באַשלאָסן צו מאַכן די זופּ, האָב איך רעווידירט אונדזער גאַנצן שפּייז־מאַגאַזין און האָב איינפאַך אַריינגעטאָן פון אַלץ צו ביסלעך: אַ ביסל לאָקשן, אַ ביסל רייז, אַ ביסל אַרבעס, מייערן, טאָמאַטעס, קאַרטאָפל, אַ פּעקעלע ביטערזאַלץ, צוויי־דריי ציבעלעס, קוקורוזע, זאַלץ, פעפער, קנאָבל, בוימל, מאַרמעלאַד, פּוטער, בוריקעס, קאַווע — בקיצור, איך האָב נישט דורכגעלאָזט גאָר נישט. דאַס אַלץ האָב איך געלאָזט קאָכן און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז פון אַזוי פיל זאַכן מוז עפּעס אַרויסקומען. איז אַרויסגעקומען זופּ, זאָל זיין זופּ. וואָס איז דאָ פאַראַן צו באַוווּנדערן און זוכן היסטאָרישע פאַרגלייכן?

אָפּגעזאָגט די ווערטער, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון קעסל, זיך צוריק אַוועקגעלייגט אויף אַ זעקל קאַרטאָפל און גלייך זיך גענומען אַרויסצובאַקומען נייע טענער. דאָס מאָל, דורך קלאַפּן מיט אַ האַק אין אַ פלאַש.

אָט־דאָס איז די מעשה פון קוכער. מעגלעך, אַז נישט אַלעמען וועט זי געפעלן, אָבער מיר פאַרנעמען זיך דאָ מיט דערציילן פאַקטן. איז ווי איר ווילט.

חנא דער דאָקטער

מיט דעם דאָקטער איז דאָס מאָל פאָרגעקומען אַ שטיקל טעות. געוויינטלעך פלעגט ווערן דאָקטער דער וואָס האָט געמאַכט דאָס אַפּטייק-קעסטל, מען זאָל עס קענען טראָגן ווי אַ וואַליזקע. ער האָט נישט דווקא געמוזט זיין אַ סטאָליער. אַזוי ווייט האָבן אַפילו די גרעסטע קעגנער פון ספּעציאַליטעטן נישט געפאָדערט. עס האָט אַזוי געקענט זיין אַ שניידער, ווי אַ סטאָליער. אַ שניידער האָט דאָ אויך געהאַט פּרעפערענץ, ווייל אַ שניידער מאַכט אַליין דעם אָרעמבאַנד מיטן רויטן מגן-דוד. בקיצור, קיין גרויסע ראָל האָט עס נישט געשפּילט. די שנאה פון די זומער-לאַגערניקעס צו די ספּעצן איז אַ גאַנץ באַזונדערע. עס נעמט זיך אפשר דערפאַר, וואָס מיט אַלע ספּעציאַליסטן האָט מען זיך אָפּגעבריט. צו דעם פלעגן די פשוטע סאַניטאַרן מאַכן דעם ענין פון היילן קראַנקע נישט ערגער פון די ספּעציאַליסטן, דהיינו:

פאַר צעראַצן זיך אַ פינגער, צעקאַליעטשען אַ פוס, אויסלינקען אַ האַנט, כאַפּן אַ קלאַפּ אין קני און אַנדערע נישט-געפערלעכע חולאתן — ביטערזאַלץ.

פאַר אַ געשוויר פון אַ מאָסקיטן-ביס, בויך-ווייטיק, האַרטער מאָגן, ווייכער מאָגן, אַלע מיני אַטאַקעס און אַנדערע אַ ביסל געפערלעכערע קרענק — אַספּירין און דאָפּלטע פּאָרציעס זופּ.

פאַר קאַטאַר, נערוון, איבערגעשפּאַנטקייט פון גייסט און קערפּער, רוישן אין די אויערן, שווינדלען פאַר די אויגן, וואָכניען מיט דער נאָז און הייזעריקייט — אַלקאָהאָל, יאָד און אָקסיגען-וואַסער.

אַזוי האָט מען זיך אויסגעלערנט מכמה יאָרן און יעדער האָט עס געקענט. צו דעם האָבן דאָך אַלע געמוזט דורכגיין „ערשטע הילף", היינט צו וואָס דאַרף מען אַ „ספּעציאַליסט", וואָס נעמט דאָס דאָקטער-פאַך ערנסט?

געווען אַמאָל אַ דאָקטער, אַן אמתער סאַניטאַר — פלעגט ער ביי איטלעכער קלייניקייט אַרויסגעבן אַ צעטל, אַז דער בחור טאָר

נישט עסן קיין מיטאָג נישט היינט, נישט מאָרגן, אַזוי אַ גאַנצע וואָך. מען פלעגט ציטערן צו גיין צו אים. וואָס שייך רפואות, האָט זיך יענער מישב געווען גאָר אַן אַנדער זאַך.

— עס איז היינט מאָדערן — האָט ער עקספּאָנירט — צו היילן מענטשן דורך פאַסטן.

האָט ער גענומען אַרויסוואַרפן אַלע פלעשלעך מיט רפואות, מיטן גאַנצן טאַרעראַם און אַריינגעלייגט אין אַפּטייקל גאַנץ באַ־ליעבאַטישע עפּל, באַרן, שאָקאָלאַד וואָס מען האָט געפונען אין די וואַליזקעס ביי די אַריסטאָקראַטישע לאַגערניקעס און בכלל לוקסוס־אַרטיקלען, וואָס אויף אַ זומער־לאַגער מעג מען וועגן זיי טראַכטן געזונטערהייט, אָבער נישט מער ווי טראַכטן.

דערזען אַזאַ מעשה, האָט מען דאָך מורא געהאַט אַז מען וועט פון דעם לאַגער אַרויס, שונאי־ציון, אמתע קאַנדידאַטן פאַר אַ טובערקולאָז־אַנשטאַלט. וואָס זשע האָט מען געטאָן? — גאָר נישט. מען האָט אים אין אַ פינצטערן אָוונט אַ קאַפּיטשקע צענעריקט, צעהרגעט און מען האָט אים באַלד געגעבן אַ רפואה — ביטער־זאַלץ. האָט אים דער מאָגן אויפגעהערט צו פונקציאָנירן, האָט מען אים דערלאַנגט אַספּירין. איז ער געוואָרן אויף אַן אמת קראַנק און הייזעריק ווי די וואַנט — איז מען געגאַנגען און מען האָט אים צוגעלייגט יאָד געמישט מיט אַלקאָהאָל. דער בחור האָט אַזוי לאַנג געשריגן, ביז ער איז געוואָרן געזונט ווי אַן אייזן.

פון דעמאָלט אָן באַנוצט מען זיך מיט אַט־די ווירקעוודיקע היילמיטלען. וואָס שייך דעם דאָקטער, האָט ער געהאַט דעם זעלביקן אָפּשניט ווי דער עופות־קאָכער — מען האָט אים געמאַכט פאַרן געהילף פונעם וואַסערטרעגער.

נאָר דאָ, מיטן לעצטן דאָקטער, איז געווען גאָר אַן אַנדער מעשה. גאָר קיין אויסערגעוויינלעכס איז נישט געשען. ווען נישט דער פאַל פון דעם חברהמאַן, וואָס ער האָט אים אָפּגעגאָלט דעם קאָפּ, ווייס איך בכלל נישט, צי דער דאָקטער וואָלט דאָ באַשריבן געוואָרן.

עס איז געווען אַזוי.

ווען דער אַוואַנגאַרד איז אַרויס פון לאָקאַל מיט זיין קלאַ־פּערגעצייג צום פּלאַץ פון לאַגער, האָט דער נפש אַ כאַפּ געטאָן

דאָס וואַנדער־אַפּטייקל און האָט עס שוין נישט אַרויסגעלאָזט פֿון דער האַנט ביז מען איז געקומען אויפֿן פּלאַץ. פֿאַר אַלעמען איז געוואָרן קלאָר, אַז דער בחור וועט שוין מוזן זיין דער היי־יאָריקער דאָקטער. ווען אַ צווייטער האָט שכל און נעמט דאָס אַפּטייקל, וואָלט יענער געוואָרן דאָקטער. ס׳איז דאָך אַ פּשוטער חשבון — קיין ניי אַפּטייקל און קיין נייעם אָרעמבאַנד האָט קיינער נישט געמאַכט. דאָס אַפּטייקל געדענקט נאָך אַ פּאָר פּרי־ערדיקע מושבות. זיין רויטער מגן־דוד איז נישקשהדיק אָפּגעבליאַקעוועט. אויב אַזוי, איז אַ פּשוטער שכל, אַז עס קען ווערן דאָקטער דער וואָס וועט מוראָגן דאָס אַפּטייקל אין האַנט. האָט ער עס געכאַפּט — איז זיין הצלחה. שפּעטער איז מען אַפּילו געוואויר געוואָרן אַ זייער מיאוסע מעשה. דער בחור איז געווען אויפֿן ערשטן יאָר מעדיציניש פֿאַ־קולטעט... אָבער עס איז שוין געווען פֿאַרפֿאַלן.

אַז דער עולם איז געוואויר געוואָרן אַזאַ מעשה, איז מען גע־קומען צו לויפֿן צו אונדז, דעם גענעראַל־שטאַב, אַ טריומווויראַט פֿון דריי אויסטערלישע פּאַרשוינען: סימאָן דער גאָוטש, אָדער ווי מען האָט אים גערופֿן אויף מאַמע־לשון, צוליב זיין גוטסקייט — שמעון־גיטל; דער פּעסימיסטישער מנחם, אָדער ר׳ ירמיהו שאָ־פּענהאַוער, און דער וואָס האָט דעם גרויסן כבוד צו שרייבן די שורות און האָט אַ גרויסן חשק צו באַאַרבעטן אַ מאָל דעם דאָזיקן טריומוויראַט אויפֿן גרויסן שטייגער.

צו אונדז, אָט דעם טריומוויראַט, איז דער עולם געקומען מיט אַ טענה, אַז דאָס וועט נישט גיין. מען וועט בשום אופֿן נישט דער־לאָזן אַז אַ מענטש וואָס האָט צו טאָן מיט מעדיצין זאָל באַלע־לעבאַטעווען איבער אונדזער געזונט — האָבן זיי געוואַלדעוועט.

שאָפּענהאַוער איז, פֿאַרשטייט זיך, דער ערשטער אַרויס מיט לשון און פֿאַר אונדז אַוועקגעלייגט אָט־די ווייטערדיקע פּעסימיס־טישע ווערטער, וואָס האָבן געקענט רירן אַ שטיין און אַפּילו אַ האַרץ פֿון דעם גרעסטן אָפּטימיסט:

— וואָס טוט מען, ווי גיט מען זיך אַן עצה? זיי וועלן דאָך פֿאַלן ווי די פֿי בשעת אַ מגיפֿה. ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז מענטשן מיט מעדיצינישע אַספּיראַציעס זאָלן דווקא ווערן דאָקטוירים? געוואַלד, יידן, ס׳איז שלעכט.

אָפּגעזאָגט די ווערטער, האָט ער זיך אָנגעטאָן די שליאַפּע מיט די ברילן און געבליבן זיצן אַ פאַרשטיינערטער.

שמעון־גרשון, דער סימאָן, דער „גאַוטשאַ", פון פאַך אַן אָפּטימיסט און בדרך־כלל אַ פּראַקטישער מענטש, האָט קייענדיק אַ רויען מייער זיך אָפּגערופן:

— קודם־כל דאַרף זיין שאַ! זאָלן זיך די אַנדערע נישט דערוויסן וועגן דעם אומגליק. היות עס איז נישט פאַראַן קיין אַנדער ברירה און ער מוז שוין בלייבן דאָקטער, זאָל מען אים געבן צוגאָב־אַרבעט, למשל: שמירן מיט זאַלב קעגן מאָסקיטן; ברענגען האָלץ פאַר דער קיך; אונטערשערן די האָר דער קליינער חברה אַלע פּרייטיק פאַר ליכט־צינדן; וואַשן די טישן; היטן דאָס אָנטאָן בעתן באָדן זיך; אַרויסגעבן ביכער פון ביבליאָטעק און פאַלגן אַ גאַנץ.

אָפּגעזאָגט דעם פּזמון, האָט ער רויק ווידער גענומען קייען. דאָס מאָל שוין קיין מייער, נאָר אַ רעטעך.

וואָס שייך מיך, האָט מיר אָנגענומען אַ ביטערער רחמנות אויפן בחור. דערביי איז מיר איינגעפאַלן אַ גאַנץ געניאַלער געדאַנק, וועדליק ווי פאַר אַ שעה פון אַ זומער־לאַגער מיט אַזעלכע צווייַ געהילפן, וואָס צוזאַמען בילדן מיר אַזאַ הויכן טריומווויראַט.

— הערט אוים — האָב איך געזאָגט מיט דער גאַנצער אָפּנהאַרציקייט — איר ווייסט ווי ליב איך האָב די חברה און ווי איך זוך אַרום אַ טיפּ, ער זאָל ווערט זיין באַשריבן צו ווערן אויף פּאַפּיר. איז מיין עצה אַזאַ: לאָמיר אים אַריינרופן. אויב איך פּסקן, אַז דער בחור איז גוט פאַר פּאַפּיר, בלייבט ער דאָקטער אָן שום צוגאָב־אַרבעט. העכסטנס קען מען אים געבן רייניקן די פּאַלאַטקעס און פאַרברענען דאָס מיסט, הגם דאָס איז גיכער אַן אַרבעט פאַרן קולטור־לייטער. ווי באַלד אָבער ער האָט נישט קיין שום באַזונדערע כאַראַקטעריסטיק, גיבן מיר איבער דעם גאַנצן ענין אין די הענט פון פּעסימיסט און זאָל ער דערקלערן אַ תענית־ציבור איבערן גאַנצן לאַגער און זאָל ער מאָביליזירן די חברה צו קינות.

בקיצור, אַלע זענען מסכים געווען. מען האָט זיך אַרויסגעלאָזט זוכן דעם דאָקטער. מען האָט אים געזוכט און געזוכט און נישט געפונען, ביז דער עופות־קאָבער האָט אים געפּאַקט.

געזעסן איז ער אונטער אַ בוים, נישט אַליין, נאָר מיטן „טעאָ־

רעטיקער פון גימנאַסטיק". איז מען זיך באַלד צוזאַמענגעלאָפן. מען גיט אַ קוק, ערשט דער דאָקטער שערט אים די האָר מיט אַ צווענגל און דאָס וואָס ער קען נישט אָפּשערן מיט דער צוואַנג, פֿאַרענדיקט ער מיט אַ גרויסן קיך־מעסער. וואָס אַן אמת, כּדי צו לינדערן די ווייטיקן, האָט ער אים פֿריִער אָנגעזייפט מיט דער באַרשט, וואָס מען וואַשט מיט איר די טישן.

מען האָט געבראַכט צו טראָגן די ביידע העלדן אין דער פּאַ־לאַטקע פון הויפּטשטאַב. דער דאָקטער איז געקומען צוגיין מיט זיין אַפּטייק, מיט די שער־מכשירים און מיט אַ בוך אונטערן אָרעם מיטן נאָמען „ווי צו דערלערנען אַ פֿאַך אין צוויי וואָכן". דער גע־שוירענער קרבן האָט געהאַט אַ האַלבן קאָפּ אָפּגעשוירן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ צעאַקערטער גאָרטן. די אַנדערע העלפֿט איז ביי אים געווען אָנגעזייפט און האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי ער וואָלט געטראָגן אַ האַלבע שיסל שוימיקע זופּ אויפֿן קאָפּ.

מענטשן, פֿאַרשטייט זיך, האָבן אַ טבֿע צו לאַכן. מען קען נישט זאָגן אַז דאָס פֿאָרל האָט נישט געגעבן קיין שטאָף פֿאַר דעם. אָבער דאָרט ווו עס האַנדלט זיך אין אַן אָפֿיציעלער אויספֿאָר־שונג, איז נישט גוט ווען מען לאַכט. אויף להכעיס האָט אַפֿילו דער פּעסימיסט געטאָן אַ טובֿה דער וועלט און גענומען לאַכן, אמת, מיט געוויסע באַדינגונגען, פּאַוזעס און אַפֿילו ניואַנסן פֿון איין „כאַ־כאַ" ביזן אַנדערן „כי־כי", אָבער ער האָט געלאַכט.

וואָס שייך שמעון־גרשון, האָט מען נישט געקענט וויסן, צי ער לאַכט, צי ער האַלט ביים וויינען. אַזאַ טבֿע ביי אים. אַזוי ווי אָבער ער האָט שוין געהאַט אויפֿגעגעסן דעם רעטעך און מער גאָר נישט געקייט, האָב איך דערפֿון געדרונגען, אַז ער איז טרויעריק.

דערזען, אַז די אויטאָריטעט פֿון טריומוויראַט קען דאָ ליידן אַ מיאוסע מפּלה, אויב איך וועל גלייך נישט אָפּשטעלן דאָס לאַכן, בין איך אַרויסגעלאָפֿן פֿון דער פּאַלאַטקע און מיט אַ קול וואָס איז מיר פֿרעמד געווען, האָב איך זיך צעשריגן אויפֿן „ספֿרדי", וועלכער איז נעבעך געזעסן רויִק אויף דער ערד, די פֿיס הינטער זיך, אַ האַנטעך אויפֿן קאָפּ און איבערגעחזרט צום הונדערטסטן מאָל מיט אַ האַלדז־כריפּעניש דאָס העברעיִשע לידל —

תורה עלי, עלי,
אש הדליקי בלילי,
טהורה רבת אורה,
הורה מדורה.

ביי אים איז עס אויסגעקומען פיל־זוייניקער אַזוי:

טאָאָראַ האַהאַלי,
העעש האַאַדעליקי בעעלעעלי...

מיין געשריי, וואָס האָט זיך אַ פּנים פאַרטשעפּעט אין מיטן ווי אַ שטראָף פאַר דער אַכזריות אויסצוגיסן דעם צאָרן אויף אַן אומשולדיקן מענטש און דערצו נאָך אַ ייִד, אמת, אין דער געשטאַלט פון אַ ספרדי, האָט דאָס לאַכעניש נישט אָפּגעשטעלט; פאַרקערט, עס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן. אָפּגעשטעלט דאָס געלעכטער האָט זיך, ווייל דער פּעסימיסט איז פון דער העלער הויט אַריין אין זיין ראָל און געגומען געבן אַ שמועס אויף דער טעמע „וואָס איז אַזוינס געלעכטער?״.

**
*

לאָמיר דאָ דערציילן אַ פּאָר ווערטער וועגן די צוויי העלדן. דער געשווירעגער איז אַ פלינקער בחור, מיט פינטלדיקע אויגן און אַ לעבעדיקן אויסזען. ער אַרבעט פון באַגינען ביז אין דער נאַכט אַריין. ער קען ממש נישט רוען. האַקט האָלץ, טראָגט וואַסער, שיילט קאַרטאָפל. זיין בעסטער פאַרגעניגן איז גיין אונטער אַ רעגן, טאָפּטשען אין בלאָטע און איידער דאָס פייער אין קיך צעברענט זיך, שטיין אין סאַמע מיטן רויך. ער קען די טעאָריע פון אַלצדינג און אַרבעט ווי אַ שוואַרצער.

אין אַ שיינעם טאָג, ביי גימנאַסטיק איז עס געווען, טרעט ער פלוצלינג אַרויס פון דער ריי און איז מודיע, אַז ער וויל געבן לעקציעס איבער דער טעאָריע פון גימנאַסטיק. ס׳איז פון דעם גאָר נישט געוואָרן און ער האָט באַקומען אַ נאָמען „דער טעאָרעטיקער פון גימנאַסטיק״. דער נפש איז שפּעטער געוואָרן דער נאָענטסטער מיטאַרבעטער פון דעם טשילענישן אינזשיניער. מען האָט געזאָגט,

אַז די שפּעטער־אויפגעבויטע בריק צווישן לאַגער און אינדזל איז אים געווען אַ סך צו פאַרדאַנקען.

דער דאָקטער איז אַ דאַר פאַרשווינדל, טראָגט גרויסע ברילן, שמייכלט שטענדיק און עס שפּראָצט אים אַ שיטער בערדל, וואָס מען הייבט אָן אַנצווזען פּונקט ערב־שבת. טאַקע צום מאָמענט ווען ער דאַרף עס ראַזירן, גיט עס אויף גיך אַ וואַקס אָן. ער זאָגט, אַז אַזוי האָט ער איינגעשטעלט דאָס וואַקסן און ראַזירן פון בערדל. אין אַלגעמיין מאַכט ער דעם איינדרוק פון אַ מענטש וואָס בייט זיך נישט. די וואָס קענען אים פון קינדווייז אָן, דערציילן, אַז אַזוי האָט ער אויסגעזען ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר, צוויי. עס איז אַ סברה, אַז דער מענטש וועט אַזוי אויסזען ווען ער וועט קומען אין די טיפע זיבעציקער.

ער איז אַ זייער פעיִקער בחור, דער עיקר — ער איז שטענדיק גרייט צו טאָן אַ טובה. אַלץ וואָס ער טוט איז אייגנטלעך לטובת הכלל. ער שפּילט טעאַטער צוליב דער אָרגאַניזאַציע; שטייט אויף פרי, כדי קיינער זאָל נישט בלייבן שלאָפן אין דער פּאַלאַטקע; ער עסט מיטאָג, כדי דער עולם זאָל זען, אַז דאָס עסן האָט גענוג וויטאַמינען; ער לערנט מעדיצין נאָר מיטן צוועק, אַז די אָרגאַניזאַציע זאָל איין מאָל פאַר אַלע מאָל האָבן אָן אייגענעם דאָקטער.

די מעשה מיטן אָפּשערן דעם „טעאָרעטיקער" איז אויך געקומען צוליב אַ טובה, אייגנטלעך, צוויי טובות. איין מאָל, ווייל ער האָט געוואָלט באַווייזן דער חברה יונגוואַרג אַז מען קען, על־פּי דער מעטאָדע וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט, אויסלערנען אַ באָך אין צוויי וואָכן און טאַקע קענען פאַרנעמען אַ פּלאַץ אין דעם זאַץ „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך"; צווייטנס, ווייל דער בחור האָט איבּ נאָר געבעטן אַ ביסל צוגלייכן די פּאה וואָס ער אַליין האָט זי פאַרשווירן אַ ביסל קרומלעך און אַזוי פאַרגלייכנדיק איז ער פאַרפאָרן ביז איבערן אויער. האָט ער שוין נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי גיין ווייטער, ביז ער האָט אים מיט מזל אָפּגעשוירן, בעסער געזאָגט — אָפּגעצופּט אַ האַלבן קאָפּ האָר.

חברה האָט איצט געווענדט די בליקן צו מיר, ווי איינער

זאָגט: נו, וואָס איז דאָ פאַראַן צו באַשרייבן? דער פּעסימיסט האָט שוין געוואָרט, ער זאָל קענען איבערנעמען דעם גאַנצן ענין אין זיינע הענט אַריין. וואָס שייך דעם „גאָטש", איז ביי אים אויסגעקומען, אַז דער דאָקטער האָט אויסגעפירט אַ פונקציע וואָס מיר זאָלן האָבן באַשטימט, דהיינו: ער שערט האָר. די גאַנצע מעשה איז נאַר, וואָס ער האָט אָנגעהויבן שערן האָר איידער ער האָט געהערט דעם באַשלוס און איידער מיר האָבן געטראַכט די זאַך צו באַשליסן. איז די שולד גיכער אונדזערע ווי זיינע, ווייל מיר האָבן געדאַרפט פאַרויסזען אַז ער וועט שערן קעפּ, בפרט די האָר שטערן אים צו שמירן דעם גיפטיקן זאַלב קעגן די מאָסקיטן.

הכלל, איך בין דאָ געבליבן אַליין און וואָלט בכלל פאַרלוירן מיין פּאָפּולאַריטעט ווי אויך אויטאָריטעט. דערביי וואָלט דער דאָקטער קיין מאָל נישט באַשריבן געוואָרן, ווען עס פעלט מיר נישט איין צו פרעגן ביי אים, ווי ער הייסט אויפן יידישן נאָמען. עפּעס אַן אינטואיציע האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז אַ בחור וואָס צו איין יאָר, צו 16 יאָר און אין די טיפע זיבעציקער, אם ירצה השם, האָט נישט געביטן, בייט נישט און וועט נישט בייטן דאָס פּנים — אַזאַ בחור דאַרף טראָגן אַ נישט-געוויינטלעכן נאָמען. איך האָב זיך נישט גענאַרט. פריער האָט ער געזאָגט, אַז ער הייסט **ענריקע**, דאָס הייסט אויף יידיש, **הערשל**. באַלד האָט ער צוגעגעבן מיט זיין ברייטן שמייכל, אַז ער הייסט נאָך אַ נאָמען: הערש-חנא.

— **חנא!** — האָבן אַלע אויסגערופן מיט אַ מאָל, און זייערע פּנימער האָבן זיך צעשיינט.

וואָס שייך מיר, האָב איך אים אַרומגעכאַפּט, זיך פיין צעקושט מיט אים און געמאָלדן, אַז דער **דאָקטער חנא** מוז גיין אויף פּאַפּיר. קיינער האָט זיך מער נישט קעגנגעשטעלט. כ'מיין, ווי קען מען זיך טאַקע קעגנשטעלן אַז עס זאָל באַשריבן ווערן אַ דאָקטער וואָס לערנט מעדיצין; שמירט מיט זאַלב קעגן מאָסקיטאָס; גלייכט אויס פּיאות ביז העט אין מיטן קאָפּ; שפּילט טעאַטער; גיט אַרויס ביכער פון דער לאַגער-ביבליאָטעק, ווייזט דערביי אָן וואָס מען זאָל לייענען; איז גרייט צו טאָן אַ טובה צו יעדער רגע און הייסט נאָך צו דעם חנא?!

עס וואַלגערן זיך עפּעס אַ סך אַזעלכע **חנאס** אין די גאַסן?

דער אינזשיניער

געקומען איז ער פון טשילע מיט נאָך עטלעכע חברים. בעת יענע האָבן דערציילט ניסים וועגן דער קייטן-באַן וואָס שניידט די קאָרדיליערן-בערג, האָט ער — הגם ער פאָרט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן בכלל אין אַ באַן — פון דעם נישט געמאַכט קיין עסק.

— וואָס איז דאָ פאַראַן צו וווּנדערן זיך? — האָט ער גערעדט מיט אַ הייזעריקלעכער שטימע, גרייט אויפצונעמען דיסקוסיעס, וואָס ער האָט שטאַרק ליב געהאַט — וואָס איז דאָ פאַראַן צו לויבן? אַ באַן איז אַ באַן און דער באַן דראַפּעט זיך אויף די ציין. עס איז אַ גאַנץ פּרימיטיווער טעכנישער אויפטו, וואָס האַלט זיך נאָך כל-זמן עס איז נישט געמאַכט געוואָרן קיין נייע דערפינדונג.

זיינע שוואַרצע אויגן האָבן דערביי געפינקלט, ווי איינער רעדט „לאָמיך נאָר באַקומען דעם טיטל אינזשיניער, וועט ערשט די וועלט דערזען וואָס אַזוינס עס מיינט טעכנישע דערפינדונגען".

עס איז איבעריק צו דערציילן, אַז חברה האָט אים באַלד געקרוינט מיטן נאָמען „אינזשיניער". ערשט העט שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז דער בחור הייבט שוין טאַקע אָן צו שטודירן אויף אַן אמת אינזשיניעריע. אַלע האָבן חרטה געהאַט און טיף באַדויערט, הלמאי מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן **אינזשיניער**. דאָס גאַנצע עסק האָט זיך שוין נישט געקלעפּט. אָבער, פאַרפאַלן — אַ נאָמען איז אַ נאָמען.

דערוווּסט האָט מען זיך וועגן דעם גאַנצן שווינדל, ווען די בריק איז שוין געווען פאַרטיק. אַזיסטן וואָלט מען אים געלאָזט מאַכן אַ בריק? די טענה איז געווען אַ פּשוטע און אַ שטאַרק יסודותדיקע:

— אַ קונץ אַז אינזשיניערן זאָלן מאַכן בריקן? האַקן האָלץ, טראָגן וואַסער פּאַסט זיי נישט?

וועגן דעם בראָך האָט דערציילט זיין טשילענער חבר, דער

פּילאָט, אַ בחור, וואָס האָט געלערנט אין דער טשילענער פּילאָטן־שול און האָט זיך שוין אַליין געהאַט אויפגעהויבן מיט אַן עראָ־פּלאַן. דאָס האָט דער אינזשיניער, וועלנדיק אָפּצאָלן אַ חוב זיין חבר, וואָס האָט געפּלאָפּלט וועגן אינזשיניעריע, אויסגעפּלוידערט וועגן יענעמס פּליערייַ. זיי האָבן, ווייזט אויס, געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז איין האַנט וואַשט די צווייטע.

מען מוז מודה זיין, אַז בינו־לבינו, האָט דער עולם פון אַר־גענטינע און אורוגווייַ געקומען האָבן דרך־ארץ פאַר די טשילעני־שע טעכניקער. אַ ביסל האָט אַרויסגעראַטעוועט פון דעם רעס־פּעקט דער ווירטשאַפט־קאָמיסאַר, וועלכער האָט דווקא נישט גע־זשאַלעוועט קיין שוואַרצע אַרבעט סיי דעם אינזשיניער און סיי דעם פּילאָט. נאָך מער אויסגעגלייכט דעם השכלה־ניוואָ און במילא סאָציאַלן אונטערשייד צווישן די טשילענער און די אַנדערע האָט די מעשה מיט דער בריק, וואָס האָט זיך פון אַ טריומף פאַרוואַנדלט, מען וואָלט געקענט זאָגן, אין אַ מפּלה.

עס איז געווען אַזאַ מעשה:

ווי נאָר דער אוואַנגאַרד איז אָנגעקומען און געטראָפן דאָס גאַנצע פּלאַץ פאַרגאָסן מיט וואַסער פון רעגן, וואָס האָט געליאַ־פּעט זינט עטלעכע טעג, האָבן פּלוצלינג די אויגן פון אינזשיניער אויפגעלויכטן.

— קינדער — האָט ער אַ געשריי געטאָן — ייִדן, דרוריסטן און מענטשן! איר זעט דאָס שטיקל פּלאַץ וואָס איז איצט פאַרגאָסן מיט וואַסער און וואָס טיילט אָפּ אונדזער לאַגער פון אָט־יענעם אינדזעלע?

— און אַז מען זעט, איז וואָס? — האָבן די נאַסע אוואַנגאַרד־ניקעס מיט ביטערע פּנימער פון הונגער, רעגן און נישט־אויפגע־לייגטקייט אים צוריק געפרעגט.

— אויב איר זעט — איז דער אינזשיניער נישט צוריקגע־שטאַנען — איז גוט. זייט זשע וויסן, אַזוי ווי היינט איז פּרייטיק אויף דער וועלט (עס איז פּונקט געווען זונטיק), אַז דאָ וועט זיין אַ בריק, אַ בריק מוז דאָ זיין! עס איז אונדזער טעכנישער חוב צו פאַראייניקן די מושבה מיטן אינדזל.

— וואָס איז נוגע אונדז — האָבן געטענהט אייניקע חברה־

ליט, געניטע אוואַנגאַרדניקעס — מוזן מיר שוין און תיכף מאַכן אַ קיך און אויפקאָכן אַ קעסל זופּ, כדי צו שעפּן די נייטיקע כוחות צו קענען שפּעטער אַריבערגיין די בריק.

די קיך איז טאַקע אויפגעשטעלט געוואָרן. די ערשטע אַרבעט פון אַלע אַרבעטן איז טאַקע געווען אַריינצוגיסן אין זיך עטלעכע שיסלעך זופּ. אָבער קיין רו האָט מען שוין פון דעם אינזשיניער נישט געהאַט. עס איז אַוועק אַ סדרה בריק. עס איז געווען ביי אים אַן אידעע־פיקס, וואָס האָט אים געמאַטערט און ער, פון זיין זייט, האָט פאַרמאַטערט די חברה.

ווי שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן, האָט ער באַלד באַקומען עטלעכע חסידים. בעיקר זענען פון אים נישט אָפּגעטראָטן דער „טעאָרעטיקער פון גימנאַסטיק" און דער ספרדי. דער אינזשיניער האָט זיי פאַרוואַנדלט אין זיינע וואַסאַלן און אפשר טאַקע אין אמתע שקלאַפן.

יעדן פרימאָרגן, ביים פאַרטיילן די אַרבעט אין דער מושבה, האָט מען געמוזט אויסטיילן אַ געוויסע צאָל „שוואַרצע אַרבעטאָרערם" פאַר דער בריק. דער גרעסטער טייל פון די האַרעפּאַשניקעס איז געגאַנגען צו דער בריק־אַרבעט אָן חשק. געווען איינינקע וואָס האָבן גערעדט אָפן וועגן אַ גענעראַל־שטרייק.

זעקס טעג און זעקס נעכט האָט חברה „שוואַרצאַרבעטער" געהאָרעוועט ביים שניידן קלעצער, טריקענען בלאָטעס, אָפּציִען וואַסער, האַקן טשוועקעס. ביז די בריק האָט זיך געהאַלטן אַט־אַט ביים פאַרענדיקן. דער אינזשיניער האָט געטריבן, געיאָגט, געהייסן אַרבעטן איבערשעהן. ער האָט אַפילו געוואָלט איינפירן, אַז מיטאָג זאָלן זיי עסן אונטער דער בריק. דאָס האָט ער נישט אויסגעפירט.

עס איז געווען פונקט איין טאָג ערב דאָס דערעפענען די בריק. דער אינזשיניער האָט געהאַט בדעה צו מאַכן די זאַך גאַר פייערלעך. מיט רעדעס וועגן די טשילענישע גרויסע יידן, וועלכע קומען קיין אַרגענטינע מיט גראַנדיעזע טעכנישע אויפטוען. ער האָט גערעכנט צו פראַווען דעם יום־טוב מיט אַ גרויסער מדורה, וואָס זאָל אָנגעצונדן ווערן דווקא אויפן אינדזל. מיט אַ דורכמאַרש פון גאַנצן זומער־לאַגער איבער דער בריק. בקיצור: אַ מין ענלעכע פייערונג

ווי ביים דערעפענען דעם פּאַנאַמאַ־קאַנאַל. כדי אויסצוזען חשו־בער און שטרענגער, האָט ער כמעט איבער נאַכט געלאָזט זיך אויסוואַקסן אַ בערדל.

נאָר דאָ איז געשען אַ מכשול.

דעם טאָג ערב דער דערעפענונג, בעת מען האָט אויסגעטיילט די בריק־אַרבעטער, האָט דער אינזשיניער אַוועקגעלייגט אַ פּאַ־טעטישע דרשה. ער האָט פאַרגעשטעלט די דערגרייכונגען פון דער ציוויליזאַציע און טעכניק, צו וועלכער ער האָט דעם כבוד בייצו־טראָגן מיט אַ באַשיידענער בריק ערגעץ הינטער דער שטאָט ראַ־זאַריאָ. די קומענדיקע דורות וועלן פאַרשרייבן זיין נאָמען און די נעמען פון די אַנדערע בויערס, און ענלעכע פּוסטע מעשיות.

מיט אַ ביסל פאַרביטערונג האָט מען אויסגעהערט די רעדע. אַ סך פון אונדז האָט אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרץ פאַר דער קנאַ־פּער השפעה, וואָס אונדזער דערציִונג האָט אויף דער חברה. מיר לערנען זיך און זיי אויפריכטיקייט און אמת, קומט צוגיין אַן „אינזשיניער" און גיט זיך אַ רייד אָפּ אַ רעדע, פון וועלכער עס הערט זיך אַרויס אַ לויבגעזאַנג און אַ באַוואונדערונג פאַר זיך אַליין, איינגעהילט אין דעם קאָנווענציאָנאַליזם און היפּאָקריטסטווע פון די דערוואַקסענע. צום מיינסטן האָט שאָקירט ווען ער האָט גע־זאָגט, אַז ער האָט דעם „כבוד בייצוטראָגן מיט אַ באַשיידענער בריק". עטלעכע חברהלייט האָבן אים ממש געוואָלט דורם זיין. דער ליגן איז געלעגן אויף דער האַנט. אַ מענטש וואָס באַרימט זיך כסדר מיט „גוואַלדאָוונער דערגרייכונג", מיט אַ „טיטאַנישן ווערק", מיט אַ „בריק פון טעכנישער פּערפעקציע", האָט בלויז ווי נאָר ער רעדט עפּנטלעך אַריינצולייגן זיך כלומרשט אין אַ קליין קעסטעלע און זאָגן:

— **די באַשיידענע בריק.**

דאָס האָט אַלעמען אויפגעקאָכט. אָבער דער אינזשיניער האָט געבעטן באַקומען זיין שטראָף פון גאָר אַן אַנדער זייט, דווקא נישט פון די מפונקים איבער דער דערציִונג פון דער פּערזענלעכקייט. אַז עס דאַרף קומען אַן אומגליק, קומט ער פון וואַנען איר ווילט, נאָר נישט פון דאָרט ווו איר האָט אויסגערעכנט.

וואָס איז דאָ פאַראַן לאַנג צו ריידן? ערב דער דערעפענונג,

מאַקע באַלד נאָך דער אויבן דערמאָנטער פּאַטעטישער, פּאַר אַ טייל פון אונדז איבלדיקער דרשה, פּונקט דעם טאָג איז באַשטימט געוואָרן אויף אַ מוראדיקן און פּערפעקט-קאָנספּיראַטיוון אויפן **אַן אַלגעמיינער שטרייק פון אַלע האָלץ-ים-אייזן-בוי און שוואַרץ-אַרבעטער.**

די טרובע האָט נישט געטרובעט. די שוואַרצאַרבעטערס האָבן נישט געטומלט מיט זייער „הו-האַ... הו-האַ...” ביים איבעררוקן אַ קלעצל פון אַ 6-8 קילאָ, ווי עס האָט זיי געלערנט דער אינזשי-ניער. די טויבערס, וואָס האָבן אַרויסגעשלעפּט בלאָטע מיט קאָכ-לעפל, האָבן זיך נישט דורכגעשריגן „האָ... האָ! האָ... האָ!” מיט באַנומענע קולות, ווי זיי וואָלטן געשטאַנען אָפּגערוקט איינער פון אַנדערן נישט אויף אַ מעטער, נאָר אויף אַ קילאָמעטער. דאָס אַלץ האָט געהערט צום אינזשיניערס תורה: מאַכן אַ טומל, שרייען, רעשן, איבערשרייען איינער דעם אַנדערן.

— אַזוי אַרבעט זיך בעסער — האָט זיך דער אינזשיניער אַליין געטומלט. אַרומגעלאָפן פון איין אָרט אויפן צווייטן. געמאָסטן מיט אַ שוכבענדל די גרעב פון אַ בוים. מיט אַ גרויסער קאָכלעפל — די טיפקייט פון וואַסער. מיט זיין שוך (ער האָט געטראָגן אַ 43ער. ווי מיר זענען אין יאָרן אַרום דערגאַנגען, איז עס דער גרעס-טער מענערישער נומער) האָט ער געמאָסטן די ברייט פון דער בריק. חוץ דעם האָט ער געהייסן טרובען, פּויקן, אַרויסלאָזן פּאַ-רע דורך אַ קליין שפּעלטעלע פון זופּ-קעסל. צו דעם פּלעגט ער דינגען שלאָמקען אויף אַ שעה-צוויי, ער זאָל נאָכמאַכן דאָס פּייפן פון אַ לאָקאָמאָטיוו, דאָס ברומען פון אַ שיף-קוימען, דאָס רוישן פון מאָטאָרן — מען זאָל זען און הערן אַז דאָ ווערט עפּעס אַ גי-גאַנטישע זאַך געבויט, אַ מין דניעפּערסטרוי, דעטרויט, לאַמאַנש-קאַנאַל, די ברוקלין-בריק.

דאָס אַלץ האָט זיך אין איין שמע-ישראל אָפּגעשטעלט. שאַ-שטיל. דער אינזשיניער איז געווען דער איינציקער וואָס איז אַרומ-געגאַנגען שוואַרץ ווי די ערד, פּאַרמרה-שחורהט, פּאַריתומט. ער האָט געשאָלטן און פּראָטעסטירט.

— וואָס הייסט, מען שטרייקט אַ טאָג פּאַרן דערעפענען די בריק? ווו איז ערגעץ יושר, גערעכטיקייט און אַלע אַנדערע זאַכן

וואָס מיר לערנען? — האָט ער זיך פּלוצלינג דערמאָנט אין די גוטע זאַכן וואָס מיר קנעלן. — שאַ, ווייסט איר גאָר וואָס — האָט ער גענומען ריידן עפּעס מיט אַן אויסערליש-זיגערישן טאָן — ווו איז ערגעץ סאָציאַליזם?

— ווער דען שטרייקט — האָט דער עופות-קאָכער אים באַלד געגעבן אַ גאַב — קאַפּיטאַליסטן?

די איינציקע טריי-געבליבענע זייער בעל-הבית, דעם אינזשי-ניער, זענען געווען דער „טעאָרעטיקער" און דער ספרדי. זיי האָבן אָבער לאַנג נישט געאַרבעט. זיי זענען פאַרשוווּנדן איידער מען האָט צייט געהאַט זיך אַרומצוקוקן.

נאָך דעם ווי דער „שטאַב" האָט זיך אַריינגעלייגט צו מאַכן שלום צווישן די ביידע צדדים, האָט מען געפונען דעם „טעאָרע-טיקער" צוגעבונדן צו זיין בעטל און דעם ספרדי האָט מען בכלל נישט געקענט געפינען. עס איז געווען קלאָר, אַז דאָ איז געקומען צום אויסדרוק אַן אַקציע קעגן שטרייקברעכעריי. דערווייל האָבן די שטרייקערס צוגעשטעלט זייערע קאָנדיציעס. צווישן די קאָנ-דיציעס איז אויך געווען אַ פּונקט וועגן אינזשיניערס בערדל. ביי דעם פּונקט האָט מען זיך צום מיינסטן געאַמפּערט. דער אינזשי-ניער איז כמעט איינגעגאַנגען אויף אַלע קאָנדיציעס, איינשליס-לעך אַליין טראָגן קלעצער, טריקענען זומפּן און אַפילו דערלאַנגען די אַרבעטער זייער מיטאָג. גרויסע פּראָפּאָרצן האָט אָנגענומען דער קאַמף קעגן בערדל, וואָס האָט אַ טייל ממש אַרויסגעבראַכט פון די כלים. דער דאָזיקער קאַמף האָט צעטיילט די מושבה אין פאַר-שיידענע גרופּעס, טענדענצן און שטרעמונגען:

1) קעגנערס פון בערדל; 2) אָנהענגערס פון בערדל; 3) קעג-נערס פון אינזשיניער צוליב זיין בערדל; 4) קעגנערס פון בערדל צוליבן אינזשיניער; 5) אָנהענגערס פון בריק און קעגנערס פון בערדל; 6) קעגנערס פון בריק, פון בערדל און פון אינזשיניער צו-זאַמענגענומען.

דאָס פאַרגלייכן זיך איז געווען פאַרבונדן מיט אַן עקזעקוציע, וואָס דער אינזשיניער האָט געלאָזט מאַכן אויף זיין פּנים. עס האָט זיך געהאַנדלט אין פאַרקיילעכן אים דאָס בערדל, עס זאָל פאַר-לירן די שטרענגקייט — אין הסכם מיט די אָנגענומענע נאָרמעס,

אַז שפּיציק איז שטרענג און אַכזריותדיק און קיילעכדיק איז מילד און גוט. עס איז אויך געמאַכט געוואָרן אַ באַוואָרעניש, דהיינו:
וואָס עס וועט נישט באַווייזן צו מאַכן מיטן שערן ד"ר חנא, זאָל דאָס רעשט פאַרענדיקן מיט גרים דער קוכער שלאָמקע — דער אויסגעשפּראָכענער און איינציקער טעאַטער-רעזשיסער.
ווי אַזוי דער בחור איז אַרויסגעקומען נאָך דער דאָזיקער אָפּעראַציע, איז נישט שווער זיך פאָרצושטעלן. אָבער בעסער איז ווען מיר וועלן אים אַ פאָטאָגראַפיר טאָן. דאָס אָרט פון בערדל האָט פאַרנומען אַ שוואַרצער פלעק. דורכן גרים האָט ער באַקומען אַ פאַרגליווערטן שמייכל אויפן פּנים, איינעם פון יענע שמייכלען פון קלאָונס, אין וועלכע עס ליגט דער גאַנצער טרויער פון דער וועלט. פון דעסטוועגן מוז מען דאָ פעסטשטעלן, אַז מענטשן, אַפילו דרוראָוועצעס, האָבן ליב אַזעלכע עקזעקוציעס. ווי נאָר זיי האָבן דערזען די רעטושירטע קלישע פון אינזשיניערס פּנים, האָבן זיי געמאַכט גרויסע אָוואַציעס, געהויבן דעם דאָקטער און דעם קוכער אין דער לופטן און צום סוף האָבן זיי צוגעטראָגן דעם אינזשיניער צו זיין בריק. די אַרבעטער האָבן זיך איצט פלייסיק אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט.
מען האָט אָפּגעבונדן דעם „טעאָרעטיקער" פון בעט. דווקא דער פּילאָט האָט אים בעת-מעשה דערלאַנגט עטלעכע טרוקענע פיזישע אָנצוהערענישן, אַז שטרייק איז שטרייק און שטרייקברעכעריי ווערט דאָ נישט אָנערקענט, אַפילו ווען עס האַנדלט זיך אין אַזאַ נאָבעלן צוועק ווי מאַכן אַ בריק.
מען איז געלאָפן אויפזוכן דעם ספרדי. האָט מען אים געזוכט און געזוכט און צום סוף געפונען. ער איז געהאַנגען אויף אַ בוים צוגעבונדן מיט אַ האַנטעך. געמיינט האָט מען, אַז ער האָט זיך געהאַנגען, אָבער מען האָט זיך גלייך געכאַפּט אַז ער איז לעבעדיק, ווייל ער האָט געזונגען אַן איבערריים:
„אַרומדעפּאַזשע, מיר צינגעלידעע,
די נאַכטיזמאַזשע, מיר וועגעם מידעע..."
מיר האָבן זיך מער אָנגעשטויסן ווי דערשפּירט, אַז מיט די ווערטער האָט דער ספרדי זיך געמאַטערט אויסצולערנען זינגען דאָס פּאָפּולערסטע ליד אויף דער מושבה:

„אַרום דעם פייער מיר זינגען לידער,
די נאַכט איז טייער, מיר ווערן נישט מידער...״

אין זיינע לעפצן און אין דער פּאָזע ווי ער איז געהאַנגען, האָט עס אָפּגעקלונגען ווי אַ מאַנאַטאָן אָריענטאַליש געזאַנג, וואָס טראָגט זיך פון הינטער די פּלייצעס פון אַן אינדווישן גאָט אין אַ פאַרלאָזטן טעמפּל. חוץ דעם האָט ער אַלע ווערטער באַטאָנט אויפן לעצטן טראָף און צו דעם נאָך מיט אַ קווייטשל.

דערזען די חברה, האָט ער זיך צעוויינט און געשווירן, אַז ער האָט אַליין גענומען אויף זיך די שטראָף פאַר זיין שטרייק־ברעכעריי. אויב מען איז אים נישט מוחל און מען וויל ער זאָל שטאַרבן, רוקט ער אַוועק דאָס קלעצל פון אונטער די פיס און... אוים ספרדי.

מען האָט אים אַראָפּגענומען פון בוים, געהייסן זינגען אַ מאָל דרייסיק „אַרומדעפּאַזשע מיר צינגעלידעע״ און געשיקט צו דער אַרבעט.

אויפן אַנדערן טאָג האָט געדאַרפט פאַרקומען די דערעפענונג פון דער בריק. דאָ האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די זון האָט פול־שטענדיק אויסגעטריקנט דאָס וואַסער פון אונטער דער בריק, אַזוי אַז מען קען צוקומען ביזן אינדזל אָן אַ בריק. דער אינזשיניער האָט שוין באַגינען געזען דאָס אומגליק און האָט געשלונגען אייַן אַספּירין נאָך דער צווייטער. דער „טעאָרעטיקער״ מיטן ספרדי האָבן אַפילו געפּרוּווט אין געהיים אַנגיסן וואַסער. זיי האָבן גע־שלעפּט איין קאַן וואַסער נאָכן אַנדערן, געגאָסן און געגאָסן, אָבער די ערד האָט בּיסלעכווייז אַלץ איינגעזאַפּט. מען האָט מורא, באַ־קומען פאַרן אינזשיניער און אים נישט אָפּגעלאָזט פון אויג.

עס זענען פלוצלינג אַרויפגעשוווּמען אויפן סדר־היום מעשיות וועגן אינזשיניערן וואָס זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד צוליב אַ נישט־איינגעגעבענעם ווערק. מען האָט געזוכט אַן עצה. באַלד האָט זיך באַוויזן אַ מעלדונג אויפן מודעה־טאָוול מיט אַזעלכע פּאָרט פּונקטן:

אַ) קיינער טאָר נישט אַריבערגיין צום אינדזל, אויב ער גייט נישט איבער דער בריק;

ב) קיינער טאָר נישט אַריבערגיין די בריק, אויב ער טראַכט נישט בשעת-מעשה, אַז ער גייט איבער אַ וואַסער;

ג) קיינער טאָר נישט אַריבערגיין די בריק אָן דער דערלוי בעניש פון אינזשיניער;

ד) ביזן אָוונט ווערט אָפּגעשלאָסן די בריק.

ביי נאַכט איז פאָרגעקומען די דערעפענונג. עס איז געווען אַ באַפעל, אַז אַלע חברים מוזן שפּרייזן איבער דער בריק און נישט אויף דער ערד. דער אינזשיניער איז געגאַנגען דער ערשטער. נאָך אים האָבן אַלע זיך אַ לאָז געטאָן צום אינדזל. דער אינזשיניער האָט געהאַט ספּעציעלע אַגענטן, וועלכע ער האָט, ווייזט אויס, אָפּגעקויפט. זיי האָבן אַכטונג געגעבן, אַז מען זאָל גיין איבער דער בריק. אויב עמיצער האָט זיך פאַרעקשנט און געגאַנגען אונטן, איז ער גלייך דורך עטלעכע געזונטע הענט אַרויפגעשלעפּט גע־וואָרן ווי מיט אַ הייבמאַשין.

אָט־אַזוי, מיט אייגענעם ווילן, מיט אַ ביסל צוואַנג און אַפילו טעראָר, איז מען אַריבערגעקומען אויפן אינדזל. דער אינזשיניער האָט געשיינט אין דער פינצטער מיט זיין גרימירטן פאַרגלי־ווערטן שמייכל. אַ מעכטיקער פייער-מדורה האָט זיך באַלד צע־צונדן און רויט געמאַכט דעם באַשטערנטן נאַכטיקן הימל. אַ הוי־ראַ־טאַנץ האָט זיך צעפלאַקערט אַרום דעם פייער און „אַרומדעפּאַ־זשע" און די חברה שטיפערס האָבן זיך איצט געשמאָלצן אין זייע־רע וואַרעמסטע געפילן איינער צום אַנדערן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה באַריכטן און אויך באַגרי־סונגען. דער פּילאָט האָט איבערגעגעבן אַ באַריכט פון טשילע און געמאָלן זיך און דעם אינזשיניער אין די שענסטע פאַרבן. ווען ער האָט פאַרענדיקט, האָט אים נאָר דער אינזשיניער אַפּלאָדירט.

איצט איז געקומען די ריי צו באַגריסן אויפן קוכער. ער האָט גענומען אַ טאָן, פאַרגלייכנדיק אים, ווי זיין שטייגער, פריִער מיט זיין קאַמערטאָן — אַ בראַטאַייזן, אין וועלכן ער האָט געקלאַפּט מיט אַ ציין-בערשטעלע — און גלייך אַרויסגעשאָסן:

— עס איז אַזוי — האָט ער אָנגעהויבן — דאָ האָט זיך גע־יאַוועט איינער אַזש פון טשילע און האָט געחלשט צו מאַכן אַ בריק

האָבן מיר אים געלאָזט. אָבער נישט געזאָרגט, מיר האָבן אין אונדזער געשיכטע איבערגעלעבט ערגערע פּאַסירונגען. פון דעסט־וועגן, אין נאָמען פון אַ קאָמיטעט „פריינד און קעגנער פון אינ־זשיניער" וואָס האָט זיך נאָר־וואָס פאָרמירט, האָב איך דעם קנאַפּן כבוד איבערצוגעבן אים אַ מתנה אין דער פּערזאָן פון ספרדי, וועלכן מיר שענקען אַוועק דעם אינזשיניער פאַר זיין ווערק ביז איבער דער מושבה.

דאָ האָבן צוויי חברהניקעס גענומען דעם ספרדי אויף די הענט און מיט גרויס צאַרטקייט אים אַ וואָרף געטאָן צום אינ־זשיניער, וועלכער האָט פון זיין זייט געדאַנקט פאַר דער מתנה און געמאָלדן פייערלעך, אַז ער גיט איבער די בריק אין רשות פון דער מושבה.

דאָס איז די געשיכטע פון אינזשיניער און זיין בריק.

דער פּילאָט

לאָמיר אייך פאָרשטעלן דעם פּילאָט און מיט דעם אָפּפּטרן אַ חוב צו טשילע. געקומען איז ער צוזאַמען מיטן אינזשיניער פון טשילע. דורך אים איז געבראַכן געוואָרן אַן אַלטער מושבה־פּרינ־ציפּ: פּאַכלייט און ספּעצן געבן פּאַרקערטע נעמען און בכלל זיי דערגיין אַ ביסל די יאָרן. דעם שלימזלדיקן אָנהייב האָט געמאַכט דאָקטער חנא, וואָס הגם ער שטודירט מעדיצין, האָט מען אים דערלאָזט צו ווערן דער מושבה־סאַניטאַר. שפּעטער איז געקומען דער אינזשיניער פון טשילע, וואָס האָט דעם טיטל דערוואָרבן אויף דער מושבה צוליב זיין לעבנסווערק, די בריק. ווערט מען געוווּיר, אַז אויך דער אינזשיניער איז געכאַפּט אין דער מעשה, דהיינו: ער שטודירט און טאַקע נישט קיין אַנדערע זאַך, ווי אינ־זשינעריע. צום סוף איז געקומען דער פּילאָט, וואָס הגם מען האָט געוווּסט אַז ער איז שוין אַמאָל געפלויגן... פון דעסטוועגן איז זיין נאָמען געבליבן „פּילאָט״.

פון וואַנען האָט מען געהאַט די זיכערקייט, אַז ער איז טאַקע אַ פּילאָט? ווער זאָגט דען, אַז מען איז געווען זיכער? עס זענען געווען צוויי באַווייזן: ערשטנס, איז מען עס געוווּיר געוואָרן פון אינזשיניער. ער האָט דערציילט אַ סוד דעם טעאָרעטיקער. אויף מאָרגן האָבן עס שוין אַלע געוווּסט. דאָס איז געווען איין באַווייז. דער צווייטער באַווייז איז געווען זיין נייגונג צו הויכקייט. אַ יונג — אַ דעמב, מיט אַ ביסל אַ נאַיוון ייִנגלשן פּנים, מיט קוילן־שוואַר־צע אויגן, וואָס האָבן רק געזוכט קרבנות — דיסקוטאַנטן. בכלל זענען סיי דער אינזשיניער, סיי דער פּילאָט, אַרומגעגאַנגען ממש ווי אויף יאַגד (אַזאַ געוווינהייט ביי די טשילענער — זאָגט מען) און ווי נאָר זיי האָבן דערזען ווי איינער עפנט דאָס מויל — אַהאַ! זיי זענען דאָ.

— וואָס האָסטו געזאָגט? — גיט זיך אַ ציי אוים אין זיין גאַנ־

צער לענג דער אינזשיניער — וואָס האָסטו געזאָגט? אַז מען קען נישט זיין גלייכצייטיק אַ ספרדי און גלייכצייטיק אַ ייִד?

דער פּילאָט כאַפּט באַלד אונטער:

— אויב דו האָסט אַזוי געזאָגט, צי גלייך צוריק די ווערטער. אויב דו האָסט נישט אַזוי געזאָגט, טאָ זיי וויסן, אַז אַ ייִד קען אַ מאָל זיין אַ גוי, אָבער אַ ספרדי איז שטענדיק אַ ייִד.

איידער וואָס־ווען, שטייען זיי שוין אַזוי נאָענט פּונעם שלי־מזלדיקן בחור, אַז יענער קען שוין נישט כאַפּן דעם אָטעם.

— ווער האָט גערעדט וועגן ספרדים? — טענהט יענער — נישט וועגן ספרדים און נישט וועגן ייִדן.

— וואָס, האָסט נישט גערעדט וועגן ייִדן? — גיט דער אינ־זשיניער אַ מאַך אַן אומקרייז אַרום דעם בחור מיט זיין 43ער שוך, — וועגן וועמען דען? אפשר וועגן קריסטן? פֿיין! קריסטנטום איז אַלט 1943 יאָר מיט איין חודש און דאָס ייִדנטום איז אַלט 5703 יאָר מיט 18 טעג.

— וואָס הייסט, דו רעדסט נישט וועגן ייִדן? — גיט דער פּי־לאָט מיט איין שפּרונג אַ שטעל זיך אַוועק אויפֿן טיש, גרייט אַוועק־צולייגן אַ דרשה — גוייִם ריידן היינט וועגן ייִדן און ער וויל גאָר נישט ריידן.

איין עצה איז געווען פֿאַר זיי: מען האָט גאָדאַרפֿט נעמען ריידן צו זיי ייִדיש, דעמאָלט זענען זיי שטיל געבליבן. דאָס מיטל האָט אויסגעטראַכט דער חבר שאָפּנהאָוער.

— וואָס איז דאָס ביי אייך פֿאַר אַ מדינה, טשילע? — פֿלעגט ער טענהן מיט כעס — אַזעלכע גרויסע בחורים און קענען קיין וואָרט ייִדיש נישט.

עס איז געווען אַ צער־בעלי־חיים אָנצוקוקן די צוויי „טעכני־קער", ווי זיי פֿלעגן נישט האָבן וואָס צו ענטפֿערן, ווי איינער זאָגט: האָט טענות צו אונדזערע טאַטעס.

אַ וויסטן אָפּשניט האָט געהאַט ביי זיי דער חבר יצחק, וועל־כער איז געקומען מעשה־דעלעגאַט אויף שבת צו געבן אַ רעפֿעראַט. היות דער רעפֿעראַט איז געווען אויף שפּאַניש, האָט אים מער קיין צרות נישט געפֿעלט. די צוויי חברה האָבן דערטאַפּט אין אים אַ מענטש מיט אַ נטיה צו ענטפֿערן, בעת מען רעדט צו אים אָדער

מען דיסקוטירט מיט אים. האָבן זיי אים עקספּלאָטירט פון דעם מאָמענט ווען ער איז אָנגעקומען ביזן סאַמע אָוועקפאָרן. ווען דער אויטאָ האָט שוין גערירט פון אָרט, האָט דער פּילאָט נאָך באַוויזן אַריינצוּוואַרפן אַ פראַגע:

— וואָס ווילן די נייע ציוניסטן?

די פראַגע איז געבליבן הענגען אין דער לופטן. עס איז אַפילו ביי דעם געשטאַנען דער „גאָטש", שמעון־גרשון, אָבער דער פראַ־גע־שטעלער האָט געוווּסט, אַז פון דעם גאָטש איז שווער אַרויס־צובאַקומען אַ וואָרט.

די ערשטע צייט, נאָך דעם ווי חבר שמעון־גרשון פלעגט האַלטן איין רעפעראַט נאָכן אַנדערן און אויף וועלכע טעמעס עס איז נאָר מעגלעך אַז אַ מענטש זאָל אויף זיי ריידן, האָבן זיך ביידע דיס־קוטאַנטן אָנגעהויבן צוצושאַרן צו אים. זיי האָבן אים פאַרוואָרפן מיט קשיות, ווי איינער רעדט: מיר וואַרפן דיר אַ הענטשקע און רופן דיר אַרויס אויף אַ ווערטער־דועל.

שמעון־גרשון, ווי נישט אים מיינט מען, פלעגט זיך רויק קייען אַ מייער, אַ רעטעך און זיי געלאָזט ריידן וויפל זייער האַרץ גלוסט.

האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז ער איז נישט קיין סחורה. חוץ דעם האָבן זיי זיך געכאַפּט, אַז דער וואָס האָט ליב צו ריידן צו גרויסע מאַסן, וועט זיך קיין מאָל נישט אָוועקשטעלן דיסקוטירן מיט איי־נעם אָדער צוויי. איז זיי געווען טאַקע גאַנץ ביטער. דער מינים־מער פאַר אויסערלעכע ענינים פון דער מושבה האָט אַפילו פאַר־אָרדנט, אַז געסט וואָס קומען באַזוכן דעם לאַגער, טאָרן בשום אופן נישט פאַרגעשטעלט ווערן פאַר די טשילענער וואָרט־קעמפער, כדי די געסט זאָלן נישט פאַרשפּעטיקן אַ היים צו פאָרן און די מושבה זאָל דאַרפן בלייבן מיט אומזיסטיקע פרעסערס ביזן צווייטן טאָג.

יאָ, שוין אָפּגערעדט וועגן די הויכע ווערטער, וואָס דער פּי־לאָט פלעגט באַנוצן אין זיינע דיסקוסיעס, האָט ער ליב געהאַט צו קריכן אויף גלייכע ווענט, שפרינגען, קלעטערן; זיין וואָס ווייטער פון דער ערד און וואָס נענטער צו די הימלען.

— די ערד איז שלעכט און פאַרדאָרבן און די הימלען זענען ריין און פריי — פלעגט ער טענהן.

נישט געווען קיין הויך פּלאַץ ווו ער זאָל נישט אָנשפּאַרן. די

העכסטע שפּרינגברעט אין שווימבאַסיין. דער העכסטער בוים, ליב געהאַט אַפילו זיך אַרויפצודראַפּען אויף די אַקסלען פון אינזשיניער, אַבי נישט צו שטיין אויף דער ערד.

אָבער דאָס איז נישט געווען אַלץ. אַ באַגריף וואָס עס מיינט אַזוינס אַ פליִער, האָבן מיר באַקומען אין אַ טאָג, ווען די נאַטור האָט זיך צעבונטעוועט. עס איז געווען דער באַרימטער טאָג פון דער ערד־ציטערניש אין סאַן־כואַן. דער עולם האָט געהאַלטן אין מיטן עסן מיטאָג. פּלוצלינג האָט אַ מעכטיקער ווינט געגומען שטו־רעמען מיט אַזאַ כוח, אַז אַלע שיסלען מיט זופּ, מיט די שטיקלעך פלייש וואָס דער קוכער האָט ערגעץ צוזאַמענגעשלעפּט, מיטן ברויט — אַלץ איז מיט איין אויגנבליק אַראָפּגעשאַרט געוואָרן פו־נעם טיש און פאַרשליידערט געוואָרן צווישן די ביימער און גראָזן.

די פּאַלאַטקעס האָבן זיך נאָכגעלאָזט און גרייט געווען צו פאַר־לאָזן זייערע פּלעצער. די טרובע האָט גערופן אַ שטאַרקן אַליאַרעם, נאָר ווי אויף להכעיס האָט דער בלאָזער נישט געקענט אַרויסברענ־גען דעם מינדסטן טאָן. צום סוף איז אים געלונגען צו נעמען אַן „אָבערע צע", אָבער דער ווינט האָט אים איבערגעשריגן. דער עולם האָט אַלץ איבערגעלאָזט און מיט געאייניקטע כוחות צוגע־האַלטן די שטריק, פאַרפעסטיקט די קלינעס און נישט דערלאָזט, אַז די לייוונטן פון די פּאַלאַטקעס זאָלן זיך נאָכגעבן דעם ווינט.

דער איינציקער וואָס איז געלאָפן איז געווען דער ספרדי. ער איז נאָכגעלאָפן זיין שיסל אַריבער אַ קילאָמעטער וועג. צום סוף איז ער אַוועקגעפאַלן אָן כוחות און אַזוי ליגנדיק איבערגעוואַרט, אַז אויך דער ווינט זאָל זיך אַ ביסל אָפּרוען.

ווען דער שטורעם האָט זיך איינגעשטילט, דער שטויב האָט זיך אָפּגעזעצט — האָבן מיר ערשט געזען דעם חורבן פון אונדזער זומער־לאַגער. ביימער זענען אויסגעריסן, דער קעסל איבערגעקערט. אויף דער ערד האָבן זיך געוואַלגערט שיסלען, לעפל, גאָפּ־לען, מעסערס, ברויט. דער קוכער מיטן טעאַרעטיקער זענען אַרומ־געגאַנגען צונויפנעמען דאָס ביסל שפּייז־זאַפּאַס אין די כלים. דעם דאָקטער האָט מען געפונען מיט זיין גאַנצער אַפּטייק און שער־מכשירים אין אַ זאַק ערגעץ הינטערן לאַגער. ער האָט געוואָלט פאַרהיטן דאָס ביסל האָב־און־גוטס, איז ער אַריינגעקראָכן אין אַ

זאַך און האָט שוין מער נישט געקענט אַרויס פון אים. ווען אַלץ איז שוין געווען אַ ביסל איינגעשטילט, האָט מען ערשט דערזען די אמתע סצענקע:

הינטערן איבערגעקערטן טיש, ווי אַ באַריקאַדע קעגן ווינט, איז געזעסן דער פילאָט און האָט געריבן די אמתע סעודה, ווי עס וואָלט גאָר נישט פּאַסירט. ווען מען האָט זיך דערנענטערט האָט מען דערזען, אַז ער איז צוגעבונדן מיט אַ שטריק צו אַ פעסטן בוים. די שיסל איז צוגעפעסטיקט צום טיש מיט נאָך אַ שטריק. צו דער רעכטער האַנט איז צוגעבונדן אַ מעסער. צו דער לינקער — אַ גאָפּל. אויף אַ קנעפּל פון זיין כאַקי־העמדל הענגט אַ שטיק ברויט און פון זיין רעכטן אויער, פאַרטשעפּעט מיט אַ האַטשיק, הענגט אים אַראָפּ אַ קווערטל מיט וואַסער.

זיצט ער זיך אין דער דאָזיקער פּאָזע, ווי גאָט אין אָדעם. שניידט שטיקלעך פלייש מיטן צוגעבונדענעם מעסער, וואַרפט זיי אין מויל אַריין מיטן צוגעבונדענעם גאָפּל, דרייט אויס דעם קאָפּ רעכטס און גיט אַ זופּ אַ ביסל וואַסער פון קווערטל; אַ בייג דעם קאָפּ אַראָפּ צום קנעפּל און גיט אַ ביס אַ שטיק ברויט. און עסט זיך אַזוי פּאַוואָליע אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך געווען צו עסן און צו טרינקען ביי אַזעלכע אויסטערלישע באַדינגונגען.

דערזען אַזאַ עולם, וואָס קוקט אויף אים ווי אויף אַ בייז וווּנדער, האָט ער אָפּגעבונדן אַלע מכשירים און געגעבן דער אוידיטאָריע אַ קליינע לעקציע:

— מיר, פּילאָטן, פּליִערס — הגם מיר זענען די גרעסטע אָנהענגערס פון הויכקייטן, פרייע שטחים, נישט־צוגעבונדנקייט — זענען מיר גלייכצייטיק די גרעסטע פּאַטריאָטן פון זיין צו עפּעס פאַרפעסטיקט. דערפאַר טראָגן מיר מיט זיך שטענדיק שטריק און האַטשיקעס. אָט זעט איר: איר האָט היינט קיין מיטאָג נישט געגעסן, ווייל איר זענט נישט פּראַקטיש. ביי מיר האָט דער ווינט נישט געקענט צונעמען די שיסל, ווייל איך האָב זיך באַלד צוגעפעסטיקט צום בוים, דער בוים צו מיר און מירביידע צום טיש און צו דער שיסל. אַזוי האָב איך מיר ביסלעכווייז, גאָט צו דאַנקען, אויפגעגעסן מיין טעגלעכע פּאַרציע שפּייז.

מען מוז מודה זיין, אַז דער דרך־ארץ איז געוואַקסן פון מינוט

צו מינוט. חבר שאָפּענהאַוער האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און געמאַכט אַ פּעסימיסטישע באַמערקונג:

— יאָ, חברים, מיר ליגן טאַקע אין דער ערד און ער ווייזט אויס איז אַ פּליער. קריכן מיר מיט אונדזערע מחשבות אין די הימלען און ער בינדט זיך צו צום טיש און צו דער שיסל — די סאַמע ערדישסטע פאַרגעניגנס.

דער ווירטשאַפט-מיניסטער האָט נישט געקענט איבערטראָגן די אָנערקענונג און האָט צוגעגעבן פון זיין זייט:

— פון דעסטוועגן פליט ער נישט ווי דער פויגל זוכן שפּייז, נאָר עסט וואָס מיר האָבן אים צוגעגרייט.

דער פּילאָט האָט געזען וואָס עס טוט זיך דאָ, האָט ער געמאַכט אַ פּאַטעטישע דערקלערונג:

— הערט אייך איין, חברים! אַזוי ווי איך בין זאַט און איר זענט הונגעריק, לייג איך אייך פאָר איר זאָלט גיין שלאָפן. נישטאָ קיין בעסערע רפואה פאַר הונגער ווי שלאָפן. די אַרבעט וועל איך שוין מאַכן פאַר אייך אַליין, ווייל איר זענט שוואַך פון נישט עסן.

ער האָט געהאַלטן וואָרט. דעם טאָג האָט ער געאַרבעט פאַר צען.

דער „גאַטשאַ“ שמעון־גרשון

עס איז געווען זיין ערשטער אַרויספאָר אויף אַ מושבה. דעם נאָמען „גאַטשאַ“ האָט ער באַקומען פון פּעסימיסט, וועלכער איז נתפּעל געוואָרן פון זיינע ברייטע „באָמבאַטשאַס“, אמתע גאַטשאַ־הויזן, און לייוונטענע „סאַפּאַטיזשאַס“ מיט שטריק־זוילן. זיינע שוואַרצע האָר און קליינע וואָנצעלעך האָבן דערגאַנצט זיין גאַרטשישע מערכה. אַ חוץ זיין פיזאָנאָמיע און נייגונג „אַרומצושווימען“ אין ברייטע גאַטשאַ־קליידער, איז ער אויך אין זיין נאַטור אַ גאַטש דורך און דורך. הגם ער איז געווען איינער פון די מנהלים (אָנפירער) פון דעם זומער־לאַגער, איז ער געווען דער ערשטער, וואָס האָט אויף אַ ממש העראָישן אופן געפייפט אויף דיסציפּלין.

— נאַרישקייטן — האָט ער צו אונדז געטענהט, בעת מיר האָבן אים מיט די איידלסטע ווערטער אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ער זאָל זען צו באַקומען אָנפאַלן פון „ווילדער סטיכיע“ אויסער דער רעגלאַמענטאַרישער צייט — פּוסטע מעשיות. ווער האָט עס אויסגעטראַכט אַזאַ וואָרט ווי דיסציפּלין, אַזעלכע ווילדע מנהגים ווי קוקן אויף אַ זייגער, עסן מיט אַ לעפל, באָדן זיך אין אַ באָד־אָנצוג, שלאָפן ביי נאַכט און צעטיילן דאָס טעגלעכע עסן אין דריי טיילן: פרישטיק, מיטאָג און אָוונטברויט?

ער איז געווען אַ פולשטענדיקער קעגנער פון דער עלעמענטאַרסטער אָרדענונג. אין דער פרי, ווען די טרובע האָט גערופן צום אויפשטיין, האָט מען אים אַ מאָל געקענט זען אַריינגיין אין דער פּאַלאַטקע שלאָפן און אַ מאָל, ווען חברה איז געגאַנגען אויף אַ ביינאַכטיקן אויספלוג, האָט מען אים שוין געקענט זען אַרויסגיין פון דער פּאַלאַטקע צום טייך כדי צו כאַפּן אַ נאַכטיקע באָד. צוליב ערלעכקייט מוז מען צוגעבן, אַז אויך אין עסן האָט ער נישט געהאַט קיין דיסציפּלין. ביי אים איז געווען רעכט אַ מאָל קומען צו לויפן עסן מיטאָג וועטשערע־צייט און נישט וויסן, אַז ער עסט וועטשערע. אמת, דער ריטעם פון עסן איז געווען טאַקע אַ מיטאָג־

דיקער ביי אים. דאָס פֿלעגן באַלד דערפֿילן די קיך־לייט, מחמת ביי אַזאַ פֿאַל פֿלעגן אויספֿעלן אַ דריי־פֿיר פּאָרציעס. דער אינזשיניער האָט דערקלערט דעם פֿענאָמען על פּי חכמת הפֿיזיק:

— אין דער נאַטור גייט גאָר נישט פֿאַרפֿאַלן — האָט ער דערקלערט. — אויב עס פֿעלן דריי פּאָרציעס פֿאַר דריי יאַטן, הגם די דערמאָנטע פּאָרציעס האָבן זיך פֿריִער געפֿונען אין קעסל, איז אַ סימן אַז איינער האָט זיי פֿאַרצערט...

אַ מאָל, ווידער, פֿלעגט טרעפֿן, אַז ער האָט זיך אױפֿגעכאַפּט אין מיטן דער נאַכט, אויפֿגעוועקט אונדז פֿון שלאָף און קייענדיק אַ ברויטל פֿלעגט ער אונדז ווײַזן דערוווייזן, אַז די ריכטיקע צייט צו עסן מיטאָג וואָלט געווען נאָר אין מיטן דער נאַכט, ווייל דעמאָלט איז קאַלט און אַז מען עסט ווערט וואַרעם. די טעאָריע האָט אַ מאָל דערווירטשאַפֿט־קאָמיסיע געקאָסט אַ קאַסטן באַרן און אַ זעקל ברויט. צו דעם האָט מען געדאַרפֿט אויסהערן אַן עטלעכע־שעהדיקע לעקציע וועגן פּאָליטישער עקאָנאָמיע. עס איז געווען אַזוי:

דער ווירטשאַפֿט־קאָמיסאַר האָט עפּעס דערטאַפּט אַ פּאָר איבעריקע גראָשנס און גייענדיק מיטן קוכער און נאָך אַ מיטגליד פֿון זיין שטאַב, האָבן זיי אָנגעטראָפֿן אַ וואָגן מיט באַרן. זיי האָבן אויף גיך געהאַט אַ באַראַטונג און באַשלאָסן איינצוהאַנדלען אַ קאַסטן באַרן לכבוד קבלת־שבת. „זאָלן חברה וויסן, אַז שבת איז נישט קיין טאָג ווי אַלע טעג" — האָבן זיי זיך געוואָלט אַליין איינריידן און טאַקע פֿאַר איין וועג זאָל עס זיין אַ תירוץ פֿאַרן אַדמיניסטראַטאָר פֿון דער צענטראַל־ביוראָ, פֿון וועלכן זיי האָבן זיך באַלד געריכט צו קריגן דעם אמתן סוף. זיי האָבן אַפֿילו שוין געוווּסט דעם פּזמון, וואָס ער וועט זיי זאָגן און שלאָמקע דער קוכער האָט עס טאַקע באַלד מיט אימיטאַציע באַוויזן:

„און קאַרטאָפֿל קענט איר נישט פֿאַרבייסן נאָכן עסן, איר זענט נאָר געוווינט צו פּרוכטן? דאָס צענטראַל־ביוראָ פֿאַרווערט קאַטעגאָריש צו עסן „פּאָסטרעס", נאַכשפּייזן און פֿאַרשיידענע לוקסוס־פּאַטראַוועס!".

זיי האָבן זיך אָבער נישט געקענט העלפֿן. די באַרן האָבן זיי

געלאָקט און זיי האָבן געוואָלט דער חברה מהנה זיין מיט עפּעס אַ ליטווישער פּרוכט און זאָל מען זען, אַז סיי די ווירטשאַפט-קאָמיסיע, סיי די קיך-קאָמיסיע האָבן נישט דאַקעגן, אַז חברה זאָל אַ מאָל אַ נאָש טאָן, איבערהויפּט לכבוד שבת. זאָל מען, הייסט עס, נאָר לאָזן...

וואָס איז דאָ צו ריידן? די באַרן זענען געקויפט געוואָרן. איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּראָבלעם: ווי טוט מען זיי אַהין? דאָ איז איצט דאָנערשטיק, צו שבת פעלט נאָך — אפילו לויטן חשבון פון ווירטשאַפט-קאָמיסאַר, וואָס האָט אַ מאָל ליב געהאַט אַריינצוגנבענען אַ טאָג — גאַנצע צוויי טעג. טאָמער דערוויסט זיך די חברה וועגן דער עקסיסטענץ פון אַזאַ קאַסטן באַרן, אַפילו ביי דער בעסמער דיסציפּלין, קען ער צעטראָגן ווערן, — שוין אַריינגערעכנט דאָס אויפרייסן דאָס דעקל, אַרויסציִען די טשוועקעס און צענעמען דאָס קעסטל, — במשך פון 10 ביז 15 מינוט. האָט זיך דאָ שוין דאָס פּראָבלעם אויסגעברייטערט און מען האָט געמוזט געפינען אַ לייזונג צו צוויי אויפגאַבעס מיט אַ מאָל:

א) ווי אַזוי זאָל מען דורכטראָגן דעם אוצר, אַז קיין איינער פון דער חברה זאָל זיך נישט אָנשטויסן און נישט געבן קיין עין-הרע;

ב) אַז מען וועט אים שוין מיט מזל דורכשמוגלען, ווו זאָל מען אַהינטאָן אַזאַ קעסטל גאָלד?

האָבן זיך אַלע דריי אַוועקגעזעצט אויפן קעסטל און האָבן זיך אַזאַ פּאַרטיף געטאָן אין רעיונות אַזש קנייטשן זענען זיי אַרויס אויף די שטערנס. דער קאָמיסאַר, ווי אַלע קאָמיסאַרן, האָט תיכף רעזיגנירט.

— איך האָב אָנגעשטרענגט מיין מוח און אָנגעצונדן אין אים אַלע לעמפּעלעך — האָט ער אַ פאַרצווייפלטער אַרויסגעברומט — און גאָר נישט.

— ווער האָט דיר געבעטן צו טראַכטן? — האָט דער קוכער זיך נישט געקענט איינהאַלטן צו דערלאַנגען אַ שטאָך — צו טראַכטן דאַרף מען דאָך אַ מוח, און וועלכער ווירטשאַפט-קאָמיסאַר און סתם קאָמיסאַרן אויף דער וועלט פאַרנעמען זיך מיט מוח-זאַכן?

— איך האָב עס! — האָט פלוצלינג אַ געשריי געטאָן נישט קיין אַנדערער ווי דער פשוטער מיטגליד פון דער ווירטשאַפט־קאָמיסיע, וואָס האָט זיך געהאַלטן נידעריקער פון גראָז און איז אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען אַ באַגייסטערטער פאַר אַלץ וואָס עס איז פאָרגעקומען אויף דער מושבה. מען האָט אים גערופן „גאַר־דאָ״ (דיקער), לויט דער אָנגענומענער תורה פון קאָפּויערדיקייט. פון דעם פאַרשטייט מען שוין אַליין, אַז ער איז געווען אַ דאַר מענטשל. נישט שטענדיק האָט אַ שפּראַך די נייטיקע ווערטער צו באַצייכענען אַ באַשטימטע קאַטעגאָריע אָדער אַ צושטאַנד. אויף דערויף זענען פאַראַן פאַרגלייכן. אין דעם פאַל דאַרף מען זאָגן, אַז ער איז געווען דאַר ווי אַ ציינשטעכער און עס וועט גאָר נישט זיין איבערגעטריבן.

— מיר האָבן עס ביידע! — איז דער קוכער שלאָמקע אים אַריינגעפאַלן אין די רייד.

איידער דער ווירטשאַפט־קאָמיסאַר האָט מיט אָפענע אויגן, פול מיט פרעגצייכנס, באַוויזן אַ פינטל צו טאָן, איז שוין דער „ציינשטע־כער״ געווען אויף יענער זייט טויער און זיך געלאָזט גלייך אין דער פאַלאַטקע צו שמעון־גרשון, דעם גאַוטש. ער איז צוריקגעקומען מיט אַ פּאַק ביכער און אַזוי ווי אָפּגערעדט דורך טעלעפּאַטישער קראַפט, האָט זיי שלאָמקע געגעבן אַ לייג־אויס אויפן דעקל פון קאַסטן און זאַלבעצווייט, לאָזנדיק דעם קאָמיסאַר מיט אַן אָפן מויל, מיט גרויס פאַראַד דורכגעטראָגן דאָס קעסטל גלייך צום גאַוטש אין דער פאַלאַטקע און עס אַרונטערגערוקט ביי אים אונטערן בעטל.

מען קען זאָגן, אַז די קאָאָפּעראַטיווע אָפּעראַציע איז כמעט דורך בשלום, אָבער נישט אין גאַנצן אומבאַמערקט. שטענדיק זע־נען פאַראַן נייגעריקע, בפרט די חברה פון דער קיך און שפּייז־מאַ־גאַזין. איינער פון זיי האָט אַזוי, כלומרשט אָן אינטערעס, אַ פרעג געטאָן וואָס פאַר אַ נייע פאַרטיע ביכער זענען עס אָנגעקומען און דערביי אַראָפּגענומען איין עקזעמפּלאַר. ער האָט זיך, וואָס אַן אמת, דערשראָקן פאַרן טיטל און עס באַלד צוריקגעלייגט.

— חברה — מאַכט ער צו דער גאַנצער סוויטע זיינער, אַ מאַן פיר, — שלאָפט איך גוט אויס, ווייל עס גרייט זיך אויף אונדז שמעון־גרשונס אַ לעקציע וועגן פאָליטישער עקאָנאָמיע.

סיי שלאָמקע, סיי דער „ציינשטעכער" האָבן זיך אַזוי באַלע־באַטיש צעשמייכלט, וואָס זיי איז געלונגען אָפּצונאַרן דער חברה, הגם אַ ביסל טרויעריק זענען זיי געוואָרן, ווען זיי האָבן באַמערקט צווישן דעם שטויס ביכער, וואָס האָט פאַרדעקט דאָס קעסטל, אַזעלכע „אַנטיקן" ווי „קריטיק צו דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע" און „אַנטי־דיורינג" פון ענגעלס, שמידט און דזשיימס און באַגדאַנאָוו און ווער נישט?

— ס'איז ביטער — מאַכט שלאָמקע — דאַכט זיך, אַז דער גאָטש גרייט זיך צו אַ גרויסער וויסנשאַפטלעכער אינקוויזיציע אויף דעם קבלת־שבת. וואָס טוט מען?

— ס'וועט זיין אַ זים אי ביטער — וואַרפט אַריין דער „ציינשטעכער" אַ געלונגענע פראַזע — זים וועט זיין פון די באָרן וואָס ליגן אונטער די ביכער און ביטער וועט זיין פון די ביכער וואָס ליגן אויף די באָרן.

נישטאָ אָבער קיין חכמים אויף דער וועלט און בכלל קען דער גרעסטער געביפטער חברהמאַן איבערגעקליגלט ווערן. די דערפאַרונג האָט שפּעטער באַוויזן, אַז הגם דער טעלעפּאַטישער איינפאַל פון די ביידע, וואָס האָבן מיט מזל „דורכגעשוואַרצט" דאָס קעסטל פּרוכטן ביז גרשונס אונטערנבעטל איז געווען אויפן מאָמענט כמעט געניאַל, האָט אָבער די נאָז פון דעם קעסל־מישער — הברה האָט אים אַ נאָמען געגעבן „שאָוויניסט", ווייל ער פלעגט דעם קעסל זופּ שטענדיק מישן מיט דער רעכטער האַנט, קיין מאָל נישט באַנוצט די לינקע — די דאָזיקע נאָז, אַ גאַנץ באַדייטנדיקע, אַגב, וואָס איז געווען אין פולער סתירה צו יעדער מין אַבסטראַקציע, דאָס דאָזיקע נעזל פון דעם „שאָוויניסט" האָט גלייכצייטיק מיט די אויגן וואָס האָבן דערזען וואָס פאַר אַ גייסטיק־קולטורעל־אויפקלערערישע סחורה עס וואַרט אויף זיי פון די ביכער — דערשמעקט אַז אונטער דעם „אויפקלער־מאַטעריאַל" איז עפּעס נישט גלאַטיק, נאָר אָוואַל און קיילעכדיק. זיין ראַפינירטער חוש־הריח האָט אויפן מאָמענט נישט געקענט דעפינירן: באָרן, עפּל, מאַראַנצן און אפשר גאָר פלוימען?

נאָך דעם זעלביקן אָוונט האָט מען האַלב צערעכט געמאַכט דעם קאַסטן פּרוכט. צו דעם האָט מען נאָך אויף אַ ציניש ן אופן

געבראַכט צו טראָגן אַ זעקל ברויט, כמעט אונטער דער נאָז פון דעם באַשפּייזונג-קאָמיסאַר. קיינער האָט קיינעם גאָר נישט דער-ציילט, נאָר דעם אָוונט האָבן ממש געפּראַוועט אַ פּרעס-אָרגיע פון ברויט מיט באַרנעם פינף נפשות, אַלע פון דער קיך-בראַנזשע. זיי האָבן אויסגענוצט שמעון-גרשונס נאַכטיקן שפּאַציר צום טייך און זיי האָבן אינוואַדירט זיין היים, וואָס איז באַשטאַנען פון אַן אייזערן בעטל און אַ קעסטל אָנגעלייגט מיט ביכער. שמעון-גרשון איז געווען דער איינציקער פּריווילעגירטער, וואָס איז נישט גע-שלאָפן אין אַ „קאַטרע״ (אַ ברעזענט מיט פיר דרענגלעך, וואָס האָט זיך געעפנט און צונויפגעלייגט). דאָס איז געווען איינע פון זיינע מענטשלעכע סתירות. נאָך אַ דיסקוסיע פון לערך 2 שעה, ערב דעם אַרויספאָר, האָט מען אים דערלויבט אַרויפצולייגן אויפן קאַמיאָן זיין צונויפגעלייגט אייזערן בעטל, דערביי האָט ער אַליין געמוזט ברענגען זיין בעטל ביזן לאָקאַל, פון וואַנען דער קאַמיאָן איז אַרויסגעפאָרן.

עס איז געווען אַ מאָדנער צופאַל. ער האָט נישט געוווינט אַליין. אין דער פּאַלאַטקע האָבן מיט אים געוווינט חבר שאָפּנהאַוער און דער אינזשעניער. אָבער ווען די פּרעס-אָרגיע איז צו שטאַנד געקומען, האָט דער הויפּט בעל-הבית זיך געטובלט אין די נאַכטי-קע וואַסערן פון טייכל, שאָפּענהאַוער איז געזעסן אין דער פינצטער אויף אַ בערגל מיט זיינע חסידים און ער האָט פאַר זיי מער מע-דיטירט ווי גערעדט וועגן כאַראַקטער און אייגנשאַפט פונעם מענטש און דערביי טאַקע געגומען ווי אַ מוסטער שמעון-גרשונען, וואָס חוץ זיינע אַלע לאָגישע אומדיסציפּלינירטע גענג, האָט ער דווקא אַ נייגונג צו בורזשואַזנע בעטלעך, הגם דעם בעסטן שלאָף כאַפּט ער אויסגעצויגן אויפן גראָז. וואָס שייך דעם דריטן סובלאָ-קאַטאָר — דעם אינזשעניער — איז ער דעמאָלט געווען פאַרטאָן מיט זיין גאַנצער מחשבה אין דעם אויפבוי פון דער בריק. פּלעגט ער שפּאַנען ווי אַ שאָטן גאַנצע קילאָמעטערס איינער אַליין און אויסגעפּלאַנירט זיין לעבנסווערק.

בקיצור — באַגינען, ווען שמעון-גרשון איז אַריינגעקומען אין זיין היים, האָט ער נישט געטראָפן קיין שום אויסטערלישקייט. חבר שאָפּנהאַוער איז געלעגן אויסגעצויגן אויף זיין קאַטרע כמעט

נאַקעט, נאָר מיט זיין ברודערס שליאַפּע אויפן קאָפּ און אין די ברילן. ער פלעגט טענהן, אַז ער טראָגט די ברילן ביים שלאָפן, ווייל אַ סך מאָל האָט ער זייער אינטערעסאַנטע חלומות, איז טאָמער טראָגט ער נישט די ברילן, זעט ער גאָר נישט. דער אינזשעניער איז, ווי זיין שטייגער, געשלאָפן מיטן פּנים אַראָפּ און מיט ביידע ריזיקע הענט אויף דער פּאָדלאָגע. אונטער זיין מאַטע האָבן שוין געקראַכט עטלעכע אַזעלכע קאַטערס.

ווען שמעון־גרשון האָט זיך אָוועקגעלייגט אויף זיין קאַפּיטאַ־ליסטישן געלעגער, האָט ער מיט דער האַנט, פון געוווינהייט, אַ זוך געטאָן אונטערן בעטל, ווו עס האָט אויף איינעם פון די קעסטלעך ביכער, זיך אויך געוואַלגערט אַ מייער, אַ טאָמאַטע וואָס ער פלעגט באַקומען פון קיך צוליב די דיעטעטישע לעקציעס וואָס ער פלעגט געבן די קיך־מענטשן וועגן דער אייגנשאַפט פון די פאַרשיידענע מינים גרינצייג. דעם גרעסטן תענוג האָט ער געהאַט ביים קייען אַ מייער און חברה האָבן געגומען קוקן אויף מייערן מיט מעדי־צינישע אויגן, ווייל לויט זיין אויסטייטשונג, העלפן מייערן שטאַרק צו פאַר אַ גוטער ראיה. אָבער אַנשטאָט אַ מייער, האָט ער עפּעס דערטאַפּט אַן אַנדער זאַך. ער האָט עס פאַרזיכטיק אַרויסגענומען און אין דער פינצטער גענומען קייען. באַלד האָט ער גענומען אַ צווייטע און נאָכן פאַרענדיקן די דריטע האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער האָט נישט געגעסן קיין מייערן נאָר באַרן, אמתע באַרן.

איידער ער האָט נאָך באַוויזן אַנטשלאָפן צו ווערן, האָבן עט־לעכע שאָטנס לייכט זיך אַריינגעשלייכט. איינער האָט זיך אַראָפּ־געבויגן און מיט גרויס געניטקייט אַפּירגעשלעפּט דאָס קעסטל. שמעון־גרשון האָט געעפנט איין אייגל און האָט דערקענט דעם „שאָוויניסט" מיט נאָך צוויי קיך־אַרבעטער. ער האָט אויף גיך גע־מאַכט ביי זיך אַ חשבון און פעסטגעשטעלט, אַז ס'איז היינט פריי־טיק און די באַרן זענען מסתמא לכבוד שבת. ער האָט זיך נישט געקענט מוחל זיין וואָס אַזאַ אוצר איז געלעגן אונטער זיין בעטל און ער האָט זיך היינט לענגער געבאָדן ווי שטענדיק. גוט וואָס ער האָט כאָטש באַוויזן טועם צו זיין דריי שטיק. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער דאַרף נאָך דער שבתדיקער סעודה היינט אין

אָוונט דערלאַנגען אַ שמועס וועגן פּאָליטישער עקאָנאָמיע. ער האָט זיך צעשמייכלט פון זיין אייגענעם איינפאַל און אַנשלאָפן געוואָרן.

***

דעם גאַנצן טאָג האָט זיך עפּעס געררודערט. מען האָט געהערט דאָס קוויטשעדיקע שטימעלע פון ווירטשאַפט־קאָמיסאַר. ער האָט געטופּעט מיט די פיס און עפּעס געשריגן אויף דעם שעף פון דער קיך מיט זיינע „אומזיסטיקע פּרעסערס" — אַזוי האָט ער זיי גערופן. עס האָט זיך געטאָן דאָרט אויף טיש און אויף בענק. פּלוצלינג האָט מען צוזאַמענגערופן דעם הויפּט־שטאַב — דעם באַקאַנטן פּריִומוויראַט. מען האָט געדאַרפט באַהאַנדלען און לייזן אַ קיך־פּראָבלעם.

דער ווירטשאַפט־קאָמיסאַר האָט געטענהט, אַז מיט זיין צושטימונג האָט מען געבראַכט צו טראָגן אַ קעסטל באַרן לכבוד שבת. ער איז מודה, אַז מען האָט נישט אָנגעפרעגט דעם אַדמיניסטראַטאָר, ווייל מען האָט געוווּסט, אַז ער וועט אַרויס מיט זיין פּזמון: „און קאַרטאָפל קענט איר נישט פאַרבייסן נאָכן עסן? די צענטראַל־ביוראָ פאַרווערט...".

מען האָט אים געהייסן זיך צואיילן און נישט צעלייגן אויף טעלערלעך, וואָס דער אַדמיניסטראַטאָר וואָלט געזאָגט. צו דעם איז דער אַדמיניסטראַטאָר געווען דערביי און זיינע וואָנצעלעך, וואָס האָבן נאָר־וואָס אָנגעהויבן צו וואַקסן, כדי שפּעטער, אין עטלעכע יאָר אַרום, טאַקע פיין אויסוואַקסן צוזאַמען מיט זיין שפּעטערדיקן אַמט ווי דער אַדמיניסטראַטאָר פון דער צייטונג פון די דערוואַקסענע, — האָבן זיך נערוועז באַוועגט ווי ביי טשאַפּלינען.

מען האָט עס געמאַכט בקיצור: מען האָט אַריינגעשמוגלט אַ קאַסטן באַרן. ער איז געווען הערמעטיש פאַרמאַכט און מען האָט אים אַוועקגעשטעלט אויף אַזאַ זיכערן פּלאַץ ווי ביי דעם חבר גאַוטש אונטערן בעטל. און דאָ גייט מען אויסרעכענען די פּאָרציעס און עס פעלט אַ היפּשע צאָל. דאָ רעדט זיך שוין נישט וועגן פעלן, נאָר ווער עס האָט געוואַגט צו עפענען דאָס קעסטל?

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַרימטע דיסקוסיע. שאָפּנהאַוער האָט באַוווּנדערט די מיסטישע קראַפט פון מענטש און די נאַרישע

איינפירונג פון באַהאַלטן בעת עס זענען פאַראַן כוחות נישט גע־אַנטע, רואה ואינו נראהם, וואָס קענען אונטער דער האַנט עפענען קעסטלעך, אַריינגיין און אַרויסגיין אין פרעמדע פּאַלאַטקעס און דערביי זיין אַזוי תמימותדיק־שטיל און באַשיידן, טאַקע ווי דער צדיק אין דער מעשה ביי פּרצן „אויב נישט נאָך העכער".

שמעון־גרשון, דער „גאַוטש", האָט זיך נישט געפונען קיין פּלאַץ. מען האָט געפילט, אַז אין אים קומט פאַר אַ גרויסער גע־ראַנגל פון געוויסן. ער האָט ריטעריש אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב נאָך היינט אַ שמועס און מוז זיך צוגרייטן. איך זאָג זיך אָפּ פון מיין פּאַרציע בארן.

דאָס איבעריקע האָב איך אַפילו, אָן שום חכמות, שוין געקענט באַשטימען, הגם איך האָב זיך איינגעקויפט אָן אַ שיעור שונאים. יעדער ריכטיקער באַשלוס איז עלול צו מאַכן אַ מענטש אומפּאָ־פּולער. עס איז אַ ביטערע אָבער יושרדיקע אויפגאַבע. דער באַ־פעל איז געווען:

„בארן וועט באַקומען נאָר דאָס קליינוואַרג. אין קעגנ־טייל וועלן אַלע, חוץ פון שיכט סקויטן, היינט זיין פאַרמשפט אויסצוהערן צוויי פאַרזעצונגען אויף איין מאָל פון שמעון־גרשונס שמועס איבער פּאָליטישע עקאָנאָמיע".

אַ גאַנצן טאָג האָב איך געפילט אויף זיך די בייזע בליקן פון דער חברה. נישט אַזוי צוליב די בארן, מילא מען וועט זיי עסן נאָך דער מושבה, אין דער היים. אָבער ווי האָט מען עס אַ האַרץ צו מאַכן פון צוויי שמועסן איין שמועס, פּרייטיק צו נאַכט און נאָך הענגן וואָס? וועגן אַזאַ נודנער טעמע ווי „פּאָליטישע עקאָנאָמיע"?.

**
*

עס איז געקומען דער אָוונט. מען האָט גאַנץ פיין מקבל שבת געווען מיט געזאַנג, מיט אַ פיינעם לעבער־ביף, מיט שאַלאַט. שפּע־טער האָט מען דעם קליינוואַרג געטיילט בארן. דאָס קעסטל איז געטראָגן געוואָרן פון 4 חברה אונטער אַ שמירה פון ווירטשאַפט־קאָמיסאַר אַליין און זיינע עטלעכע געהילפן. איצט איז געקומען דאָס רעכטע געדיכטע.

איך האָב געמאַכט אַ שטיקל אַריינפיר און געפילט, אַז פון די אַלע שוואַרצע, בלויע, גרינע און ברוינע אויגן גייען אויף מיר אַזוי פיל קאָלירטע שאַרפע פיילן. איך האָב עס געמאַכט גאַנץ קורץ, און ווען שמעון-גרשון האָט זיך אַזוי געלאַסן גענומען צוזאַמענלייגן קליינע פאַפירלעך, האָב איך פרייער אָפגעאָטעמט.

שמעון-גרשון, ווי נישט אים מיינט מען, מיט זיין ספּעציעלער רויִקייט, אָן אַ פינטל פון אויג, האָט געשלעפּט איין פאַפירל נאָכן אַנדערן. פון אַלע קעשענעס האָט ער זיי געשלעפּט. ער האָט זיי אויף אַ סאַדיסטישן אופן אויסגעסדרט, זיך פיין אונטערגעהוסט, גענומען אַ טרונק וואַסער און פאַוואָליע אַריין אין דער טעמע. נאָך יעדער באַהאַנדלען אַ טייל פון דער טעמע האָט ער פאַרזיכערט דער אוידיטאָריע, אַז ער וועט זיך שפּעטער אומקערן צו דעם גאַנץ באַזונדער. אַ גרויס רחמנות איז געווען אויף די קיך-אַרבעטער. די אויגן ביי זיי האָבן זיך געקלעפּט. שלאָמקע האָט תיכף געמאַכט אַ חשבון, וויפל מאָל ער דאַרף זיך אומקערן צו די פאַרשיידענע אָפצווייגן פון דער טעמע און ער האָט אויף גיך אַ וואָרף געטאָן דעם חשבון צו דער אוידיטאָריע:

— זיבן מיט אַ האַלבער שעה.

דער אמת איז, אַז קיינער פון אונדז האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט אויף וואָס דער שמעון-גרשון איז פעיִק. אַזוי זיך אָפצורעכענען מיט אייגענע חברים דאַרף מען טאַקע זיין אַן אַכזר.

ער האָט אָנגעהויבן מיט דער עטימאָלאָגיע פון עקאָנאָמיע. דאָס וואָרט „עקאָנאָם” נעמט זיך פון פון די צוויי לאַטיינישע ווערטער אויקאָ און נאָמוס. אויקאָ איז דער טייטש הויז און נאָמוס — געזעץ. צוזאַמען הויז-געזעץ. בכלל מיינט אויקאָנאָמאָ — ריכטיקע און פאָרזיכטיקע אַדמיניסטראַציע. (ביי דעם האָבן אַלע אַ וואָרף געטאָן אַ בליק אויפן אַדמיניסטראַטאָר).

דערנאָך איז אַוועק אַ סדרה דאַטעס און נעמען. מאָנטקרעטיען, וואָס איז אַרויס דער ערשטער מיט דער מעשה פון שטאַטלעכע און פריוואַטע עקאָנאָמיע. קומען צוגיין טרייסי, גאַרניע און ראָסי. דער שליסט אוים קאָנסום נאָר אים פאַרגלוסט זיך גאָר אַריינצונעמען אין דער נייער וויסנשאַפט אַזאַ צוטשעפעניש ווי דעמאָגראַפיע, אָדער באַפעלקערונג-טראַקטאַט. דערנאָך הייבט זיך

אַן די גאַנצע סדרה: שמידט, סעי און מילס. אָרטאָדאָקסן און ראַציאָנאַליסטן.

נאָך דעם אַלעמען איז שמעון־גרשון אַרויפגעקראָכן אויף דער מאַטעמאַטישער מעטאָדע פון קאַרנאָט מיט זיינע נאָכפאָלגער: סטאַנליי, זשעוואָ, וואָלראַס, גאָסען. נעמען פון דער הפטורה. לאָזט זיך אויס, אַז זיי זענען גאָר געגאַנגען ווייטער — זיי האָבן עס באַטראַכט פאַר אַן עקזאַקטער וויסנשאַפט. דאָ האָט זיך שמעון־גרשון צעוואַרעמט, גאָר נישט לויט זיין טבע:

— ווייל — האָט ער נאָכגעזאָגט די פראָזע — די עקאָנאָמישע פאַקטן זענען מענטשלעכע פרייע אַקטן, וואָס קענען נישט אונטערגעוואָרפן ווערן מאַטעמאַטישע געזעצן. נאָר ביי איינעם פון די פאַקטאָרן קען קומען אין באַטראַכט דער מאַטעמאַטישער געזעץ, די אינסטיטוציע געלט...

ווידער האָבן אַלע אויגן אַ בליק געטאָן צום אַדמיניסטראַטאָר, אָבער דווקא ער האָט שוין געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן און זיך רויק געשלאָפן. חברה איז אים מקנא געווען. ער האָט געהאַט אַ זעלטענע אייגנשאַפט — נישט צו כראָפּען בעתן שלאָפן. זייער הייניק האָבן זיך געקענט באַרימען מיט דער אייגנשאַפט. האָט מען זיך געראַנגלט נישט אַנטשלאָפן צו ווערן, ווייל מען וואָלט זיך באַלד אַליין פאַרראַטן. מיין דערפאַרונג האָט מיר געלערנט, אַז אויך יוגנטלעכע ווילן מאַכן דעם אָנשטעל ווי די גרויסע, אַז עס אינטערעסירט זיי סכנות נפשות, כאָטש עס לאַנגווייליקט זיי.

און דאָ נעמט גאָר נישט קיין סוף. דער שמעון־גרשון נעמט זיך אַלע מאָל אַ טרונק וואַסער און נאָך יעדן טרונק וואַסער ווערן אים די בעקלעך רויט, דאָס פנים פריש, די אויגן גלאַנציק. ער זעט אויס ווי אַ יינגעלע וואָס קען פון אויסנווייניק די גאַנצע סדרה פון דער וואָך און ער דערלאַנגט עס פאַר דער גאַנצער משפחה. און דאָ האַלט ער ערשט ביי דער היסטאָרישער שול אין דער עקאָנאָמיע מיטן עקאָנאָמישן נאַציאָנאַליזם פון ליסט און מיט זיין הויפּט־פאָרשטייער ראָשער. אַ מעשה מיט נישט קיין אַבסטראַקציע נאָר קאָנקרעטע פאַקטן לויט עפּאָכע און נאַציע.

און וועגן די אַלע פראַגעס האָט ער נאָך צוגעזאָגט זיך אומצוקערן, טאַקע דעם דאָזיקן פרייטיק־צו־נאַכט. ווען ער איז אַרויף

אויף דער זעלבער פּאָליטישער עקאָנאָמיע פון דיורינג, אין דייטש־לאַנד, לואי קאָזאַ אין איטאַליע און קילס אינגראַם אין ענגלאַנד — האָט זיך שוין געהערט, פריער אַ שטילער און אַלע מאָל שטאַר־קערער כאָר פון שנאָרכן און כראָפּען, יעדער לויט זיין כאַראַק־טער און אינטעלעקטועלער לויט זיין אייגנשאַפט. און דאָ האָט זיך דער לעקטאָר ערשט פאַרנומען אויפן זעלבן רעכטן און געדיכטן. די גאַנצע געשיכטע מיטן רייכטום — וווּהין עס פאַלט אַריין? דער אָפּשטאַם דורך די פּראָדוציר־פאַקטן. ווי אַזוי צירקולירן די אויס־געאַרבעטע פּראָדוקטן? ווי אַזוי זיי ווערן פאַרטיילט און קאָנסו־מירט? איבערפלוס און דלות.

ער האָט גענומען שיטן מיט פּראַזעס און טערמינען, אַז עס האָט געקענט אַ טויטן אויפוועקן, אָבער נישט דער מידער חברה. ער האָט שוין געהאַלטן ביי: מערקאַנטיליזם, פיזיאָקראַטיע, אינדיווי־דואַליזם, סאָציאַליזם, סאָציאַלע עקאָנאָמיע. עס האָט אים געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. ס׳האָט שוין געהאַלטן ביי דעם, אַז דער סאַמע הויפּטשטאָב — דער טריוּמוויראַט, חוץ דעם לעקטאָר — זאָל כאַפּן אַ דרימל. איך האָב געזען, ווי שאָפּענהאַוער טוט אויס די ברילן און טוט אָן די ברילן, אַ פּנים כדי זיך צו צעשטרייען. איך, פון מיין זייט, האָב זיך כסדר איינגעהערט דאָס ווערטעלע וואָס איך האָב נאָר־וואָס געהאַט געלייענט וועגן ווילנער גאון: „וויל נאַר, וועסטו אויך ווערן אַ גאון". איך האָב עס געמאַכט אַנדערש: וויל נאַר און דו וועסט נישט אַנטשלאָפן ווערן.

***

אַרום האַלבער נאַכט איז עס געווען. איך האָב אין שלאָף גע־הערט האַלבע אָפּגעהאַקטע זאַצן וועגן געניאַלן פעניציאַנישן מסחר, וואָס איז אַריבער אין קאַרטאַגאָ. שפּעטער האָט ער זיך אַ נעם געטאָן צו מאַרקסן און ער האָט געשאָטן וועגן רעלאַטיוון מער־ווערט, טיילונג פון אַרבעט און פּראָדוקציע, קאַמף צווישן אַרבעט און מאַשין, ענדערונג פון פּרייז פון אַרבעט־קראַפט און מערווערט. דערנאָך האָט ער אויסגערעכנט אַ רשימה פון פּרייזן פון ווייץ, פון גערשטן, האָבער. ווען ער האָט געהאַלטן ביים פּרייז פון גרינע אַרבעס, האָב איך זיך אויפגעכאַפּט. מערקווירדיק: דער איינצי־

קער וואָס איז געווען וואַך איז געווען דער אַדמיניסטראַטאָר. ער האָט זיך, ווייזט אויס, שוין געהאַט אויסגעשלאָפן ביים אַריינפיר — ביים אויקאָנאָמאָ. אַרום טיש זענען געווען אויסגעזעצט די אַלע, וואָס זיי האָבן געדאַרפט ווערן שפּעטערדיקע מדריכים און פּי־רערס. נישט מער וואָס די קעפּ האָבן זיי געהאַט אָנגעליינט, ווער אויף אַ האַנט, ווער אויף אַ טעלער און ווער אויפן טיש גופא. איך האָב געוואָלט פאַרענטפערן מיין דרימל און האָב אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט:

— די טעאָריע איז היינט מער נישט גילטיק, לויט...

שמעון־גרשון איז פלוצלינג שטיל געבליבן. איינגעפּאַקט אַלע פּאַפּירלעך און זיי צוריק אַריינגעלייגט אין קעשענע. ווי נאָר ער איז שטיל געבליבן, האָט זיך די גאַנצע חברה אויפגעוועקט. שאַ־פנהאַוער האָט שפּעטער געמאַכט צו דעם אַ קאָמענטאַר, וואָס לוינט פאַרצייכנט צו ווערן:

— עס זענען פאַראַן — האָט ער געזאָגט — ווערטער וואָס שלעפּערן איין און עס איז פאַראַן ווידער אַ שטילקייט, פון וועל־כער מען דערוואַכט.

פון דעסטוועגן האָבן שפּעטער אַלע באַדויערט, הלמאַי זיי האָבן נישט אויסגעהערט די גאַנצע לעקציע. זיי האָבן געמוזט דערפאַר פלייסיק אַליין לערנען במשך פון וואָכן, וואָס זיי האָבן געקענט אַריינכאַפּן אין איין פרייטיק־צו־נאַכט. ביי שמעון־גרשון דעם גאַוטש האָט מען מער נישט געקענט אַרויסקריגן קיין וואָרט.

— איך האָב דערציילט איין מאָל און גענוג — האָט ער גע־ענטפערט.

אָט־דאָס איז די מעשה פון קעסטל באַרן און שוין פאַר איין וועג פון שמעון־גרשון דעם גאַוטש.

דער שטרייק

די זון האָט זיך שוין געהאַט געזעצט. דער ווייטער האָריזאָנט
אויפן מערב האָט געברענט. די פלאַמען האָבן געצונדן די שפּיצן
פון די ביימער אין דעם נאָענטן וועלדל. די לופט האָט זיך אָנגעט־
פילט מיט פרישע ריחות פון גראָז און בלעטער פון פעלד און טייך,
וואָס האָט דערנעבן, צווישן צוויי שיטער־צעוואָרפענע שורות פון
זאַפט־שמעקעוודיקע ווערבעס, מיט בגעימותדיקער רויִקייט גע־
פלאָסן לענגאויס די פלאַכע, ערטערווייז מיט הויכע ברייט־שטאַמי־
קע ביימער און נידעריקע דאָרן־ביימלעך, באַגראָזטע פעלדער, צע־
שניטן פון אַ באַן־ליניע מיט אַ הויכן באַרגיקן אָנשיט אין צוויי טיילן.

דער זומער־לאַגער האָט געפיבערט, ווי די גאַנצע אַטמאָספער,
מיט די לעצטע צוגרייטונגען אויפצונעמען די נאַכט. חברה האָט
צורעכט געמאַכט די געצעלטן, שטאַרק אָנגעצויגן די שטריק אַזוי,
אַז אַן אומגעריכטער נאַכטיקער רעגן זאָל זיך קענען אַראָפגליטשן
פון די משופע־שטייפע לייוונט־ווענט, וואָס האָבן זיך דורכן טאָג
אַ ביסל נאָכגעלאָזט.

ביי דער פעלד־קיך האָבן זיך געפּאָרעט, חוץ דעם קיך־אויפ־
זעער — אַ ספּעץ אין צוגרייטן און פאַרטיילן די פּאָרציעס — נאָך
פיר קוכערס, יינגלעך און מיידלעך מיט פאַרפלאַמטע פנימער. זיי
האָבן געקעמפּט מיטן רויך און מיט דער פּאַרע, וואָס האָט גע־
זעצט פון דעם קעסל מיט קאַרטאָפל־זופּ.

אין מיטן לאַגער האָט מען געגרייט ברען־מאַטעריאַל פאַר
דעם נאַכטיקן „אַרום דעם פייער”. פון אַלע זייטן האָט יונגוואַרג
געטראָגן שפּענער און צווייגן, פּאַפּירן און בלעטער. מען האָט גע־
גרייט אַן אויסערגעוויינלעכע „מדורה” פאַר דעם אָוונט. דער שעף
פון דער באַלעבאַטישקייט פונעם לאַגער האָט פאַרטיילט נאַפט
פאַר די לאַמטערנעס. די אויפזעערס פון די פּאַלאַטקעס און די וואַכ־
לייט, וועלכע זענען אין דער פרי, בעתן ראַפּאָרט, באַשטימט גע־
וואָרן צו היטן היינטיקע נאַכט דעם לאַגער, ברענגען זייערע לאַמ־

מערנעס, וואָס ווערן מיט גענויער פּינקטלעכקייט און מיט אַ באַשטימטער מאָס אָנגעפּילט. עס ווערן אויך אַרויסגעגעבן ליכט פאַר די פּלעשער מיט די אָפּגעשאָסענע העלדזלעך — אַ דערפינדונג פון ווירטשאַפט-קאָמיסאַר פאַר עקאָנאָמיזירן דעם ברענשטאָף — און די שטעקנס פאַר די וועכטער, וואָס היטן ביינאַכט דעם אַריינגאַנג.

גיך פאַלט צו דער אָוונט. דער הימל פינקלט מיט מיליאָנען גלימצערדיקע פייערדיקע אויגן. די האַלבע לבנה קריכט אַרויס פון דעם נאָענטן וועלדל און צייכנט אָן אַ ליכטיקן האַלב-קרייז אין דער טונקעלער הימל-בלויקייט. פון נאָענטן טייכל צעקוואַקען זיך די זשאַבעס אין זייער אָוונט-תּפילה. זיי ווערן אַקאָמפּאַנירט פון די גרילן אין אַן אומאויפהערלעכן אוניסאָן.

פון ווייטנס, ביים אַריינגאַנג, וויגט זיך שוין לייכט אַן אָנגעצונדענע לאַמטערן, וואָס טיילט אויס די סילועטן פון די צוויי וועכטער מיט זייערע שטעקנס.

אויף די טישן ברענען צאַפּלענדיקע פלעמלעך פון די ליכט אין די פּלעשער און פון די עטלעכע צעשטעלטע לאַמטערנעס. אויף די פּאָדערשטאַנגען פון די געצעלטן באַווייזן זיך קליינע פייערלעך פון די אַריינגעדרייטע לאַמטערן-קנויטן. נאָר אין דער סאַניטאַרן פּאַלאַטקע, וואָס איז אויך די ביוראָ פאַרן סעקרעטאַריאַט, לאַגער-ראַט און מנהל המושבה (הויפּט-שעף פון לאַגער), איז ליכטיק און עפּעס טוט זיך דאָרט.

דער רינגלער פון יינגסטן סקויטן-רינג לויפט אָן. זיין ראַפּאָרט איז קורץ.

— חברהביילע, 14 יאָר אַלט, פון רינג „קנאָספּן", פון פּאַלאַטקע נומ' 3, שיכט „יוגנט", האָט באַליידיקט דעם חבר שלומקע, 10 יאָר אַלט, פון רינג „בינען", פון פּאַלאַטקע נומ' 5, שיכט „סקויטן". שלומקע האָט זיך אַריינגעמישט אין אַ שמועס פון עלטערע. ביילקע האָט אים געזאָגט „שנעק". שלומקע איז איר פאַרפאַרן אין אויג מיט דער פויסט. ביילקע חלשט, סאַניטאַר ראַטעוועט.*

---

* די „פרייהייט"-יוגנט, שפּעטער „דרור", היינט „איחוד הבונים" האָט געפירט איר

אויפן אָרט פון דער געשעעניש האָט זיך שוין געטומלט. די סקויטלעך האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען און אָנגעשטעלט ברוגזע שנאָבעלעך. דער רינגלער האָט געמאָלדן, אַז שלומקע וויל פּאַקן די וואַליזקע און אַהיים פאָרן.

— לאָזן פּאַקן וואַליזע, ניט שטערן, ניט זאָגן גאָר נישט — איז דער קורצער באַפעל.

די וועכטער ביים אַרויסגאַנג באַקומען אַ פאַראָרדענונג צו לאָזן שלומקען אַרויסגיין פון לאַגער און נישט פאַרהאַלטן אים מיט קיין שום פראַגעס. צום וועג וואָס פירט צו דער באַן-סטאַנציע איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ „פּאַטרול", ער זאָל אים היטן און צו־ריקברענגען, אויב ער וועט גיין צום באַן.

דער פרווו איז געווען אַ צו שווערער פאַר שלומקעס אייגנלי־בע. ווי נאָר ער האָט דערזען אַז די וועכטער מאַכן זיך אַפילו נישט קוקן און לאָזן אים אַרויסגיין פון לאַגער, האָט ער פאַרלוירן זיין שטענדיקן קוראַזש און, איבערלאָזנדיק די וואַליזקע ביים טויער, האָט ער זיך געמאַכט זוכן עפּעס.

פון אונדזער אָבסערוואַציע-פּונקט האָבן מיר נאָכגעפאָלגט זיינע באַוועגונגען. ער איז צוגעגאַנגען צו דער סקויטן-גרופּע — אַ מאַן צוועלף — מיט רויטע, שוואַרצע, בלאָנדע און קאַשטאַן־האָריקע קעפּלעך. דראָענדיק מיט אַ פינגער, באַזונדער אין דער זייט פון בלאָנדן משהלע, האָט ער מעשה-כוואַט און ווי אַ פירער פון אַ שייַקע, וואָס טאָר נישט באַווייזן קיין שוואַכקייט, זיך גע־לאָזט מיט ענערגישע טריט צום טויער. ער האָט אַ קוק געטאָן מיט ביטול צו די היטער, גענומען זיין וואַליזקע, וואָס ער האָט קוים אויפגעהויבן, און שלעפּנדיק זי מיט אָנשטרענגונג, פאַרלאָזט דעם לאַגער.

מיר האָבן זיך אָנגעקוקט מיט שטומער פאַרווונדערונג. די אַלגעמיינע מיינונג איז געווען, אַז ער וועט צוריקקומען אַליין,

---

אַרבעט ס'רוב אין ייִדיש, אויך די אָרגאַניזאַציע-טערמינאָלאָגיע איז געווען אַ ייִדישע: „רינג" — קבוצה; „שיכט" — שכבה. אַפילו די גימנאַסטישע און ספּאָרטיווע באַפעלן און פאַראָרדענונגען זענען געווען אין ייִדיש. ביים איבערגיין פון „פרייהייט" צו „דרור" איז שפּעטער אַלץ אַריבער אויף העברעיִש און שפּאַניש.

באַלד ווי ער וועט נעמען גיין דורך דער פינצטערניש צום הויפּט־וועג. וועגן דעם אופן פון זיין צוריקקומען זענען געווען אַזוי פיל מיינונגען וויפל מענטשן מיר זענען געווען, און געווען זענען מיר אַ נפשות פינף.

דער סאַניטאַר, וואָס חברה האָט אים גערופן „דאָקטער", ווען מען האָט געדאַרפט אָנקומען צו אים, און „קוראַנדעראָ" (זנאַכער), ווען דער מאָגן איז געווען אין אָרדענונג און די פיס נישט צעדראַפּעט.

דער רינגלער פון די סקויטן, אַ ביטער־פאַרקאָכטער אָנהענגער פון מיליטערישע שטראָפן, ווי: שטעלן אַ פאַרזינדיקטן אַ שעה אויף „אַכטונג" מיט אַ לעפל אין מויל. אַ האַלבע שעה מיט „הענט צעשפּרייט" און אויף ביידע האַנטפלאַכן צו געוויכטיקע שטיינער. לויפן מיט פאַרבונדענע פיס דריי מאָל אַרום דעם לאַגער וכדומה פיזישע שטראָפן פון אַ פאַרנעם. ער איז נישט געווען שטאַרק צופרידן פון דער גאַנצער „פּסיכאָלאָגישער אָנווענדונג". פון דעסט־וועגן האָט ער מיט נייגעריקייט אָבסערווירט דעם גאַנצן ענין.

דער פינאַנץ־קאָמיסאַר פון דעם לאַגער, וואָס האָט אומעטום געזוכט די „פּסיכאָלאָגיע פון דער זאַך" און טאָקע אין איינוועגס פעסטגעשטעלט, אַז די פּסיכאָלאָגיע פון עסן איז אַ פּשוטע: גיט מען ווייניק, עסט מען ווייניק און מען בעט נאָך; גיט מען אַ סך, עסט מען אַ סך און מען בעט אויך נאָך. לוינט דעריבער בעסער צו געבן ווייניק. עס איז געזינטער פאַר די פינאַנצן און מען קען זיך פאַרנעמען מיט העכערע זאַכן, ווייל פּסיכאָלאָגיש גענומען איז דער מאָגן דער גורם פון שמועסן און דיסקוסיעס פון טריוויאַלן כאַראַקטער און פון דער גאַלאָפּירנדיקער פאַרמינערונג פון דעם קאַרטאָפל־ און רייז־זאַפּאַס, וואָס מיינט אַ באַלדיקע ווענדונג נאָך פינאַנצן מצד דעם באַשפּייזונג־קאָמיסאַר. אין די אויגן האָט אים חברה גערופן „חבר ראָקעפעלער", נאָר דאָס קליינוואַרג האָט אים אַ נאָמען געגעבן „סעניאָראָ מנשהכע". דאָס איז געשען נאָך אַ פאַרלעזונג פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס". די יאַטן האָבן פאַרגליכן דעם פינאַנסיסט צו מנשה דעם רופאס מרשעת, וואָס האָט נישט געלאָזט גנבענען קיין עפּל פון איר סאָד.

דער טעכניקער פון לאַגער, וואָס האָט זיך באַרימט, אַז נאָך

דעם ווי ער רעזווידירט די שטריק פון די פּאַלאַטקעס, שטעלט אי־בער די קלינעס פון די זייטן־ווענט, רייניקט אויס דעם קוימען פון דער פעלד־קיך און נעמט אַרויס נאָך אַ לאָפּעטע ערד פון דעם גרוב, וווּהין עס פליסט אַריין דאָס וואַסער בשעת אַ רעגן פון די ספּע־ציעל געמאַכטע קאַנאַלן אַרום די געצעלטן, דעמאָלט קען דער גאַנצער לאַגער־סטראָי זיך רויִק פאַרגלייכן אין שטאַרקייט, אויס־דויער און מאַסיווקייט צו דעם „קאָמעגאַ"־וואָלקנקראַצער אויף דער גאַס קאָריענטעס אין די צוויי הונדערטער.

פאַרשטייט זיך, חברה האָט אים אויך נישט געשוינט. אין אַ שיינעם טאָג האָט זיך באַוויזן אַן אויפשריפט אויף די פּאַלאַטקעס בזה הלשון: „נישטאָ קיין שטאַרקערע געביידעס פון אונדזערע פּאַ־לאַטקעס. קיין שום שטורעמווינט וועט נישט וואַגן זיך צו פאַר־מעסטן מיט זייער אויסדויער און שטאַרקייט. אָבער זייט פאָרזיכ־טיק מיטן ניסן. ניסט נישט צו נאָענט פון דער פּאַלאַטקע, וואָס חבר „צעפּעלין" האָט אויפגעשטעלט, אויב איר ווילט נישט שלאָפן אונטערן פרייען הימל". וועגן די קאַנאַלן האָט מען זיך אויסגע־דריקט, אַז קיין שום מבול קען זיי נישט פאַרטרינקען, סיידן די קוכערס ביים איבערזײַען דאָס וואַסער פון די קאַרטאָפל. „חבר צעפּעלין" האָט אים אַ נאָמען געגעבן איינער אַ „שוואַרצער מיט־אַרבעטער" וואָס האָט נישט געקענט קיין אַנדערע גרויסע טעכני־קער. איז שוין דער נאָמען פאַרבליבן. געווען אַנדערע, מער באַ־האַוונטע, האָבן זיי אים גערופן: „פאָרד", „מאַזשינאָ" און אַפילו „עדיסאָן".

דער פינפטער איז געווען דער שעף פון לאַגער. וועגן אים זאָלן אַנדערע דערציילן, ווייל ווער וועט דאָס גיין דערציילן וועגן זיך אַליין בלויז שלעכטס?

בקיצור, איין מיינונג איז געווען, אַז ער וועט צוריקקומען — דער שלומקע, — אַריינגיין אין דער סקויטן־פּאַלאַטקע און זיך לייגן שלאָפן אָן עסן.

אַ צווייטע מיינונג, אַז ער וועט זיך צעוויינען און וואַרטן, מען זאָל אים קומען בעטן צוריק. ער וועט אין אָנהייב נישט וועלן גיין און שפּעטער זיך איבערבעטן.

אַ דריטע מיינונג: ער וועט איבערלאָזן די וואַליזקע אויפן וועג,

אַריינקומען אין כעס, דערלאַנגען עטלעכע יאַטן אין די ציין און זיך אַוועקלייגן שלאָפן אין אָנטועכץ. ער וועט דערביי טענהן, אַז מאָרגן אין דער פרי פאָרט ער אַהיים.

אַ פערטע איז אַפילו געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער וועט פשוט אַריינקומען צוריק, זיך זעצן ביים טיש און עסן מיט די הענט, להכעיס די פאָרשריפטן.

אַ פינפטע מיינונג האָט זיך אויסגעוויזן צו זיין די פאַסיקסטע פאַר אַזאַ פאַרשוין מיט מאַנסבילישער ווערדע ווי דער צען-יאָריקער שלומקע. די מיינונג איז געווען אַזאַ: ער וועט גיין, דער עקשן, ביזן הויפּטוועג. זיין אינסטינקט און זיין דערפאַרונג ווי אַ לאַגערניק וועט אים אונטערזאָגן, אַז דאָ איז נישט גלאַט און אַ ליאַדע מאָמענט וועט מען אים קומען צוריקברענגען, ביז ער וועט זיך אָנטרעפן אויפן „פאַטרול", וועט ער זיך אַוועקשטעלן מיט אים אַמפערן. צום סוף וועט ער לאָזן מען זאָל נעמען זיין וואַליזקע און אַליין צוריקקומען ווי אַ זיגער.

קיינער פון אונדז האָט נישט געטראָפן. צו אַזאַ איינפאַל, צו וועלכן שלומקע איז געקומען האָט קיינער פון אונדז נישט דערלאַנגט. אונדזער איבערראַשונג איז געווען באמת פון אַ גאָר הויכן כאַרט. און קיינער האָט זיך מער נישט געקענט איינהאַלטן פון לאַכן.

די מעשה איז געווען אַזאַ:

אַ צען מינוט, לערך, נאָך זיין פאַרלאָזן דעם לאַגער האָט זיך שלומקע פלוצלינג אומגעקערט. ער האָט איבערגעגעבן אַ סקויט זיין וואַליזקע און זיך געלאָזט גיין צום אָפענעם געצעלט פון דער אַדמיניסטראַציע, ווו ס'איז אויף אַ קליין טישל געלעגן דער „העפט פאַר קריטיק און זעלבסטקריטיק". ער האָט איינגעטונקען די פען, אַריינגעשריבן עפּעס אין העפט און גלייך אַוועק אין דער סקויטן-פאַלאַטקע.

מיט איין שפרונג זענען מיר געווען ביי דער אַדמיניסטראַציע. אויף אַ ניי בלעטל, מיט גרויסע אותיות, האָבן מיר איבערגעלייענט אָט וואָס:

„אַלץ איינס. איך בין אַרויס פון לאַגער. אָבער די וואַכלייט

מויגן צו גאָר נישט. זיי האָבן נישט געזען, אַז איך גיי אַרויס פֿון טויער. מען דאַרף זיי באַשטראָפֿן".

צוליב דער גאַנצער מעשה האָט זיך די וועטשערע פֿאַרשפּעטיקט. דער קאָרנעט האָט צום צווייטן מאָל שוין גערופֿן צו די טישן און ענדלעך, נאָך אַ תקיעה־גדולה צום לעצטן מאָל, זענען די טישן אַרומגערינגלט געוואָרן פֿון אַלע זייטן מיט חברה, וואָס האָט זיך דערמאָנט, אַז מען איז שוין רעכט הונגעריק. ערשט איצט האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז קיין איין סקויט איז נישטאָ ביים טיש.

מיר זענען אַריין מיט זייער רינגלער אין דער פּאַלאַטקע. אַלע זענען געלעגן אין די בעטן. די לאַמטערן אינעווייניק האָט געברענט מיט אַ קוים טליִענדיקן פֿייערל. די פֿינצטערניש האָט האַרמאָניזירט מיט די שטילשווייגנדיקע קליינע רעבעלן. אַלע זענען געווען ביז איבער די קעפּ איבערגעדעקט מיט זייערע קאָלדרעס.

— אַ שטרייק! — האָב איך אַריינגעמורמלט מיין חבר אין אויער. יענער איז שוין גרייט געווען אַ דונער צו טאָן: „הקשבו!"* און דאָס קליינוואַרג זאָל, במחילה, אַראָפּשפּרינגען פֿון די בעטן און שטעלן זיך אין אַ ריי. דערנאָך געבן צייט דריי מינוט אויף אָנטאָן זיך און מאַכן מיט זיי אַ שנעלן שטראָף־מאַרשרוט אויסערן לאַגער, מיט די קאָלדרעס אויף די פּלייצעס, אויף אַ פֿערטל שעה.

פֿאַרשטייט זיך, אַז ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן. מיר האָבן אויפֿגעדרייט דאָס פֿייער.

— ווער וויל עסן? — עס איז נישט געקומען קיין ענטפֿער.

— ווער עס וויל עסן, זאָל זיך אויפֿזעצן.

עס האָט זיך אָנגעפֿאַנגען אַ באַוועגונג, אָבער נישט אויפֿצוזעצן זיך. אַלע האָבן זיך איבערגעדרייט צו דער וואַנט.

— זיי זענען נישט הונגעריק — האָט דער רינגלער אויף אַ קול זיך אַ וויצל געטאָן.

עס האָט זיך ווידער אַ באַוועג געטאָן. דער קליינער בלאָנדער משהלע, דער צאַרטער נפֿש, וואָס האָט פֿאַר שלומקען געציטערט אימת־מות, ווייל יענער האָט מיט אים כסדר געלערנט הל-

* אַכטונג! — ווען ער איז געווען נערוועז, פֿלעגט ער די באַפֿעלן געבן אין העברעיִש.

כות סאָלידאַריטעט און גרויסמוטיקייט, האָט אַרויסגעשטעלט אַ שטיקל בלאָנד קעפּל מיט איין אייגל. אויך פון די אַנדערע בעטלעך האָבן געגומען באַווייזן זיך טרויעריקע, בעטנדיקע בליקן פון שוואַרצע, בלויע און ברוינע אויגן. זיי האָבן גערעדט מיט אַ שפּראַך, וואָס איז געווען זייער לייכט צו פאַרשטיין. די סצענע איז געווען אַ טראַגיש־חנעוודיקע. דער „מיליטערמאַן" האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן פון שמייכלען. מיר האָבן אויף גיך אָנגענומען אַ באַשלוס און אים גלייך געמאָלדן:

— מען וועט ברענגען די וועטשערע אַהער. איר וועט קריגן יעדער איינער צו דריי קאַרטאָפל אין דער זופּ. קיין שום פאַרשפּייז און קיין שום נאָכשפּייז און אויך נישט קיין ברויט. וועגן דער שטראָף פאַר לייגן זיך שלאָפן נישט לויט די פאָרשריפטן — פאַר דעם טאָג־ראַפּאָרט אַז"ו — וועט איר געוויר ווערן מאָרגן אין דער פרי באַלד נאָכן אויפשטיין, פאַר דער גימנאַסטיק, פאַרן באָדן זיך און פאַרן ערשטן פרישטיק. וואָס דאָס מיינט, פאַרשטייט איר שוין אַליין. אַלע זענען שולדיק און אַלע וועלן באַקומען די זעלביקע שטראָף. פריינדשאַפט!*

קיינער האָט נישט געענטפערט אויף דער באַגריסונג.

פון אונטער אַ קאָלדרע האָט זיך געהערט אַ שטיל געוויין.

עס האָט געוויינט דער בלאָנדער משהלע. באַלד האָט זיך געהערט אַ טרוקענער הוסט. דאָס איז געווען שלומקעס אַ ספּעציעלער הוסטל, אַ צייכן, אַז ער איז אין כעס. דאָס געוויין האָט זיך גלייך איינגעשטילט.

מיר האָבן פאַרלאָזט די פּאַלאַטקע.

מען האָט אַריינגעטראָגן 12 שיסעלעך זופּ און אין יעדן שיסעלע זופּ האָבן זיך געפונען 3 קאַרטאָפל.

דער באַשלוס איז געווען: קיינער טאָר מער נישט אַריינגיין ביז אין דער פרי אין דער סקויטן־פּאַלאַטקע.

אין דרויסן האָט דאָס פייער שוין פריילעך געקנאַקט און די

---

* דאָס איז געווען די באַגריסונג, אָנגענומען פון סאָציאַליסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל, שפּעטער איז „פריינדשאַפט" פאַרביטן געוואָרן אויף „הגשם" — פאַרווירקלעך!

אַרומזיצנדיקע חברה האָט פֿאַרצויגן אַן אָונט-ליד, וואָס איז כסדר באַגלייט געוואָרן פֿון די זשאַבעס און גרילן.

דאָס געזאַנג האָט זיך פֿאַרענדיקט צוזאַמען מיטן אויסגייענדיקן פֿייער. אַ הוירע-טאַנץ אַרום דעם טליִענדיקן אַש האָט מיט אַ ריטמישן, גלייכמעסיקן קלאַפּן שטיל געמאַכט אויף אַ ווײַלע דעם זשאַבע- און גריל-קאָנצערט און אַ סוף געמאַכט צו אַ טאָג לעבן אין דער „מחנה".

עס האָבן זיך נאָך געהערט שטילע געלעכטערס פֿון די פּאַלאַטקעס. די פֿייערן אינעווייניק זענען קלענער געוואָרן. עס לייכטן נאָך די צוויי לאַמטערנעס פֿון די וועכטער. זיי זעען אויס אין זייערע פֿאַרוויקלטע קאָלדרעס און שטעקנס אין די הענט ווי נאַכטגעשפּענסטער. דער לאַמטערן ביים אַרייַנגאַנג וויגט זיך הין און צוריק און בלינצלט מיט זיין פֿייער אַנטקעגן דעם אויסגעשטערנטן הימל, וואָס קוקט אַראָפּ מיט נאַכטיקער מילדקייט אויפֿן שלאָפֿנדיקן לאַגער.

מיט שטילע טריט שלייך איך זיך אַריין אין דעם סקויטן-געצעלט. מיין אויג פֿאַלט אויף די שיסעלעך, וואָס שטייען צעשטעלט לעבן יעדן בעט אויף דער ערד.

איך באַטראַכט מיט מיין עלעקטרישן לעמפּל די שיסעלעך. עס פֿעלט אומעטום צו איין קאַרטאָפֿל און צו עטלעכע לעפֿל זופּ. ביי איייניקע זענען אויך די אַנדערע קאַרטאָפֿל געווען אָנגעהויבן. אין שיסעלע לעבן משהלעס בעטל פֿעלן צוויי קאַרטאָפֿל. עס איז אים געבליבן נאָר איינע. געווען אַפּנים שטאַרק הונגעריק. איך קוק זיך צו. דאָס געזעץ פֿון סאָלידאַריטעט האָט אים שוין געגעבן זיין שטראָף פֿאַר עובר זיין אויף די תקנות פֿון שטרייק. שלומקע האָט זיי אַוודאי דערלויבט אויפֿצועסן איין קאַרטאָפֿל און עטלעכע לעפֿל זופּ און ווער עס וועט עסן מער, דער וועט דאַרפֿן שלאָפֿן אַ גאַנצע נאַכט אָן אַ קישן און אָן אַ קאָלדרע. ער אַליין, שלומקע, וועט נאָך, ווי אַ צולאָג, געבן עטלעכע טרוקענע קלעפּ.

די שטראָף איז פּינקטלעך דורכגעפֿירט געוואָרן. זיי האָבן אַראָפּגעצויגן פֿון משהלען זיין קאָלדרע און קישן. משהלע איז געבליבן איינגעקנוידערט אין דרייען. אויף זיינע בלאַסע בעקלעך

זענען געבליבן די טרערן, וואָס זענען גערונען פֿון זיינע אויגן איי־
דער ער איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן.

די איינציקע קאַרטאָפֿל, וואָס ער האָט אין זיין הונגער אויפֿ־
געגעסן און מיט דעם געבראָכן דעם קינדער־שטרייק, האָט אים צו
טייער געקאָסט.

איך האָב אויפֿגעזוכט די קאָלדרע און אים איבערגעדעקט,
אויסגעלאָשן דאָס פֿייער און אַרויס פֿון דער קליינער מלוכה, וווּ
עס האָט געהערשט מיט אַן אייזערנער האַנט שלומקע — דער צען־
יאָריקער סקויט.

די נאַכט האָט געשמעקט מיט שאַרפֿע ריחות פֿון וואַלד און
טייך.

.1944

דער שניי איז שוואַרץ

ס׳איז געווען עטלעכע טעג נאָכן אָנהייב פון לערן־יאָר, אויף א לעקציע פון ליטעראַטור.

מיר זענען געזעסן אויף די שולבעסק און אויסגעהערט די דערקלערונגען פון דער לערערין. די שילער האָבן זיך באַטראַכט נייגעריק, אַ ביסל פרעמדלעך. אַ סך האָבן זיך געקענט פון פריערדיקן קלאַס, פון פאַראַיאָרן. די נייע זענען געווען דערשראָקן און געדריט די קעפּ אין אַלע זייטן.

פּלוצלינג האָט זיך געעפנט די טיר. עס איז אַריינגעקומען דער דירעקטאָר און נאָך אים אַ הויכער מאַן מיט אַ שטעקן, ער האָט געטראָגן בלויע ברילן. ביי דער האַנט האָט ער געפירט אַ שיין שלאַנק שוואַרץ־חנעוודיק יינגל מיט שוואַרץ־שוואַרצע אויגן און לאַנגע געלאָקטע האָר, וואָס זענען אים געפאַלן אויף די אַקסלען.

מיר האָבן זיך אויפגעהויבן פון די פּלעצער און באַגריסט די אַריינגעקומענע. דער דירעקטאָר האָט עפּעס געזאָגט דער לערערין, אָנווייזנדיק אויפן מאַן אין די ברילן, דערנאָך אויפן יינגעלע. באַלד נאָך דעם איז ער אַרויס און מיט אים דער הער מיטן שטעקן און בלויע ברילן. לויט זיין טאַפּן מיטן שטעקן האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַ בלינדער.

די לערערין האָט פריינדלעך אָנגענומען דעם יינגעלע ביי דער האַנט און גלעטנדיק זיינע שוואַרצע לאָקן אים אַוועקגעזעצט אויף דער ערשטער באַנק.

די גאַנצע צייט האָבן מיר נישט אַראָפּגענומען אונדזערע בליקן פון דעם שיינעם יינגעלע. אויך די לערערין האָט צו אים אַלע מאָל געשמייכלט. נאָך יעדן שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף איר פּנים אַן אויסדרוק פון מיטלייד.

די לעקציע האָט זיך געענדיקט.

עס זענען פאַרביי טעג, וואָכן — דער ווינטער איז געקומען. די שילערס פון קלאַס זענען שוין לאַנג היימיש געוואָרן. דאָס שוואַר־

צע יינגעלע האָט זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט, עס האָט זיך אויסגעדאַכט אַ ביסל פרעמד צו אונדז. אַ סך שילערס האָט פאַרדראָסן וואָס די לערערין גלעט אים שטענדיק. אויך די אַנדערע לערערס ווייזן אים אַרויס באַזונדערע צאַרטקייט. איין מאָל האָט אים די לערערין אַפילו אַ קוש געטאָן אין די אויגן. אַנדערע האָבן פאַרשטאַנען, אַז די לערערין טראָגט אַרום אַ סוד, וואָס האָט אַ שייכות צום דאָזיקן שוואַרץ-חנעוודיקן יינגעלע.

מיט איין מאָל האָבן מיר זיך דערוווּסט. ס'איז געווען אַ טאָג ווען יאַנקאָ — אַזוי האָט ער געהייסן — האָט געפעלט אין שול. אין קלאַס איז געווען שטיל. די לערערין האָט געלייענט אַ דערציילונג וועגן אַ בלינד יינגל. ביי אַ סך זענען געשטאַנען טרערן אין די אויגן. ווען זי האָט פאַרענדיקט לייענען, האָט זי אויפגעהויבן אירע אויגן און פּלוצלינג זיך געווענדט צו אונדז מיט אַ פראַגע:

— איר האָט אַלע ליב יאַנקאָן?

שטיל. קיינער ענטפערט נישט.

— איר מוזט אים ליב האָבן. ווייסט איר וואָס פאַר אַן אומגליק אים דערוואַרט?

קיין שאָרך. קיינער ווייסט נישט.

— איר האָט געזען דעם מאַן אין די בלויע ברילן? — רעדט ווייטער די לערערין — ער איז יאַנקאָס פאָטער, אַ בלינדער מוזיקער. זיי זענען אַ פאַמיליע פון בלינדע. אויך יאַנקאָ וועט בלינד ווערן. אַזוי זאָגן די דאָקטוירים. דאָס קען געשען אין אַ יאָר אַרום אָדער צוויי, ווען ער וועט אַלט ווערן 12 יאָר.

די אויגן פון די שילערס האָבן זיך ברייט צעעפנט. אַ ציטער איז אַדורך די גלידער.

— וועט איר אים ליב האָבן?

— יאָ, ווי אַ ברודער! — האָט דער גאַנצער קלאַס זיך אויפגעשטעלט.

אויף מאָרגן זענען מיר אַלע געקומען פריער און מיט אומגעדולד געוואַרט אויף יאַנקאָן. ער איז אַריין, ווי שטענדיק, אַן אַרמעטיקער, אַ פרעמדער. מיר האָבן אים מיט ליבשאַפט אַרומגערינגלט. יאַנקאָ איז געווען איבעראַשט פון אונדזער צוגעלאָזנקייט.

אויפן הויף האָבן מיר זיך געוואָרפן מיט שניי־באַלעמס. ער האָט קלינגלדיק געלאַכט ווען זיין שניי־קויל האָט געטראָפן אַ חבר און דער שניי האָט זיך צוגעקלעפּט צו זיין פּנים אָדער האַלדז.

מיר זענען אַלע געווען אויפגעלייגט און גליקלעך. צום ערשטן מאָל האָבן מיר אים געהערט לאַכן. אייניקע האָבן ספּעציעל זיך געלאָזט טרעפן פון זיינע שניי־קוילן, וואָס האָבן גאָר נישט וויי געטאָן, ווייל זיי זענען געווען קליינע און אָן שטיינדלעך, ווי עס האָבן געטאָן אַנדערע, וואָס האָבן יאָ געוואָלט וויי טאָן.

אַלע לערערס האָבן זיך צוגעקוקט צום שפּיל. ביי אונדזער לערערין — זי איז געווען זייער אַ גוטע — זענען געשטאַנען גרויסע טרערן אין די אויגן.

***

עס איז אַוועק דאָס לערן־יאָר. מיר זענען אַריבער אין אַ גרע־סערן קלאַס. די גאַנצע שול האָט שוין געקענט יאַנקאָן. אַלע האָבן אים ליב געהאַט. יאַנקאָ האָט באַזונדער גערן געהאַט צו שפּילן זיך מיטן ווייסן שניי, ווי נאָר ער איז אָנגעפאַלן. מיר האָבן טאַקע געוואַרט אויפן ווייסן גאַסט מיט אומגעדולד.

יאַנקאָ האָט איצט גענומען פעלן אָפטער. ער האָט זיך גע־נומען קלאָגן אויף די אויגן. מיט האַרצקלאַפּ פלעגן מיר אים דער־וואַרטן איטלעכן פרימאָרגן און מיט רחמנות און צאַרטע בליקן געקוקט אין זיינע טיף־שוואַרצע אויגן.

— די אויגן וועלן זיך אויסלעשן — האָבן אַ סך פון אונדז גע־טראַכט — פאַר וואָס?

עס איז געשען.

דעם טאָג האָבן די ווענט פון די שול־מויערן געוויינט. די שטיינער אויפן ברוק. דער קאַשטאַן־בוים אין מיטן הויף, דער הימל און דער שניי האָבן אויך געוויינט.

עס איז געווען אין מיטן אַ פּאַוזע. ווי שטענדיק, האָט מען זיך געוואָרפן מיט שניי. יאַנקאָ האָט געלאַכט מיט זיין קלינגענדיק קולעכל און געקנאַטן איין שניי־באַלעם נאָכן צווייטן. זיין פּנימל האָט זיך גערויטלט פון פרייד און וואַרעמקייט.

פּלוצלינג איז ער שטיין געבליבן. אַ רגע געקוקט און באַלד

אויסגעבראָכן אין אַ מוראדיקן געשריי. זיך געוואָרפן אויף דער ערד, געקושט די שניי־הויפנס, זיי געקנאָטן פאַרצווייפלט מיט זיינע הענטלעך און געוויינט מיט האַרצרייסנדיקע קולות.

דער גאַנצער הויף איז אויפגעציטערט געוואָרן פון זיין געשריי. די לערערס האָבן אונדז געטריבן אין די קלאַסן. מיט אונטערגעהאַקטע קני האָבן מיר זיך אַריינגעשאַרט אין קלאַס. דורכן פענצטער האָבן מיר געזען ווי דער לערער פון גימנאַסטיק הייבט אים אויף פון דער ערד. מיר האָבן איצט קלאָר געהערט יאַנקאָס פאַרצווייפלטן געשריי:

— „דער שניי איז שוואַרץ! דער שניי איז שוואַ־אַ־רץ!”.

דאָס געשריי איז איבערגעגאַנגען אין אַ יאָמער, וואָס האָט דורכגעלעכערט די ווענט. דעם לערער פון גימנאַסטיק האָבן מיר געהאַלטן פאַר אַ גיבור. אָבער עס איז אים אָנגעקומען מיט אַ סך מי אויפצוהייבן יאַנקאָן פון דער פאַרשנייטער ערד.

די לערערין האָט אונדז אויפגעפאָדערט צו פאַרנעמען אונדזערע פלעצער. זי האָט אונדז געוואָלט צעשטרייען און גענומען לייענען אַ קאַפּיטל פון דעם ווערק פון הענריק שיענקיעוויטש, וואָס מיר האָבן אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, וועגן דער ווילדער אַפריקע. אָבער איצט האָט קיינער נישט געהערט. עס האָט זיך פּלוצלינג דערטראָגן אַ שטילער שלוכץ. עס האָט געוויינט מיעטעק, יאַנקאָס בעסטער חבר. די לערערין האָט איבערגעריסן דאָס לייענען. זי האָט זיך דערנענטערט צו אים און אים אַ גלעט געטאָן איבער די בלאָנדע האָר.

מיר האָבן נישט געוואַגט אַ קוק צו טאָן איינער אויפן אַנדערן. דער גרויסער אַנטאָן — „דער קאָזאַק” — ווי מען האָט אים גערופן — איז געזעסן מיט די גרויסע הענט אונטערגעשפּאַרט דאָס פּנים און געפינטלט מיט די וואַסערדיקע אויגן.

פון דירעקטאָרס צימער האָט זיך נאָך אַלץ געטראָגן דער יאָמערלעכער געשריי: „דער שניי איז שוואַרץ! דער שניי איז שוואַרץ!”.

עס איז אָנגעפאַרן אַ דראָזשקע. מיר האָבן זיך צוגעכאַפּט צו די פענצטער. אונדזערע וואַרעמע אָטעמס האָבן געוואַשן די פאַרנעפּלטע שויבן. עס איז אַראָפּ דער הער אין בלויע ברילן און נאָך

אים, מיט אַ דאָקטער־רענצל אין האַנט, אַן עלטערער גרויער מאַן. דער הער אין די ברילן האָט צאַרט אַ נעם געטאָן יאַנקאָן, אים אויפגעהויבן ווי אַ קליין קינד און שטאַרק צוגעדריקט צו זיך. יאַנ־קאָ האָט זיך געטוליעט צו זיין טאַטן און מיט אַ בעטנדיקער שטימע, וואָס האָט באַקומען אַן אויסטערלישן קלאַנג, געפרעגט:

— פאַר וואָס, טאַטעלע, איז שוואַרץ דער שניי? איך האָב ליב ווייסן שניי, ווייסן...

ער האָט זיך אַ צי געטאָן פון טאַטנס הענט און ווידער גענו־מען קושן און גראָבן דעם שניי.

מען האָט אים אויפגעהויבן, אַריינגעזעצט אין דער דראָזשקע. באַלד האָט דאָס איינגעשפּאַנטע פערד אַ גאַלאָפּיר געטאָן און אַוועק־גענומען פון אונדז יאַנקאָן.

זיין פאַרצווייפלטער געשריי האָט זיך געטראָגן מיט הונדער־טער ווידער־קולות איבער דער גאַס, איבערן הויף און דערגרייכט צו אונדז. מיר זענען געשטאַנען ביי די פענצטער פאַרשטומטע. אונדזערע טרערן האָבן זיך אויסגעמישט מיט די צעגאַנגענע שניי־עלעך, וואָס זענען געפאַלן פון יענער זייט שויבן. די שניי־פליטער־לעך האָבן זיך גענומען שיטן אַלע מאָל געדיכטער פון די גרויע וואָלקנס. זיי זענען געפאַלן אויף די שויבן, אויפן קאַשטאַן־בוים אין מיטן הויף. געפאַלן און זיך צעלייגט מיט בלאַנקענדיקער ווייס־קייט, ווי זיי — די שנייעלעך — וואָלטן געוואָלט באַווייזן, אַז פרי־שער אָנגעפאַלענער שניי איז ווייס, ווייס — ניט שוואַרץ.

פאַר יאַנקאָן, אָבער, איז דער שניי שוין אויף אייביק פאַר־בליבן שוואַרץ.

(1938)

דאָס פּייפל

— נו, איצט האָב איך פאַר אייך אַ זייער פריילעכע נייַס — אַזוי האָט געזאָגט די לערערין, און גלייך אַרויסגענומען אַ שיין איינגעלייגט קאַרטל, וואָס ברונאָ, דער רייכסטער שילער פון קלאַס, האָט היינט געבראַכט.

עס איז געווען אַן איינלאַדונג פאַרן גאַנצן קלאַס פון ברונאָס עלטערן צום יום־טוב, וואָס זיי מאַכן פאַר זייער זון צו זיין 12טן געבוירנטאָג.

אַלע האָבן מיט צופרידנקייט גענומען קוקן אין דער זייט פון ברונאָ. אַ סך האָבן עס שוין געוווּסט פון פריִער און אָנגעהויבן קלייבן געלט צו קויפן פאַר אים אַ מתּנה.

ברונאָ אַליין איז געזעסן אָנגעכמורעט. ער האָט נישט גע־וואָלט, אַז טאַטע־מאַמע זאָלן פאַרבעטן דעם גאַנצן קלאַס, נאָר ווען ער ווייסט וועלן און אַוודאי נישט סטעפעקן, דעם קליינעם פּויערל. ער ווייסט, אַז סטעפעק גייט אַלע טאָג דריי קילאָמעטער פון דאָרף אין שול אַריין און דריי קילאָמעטער צוריק, אין דאָרף אַריין. ער האָט אָבער נישט קיין חשק, אַז סטעפעק זאָל קומען צו אים אין הויז.

ברונאָ האָט נישט ליב געהאַט סטעפעקן. ברונאָ האָט געדאַרפט ווערן 12 יאָר. ער האָט אויסגעזען זייער קינדיש און שוואַך. ער האָט געהאַט אַ צאַרטע ווייסע הויט, ברוינע אויגן און קורץ־גע־שוירענע קאַשטאַן־האָר. צו דעם איז ער נאָך געווען זייער שטאַרק געצערטלט און דערפאַר קאַפּריזנע.

סטעפעק איז אַלט געווען 12 יאָר מיט 2 חדשים. האָט געהאַט בלויע וואַסערדיקע אויגן, אַ צעאַקערט פּנים פון קעלט און ווינט און אָפּגעברענט פון דער זון. האָר האָט ער געהאַט פלאַקסענע, קיין מאָל נישט פאַרקעמטע. זיין קערפּער איז געווען ברייט און מאַסיוו. זומער און ווינטער האָט ער געטראָגן שטיוול אויף די פיס.

סטעפעק האָט שטאַרק ליב געהאַט די שול און קיין מאָל נישט

געפעלט. די גרעסטע שטורעמס, רעגנס און קעלט האָבן אים נישט אָפּגעהאַלטן. באַלד באַגינען פלעגט ער זיך אויפכאַפּן. זיך געזעגנט מיטן הינטל, מיט דער קאַץ, מיט די קאַנאַריקלעך, מיט די ווייסע און גרויע טויבן. דאָס אַלץ האָט ער געהאַט ביי זיך אין הויף, אין דאָרף. נאָך דעם האָט ער זיך געלאָזט שפּאַנען מיטן שליאַך ביזן שאָסיי און מיטן שאָסיי אין שטאָט אַריין — צו דער שול.

ברונאָ האָט פיינט געהאַט סטעפעקן פאַר זיין שטאַרקייט, פאַר די שטיוול וואָס ער האָט שטענדיק געטראָגן, פאַר דעם רויטן צע־אַקערטן פּנים, פאַר די נישט־פאַרקעמטע פלאַקסענע האָר און פאַר דעם נאָמען פויער, וואָס סטעפעק האָט געטראָגן מיט שטאָלץ.

— מיין טאַטע איז אַ פויער, איך בין אַ פויערים־יינגל — פלעגט ער ענטפערן גלייך ווי מען האָט אים געפרעגט אויף זיין טאַטנס באַשעפטיקונג.

ברונאָ פלעגט דעמאָלט זאָגן הויך און גאַווהדיק:

— מיין טאַטע איז אַ מלוכה־באַאַמטער און איך בין זיין זון.

סטעפעק האָט אַלעמען ליב געהאַט, ווייל ער האָט ליב געהאַט די שול. ער האָט אויך געוווּסט וועגן דעם געבוירנטאָג פון ברונאָן און האָט שוין געגרייט פאַר אים אַ שיינע מתנה, וואָס ער האָט גערעכנט צו מאַכן מיט די אייגענע הענט.

**
*

דער יום־טוב האָט געדאַרפט פאַרקומען אין אַ שבת פאַר נאַכט אין דער רייכער היים פון ברונאָ און זיין משפחה. מען האָט צו־נויפגענומען ביי יעדן איינעם אַ פּאָר מטבעות צו קויפן ברונאָן אַ מתנה. די לערערין האָט געגעבן מער, עס זאָל זיין אויך פאַר סטע־פעקן. זי האָט געוווּסט, אַז ער האָט נישט קיין געלט, אויך די בי־כער און העפטן האָט ער באַקומען אומזיסט.

סטעפעק האָט זיך געפילט שולדיק, נאָר וואָס האָט ער גע־קענט טאָן? דערפאַר האָט ער געגרייט אַ מתנה, געמאַכט מיט די אייגענע הענט.

עס איז געקומען דער לאַנג־דערוואַרטער יום־טוב. צו ברונאָס הויז, וואָס האָט געפירט דורך אַ שיינעם גאָרטן, האָבן געצויגן פריילעכע יינגלעך אין זייערע יום־טובדיקע מלבושים, אָפּגעוואַ־

שענע, פֿאַרקעמטע. אין דרויסן איז געווען וואַרעם, אַ מחיה. ס׳איז געווען אָנהייב פֿרילינג. דער שניי איז שוין לאַנג געהאַט צעגאַנגען. די ביימער האָבן פֿריילעכע זיך געוויגט און געשמעקט מיט פֿרישן בעז און צווייט און זיך געגאָלדיקט אַנטקעגן דער פֿרילינג-זון.

סטעפּעק איז געגאַנגען אַ פֿריילעכער. איבערן גאַנצן וועג פֿון דאָרף אין שטאָט אַריין האָט ער אַריינגעאָטעמט די פֿרישע גע-שמאַקע ריחות, וואָס האָבן זיך געטראָגן פֿון די אַרומיקע פֿעל-דער. אין קעשענע האָט ער געהאַט דאָס אויסגעשניצטע פֿייפֿל — אַ מתנה פֿאַר ברונאָן. זיבן טעג איז ער נישט געשלאָפֿן ביז ער האָט פֿאַרענדיקט דאָס פֿייפֿל, געמאַכט פֿון אַ ווערבע-צווייגל וואָס ער האָט עס ספּעציעל אָפּגעזוכט און געהאַט עס באַהאַלטן פֿאַר זיך. ער האָט זייער שטאַרק ליב געהאַט אויסצופֿייפֿן זיין פֿרייד און אויך זיין טרויער אויף אַ ווערבע-פֿייפֿל. סטעפּעק האָט גע-קענט זייער שיין פֿייפֿן.

* * *

אָט איז שוין סטעפּעק אינעווייניק, ביי ברונאָן אין הויז. אַ בלענדנדיק ליכט גיט אים אַ שלאָג אין די אויגן. ער איז שטאַרק צעטומלט. צום ערשטן מאָל זעט ער אַזוי פֿיל ליכט, וואָס טראָגט זיך פֿון די הענגענדיקע קאַנדעלאַבערס, בשעת אין דרויסן איז נאָך ליכטיק. די טישן באַדעקטע מיט ווייסע בלאַנקענדיקע טישטעכער, זענען באַשטעלט מיט אַ סך פֿילקאָלירקע געטראַנקען, קוכנס, טאָרטן, ניס, מאַנדלען, שאָקאָלאַד, צוקערקעס, פֿייגן, ראָזשינקעס. וועגן די אַלע זאַכן האָט ער נאָר געלייענט און דאָ ליגט אַלץ אויף די טישן.

סטעפּעק פֿאַרלירט זיך. נאָר אָט קומט צו ברונאָס מוטער, אַ דיקלעכע שיינע פֿרוי, נעמט אים אָן ביי דער האַנט און פֿירט אים צו צום טיש, וווּ עס זיצן ברונאָ מיט די חברים. זי הייסט אים נע-מען און גיט אים אַליין אַ שטיק ברוינעם שאָקאָלאַדן-טאָרט. אוי, ווּאָלט ער עס אַריינגעכאַפּט מיט איין מאָל. אָבער ניין. ער זוכט אויס ברונאָן, פֿריִער דאַרף ער אים אָפּגעבן די מתנה דערנאָך וועט ער עסן. זיין האַנט ציטערט. ברונאָ קוקט זיך נישט אום אויף אים

און זיין מתנה. ער נאַשט צוזאַמען מיט זיינע נענטערע חברים איין שאָקאָלאַדקע נאָך דער צווייטער.

סטעפעק רוקט זיך צו נענטער. אין איין האַנט האַלט ער דאָס שטיק טאָרט (מיט וואָס פאַר אַן אַפּעטיט וואָלט ער עס אויפגעגעסן!) און אין דער צווייטער — דאָס פּייפל.

— ברונאָ — שטאַמלט ער קוים אַרויס — אַ קליינע מתנה פאַר דיר, אַליין געמאַכט. ווילסט הערן ווי עס פּייפט? נעם, עס איז פאַר דיר.

סטעפעקס פּנים שיינט. זיינע פלאַקסענע האָר פאַלן איבער זיין ברוינעם שטערן און פאַרדעקן איינעם פון זיינע וואַסערדיקע אויגן.

ברונאָ נעמט דאָס פּייפל אין האַנט, באַטראַכט סטעפעקן אַ וויילע און גיט עס אַ שליידער אַרויס דורכן אָפענעם פענצטער אין גאָרטן אַריין.

— נעם עס דיר צוריק!

אַלע צעלאַכן זיך מיט אַ געצוווּנגענעם געלעכטער.

סטעפעק רייסט אויף די אויגן. ער וויל זאָגן אַ וואָרט, נאָר עס שטיקט אים עפּעס אין האַלדז. זיינע ליפּן ציטערן: אַוועקגעוואָרפן? ער פילט אַ קעלט אין די ביינער און אַ היץ אין קאָפּ. ער לויפט אַרויס פון ליכטיקן זאַל אין דרויסן. אין גאָרטן איז שוין פינצטער. זוכט ער אין דער טונקלקייט צווישן די ביימער. עס ציטערן אים די קני. פאַר וואָס שטיקט אים עפּעס אין האַלדז? ער וויינט? ניין, סטעפעק וויינט נישט. אָבער דאָס פּייפל, דאָס פּייפל, ווו איז דאָס פּייפל?

אָט איז עס. אונטער אַ בוים איז עס געלעגן פאַרשעמט. סטעפעק לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער ערד, נעמט דאָס פּייפל, קוקט אויף דעם, ווישט עס אָפּ און גלעט עס. זיבן נעכט נישט געשלאָפן. ביי טאָג האָט ער נישט קיין צייט, האָט ער געשניצט אין די נעכט, גאַנצע נעכט. אין דער האַנט דערפילט ער עפּעס ווייכס. דער קוכן, דער שאָקאָלאַדן-טאָרט. עסן? ער שמעקט אַזוי גוט. ער האַלט אים שוין אין מויל, ניין ער וועט נישט עסן. דער ריח פון טאָרט מישט זיך אויס מיטן ריח פון גראָז, מיטן אַראָמאַט פון צוויט פון די קאַרשן-ביימער און בעז. פון גאָר ווייט שיינען איצט אַרויס די

לאָמפּן פון די פענצטער. איז עס ווייט צי נאָענט? עס דערטראָגן זיך צו אים די פרייַלעכע קולות פון די חברים.

***

וואָס איז דאָס? אַ שוואַרצער פויגל שטייט לעבן אים און פּיקט שטיקער פון דעם קוכן. ער וויל שרייען, נאָר ער קען נישט. אָט וועט ער אים געבן אַ זעץ. ווער שרייט עס אַזוי?

ער האָט געעפנט די אויגן. אַרום אים איז געשטאַנען אַ רעדל מענטשן. ער דערקענט זיי באַלד: די לערערין, ברונאָס טאַטע־מאַמע, זיין אייגענער טאַטע. ער איז געקומען אים אָפּנעמען, כדי ער זאָל נישט גיין אַליין ביי נאַכט אין דאָרף אַריין. נאַרישקייטן! אָט זעט ער אויך דעם גרויסן אַנטאָן. אַ ביסל ווייטער שטייען די חברים מיט פאַרשמירטע מיילער פון זיסוואַרג. זיי שטייען עפּעס ווי פאַרשולדיקטע. ברונאָ איז געשטאַנען אין אַ זייט. ער האָט גע־כאַפּט אַ קליינע לעקציע פון זיין טאַטן און מער פון דער לערערין. סטעפּעק קוקט ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ טוט זיך. אין האַנט האַלט ער נאָך דעם קוכן. פאַרשעמט ער זיך און וואַרפט אים אַוועק.

— קום — זאָגט צו אים פּלוצלינג זיין טאַטע, אַ נידעריק פוי־ערל — נישט געדאַרפט גיין אַהער. ער איז געווען אויפגערעגט. אַנטאָן האָט אים אַלץ דערציילט.

סטעפּעק האָט זיך אָנגעטראָפן מיט דער לערערינס בליק. זי האָט עס געהייסן אים אויפזוכן. איר בליק איז ווייך און מילד. ער לאָזט אַראָפּ די אויגן. פּלוצלינג גיט ער זיך אַ ריס פון אָרט און נעמט לויפן.

— דאָס פייפל, דאָס פייפל! איך בעט דיר — דאָס האָט אים די לערערין נאָכגעשריגן.

סטעפּעק האָט זיך אויסגעדרייט, אַ וואָרף געטאָן דאָס פייפל צו דער לערערין און אַ געשריי געטאָן צו זיין טאַטן מיט אַ פעסטער מענערישער שטים:

— אויפן שאָסיי, אויפן שאָסיי! איך וואַרט אויף דיר ביי דער ווינטמיל. מיט איין שפּרונג איז ער אַריבער דעם פּלויט פון גאָרטן.

די לערערין האָט גענומען דאָס פייפל, עס באַקוקט פון אַלע

זייטן און אויפהייבנדיק די אויגן אויף ברונאָן און דערנאָך אויף די חברים, האָט זי שטיל אַרויסגעזאָגט:

— זעט. אַלע אייערע מתנות זענען זייער גוטע, אָבער אַלע צוזאַמענגענומען האָבן נישט די ווערט פון דער איינער מתנה, דאָס פּייפל. אָט איז עפּעס אויסגעקריצט.

זיי זענען צוגעגאַנגען צו די פענצטער, אַרומגעשטעלט זיך אַרום דער לערערין און זי האָט איבערגעלייענט:

„פאַר מיין ליבן חבר ברונאָ, צו זיין 12טן געבוירנטאָג — סטע־פּעק".

— ווייסט איר וויפל אַרבעט דאָ ליגט?

— זיבן נעכט — האָט סטעפּעקס טאַטע אַריינגעוואָרפן און זיך געלאָזט אַוועקגיין.

ברונאָ האָט עפּעס ווי זיך צעוויינט. עס איז פאַר אים געווען איבעריק דער גאַנצער טומל.

פון די פענצטער האָבן פאַרשעמטע אַרויסגעקוקט די גרויסע לאָמפּן.

(1938)

Este libro se terminó de imprimir el día
10 de marzo de 1967, en los Talleres
Gráficos JULIO KAUFMAN S.R.L.,
Avda. Corrientes 1976 — Buenos Aires,
República Argentina.

Copyright by J. FALATYCKI
Buenos Aires, 1967

Queda hecho el depósito que marca la ley Nº 11.723

IMPRESO EN LA ARGENTINA – PRINTED IN ARGENTINE

J. FALA

DE TODO UN POCO

(VEGNALTZDING)

Con dibujos de
LEON POCH

EDITORIAL KIUM
BUENOS AIRES
1967